STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04828

# DU HOST ZIKH FARBLONDZSHET

Georg Fink

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג פינק

# די האסט זיך פארבלאנדזשעט

ראָמאַן

איבערזעצט: ש. זאַרצאַנ

פארלאַג שלמה גאָלדפאַרב, וואַרשע

1931

PRINTED IN POLAND

GEORG FINK
Zabłąkałeś się
Wyd. Sz. Goldfarb
Warszawa, Dzika 31.

Druk. G. PIMENT Warszawa, Sierakowska 4.

האַלבע נאַכט אין חודש אַפּריל. עס האָבן נאָך געשמעקט
די בערלינער גאַסן. און הגם דאָס איז געווען מזרח-
בערלין, שלעזישער וואָקזאַל. קאָפּענגאַס. אַ מענטש גייט און
חיגט זיך און וואַקלט זיך און רודערט אויף די ליידיקע שטילע
פינסטערע געגנט. באַטרונקען פון אַפּריל? אָדער שיכּור פון
קימל און קאָניאַק?.. צי איז עס אַ מאַן? ניין, ווייס איין גאָט.
דאַכט זיך יאָ אַ מאַן, אַ הער, אַ סמאָקינג אונטערן אָווענט-מאַנטל
אויף זייד. אָבער ער האָט נישט דעם הוט. פאַרלוירן? פאַרגעסן
אין דער לעצטער קנייפּע?

די לבנה! — געשפּענסטעריש איינגעטונקען אין מילך,
וויגן זיך די שטיל-איינגעשלאָפענע ווענט פון די הייזער. שטום
איז בערלין. שטילערהייט הויבט זי אויף און לאָזט אַראָפּ איר
פייכטן קערפּער אין שלאָף.

נאָר דער שלעזישער וואָקזאַל לאָזט אַרויס אַ כּסדרדיקן
ליאַרם. פייפן און רוישנדיקע פּאַרע. און פון צייט צו צייט
שוימען אַ דורך אַ פּאָר שאָטנס פון מענטשן דורך דעם טונעל
און ווערן ערגעץ פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט.

ער איז געגאַנגען דער מענטש, וואָס האָט אָפּנים צופיל
געטרונקען, אָט איז ער געגאַנגען האַרט ביים וואַל, און אָט
שוין געדיכט לעבן די הייזער. און ער האָט געשמייכלט צו

זיך אַליין, ער האָט אַפילו געפּלאַפּלט אַפּאָר ווערטער. און ווען ער איז צוגעקומען צו עטלעכע צוגעבויטע טרעפּ — אויבן איז געווען אַ כינעזישער געוועלב מיט טיי און פּאָרצעליי — האָט ער זיך אַוועקגעזעצט.

— קיצעלפּעלע! — האָט דער מאַן לאַקריצדיק אַ רוף געטון און געלאַכט.

אַזוי האָט געהייסן דער קעלער פון פרידאַ קולמיי, דער לעצטער אָרט, וווּ זיי זענען היינט אַריינגעפאַלן, ער און זיינע פריינט, האַלב צוויי אַזייגער, און מוטער קולמיי האָט פאַר צוויי מאַרק פון אַ פאַרשוין אַריינגעלאָזט אין דעם דאָזיקן ווינקל, דורך וועלכן מען האָט געקענט אַ קוק טון אין איר שלאָף-סאַלאָן. שלאָף-סאַלאָן פאַר זעקס מיידלעך, וואָס האָבן זיך מיטגענומען הערן.

אויסגעשטיגן זענען די דאָזיקע פינף חברהלייט ביי דער שילינגס-בריק און אַריינגעפאַלן אין דער ערשטער שענק אויף דער ברעסלויער גאַס. דאָס איז געווען אַ קאָמפּאַניע, וואָס האָט געוואָלט באַגיסן אַן אַמעריקאַנער ירושה. דונערוועטער! אַ רוח לעבעדיק, יינגלעך!

און אָט איז ער איצט, קוים אַרויסגעדרייט זיך פון דער שיכורער באַנדע, געזעסן אויף דער שוועל פון אַ כינעזישן געוועלב און געגענעצט, שטויב, הינטישע צואה, טיי און עפּעס אַן עקלדיקער ריח פון קטורת. די טיר איז אַפילו נישט געווען גוט צוגעמאַכט, ווען ער האָט זיך עטוואָס אָנגעשפּאַרט אָן איר, האָט זי נאָכגעגעבן און זיך אויפגעעפנט. ער איז אומגעפאַלן הינטערווײַלעכץ, געגרעפּצט, זיך דערשראָקן, האָט זיך אויפגעגראַבלט און זיך אַוועקגעשטעלט.

ער איז געשטאַנען. ער האָט זיך אומגעקוקט און זיך דערפילט פרעמד. ער איז דאָ קיינמאָל נישט געווען. ער ווייסט נישט, ווי צו שטעלן אַ טריט, טאַפּנדיק איז ער אַדורכגעגאַנגען איבער דער גרעבליע און אַרויסגעקומען אין אַ זייטיק געסל. און אין פינף מינוט אַרום האָט ער זיך געפינען אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, וואָס איז געווען אומענדלעך גרויס אין דער נאַכט מיט

זיינע בוימער און לאַמטערן, און די לבנה מיט איר שיין האָט פאַרגאָסן אַ ריזיקן דענקמאָל מיט אומפאַרשטענדלעך גאַפּנדיקע פיגורן. אַרום זיי זענען געשטאַנען קיאָסקן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי נעגער-הייזלעך. אויף די בענק איז געווען אַ באַוועגונג. דאָס איז געווען די ליבע, אָן אויסטערלישע, העסלעכע, פּראָלעטאַרישע ליבע, וואָס האָט נישט קיין שטוב און קיין געלט.

אַזוי קלאָר האָט שוין דער מענטש אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. דאָס שוואַרצע שלייפל ביים קאָלנער האָט זיך אים פאַנאַנדערגעלאָזט און דאָס העמד איז אים געווען פאַרפלעקט פון דעם ציטרין-געלן קאָניאַק און מוטנעם קימל פון די שענקען. אָבער די לאַקירטע שיך זיינע האָבן נאָך אויפגעהאַלטן זייער גלאַנץ און די חויזן האָבן נאָך פאַרמאָגט זייער פּריש-געפּרעסטן קאַנט.

ער האָט אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ מיט זיינע גערטלעך, און צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אים צוגעוואָרפן שנעלע בליקן, האָבן אים פריינדלעך אָנגעקוקט פון די בענק, אַבי נישט צו באַאומרואיקן די אַרבעטסלאָזע מיט זייערע געליבטע.

אַז דאָס איז געווען דער אַנדרעאַס-פּלאַץ, האָט דער דאָזיקער הער געלייענט אויף אַ גאַסן-שילדל, וואָס איז פריינטלעך באַלויכטן געוואָרן פון אַ נאָענטער לאַמטערנע. און ער האָט זיך פאַרנומען אין דעם קורצן אַנדרעאַס-געסל, ווו אַ מאַן צוזאַמען מיט אַ דיקע פרוי האָבן אויפגעשלאָסן די חשובע טיר פון אַ פיין הויז.

— איך בין, הייסט עס, אַריינגעפאַלן גאָר אין אַ פיינע סביבה — האָט דער דאָזיקער שפּעטער וואַנדערער געטראַכט און טיף אָפּגעעטעמט. אַפילו דאָ אין דעם ענגן גאַסן-קנויל איז די נאַכט געווען זיס. עס איז געווען שפּעטער אַפּריל, דער פרילינג האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט; אַפילו דאָ אין די ענגע הייף איז דאָ און דאָרטן געשטאַנען אַ בעז-בוימל, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט זיינע קנאָספּן.

ער האָט נישט געקאָנט זיין אייגענע שטאָט, דער דאָזיקער זיך וואַקלענדיקער מענטש, וואָרים קוים האָט ער, נישט באַדאַכט, איבערגעשפּרייזט די קרויט-גאַס, איז ער אַריין אין

דער קליינער מאַרק-גאַס איז נישט געווען, ווי איין און ווי אויס. דאָ זענען געשטאַנען די גאַסן-פרויען פאַר זייערע טירן, פאַר די טרעפּ-טירן, וואָס האָבן אַראָפּגעפירט אין זייערע היי־לעך. זייערע האַלבע קעלער-פענסטער אונטער דעם טראָטואַר זענען געווען פאַרהאָנגען מיט רויטע און געלע פאָרהאַנגלעך, ווי זיי וואָלטן פאַרבאָרגן אין זיך ווילדע געהיימענישן. אין די טיר-נישעס פון די קליינע הייזער זענען זיי געשטאַנען צו צוויי און דריי, מיט שליסלען און עלעקטרישע-לעמפּלעך אין דער האַנט, בלויז אין די מאַנטלען איבער די העמדער, — גיכער, גיכער, זיי האָבן נאָך נישט צוזאַמענגענומען זייער נאַכט-לוין. איינע פון זיי האָט געהאַלטן איר קליין הינטל פאַרן שטריקל און געזאָגט:

— גיי, גיי, ברענג צוריק דעם פּריצל, דאָס מיידל איז זיס און ליב, גיי. גיי.

— נו, ליבינקער! — האָט אַן אַנדערע געזאָגט רעזיגנירט, ווען זי האָט געזען, אַז דאָס איז אַ הער. — אָבער פאַרוואָס נישט? גראָד אַזאַ איינער וויל אַמאָל פאַרברענגען מיט אונזערע.

— נו, מיין זיסער! — שעפּטשעט איינע, אַן אַדורכגעלאָזי־טע — נאָר נישט אַזוי שטאָלץ. קיין פאַרגעניגן אָן דאַמען.

— דאָס איז בלויז אַ זונטיק-קאַוואַליער — האָט זיך אָפּ־גערופן פּוסי פון דעם בוידעם-שטיבל. אָבער בערטאַ, די פּיגף און פּופּציק יאָריקע, וואָס איז נאָך אין האַמבורג גרוי געוואָרן און דאָ ווידער באַקומען בלאָנדע לאָקן, האָט געזאָגט:

— דאָס פאַרשטייסטו נאָך נישט. אויב דו טראַכטס אַזוי, ביסטו קרום געוויקלט. דאָס איז אַ הער.

— אוי וואַ! — האָט אויסגעשריגן די יונגסטע פון גאַס — וואָס פאַר אַ שטייפער פּאַצעט!

— אַרויסגעגליטשט זיך! — האָט אַננאַ מאַריע אַ זאָג געטון, ווען ער האָט זיך אָפּגעקערט פון איר אויסגעשטרעקטער האַנט.

ער איז ממש דורכגעגאַנגען אַ גהינום. אַהאַ! איינגאַבצן ניכטער פון חידוש און דערשטוינונג, איז ער געשטאַנען אין ראָג און נישט גערירט זיך אונצוקוקן. צוויי מענער זענען

דורכגעלאָפן פאַרביי אים, און הינטער אים, אין דער באָרדעל-גאַס האָט זיי באַגעגנט אַן אויסברוך פון פרייד, פון קורצע אויסגעשרייען, געלעכטער און אויסרופן. אָבער אויבן האָבן געליכטן שטיל און רואיק דריי פענסטער פון אַ קנייפּע. זיי האָבן אויסגעזען ריין און פריינטלעך, און אַ גראַמאָפאָן האָט גרילצנדיק געשפּילט — נישט אַנדערש נאָר אַן אונגאַרישער טאַנץ פון בראַמס. פאַגאָט און קלאַרנעט, אָבאָע און האָרן. ס'איז געווען אַ מעלאַנכאָלישער טאַנץ מיט קורצע אויסברוכן פון צערטלעכער פריילעכקייט.

ער איז אַלץ געשטאַנען, געקוקט אַהין און זיך צוגעהערט. מיטאַמאָל האָט זיך אַן שום געוויש אַריינגעגליטשט אַן אויטאָמאָביל אויף דער גאַס פון דער מיכאַעל-בריק. דאָס איז געווען אַ לאַנגע, טונקל-בלויע מאַשין, העל באַלויכטן, געווען שיין פאַר אַ יונגע הערצאָגין, אַ שפּאַנאָ-סוּאיצאַ, און גאַנץ מזרח-בערלין האָט זיך, דוכט זיך, איינגעקאָרטשעט פאַר דערדאָזיקער דערשיינונג פון אַן אויטאָ, וואָס קומט, דאַכט זיך, פון אַ בעסערער וועלט.

פאַמעלעך איז דער מענטש אָן הוט צוגעגאַנגען און זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן ווונדער פון ניינצן הונדערט ניין און צוואַנציק. דער טונקעלער לאַקיר האָט געגלאַנצט, אַ זילבערנע שיין האָט געפינקלט אויף אים. אינעווייניק, אין אויטאָמאָביל, האָט זיך אַ בלאָנדער יונגער מענטש אויסגעדרייט און האָט אַריינגעקוקט דעם נייגעריקן אין בלאַסן פּנים.

דאַן איז ער אַרויס פון אויטאָמאָביל.

אויך ער איז געווען אָן אַ היטל און דאָס האָט כמעט אויסגעזען ווי אויסגעלאַסן. ווייל זיינע בלאָנדע האָר האָבן זיך אַזוי שטאַרק און רייך געלאָקט איבער זיין ווייסן שטערן, אַזוי שיין און פאַרפירעריש, אַז ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ פּרוי, וואָס דעקט אויף עפּעס אַ געהיימעניש. ער איז נישט געווען גרויס, מיט זייער ברייטע פּלייצעס, אין אַן אָפּגעלאָזענער הלבשה. ער האָט אַפילו נישט געטראָגן קיין קראַגן. זיין האַלז איז געווען ווייס ווי אַלבאַסטער.

אין דעם זעלביקן אויגנבליק זענען אָנגעקומען צוויי פּאָליציאַנטן אין דער מיט פון דער ליידיקער גאַס. ס'האָט זיך אָפּגעהילכט.

— גוטנאָוונט, פּויל — האָט איינער אויסגערופן.

דער מאָדנער שאָפער האָט געענטפערט:

— אַ נסיעה אַ ביסל! אַמעריקאַנער. צוויי טאָג אונטערוועגנס. האָבן נישט געלאָזט אָפּזאָטעמען.

— נו, מילא — האָט מען געענטפערט — און איצט?

— איז וואָס? — האָט געפרעגט דער שאָפער — גייט עמעצער מיט מיר? דאָך היינט דער ערשטער פרילינגס-טאָג.

— מען קען גאָרנישט העלפן. דינסט. — האָט איין פּאָליציאַנט געזאָגט.

דער שאָפער האָט אַ קוק געטון אויפן הער, וואָס איז געשטאַנען אַ צוויי טריט פון אים און אים באַטראַכט, ווי מען באַטראַכט אַ דענקמאָל. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און געזאָגט מיט אַ ווייכער שטימע:

— שוואַרץ ביר מיט חזירי?

— ווער, איך? — האָט געפרעגט דער הער מיט ביטערן הומאָר.

— מער אין קעפּל ווי אין פּלעשל — האָט געזאָגט דער שאָפער. — געהוליעט, וואָס? זעט אויס אַפילו ווי אַ הער. אַ שטאַרקע זאַך וועט אייך מאַכן זייער גוט. דאָ הינטער אייך איז טאַקע נישט מער ווי אַ מיזוסע קרעטשמע, אָבער מיט מיר, מיין הער, האָט איר נישט וואָס מורא צו האָבן. און דאָ איז פאַראַן אַ טייערע קאַווע, וואָס מאַכט ממש פון טויט לעבעדיק. און איר, מיין הער, האָט באמת נישט קיין פּנים פון אַ לעבעדיקן.

— אַ שיינעם דאַנק — האָט דער צווייטער געזאָגט אָפּ-ווערנדיק זיך. — אָט דער דאָזיקער בלאָנדער בחור האָט פאַרמאָגט עפּעס צוציענדיקס.—אַן אַנדערש מאָל. ערשט זוך איך אַ טאַקסי. איר ווייסט — — —

— אָך, אַזוי, איך וואָלט אויך אַפילו געקענט פאָרן מיט איין אָבער — —

— צי איז עס אייער מאַשין? זי איז ווונדערבאַר.

— נאַטירלעך! — האָט אויסגעשריגן דער שאָפער, — און מאָמענטאַל איז אים, ווייזט אויס, עפּעס איינגעפאַלן. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט פאַרגעסן, אַז זיין וואָגן איז פול געווען מיט שיין-פאַרפּאַקטע פּעקלעך, שוואַרצער אייל-פּאַפּיר, צוקער-שנור.

— יאָ, אויב איר וועט גיין דורך דאַנעט, מיין הער, וועט איר אין פינף מינוט אַרום אַרויסקומען אויף דער פראַנק-פורטער גאַס. און דאָרט וועט איר האָבן טאַקסיס וויפל איר ווילט נאָר. יאָ, יאָ, דאָס לעבן איז אַ טייערער ענין, נעמט צו אַסאַך צייט. אַ גוטע נאַכט, מיין הער.

און מיט דריי שפּרייזן איז ער פאַרשוווּנדן אין דער קנייפּע.

דער הער איז געגאַנגען, ווי מ'האָט אים געוויזן, ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און אַ קוק געטון. ס'איז געווען דריי. דער זייגער איז געווען פון פּלאַטין, אַ פּלאַטין-קייטל איז געהאָנגען איבער זיין וועסטל. פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן, ווי דרייסט און אומפאַרזיכטיק עס איז צו גיין אין בערלינער מורה-גאַסן, מיט אַ זייגער און אַ פּערל אין העמד און אפשר מיט גוטע טויזנט מאַרק אין בוזעם-קעשענע. אָבער די גאַסן זענען איצט ווי אויסגעשטאָרבן. און די פינסטערע נישעס פון די טויערן איז קיינער נישט געווען אַחוץ דער שאָטן פון אַ פרוי, וואָס האָט עפּעס צוגעפּליסטערט צו אים, און אַ קאַץ, וואָס איז אַרויסגעשפרונגען פון אַ מויערווינקל.

די שבתדיקע נאַכט פאַר פּסח. אַלצדינג איז געשלאָפן פאַר דער חגא-נאַכט. קיין איין באַלויכטענעם פענסטער האָט ער שוין נישט אָנגעטראָפן, זינט ער איז אַוועק פון דער קנייפּע. אונטן האָט זיך שוין אָנגעזען די גרויסע פראַנקפורטער גאַס. אַן עלעקטרישע באַן מיט אַסאַך וואַגאָנעס איז פאַרבייגעפאָרן; די אייזער פאַרן אויס: מענטשן, קלאָקעס, קאַרטאָפל-קעלערס,

מלבושים, מעבל- און שוך-מאַגאַזינען,—הייך, דריי, פיר הייך אייבער הינטערן אַנדערן, אָטעמען דורך די צעבראָכענע שויבן פון די גאַראַזשן, פערד-שטאַלן, מעלקערייען און פאַבריקן. פון דער מארק-האַליע, פון דער רעכטער זייט האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָלקן מיט אַ שאַרפן, עקלדיקן ריח. און אַ שכנותדיקער צי-גאַרן-געוועלב פילט פלוצלינג אָן די דושנע גאַס מיט אַ פיינעם ריח פון טאַבאַק. אַן אמתער גן-עדן-ריח.

ניין, אַרום און אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיק וועזן. קעלער-פענסטער פון אַ בעקערייַ לאָזן אַרויס אַ גערויש, פון שטימען און אַ גערוך פון מעל. אָבער מיטאַמאָל שפרייט זיך אויס אַ ליכטיקייט איבער דער גאַס. אַ געוועלב איז געווען ליכטיק, שניי-ווייס ליכטיק, אַ טיר און אַ פענסטער. די העלקייט האָט זיך שטילערהייט אָפּגעשלאָגן אויפן טראָטואַר און אויף דעם דאַם. און אַ געפלעקטע פאַרביקע קאַץ איז אָן באַוועגונג, ווי אַ פאַר-צעלייענע, געזעסן אין רינשטאָק.

דער הער האָט זיך אָנגעשטעלט ביי דעם דאָזיקן פענ-סטער, וואָס האָט געהאַט אַ ביליקן שפּיצן-פאָרהאַנג, און אַריינ-געקוקט אינעווייניק אין געוועלב. צוויי פרויען און איין מאַנס-פערשוין זענען געשטאַנען ביי אַ לאַנגן טיש און געפרעסט. לעבן דעם שוואַרץ-האָריקן מאַנספערשוין מיט אַן אָפן העמד איז — אין אַ הויכער הילצערנער געפלאָכטענער שטול, וואָס מען ניצט פאַר קינדער, וועלכע מען וויל ביים טיש אויסגלייכן מיט די גרויסע — געזעסן אַ זקנה, אַן איינגעקאָרטשעטע, זייער אַ קליינע אַלטע פרוי, וואָס האָט מיט די אָדערדיקע דאַרע הענט-לעך געהאַלטן אַ קינדערשן פרעס-אייזן און געפירט מיט אים איבער שמאָלע שפּיצן. אַ מרה-שחורהדיקער, גרעלער לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ טויטע שיין: אויף די העמדער, הייזלעך, קאָלנער, וועסטלעך, העלע קליידער, אויף אַלצדינג האָט ער געוואָרפן אַ טויט-בלייכע שיין, אַלצדינג האָט אין אָט דער ליכט פאַרלאָרן זיין לעבעדיקייט. אַפילו די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויטאָמאַטיש, זענען געווען בלויז פיגורן פון עפּעס אַ פאַנטאַס-טישער שפּיל.

אָ, זע נאָר, זיי הערן זיך דאָך אַלע צו, אונטן ביים ראַנד פון טיש איז געזעסן עמעצער און פאַרגעלייענט עפּעס פון אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפגעשטעלטערהייט אין דער האַנט מיט מאָדנע לאַנגע פינגער. און אַזוי ווי די טיר איז געשטאַנען האַלב אָפן, כדי אַרייַנצולאָזן אַ ביסל פרישע לופט אין דער דאָזיקער ענגער שטוב, האָט די שטימע פון פאַרלייענער אַרויסגעקלונגען אַ געפּרעסטע, פאַרקלעמטע און קוואַקנדיקע — אַ שטומע פון אַ יינגל. און ווען זייַנע הענט זענען אים מיד געוואָרן און דאָס בוך האָט אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן, איז איבערן טיש, צווישן די פינקלדיקע זונטיק-וועש אַרויסגעשווומען אַ פּנים, אַ טריב און פאַרצערט פּנים, אויסגעמאַטערט און געל פון בלוטאָרעמקייט. דאָס איז געווען אַ פּנים צווישן אַ פּאָר הויכע אַקסלען, אַ פּנים פון אַ הויקערדיק קינד, אַ פּנים אָן אַ באַשטימטע עלטער, מיט פאַרבלאָזע האָר, אײַנגאַנצן אָן ברעמען, אַ שאָטן פון אַ געזיכט.

„דאַן האָט די גרעפין הויך אַ געשריי געטון. עמאַ־נועל! — האָט זי אויסגערופן, דו זינדיק געליבטער! איך האָב שוין גענוג באַצאָלט מיט מיין איינציק קינד, פאַרלאַנגסטו נאָך אויך דעם קרבן פון אַ מוטער, דעם אויסדריק פון מיין לעצטער פרייד, פון מיין פרויען-ווירדע? — זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צו זייַנע פיס און מיט די הענט זיך פאַרדעקט איר שייַן, אויפגערעגט געזיכט; אירע צעפּ האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאָזט און פונקט ווי צוויי שוואַרצע בלוט-דורשטיקע שלאַנגען זענען זיי גיריק אַראָפּגעפאַלן אויף אירע צוויי ווייסע פולע ברוסטן. זי האָט זיך געדרייט ווי אין קאָנווולסיעס פאַר די אַכזריותדיקע קניען פון דעם דעמאָנישן מאַן.“

דער מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט געפּרעסט, האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט. אויפן שטערן און אויף זיין גלאַטער, ווייסער ברוסט איז געשטאַנען שווייס. איינע פון די פּרעסערינס האָט באַגלייט די רעציטאַציע מיט לעבעדיקע האַוואַיעס; זי איז געווען אַ ליבע, גוטע פרוי פון אַ יאָר פערציק און האָט זיך

געשאָקלט, ווי זי אַליין וואָלט איבערגעלעבט די אַלע אומגעהויערע יסורים פון די אומגליקלעכער גרעפן נעבעך.

אָבער די צווייטע פּרעטערין האָט געוויזן בלויז אַ פּאַרשטעלטן פּראָפיל... דאָס איז געווען אַ ייִנגלישער קאָפּ. די שוואַרצע האָר קורץ אָפּגעשוירן, און די הויט פון די באַקן, פון האַלז און פון בוזים, וואָס האָט זיך שטילערהייט פאַרלוירן אין אַ ווייסע בלוזקע, איז געווען פון אַ מין געלבלעכער בלאַסקייט, פון יענער העלפאַנט-ביין-פאַרב, וואָס איז באַשאַנקען מיט דער שיינקייט פון אַ געטלעכער האַנט. אַ מין זון-באַגאָסענע, נשמהדיקע הויט.

דער הער איז געשטאַנען אויפן גאַס און איינגעהאַלטן דעם אָטעם, דאָס מיידל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַנטקעגן זיין באַגייסטערטן בליק. זי האָט אָוועקגעקוקט פון דעם ליינענדיקן קינד און פון איר אַרבעט, און פירנדיק ווייטער מיט איר אָרעם איבער דעם געשטרייפטן אויבערהעמד, האָט זי, מיט אירע טונקעלע אויגן אין די גלוילעכע ווייסלען, אַ קוק געטון מילד און ערנסט צום פענסטער. זי האָט נאָך דאָרט קיינעם נישט באַמערקט, אָבער די שיינקייט פון איר פּנים — אומבאַוווּסט נאָך, אַז מען קוקט זי אָזוי ליידנשאַפטלעך אָן — האָט אויסגעשפּרייט און טיפער געמאַכט די נאַכט אין דרויסן.

זי איז נישט געווען קיין הויכע, איידל און לייכט. און אַזוי ווי זי האָט גראָד עפּעס געזאָגט און געשמייכלט, נישט אַראָפּלאָזנדיק בעת מעשה דעם בליק פון פענסטער, האָט דער נייגעריקער פון דרויסן געזען אַ לייכט-געוויטלטן און קינדישן מויל, וואָס האָט געציטערט איבער צוויי שורות ציין, וועלכע האָבן זיך פאַרגליכן צו צוויי שנורן פּערל איינס און איינס.

ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיין מיידל. אין דער טויטער פינקלענדיקער ווייסקייט פון דער שטוב האָט דער דאָזיקער טונקעלער קאָפּ מיט דער הויט פון בלאַסע טיי-רויזן, אויסגעזען ווי אַ בילד. יאָ, ווי אַ טיי-רויז. ער האָט געשמעקט צו איר, זיס, ממש ביז צום שטאַרבן, וועלקנדיק און ערדיש. דערביי האָט ער נישט באַמערקט, ווי

דער מאַן אינעווייניק איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ ווינקל, וואָרים דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו לייענען, און ער האָט אָנגע־שטעלט אַ גראַמאַפאָן, און מיטאַמאָל האָט פון געוועלב אָנגע־הויבן אַרויסצושטראָמען מוזיק. מוזיק! דריי אַזייגער ביינאַכט! מאַרקוס-גאַס. „וואַש- און פּרעס אַנשטאַלט פון אַמאַליע לידעקע“. עס האָט אַרויסגעשטראָמט שאָפּענס קלאַוויר-קאָנצערט פון אַ ווינקל אויף אַ קאָמאָדע, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פריש־געפּרעסטע העמד-הויזן, קליידלעך, טעניס-הויזן און זיידענע בלוזקעס.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו דער מוזיק, די אומגליק־לעכע צרהדיקע גרעפין האָט מען פאַרגעסן. און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן הערן דער קלאַוויר, האָט דער מענטש אויפן גאַס אַרויסגעפּליסטערט:

— בראַילאָווסקי! אַ!

און דאָס שיינע מיידל האָט ווידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נאָר די העלפט פון איר לינקער באַק, דער קליינער אויער, דער זיסער נאַקן און דאָס שטיקל וווּנדערבאַרע לייב האָט באַגליקט דעם איינזאַמען צוקוקער.

דאָס קינד האָט זיך עטוואָס אָפּגעריקט, נאָר זיין קאָפּ האָט געגרייכט איבער דעם טיש. ס'איז געווען אַ יינגל. צען יאָר אַלט, דרייצן, זיבעצן? ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און גלייך איינ־געשלאָפן. דאָס האָט קיינער נישט באַמערקט, אַחוץ די זקנה אין דעם קינדער-שטול. זי האָט אים פאַרזיכטיק אַרויסגענומען דאָס בוך פון דער האַנט. דאַן האָט זי גענומען אַ זיידן טאַשן־טיכל און געפּרעסט ווייטער, מורמלענדיק עפּעס מיט איר ציינ־לאָזן מויל. דאָס זענען שוין געווען די לעצטע שטיקלעך. מאָרגן, חגא, וועט די גאַנצע שטאָט דאַרפן שפּאַצירן, יעדער מוז האָבן פרישע קלאָרע וועש; מאָרגן גיין אַזייגער וועט זיך דער מאַן און די דריי פרויען לייגן שלאָפן, זיי האָבן גוט פאַרדינט. שפּעט נאָכמיטאָג וועלן זיי עסן זייער זונטיקדיקן חזיר-בראָטן, און דערנאָך וועלן מאַן און ווייב גיין טרינקען אַ גלעזל ביר, אַ פּאַסטראַמער ליקער, אָדער אַ ווייס גלעזל שנאַפּס מיט מאַלינעס.

די באָבע וועט בלייבן אין בעט. און דאָס יונגע מיידל? וועט גיין טאַנצן אין פ. ד. צ.? אָדער ביי לעסטמאַנען? אָדער זי וועט אפשר גיין צו זיינעמייער? אָדער אין אַ קינאָ? אין פּאַלאַס פון אָסט אין דער פראַנקפורטער אַלעע? אָדער אין אופאַ ביים אַלעקסאַנדער-פּלאַץ, ווו מ׳גיט אַ טאָן-פילם, פריילינג ניינאונ-צוואַנציק, „דער זינגענדיקער נאַר". אָ! ווי מ׳קען זיך דאָרט אַביסל אויסוויינען! מען איז צעבומען ממש, ווי נאָך אַ ליבע.

דאָס יינגל מיידל — — דער מענטש איז געשטאַנען און געשטאַנען. ער איז אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן — אין אַ שטיקל ליבע, אויגן-גלאַנץ און אין דינעם איידעלען האַלז. און אפשר איז דער טונקעלער שפּאַניאָ כוויציאַ שוין לאַנג געשטאַנען דאָ אויפן גאַס, איידער דער מענטש האָט אים דערזען. און אפשר איז דער שיינער שאָפער שוין אויך געשטאַנען הינטער אים אַ לאַנגע צייט, ביז ער האָט אים לסוף אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל? דער הער אָן דעם הוט האָט זיך שטאַרק דער-שראָקן. ער האָט זיך אומגעקערט פאַרבליפט, ווי ער וואָלט פון הימל אַראָפגעפאַלן.

— זי איז שוין איינמאָל אַ שיינע, — האָט געזאָגט דער בלאָנדער שאָפער — האַ? דאָס איז אַנגאַ, אָבער זי וויל, אַז מען זאָל זי רופן קיטי. נו, רופט מזן זי קיטי. ביסטו דאָ געשטאַנען די גאַנצע צייט, דו מענטש? אָבער איצט מעגסטו שוין גיין אַהיים.

— איר זענט דאָ באַקאַנט? — האָט געזאָגט דער הער, און ווען ער האָט אַ קוק געטון דעם בלאָנדן אין די אויגן, האָט ער זיך דערמאָנט אין אַ לאַנג-פאַרגעסענעם ראָמאַן, וואָס ער האָט געלייענט צו זעכצן יאָר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דאָרטן האָט דער פאַרליבטער העלד געטרוימט פון אויגן, וואָס זענען בלוי, ווי ענציאַן אין שניי, ווי פיאַלקעס אין מילך. און ער זעצט זיי אַריין אין אַ שוואַרץ-האָריקן פאַרפירער. אָט דער בחור איז געווען בלאָנד און אַזוי ווילד, און זיינע האָר זענען געווען געדיכט און געלאָקט. ער האָט פאַרמאָגט אַ ווייסע הויט, איז געווען שטאַרק, ער האָט געשמעקט מיט פעלד.

פריינדלעך האָט ער געזאָגט צו דעם הער, איינעמענדיק און גוטמוטיק. אַזוי רעדט מען צו שיכורים, כּדי זיי נישט אויפצוּרייצן.

— גייט אַהיים. וווּ וווינט איר? איך גלויב, אַז אויף ליצאָוו-פּלאַץ, אָדער אויף ברייטענבאַך-פּלאַץ, לוקסן-בוי-הייזער אָדער אַלט-וועסטן. וואָס? דאָס דאָזיקע דאָ—אָ איז דאָך נישט פאַר אייך. דאָ פאַלט מען אַמאָל אַריין, מ'טוט אַ שמעק, מילא, דאָס איז אַ נאַרישקייט. ווייס איך. אָבער איצט איז דאָך שוין האַלב פיר אַזייגער, שוין גענוג פאַר אייך. איר האָט דאָך שוין היינט היינטער זיך גאָט ווייסט וואָס, און אָט די אַגנע אָדער קיטל...

ער האָט זיך אַ קראַץ געטון הינטערן „אויער, ער האָט איצט געהאַט כּמעט אַן אַנדערע שטימע, שוין נישט מער היי־זעריק, אומגעבילדעט, גראָב.

— ניין — האָט געזאָגט דער הער — און געוואַרט אַ ווײַ־לע. איבעוועניק אין געוועלב איז אויסגעגאַנגען די פּליטע, און דער מאַנספּערשוין האָט זי אָנגעדרייט. אַלעקסאַנדער באַלאָווסקי האָט ווידער גענומען שפּילן שאָפן.

— ניין, איך וויל אין דער שול-גאַס.

— ט'האָסטו דיר. אין דער שול-גאַס? ווי קומט איר אויף דער שול-גאַס? הויכער וועדינג, אויך בערלין-וועסט, אָבער דאָך איינגאַנצן אַן אַ זייט.

— קלאַוויר-פאַבריק, מיין ליבער, וווינונג אין זעלבן הויז, נאָך פון זיידן. די ברידער באָס.

— פּאַול אַנדערס הייס איך — האָט געזאָגט דער שאָפער און זיך פאַרנויגט, ער האָט גענומען דעם צווייטן מאַן אונטערן אָרעם און אַוועקגעגאַנגען מיט אים.

ווען זיי זענען אַדורכגעגאַנגען לעבן דער אָפענער טיר פון געוועלב, האָט די דיקע פרוי אויסגערופן:

— גאָט מיינער, פּאַול, אין מיטן דער נאַכט!

— כ'באַלד אַריינקומען — האָט ער אַריינגעשריגן. אָבער זיי זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען. דער קלאַוויר-פאַבריקאַנט האָט זיך

אַרומגעקוקט. ער זעט זי שוין נישט אַננאַ — קיטי. אַ בלאַסע
רויז, וואַש- און פּרעס אַגשטאַלט, און שאַפּען. אַפּ. II ע-מאָל.
מאַקוס-שטראַסע, הישפּאַניאַ-סואיזיאַ, פּיאָלקעס אין מילך און אַ
קינד, דריי אַזיינער ביינאַכט, און די באָבע אין קינדער-שטול.
איצט איז ער געזעסן אין אַ טאַקסע. אַ צווייטער האָט
געזאָגט פאַר אים: שול-גאַס. אָט האָט זיך אויפגעעפנט פאַר
אים דער אַלעקסאַנדער-פּלאַץ, אויפגעריסן ביז אין זיין איינגע-
ווייד, די מינץ-גאַס האָט איצט נישט געפינקלט פון ליכט, זי
האָט איצט אויסגעזען ברייטער ווי תמיד. די מאַשינען פון
דעם טונעל פון דער אונטער-ערדישער באַן האָבן זיך געשלעפּט
אין דער הויך און שטיל געראַנגלט. ביים ראָזענטאַלער טויער —
אַ ווילדער אָנלויף, הייזעריקע געשריי פון אַ פרוי, וויסטע
קולות, פּאָליציי. דער שאַרפער פאַרט שנעל. אינוואַלידן-גאַס,
עליזאַבעט-קירכע פאַרזונקען אין לבנה-שיין. הוי! דער קירכע-
הויף פון דער בערג-גאַס. ווייסע צלמים, ווי שטילע, דורכ-
דרינגענדיקע אויסגעשרייען. אָבער דער שטעטינער וואָקזאַל איז
געלעגן שטיל. אַ קלאַסישער עיגול האָט זיך געוועלבט אין די
שטערן. און דאָס העלע אויג פון טורם-זייגער האָט אויסגעזען
ווי אַ הימלישער אויג איבער אַ צעבראָכענעם כאַאָס.
דערנאָך האָט די מאַשין געראַנגלט איבערן שאָסיי און
איבער דער מילער-גאַס. אַלצדינג האָט אויסגעזען גייסטערהאַפט.
לאַמטערנע, מענטש, הייזער-ווענט און ווו נאָר עס האָט זיך
אויפגעעפנט פאַרן אויג אַ זייטיקע גאַס — אַלצדינג האָט אויס-
געזען ווי אַ שווייגנדיק מויל מיט אַן אָפענער טיפער קעל.
אַזוי שלאָפט די שטאָט? אַ ריזיקע אַנטגיפטעטע חיה רעה. אַרום
און אַרום, אויף אַלע בית עלמינס ביז אויף דער ליזן-גאַס האָט
שוין געבליט דער בעז. בעז, בעז! בעז איבער וועדינג. ווו
נאָר די לבנה האָט זיי באַגאָסן מיט איר שיין, האָבן זיך די בוי-
מער אויף דער גאַס פאַרגאַנדערגעעפנט און אַרויסגעשיקט זייערע
ריחות. פרויען-ריחות. אָרעמער נעטער, אין האַלז איז אים טרוקן
געוואָרן. אין דער לופט האָט זיך געפילט די פרוי; ווי ער האָט
זי געשמעקט!

ער האָט געגענעצט, דער קלאַוויר-פאַבריקאַנט. און דאָ האָט פון דער לינדאָוועך-גאַס, לעבן דער וואָקזאַל-האַלע זיך געפילט דער געשטאַנק פון דעם אָפּפאַל פון די אויבסט-און וורשט-וועגענער, וועגעלעך פון גרינס, און קוישן פון קעז, וואָס האָבן זיך אויספאַרקויפט אין משך פון דעם שבתדיקן טאָג. דער געשטאַנק פון דעם אָרעמקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט פון דער גאַנצער האַלע אויפן נעטעלבעק-פּלאַץ און אַרויסגעשווימען אויף דער ברייטער גאַס. און די גאַס גופא איז געווען אַזוי זויבער, אַזוי רחבותדיק. אין דער מערב זייט האָט זי אויסגעזען, ווי פּריש אויסגעפּוצט. די שויבן האָבן געפינקלט, אָבער אומעטום איז, דאַכט זיך, געווען הינטער זיי אַ געשפּענסטערישע ליידיקייט, ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געשלאָפן, ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געאָטעמט אין פרידלעכקייט. ליידיק איז געווען די שטאָט, ווי אויסגעשטאָרבן, ווי אויפגעפרעסן פון אַ מגפה, אפילו דער אומפלייט און די ווערים זענען נישט איבערגעבליבן.

ווי גיך אָבער דער אויטאָ איז אַרויסגעקומען אויפן קור-בער-פּלאַץ, האָט פון בוים און קוסט ווידער אָנגעהויבן אַרויס-צוקוועלן אַ יונג פריש לעבן. די ראָוועס ביי דער לאַזאַרעט-קירכע האָבן ביז איבער די מויערן אויסגעהויכט די נשמות פון די בלומען, וועלכע מ׳האָט שוין באַשטעלט אויפן יום-טוב: פיאַל-קעס און נאַרציסן, לעווקאָיעס און מאַי-בלימלעך, רויזן און נעלקען, יאַסקירן, פרימקעס און שטיפמוטערלעך. — און ערשט איז דער הער באַס אַרויסגעגאַנגען פון אויטאָמאָביל. נאָך זיבן הייזער זענען געווען ביז צו זיין הויז. די לבנה האָט געגאָסן מיט מילך איבער די פירשטאָקיקע פאַסאַדן, און איבער דעם דעם טויער האָבן געגלאַנצט די דיקע מעשענע אותיות פון דער אַלטער פירמע „ברידער באַס״.

אין דעם דאָזיקן ברייטן טויער איז ער אַריינגעגאַנגען. נישט דורך דער הויז-טיר צו די שטיגן פון דער וווינונג. ער איז געגאַנגען איבער דעם הויף און אויפגעשלאָסן דעם טויער פון דער פאַבריק. די לבנה האָט נישט דערגרייכט ביז דעם אַס-פאַלט פון דעם הויף. אָבער זי האָט נאָך געטראָפן און באַלויכטן

די אַכט ליידיקע פּענסטער אויפן דריטן שטאָק פון דעם מויער, הינטער זיי — גאָרנישט, אַ ליידיקער חלל. אַלצדינג איז געווען אויסגערוימט, ביז דעם לאַגער אונטן אויפן ערשטן שטאָק. זינט צוויי יאָר איז די פאַבריק פון די ברידער באַס געשטאַנען שטיל. מען קויפט נישט היינט קיין קלאַווירן, ביי די ברידער באַס — צום ווייניקסטן. פיר און אַכציק נייע קלאַווירן און דריי ראָיאַלן זענען געשטאַנען אין מאַגאַזין. ראָיאַלן האָט מען געקויפט ווייניק און נאָך ווייניקער פאַרקויפט. דאָס איז געווען אַ ראָיאַל, וואָס דער עלטער אָסקאַר באַס האָט געלאָזט מאַכן פון מאַכגאָווע-האָלץ. איצט איז ער געווען חושך, שוואַרץ, מיט אַ טיף-רויט-לעכן גלאַנץ.

דער יונגער באַס האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן אינסטרו-מענט. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין מאַגאַזין, כדי צו שפּילן, זיך אָוועקגעזעצט פאַר דעם דאָזיקן צוואַנציק-יאָריקן ראָיאַל, אויפ-געעפנט דאָס דעקל און זיך אַריינגעלאָזט אין דער זיסער גע-פאַר. וואָרים געשפּילט האָט ער שלעכט, ער האָט זי נישט באַהערשט, די דאָזיקע טעכנישע קונסט, ער האָט זי נישט גע-האַט, די דאָזיקע פלינקייט פון די פינגער און פון די הענט.

אין דער פינסטערניש האָט ער זיך גוט אָריענטירט. ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר צום מאַגאַזין, איז אַריין אינעווייניק און דורך זיינע טריט, דורך דעם ווידערקול פון די דילן, האָבן אין נייניציק קלאַווירן אָפּגעהילכט אַ פראַגע: פּעטער, דו ביסט עס? אין דער נאַכט? שוין באַלד טאָג. וואָס שלייכסטו זיך אַרום, פּעטער! אומערדיק הויך האָבן געציטערט די סטרונעס.

הער באַס האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר זיין רויטן ראָיאַל. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און דער אָרקעסטער האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט דיריגירט, נישט מאַכנדיק די מינדסטע באַ-וועגונג. ער האָט בלויז אויפגעהויבן די הענט, כדי אונטערצו-קומען מיט זיין קלאַוויר-סאָלאָ. ער האָט געשפּילט שאָפּען. ער האָט געשפּילט, און אַלע קלאַווירן אַרום אים, אונטער זייערע געשלאָסענע דעקלעך, האָבן געענטפערט. סטרונע נאָך סטרונע

האָבן מיטוויברירט. דער גאַנצער קאָסמאָס האָט מיטגעפּילט זיין בענקשאַפט. ער גייט איבער דער מאַרקוס-גאַס — העלע טיר, אַנבאַ אַנטקייגן פענסטער, אָבער אָט איז אַלצדינג פאַרזונקען געוואָרן, און לעבן אים גייט בלויז דער בלאָנדער בחור... ער האָט אַ דריק געטון די פּעדאַלן. אַן אומענדלעכער אַקאָרד.

די שטאָט האָט אַפילו נישט געאָטעמט. פון קיין איין קוימען איז נישט געגאַנגען קיין רויך. זי איז געלעגן טויט און פאַנאַנדערגעוואָרפן אין פסחדיקן נאָכמיטאָג, און פעטער באָס איז אַרויסגעגאַנגען אויבן אויפן פערטן שטאָק פון דעם גרויען הויז, אויף זיין קליינעם באַלקאָן, און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער זון. צווישן די שטיינערנע בערג אין מערב-זייט איז געווען אַ שפּאַלט, אַ שמאָלער ראָוו האָט געפירט ביז צום שפּאַנדויער קאַנאַל. פון זיין קליינעם גאַנעק האָט ער איבער דעם קירכן-פּלאַץ געקענט קוקן איבער דער אויסגעשפּרייטער שטאָט, — שטיין, שטיין, זיגזאַגיש געשפּאָלטן — ביז צום מערב-פּאָרט. דאָ האָבן זיך אויפגעהויבן די אַכט ריזיקע קוימענס פון די עלעקטרישע סטאַנציעס, אַכט אומגעהויערע זיילן, ווי איבערבלייבענישן פון גיגאַנטישע טעמפּלען. אין דעם וואָלקנדיקן אַפּריל-הימל, הויך איבער די בוימער-קרוינען, איבער דעכער-שפּיצן, טורעמס, קופּאָלן, האָבן זיי אַרויסגעשטאַרטשעט פייער'דיק און אומצעשטערבאַר, ווי רויטע ריפּן פון עפּעס אַן אומגעהויער באַשעפעניש, וואָס איז אַמאָל געקראָכן איבער דעם רוקן פון דער ערד. זיילן פון טעמפּלען ווירקן מער טויט און זינלאָז, אָבער די דאָזיקע רערן האָבן געאָטעמט און געגליט.

פעטער באָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם באַריער, עס

שווינדלט אים תמיד אין דער דאָזיקער הויכקייט, צוואַנציק מעטער פון דער גאַס. בלויז דינע גראַטעס האָבן אים אָפּגעטיילט פון דעם חלל-אָפּגרונט. עס איז געווען אַ ווייטיקלעכער, זיסער געפיל; דער דאָזיקער שווינדל האָט זיך אָנגעהויבן פון די פּיאַטעס און דורך אַלע נערוון האָט ער דערגרייכט, רוישנדיק, ביז צום קאָפּ.

טעלעפאָן. שוין ווידער טעלעפאָן. דעם גאַנצן טאָג טעלע-פאָן. און לינאַ, וואָס זאָל צוגיין צום טרייבל, איז נישטאָ. לינאַ איז אַוועק אין שפּיטאָל אויף דער מאַנטעאופען גאַס אויף אַ פרייטיק-באַזוך צום פעטער דעם פאָרטיער. דאָס אָוונט-עסן איז שוין געשטאַנען ווייס צוגעדעקט אויפן טיש. די פלאַש ביר איז שוין געלעגן אין קיך אונטערן קראַן, מ׳האָט נאָר געדאַרפט אָפּלאָזן ס׳וואַסער, כדי צו קילן די פלאַש. אין דער וווינונג זענען אַלע טירן געשטאַנען אָפן. די לופט האָט געשטראָמט דורך די שטובן, און די ווענט און דאָס מעבל באַגאָסן מיט פרילינג.

טעלעפאָן. שוין ווידער די פריינט פון נעכטן אָוונט. איצט שוין, דאַנקען גאָט, דער לעצטער. פעטער איז געווען אויפגע-רעגט... וואָס איז מיט אים געשען? ווו איז ער הינגעקומען?— פאָרוואָרפן, געלעכטער. חברה האָט נאָך פאַרבראַכט נעכטן ביז דריי אַזייגער. ניין, קיין שום זאַך נישט געטראָפן. גוט אויסגע-ליידיקט, אָבער נישט באַרויבט. די מיידלעך אַסאַך אָרנטלעכער ווי אין מערב און ווי אין פרידריכס-שטאָט. יאָ, טייערינקער, פינף גראָשן טרינקגעלט און זיי באַדאַנקען זיך, טרינקען אויס דאָס איבערגעבליבענע אין די גלעזלעך און רוקן זיך אָפּ. אין טעלעפאָן האָט גערעדט פרוי קאַטי. מ׳איז ווירקלעך, דריי יונגע פרויען, געפאָרן אין דער לאַנדסבערגער גאַס, אויף ווילים באַל פאַר דער דערוואַקסענער יוגנט. וואַלס און פּאָלקע. די דאַמען פון די ציגאַרן-געשעפטן, גרינוואַרג-קעלערס, אַלמנות, באַלעבאָ-סטעס פון מעבלירטע צימערן און הויז-שניידערינס—אַלצדינג איז געווען אָרנטלעך און פיין. ס׳איז געווען ביר און שנאַפּס. יונגע בחורים אין בלויע אָנצוגן מיט ראָזע אויבערהעמדער, פּאָמאַדע אויף די האָר, לערן-ייִנגלעך ביי טאַפּיצירער און צוקערלעך-פאַר-

קויפער האָבן געטאַנצט, פאַרלוירן אין די בוזעמס פון די דיקע דאַמען. עלטערע מענער, קצבים, בעקערס, אינקאַסענטן, טרע־גערס, בוכהאַלטערס האָבן געזוכט עפּעס מער דויערנדיקס, אַ פריינדין, למשל, מיט אַן אייגענע וווינונג, וואָס זאָל אים לאָטען די וועש.

די דריי דאַמען פון וועסטן האָבן געפּאַקט צוויי מענער ריזן, אַ קיילער פונם צענטראַל־שעכטהויז און זיין פריינד, וואָס קוילערט פעסער. די ביידע פאַרשוויגען האָבן געוואָלט וויזן זייערע אומדערפאַרענע דאַמען פון מערב־בערלין, ווי מען לעבט דאָ צו אין דעם דאָזיקן קוואַרטאַל און האָבן זיי אַוועקגעפירט אויף אַ וווּנדערבאַרער פאַרווײַלונג ביים טייך... פרוי קאַטי האָט גאָרנישט געוואָלט אַוועקלייגן דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— נישקשה פון אַ שטעטל אונזער בערלין, וואָס, פּע־טערל? היינט קום אויך. בלומענגאַס, אין רעסטאָראַן פון בוימ־בליטע און ווערדער. צום געמיטלעכן דאַנסיגער.

— ניי—יי—ן, — האָט פּעטער געענטפערט קווענקלענדיק זיך פאַרלעגן, — איך בין מיד. איך וועל היינט נישט אַרויס־גיין פון שטוב. וועל זיין אַליין. מיר רוישט נאָך דער קאָפּ.

— אַך, דו פּעטערל, שוואַך קעפּעלע! דו, און צי ביסטו טאַקע אַזוי שטיין־רייך? איך קען עס מיר נאָך אַלץ נישט צו־גלייבן. קענסט נאָך אין מיטן דרינען אָפּקויפן גאַנץ בערלין.

דער טעלעפאָן האָט אָפּגעגעבן אַ שווערן זיפץ. קנאה און יראת־הכבוד, ווייטיק און נישט פאַרגינערישקייט. אַ זיפץ — — — —

— יאָ, אַ רייכער מענטש, — האָט פּעטער באַס גערעדט צו זיך אַליין אין שפּיגל. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ גרימאַסע. — שיין ביסטו גראָד נישט, מיין טייערער, דיינע דריי און דרייסיק יאָר זען אויס ביי דיר ווי פערציק, ביי די שלייפן ביסטו שוין גרוי. וואָסער פאַרב האָבן דיינע האָר? — שוואַרץ זענען זיי נישט, בלאָנד אויך נישט. דיינע אויגן ראַ־טעווען דיך, געראָטן אין דער מאַמעס. אָבער ווען איך קוק מיך אַזוי אָן, פאַרשטיי איך שוין, אַז די מאַמע האָט מיך נישט ליב

געהאַט. דער טאַטע יאָ. מענער נעמען זיך נישט איבער מיט מיאוסקייט. ער האָט מיך זייער ליב געהאַט. אָ, ער האָט גע־ ווּסט, אַז די מאַמע — — — וואַרשיינלעך. מאָדנע, איך בענק נאָך נאָך איר אויף היינטיקן טאָג, נאָך תּמיד, אָבער צום מיינסטן האָב איך געבענקט נאָך דאַן, ווען זי האָט נאָך געלעבט און געווען דאָ אין שטוב. איר קלייד האָט מיך קוים אָנגערירט — וואָס פאַר אַ ווייכן צאַרטן ריח זי האָט געהאַט, זי האָט גע־ שמעקט מיט מאַנדלען און איך האָב נישט געטאָרט אַרויסווייזן מיין אַנטציקונג. ווען זי איז געגאַנגען מיט מיר שפּאַצירן אויף דער זע־גאַס צווישן די ציפּרעסן, אין יונגעפּער־גאָרטן, כּדי מיר צו פאַרשאַפן אַביסל וואַלד־לופט, — ניין, איך קען מיר באמת נישט דערמאָנען, אַז זי זאָל מיר האָבן אַמאָל אָנגענומען פאַר אַ האַנט. ווען עס פלעגט אָנקומען אַן אויטאָ און איך פלעג לויפן איבערן דאַם, יאָ, פלעגט זי נאָר אַרויפלייגן אַ פינ־ גער אויף מיין אַקסל: וואַרט אונטער, פעטער, לויף נישט אונ־ טערן אויטאָ. גאַנץ לייכט, נאָר מיטן פינגער — — — איך וואָלט מיך שוין נישט גערירט, איך וואָלט געשטאַנען שטיל, ער זאָל ווערן שווערער, ביז איר האַנט זאָל אַראָפּפאַלן אויף מיין אַקסל — — — איינמאָל בלויז, מאַמע, דיין גאַנצע האַנט איינמאָל! — — — יאָ, עס איז תּמיד צו שפּעט. איך בין אויפגעוואַקסן אָן אַ מוטער. און אַז זי איז געשטאָרבן, בין איך אַלט געווען צוועלף יאָר. ווי קען דען אַ מענטש זיין ליבלעך, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מאַמע?

ליבלעך — — — די מיידלעך פון פאָלק זענען באַשיידן. זיי פאַרלאַנגען נישט קיין סך. אַננאַ — איך וועל זאָגן קיטי, ווען זי וואָלט עס נאָר געוואָלט הערן. זי איז אַ שיינהייט... די שיינקייט אַליין איז זי. ווען איך זאָל מיך מיט מיינע ליפּן קענען צורירן צו דעם דאָזיקן לייב — נאָר מיט די ליפּן קען מען זי פאַרשטיין.

אַזאַ נאַקן. עלפאַנט־ביין. אַזאַ צאַרטער דריי־עק הינטער אירע אויערן — עס הויבט מיר אָן צו שווינדלען אין קאָפּ,

פונקט ווי איך וואָלט געשטאַנען אויפן באַלקאָן. און איך ליג דאָך איצט זיכער אין בעט.

אַ געמיין צימער איז עס. הערן-צימער אין דאָמב. צוויי מעטער אַכציק. רענעסאַנס פון אַכצן הונדערט פינף און ניינציק. דער מאַמעס אויסשטייער. אָט דער לוטער-שטול פאַר דעם שרייב-טיש. געפּרעסטער לעדער; צוויי קלויב-בענקלעך זענען שפּעטער צוגעקומען. מיין בעט איז איצט אַלט איין יאָר. זי שטייט ווי אַ מאָדערן מיידל צווישן אַ קרענצל באָבעס, וואָס שטריקן זאָקן און איינע לייענט פאָר באַי עד פון דער גאָרטן-אַלטאַנע... דאָס איז שוין געווען דאָך העכסטע.

וואָסער שטימע דאָס קינד האָט געהאַט! זיין ברוסט-קאַסטן מוז זיין צוגעדריקט. „די אומגליקלעכע גרעפין איז געפאַלן פאַר די אַכזריותדיקע פיס פון דעם מאַן". צי וועל איך אַצינד מאַכן עפּעס אַן איבערברוך? די אַלע גראַטעס וועל איך אַרויסוואַרפן, איך וועל לאָזן טאַפּעצירן און מאָלן און אַריינשטעלן שיין מעבל. אָט דער נתנאל זיכעל אויף דער וואַנט! אָדאַליסקען. מוראדיק! דער טאַטע איז געווען אַזוי שטאָלץ דערמיט, פון דער גאַנצער ירושה פון דער מאַמע יאָזעפינע. אָבער דער דאָזיקער אָדאַליסק האָט אַ לייב, איז עס קוים אַן אָנווּנג פון אַנגאַס לייב. דאָס קאָן קיינער נישט אויסמאָלן. ווען איך טו מיך אַ שטעל פאָר: זי זיצט דאָ, און איך ריר זי אָן—ניין, עס איז נישט מעגלעך, אַזאַ זאַך זאָל באמת פּאַסירן! ווי שיין זי איז— — —אָ, העלף מיר גאָט, איך בין אינגאַנצן גערירט — — —

איך וועל גיין אַהין. היינט אָוונט ווען ס'וועט פינסטער ווערן. עס איז שוין אַזוי לאַנג טאָג. פּאָול אַנדרעס הייס איך, האָט ער געזאָגט. מען קען נישט אויסהאַלטן זיין בליק. דאָס ממשותדיקע לעבן. וואָס איז מען דען אַליין! מיר דאַכט זיך גאָר, אַז דאָס איז גאָר אַ געמיינער יינג. ער איז הערשעריש. מיידלעך לויפן אים נאָך. זיינע האָר זענען פּרעכטיק. עפּעס נאַ-קעטס פאַרמאָגט אָט דער מענטש. קיטי? אויב זי געהערט אים—טאָ פאַרוואָס לאָזט ער זי פּרעסן גאַנצע נעכט? אַן אויסניצער! און זיין אויטאָ... וואָס קען איך וויסן! איך האָב נישט קיין שום

אננג. כ׳האָב נישט געהאַט קיין מאַמאַ — און כ׳בין נאָך פאָרט ביי דער מאַמעס פּאַרטוף. מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? מיט וואָס וועט זיך עס ענדיקן? אַך, אַז מ׳שטעקט אין דער אייגענער הויט!

אננאַ — — —

פּאָול אַנדערס — — —

איך וואָלט געדאַרפט קענען לאַכן. — אויף מיין ברוסט ליגט אַ שטיין. אָ, דאָס פאַרמאָגן אַסאַך געלט! עס איז פּונקט ווי אין טויזנט ראָמאַנען און אין הונדערט פילמען. די אַמעריקאַנער ירושה! ליבער פעטער עדוואַרד! דאָס איז גורל. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָבן דעם טאַטנס געשעפטן געפּלאַצט. דאַכט זיך — אויס, אַ סוף דערמיט. שפּעטער אָבער — דער טאַטע צאָלט אויס און די פירמע גייט ווייטער „ברידער באָס״. צוואַנציק יאָר האָט דער פעטער עדוואַרד נישט געלאָזט הערן פון זיך קיין וואָרט. און פּלוצלינג, דער בריוו: נאָך אַן אָפּשריפט פון עטלעכע קליינע לעגאַטן—איר, פעטער באָס דער גאַנצער יורש. שטאָט קלאַווירן האָט ער גאָר געמאַכט אויטאָמאָבילן. אַן ענגערנישער מאַן געווען, דער פעטער עדוואַרד, ער האָט מיך תמיד ליב געהאַט. ער האָט נישט חתונה געהאַט, גלויב איך, כדי איך זאָל זיין זיין איינציקער יורש. צי האָט ער... צי האָט ער ליב געהאַט דער מאַמען?... אַ יאָר נאָך איר טויט איז ער אַוועק. — מיין גאָט, וואָס מיר פעלט דאָ איין. די מאַמע און דער פעטער עדוואַרד — — — איז דאָס דער סוד? און דער טאַטע — — אַ סוף! זאָל איך נאָך אויסטראַכטן אַ ראָמאַן אויך? עס איז שוין אַוועק. בכן קיינמאָל נישט געווען. איך האָב געלט — — —

אַז ער לאָזט אָבער איבער אַזוי קאָלט! וואָס טוט מען דערמיט? איך וועל מיר קויפן אַ קליינעם אויטאָ מיט צוויי פּלעצער. אָבער — אין דעם לעצטן יאָר זענען אין אַמעריקע אַזוי פיל מענטשן אומגעקומען פון אויטאָס — — — נו, איז דאָס דען עפּעס אַ ראיה קעגן דעם אויטאָ? העכסטנס קעגן דעם מענטשן. ער פּאַסט זיך נישט צו צו זיינע דערפינדונגען. דאָס, וואָס ער באַשאַפט שטייגט אים אַליין איבער, דער שע-

פער איז אַ פּאַרטאַטש. זיין קרעאַטור שטייט העבער פאַר איט גופא.

אצינד וועל איך לייגען אביסל. אַך, וואָס ? אָדער אַראָפּגיין און אַביסל שפּילן ? דער גאַנצער שאָפּען-קאָנצערט. ע—מאָל איז דאָס פיינלעכסטע. עטלעכע מאָל האָב איך נאָך היינט, באַלד נאָך דעם ערשטן מאָל, באַמערקט—עס איז נישט געווען קיין שוויס. איך האָב געוויינט, דאָס וואָס האָט אַראָפּגעטריפט אויף די קלאַווישן איז געווען טרערן — — — נאַרישער פעטער נעבעך.

איך האָב קיינמאָל נישט געליבט. די דאָזיקע נאַרישע קליינע מיידלעך. אפשר ווען איך בין געווען אַ סטודענט, דעמאָלט נאָך דער מלחמה, אין היידעלבערג, העלענען אין „ריטער". איך וואָלט דעמאָלט חתונה געהאַט מיט איר, אָבער זי איז געווען קליגער, זי האָט חתונה געהאַט מיטן אָפיציר, בעת איך בין ביי פעלדבערג געלאָפן אויף סקי. צי איז דאָס קינד מיין קינד ? האָב איך, הייסט עס, אַ קינד ?... ליבע! דאָס איז דאָך גאָרנישט. די דאָזיקע אויסגעלאַסענע, עגאָיסטישע פרויען פון דער ליבע. ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך אַלצדינג לייגט זיך צוזאַמען. יונגע בחורים נעמען אַפּנים צו שטאַרק אויס ביי פרויען. אָ, וואָס פאַר אַ געמיין, געדאַנקענלאָז און אָפּגעלאָזן לעבן איך האָב געפירט! ווען קאַטי האָט געקלונגען: איך קום אין אַ האַלבע שעה אַרום — — איך בין פשוט צו אומדרייסט צו זאָגן ניין. און ווו איז דאָס פאַרגעניגן. אַסאַך שענער, ווי ליבע איז דאָך צו זיין אַליין, לייענען, שאַפן אין זיך מוזיק... טראַכטן — — אַננאַ, עס איז דאָ אַן אַננאַ אויף דער וועלט. איר לייב — איך וועל דעם דאָזיקן פאַול אַנדערס — זיין אַדרעס וועט מען שוין אויסגעפינען. ערשט קען איך אַלצדינג קויפן. געלט: מילא — אַ פּיקציע. אָבער אָנגעמען, אָנרירן, — אָטעמען, גלעטן איר. אַננאַ, אַננאַ!"

אַרום אַכט אַזייגער, ווען ס'איז טונקל געוואָרן, איז פעטער באָס געגאַנגען אין שטאָט. די מענטשן זענען פאַמעלעך געקומען אַהיים. זיי האָבן נאָך געשמעקט מיט אַלקאָהאָל און טאַבאַק און גראָז. גראָז-פלעצער צעקוועטשט אונטער זייערע

קערפערס האָבן נאָך געשמעקט פון זייערע קליידער. קינדער האָבן שטיל געוויינט. פאַר אַלע קינאָ-זאַלן איז געווען אַ גע-דראַנג, די טעגעלער-האַליע האָט אויסגעשפּיגן איר זונטיק-באַזוך.

„און איבער מיר וואַנדערן די שטערן" — האָט פּעטער אַ זאָג געקוקן צו זיך אַליין און זיך אָפּגעשטעלט. אָראַניענבורגער טויער. ער האָט אַרויפגעקוקט אין דער הויך. די לבנה איז נאָך נישט געווען. די זילבערנע שטערן האָבן געשפּראָצט אויף אַ גרינער לאָנקע. דאָ אין דרויסן האָבן די שטערן געפינקלט אי-בער בערלין. דאָרטן איבער דעם לוסטגאָרטן, אין מערב-זייט, איבער די פאַרגעניגן-פּלעצער לעשן זיי זיך אויס אין דעם רויטן נעפּל פון רעקלאַמעס און באַוועגלעכע עלעקטרישע אויפ-שריפטן. דאָס ליכט פון הימל ווערט אין אַלע פאַרבן, עס איז דאָ נישטאָ קיין הימל, נאָר נעפּל, קאַלטער, פּילפאַרביקער נעפּל פון טאַנץ-הייזער, קינאָס און באַרן.

ווען ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין אַן אויטאָבוס, אויף וועלכן אַסאַך מענטשן האָבן זיך אָנגעהאָנגען, איז אים פּלוצ-לינג איינגעפאַלן: „איך בין אַ רייכער מענטש" און איז מיט אַ טאַקסע אַוועקגעפאָרן אויף דער מאַרקוס-גאַס.

אפשר האָט זיך אים בלויז געחלומט? — מ'דאַרף געוואָר ווערן. קען דאָך זיין, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַ קאָשמאַר, איבערגענומען זיך פון שנאַפּס, אַנגאַ איז קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען, פאַול איז אַ האַלוצינאַציע — און אויף דער גאַנצער מאַרקוס-גאַס איז גאָרנישטאָ קיין וועשעריי, קיין בלאָס-הויטיק מיידל און נישט קיין שאָפער, וואָס האָט אים די האַנט — — —

היינט זענען אַסאַך מענטשן פאַרביי געגאַנגען לעבן אים, ער איז געגאַנגען גיך. וווהין? וווּ?... אָבער ער האָט דאָך שוין טאַקע אויסגעמיטן. דאָ איז דער ווינקל מיט דער קרעטש-מע. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט עפּעס פון דער אָפּערע דורך אַ פאָנפעוואַטן הילכער. אין דאָרט בייט מען אַריין אין דעם קורצן מאַרקוס-געסל. אַ פרוי מיט אַ פּאָר גראָבע לידקעס, אַן

אַ קאַפּעלוש איז געשטאַנען אין ראָג און טעמפּ געקוקט פאַר זיך.

צוריק.

דאָ איז עס... עס איז געווען טונקל. אויפן פענסטער איז דער לאָדן געווען אַראָפּגעלאָזט. אויף די שויבן פון דער טיר איז געווען דער שפּיצן-פאָרהאַנג. פאַרטראָגן ווי אין חלום איז פעטער צוגעגאַנגען און אַ דרוק געטון די קליאַמקע. ס'איז געווען פאַרשלאָסן.

— זיי זענען אַוועק אין גרינוי — האָט געזאָגט אַ פרוי, מיט צוויי קינדער ביי די הענט און זיך אָפּגעשטעלט — אַלע. די באָבע איז אַפילו יאָ דאָ אין שטוב, אָבער מ'האָט זי פאַרשלאָסן. זיי וועלן נישט אַהיים קומען פריער, ווי אַרום עלף—צוועלף אַזייגער.

זי איז אַריין אין שטוב. די קינדער האָבן זיך אומגעקוקט הינטערווייליעכץ. דאָס קלענערע האָט געמאַכט אַ וויינענדיקע מינע.

איבער דער מאַרקוס-גאַס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט, די פענסטער האָבן אויפגעלויכטן. מ'האָט אָנגעשטעלט די מיקראָפאָנען. אין די טויערן זענען שטיין געבליבן פאָרלעך, וואָס האָבן זיך נישט געקענט פאַנאַנדערגיין. זיי זענען געשטאַנען שטום, לייב צו לייב, נישט פאַרמאַכערט פון טאָג, עס איז געווען וואַרעם און דושנע; ווען מ'איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַן אָפענעם פענסטער, האָט מען געשפּירט דעם ריח פון בעטן, קיכן און פאַרוואַנצטע געלעגערס.

פון דער מאַרקוס-קירכע קעגנאיבער אין דער פראַנקפורטער, האָט דער זייגער געשלאָגן ניין, געשלאָגן צען: און קורץ פאַר עלף אַזייגער האָט זיך אַ שווערע האַנט אַראָפּגעלאָזט אויף פעטערס אַקסל. אַהאַ, אַ האַנט:

פאַול איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצן פראַק אויף געשטרייפטע הויזן, ער האָט געטראָגן אַ זיידן העמד און אַ שיינעם קראַוואַט, א גרויען ווייכן פילצענעם הוט האָט ער געהאַט אויפן קאָפּ. ער האָט איצט נישט אויסגעזען חוצפּהדיק

נאַקעט, נאָר פיין, זונטיקדיק, אַ שיינער יינג, נישט קיין סאַך עלטער פון צוואַנציק. די אַקסלען זיינע האָבן, דאַכט זיך, געוואָלט צעשפּאַרן דעם ראָק און די אַרבל זועגן געלעגן שטייף איבער די מוסקולן. אָבער דערביי איז ער געווען פול מיט חן און — גליענדיק.

— מיר טרעפן זיך ווידער דאָ — האָט ער לייכט אַ זאָג געטון. איך שטעל מיר שוין פאָר די מעשה, אָבער דער פויגל איז אַרויסגעפלויגן — אַשאָ! אַשאָ! דער פרילינג איז געקומען! צי וואָלטן מיר נישט געדאַרפט אַ שמועס טון אַביסל, מיין טייערער, ווי עס פּאַסט פאַר מענער? איך ווייס נישט, וואָס דו קענסט מיר אינטערעסירן. אָבער עס בייסט מיך ממש. די קריכסט פשוט אין אַ בלאָטע. ווי גאָט איז דיר ליב. עס גייט דאָך וועגן קיטין — וואָס?

ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם. ער האָט אים געפירט צום פראַנקפורטער טויער און גערעדט מיט אים דאָס און יענץ.

— שווייג נאָר אַ ווײַלע — האָט ער געזאָגט — לאָז מיך פלוידערן און הער זיך צו. מיר וועלן זיצן אַביסל. דער וועבער-גאָרטן — האָט ער פאַרגעשטעלט. — אַ שרעקלעכער פלאַץ צווישן די שטיינערנע גאַסן, אַנגעשטעלט נעדיכט מיט בענק אונטער די שיטערע בוימער. די גרויסע צאָל לאַמטערנעס האָבן נישט אָפּגעהאַלטן די ליבע-פּאָרלעך זיך צו צערטלען, און אַלטע לייט זענען געזעסן לעבן זיי און געברומט צו זיך אַליין. אַנטקעגנאיבער אויף דעם רויטן מויער פון דער שטאָט-מיסיע האָט אַ שילד געלויכטן גרעל און רעפלעקטאָריש: „קום אַהיים צו גאָט".

פּאָול האָט זיך פאַרנומען צו דער פרידנס-גאַס צו די טעראַסעס פון די קנייפּעס. דאָ איז געווען כמעט ליידיק. די מענער האָבן געטרונקען אויף דער פרישער לופט. און מאָרגן איז נאָך געווען אַ טאָג יום-טוב. זענען זיי, הייסט עס איצט הכנאהדיק אַוועק מיט די פאַמיליעס אין שטוב אַריין.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— עריך, — האָט פּאָול אַ רוף געטון — אַ מאָלצ!

— די מינוט, הער פּאָול — האָט געזאָגט דער קאַלך־בלייכער קעלנער — מיר האָבן טאַקע נאָר וואָס צערעכטגעמאַכט, און דער הער?

— אויך אַ מאָלע, — האָט פּעטער באַס געזאָגט.

— אַזוי, מיין ליבער, און איך האָב געמיינט, אַז דו קענסט נאָר בילץ און קאַווע און אַט וועלן מיר טאַקע רעדן אַפּאָר ערנסטע ווערטער. וואָס?

פּאָול האָט אַרויפגעריקט דעם קאַפּעלוש אויפן קאַרק. זיין האַלז האָט ממש אַרויסגעקוואָלן.

— וואָס טוט איר, פּאָול?

— איך? מ'טוט דאָס און יענץ. מ'האָט פאַרשיידענע עסקים.

— איר ווינט דאָ ערגעץ נאָענט?

פּאָול האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— יאָ, דאָ און דאָרט. מ'ווינט שוין ערגעץ. מ'בייט אַלעמאָל.

אַ פרוי האָט אים אַ שטויס געטון ביים אַרויסגיין.

— וואָס, פריילן, דו ווילסט דאָ עפּעס?

— נע, גלאַט אַזוי זיך, — האָט די דאַמע געפּישטשעט, און זיס געשמייכלט צו אים — דאָ ליגט מען גאָרנישט אין דעם.

דער קעלנער האָט צוגעבראַכט די מאָלן.

— אַלזאָ, צו דער זאַך, מיין יונג, און אַ סוף: די ווילסט זי האָבן?

— הערט אויס, ס'איז מיר נישט מעגלעך אַזוי צו רעדן.

— איך קען אַנדערש אויך, אויב דו ווילסט דווקא. ענגליש און פראַנצויזיש. אַמאָל — אָבער דאָס איז שוין זייער לאַנג — האָב איך אויך ציטירט: „מעגנין איידע טעהאַ..."

— איר האָט עפּעס אַ סוד.

— און דו רעדסט, ווי פון אַ בוך אַרויס. איך וואָלט נאָר בעוואָלט זען אַ מענטש אָן אַ סוד. אַפילו דו, מענטש איינער האָסט אויך אַ סוד, דערביי ליגסטו נאָך אָפן, ווי אַ גראַנד מיט פירן אָדער בישטלעך.

— אַלזאַ, האָסטו זיך, הייסט עס, אַריינגעגומען אין קאָפּ אַריין, אננאַן.

— צי איז זי אייער מיידל? געהערט זי צו אייך?

פּאַול האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז.

— קיינער געהערט נישט צו קיינעם. וואָס פאַר אַ שטות, אָבער זי טוט, וואָס איך וויל.

— איר קענט זי שוין לאַנג?

— אננאַן? זי איז געגאַנגען אין דער גמינע-שולע אויף דער גיפּס-גאַס און איך אויף דער שטיין-גאַס אין דער סאָפיע-גימנאַזיע. ווען זי איז אַלט געווען צען יאָר איז זי שוין געקומען אין דער יאָאַכים-גאַס פאַר די טויערן, און די מוטער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף דער מינץ-גאַס. איך בין דאַן אַלט געווען פופצן יאָר, אָבער זי האָט מיך געלערנט: די מאַמע האָט געזאָגט... איר מוטער האָט שוין דאַמאָלס געהאַט אַ שם, און ס'האָט געהייסן, אַז דאָס קינד איז ביי דער באָבען, אַנישט וואָלטן זיי עס איר צוגענומען, אָבער זי האָט עס נישט געוואָלט אַוועקגעבן. נו, עלי — דאָס איז די מוטער — האָט גוט געמיינט, דאָס הייסט, וואָס ביי אַ בלאַטע הייסט גוט, דאַן האָבן זיי זיך פאַרנומען אויף איר, און ווען אננאַ איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז זי פאָרט אָנגעקומען צו אַן אָפּיעקון. נו, מיין טייערער, ערשט ווערט דיר ביסלעכווייז קלאָר אין קאָפּ, וואָס?

פּעטער באָס האָט פאַרבראָכן די הענט אויפן שויס און זיך באַמיט צו האַלטן שטאַרק. זיינע אויגן האָבן אַוועקגעבלאָנדזשעט פון דעם שיינעם בחור און האָבן דערזען דעם הימל, און ער האָט אַ זאָג געטון צו זיך אַליין:

— די שטערן וואַנדערן איבער מיר.

— אַ מאָדנער הייליקער — האָט געמורמלט פּאַול צו זיך אַליין. — איך קען מיך וועטן, אַז דו האָסט ערנסטע כוונות.

— וועגן אננאַן?

— מענטש, וואָס פאַר אַן ערנסטע כוונות? שלאָפסט זיך איינמאָל דורך מיט איר און אַ סוף, פיין. דאָס פאַרשטיי איך. דו קענסט זי קריגן. אָט האָסטו אַ האַנט דערויף. פאַר דיר קאָסט

עס גאָרנישט. איך גלויב, אַז דו וועסט קניען און בלויז תפילה טאָן צו איר.

— איך ווייס נישט, צי איך קען ווייטער רעדן מיט אייך.

— ערוך, נאָך איינס! מיר וועלן טרינקען אויף ברידער-שאַפט. ווי-זשע הייסטו?

— פעטער באָס.

— ריכטיק. שול-גאַס. איך האָב אַ קוק געטון אין טעלע-פאָן-בוך. איך האָב עטלעכע מאָל געקלונגען צו דיר, אָבער דער אַפּאַראַט איז כסדר געווען פאַרנומען. העכסט דעם גאַנצן טאָג ביים שנירל און שמועסט מיט די דאַמען פון וועסטן. און איר שפּילט אַביסל ליבע. האַ? אָדער זעקס בארן אין דער נאַכט באַ-זוכסטו, צען קאָקטאַילן, און אַהיים קומסטו פאַרשיכורט און טרוי-עריקייט, האַ?

די בלויקייט פון זיינע אויגן האָבן אַרויסגעשטראָמט אַן אַ שיעור מיטגעפיל און צערטלעכקייט איבער פעטערס ציטער-דיק האַרץ.

— איך בין אינגאַנצן צעטומלט, פאָול, איך פאַרשטיי גאָרנישט. איך האָב געלעבט פונקט ווי יעדער פעטער באָס. איך האָב געירשנט פון פאָטער די קלאַוויר-פאַבריק. זינט צוויי יאָר פאַרקויף איך שוין גאָרנישט. איך האָב געלעבט פון דעם איבער-געבליבענעם קאַפּיטאַל. אַלע מענטשן זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן, אחוץ דעם אַלטן געשעפטס-פירער; ער איז פינפאונדרייסיק יאָר געווען ביי אונז; וואָס האָט ער געקענט טון. פריער זענען מיר געווען רייכע לייט, דאָס הויז געהערט נאָך היינט צו מיר. איך דער פאַבריק שטייען צוויי שטאָקן ליידיק. איך האָב נישט גע-האַט קיין געלט, איבערצובייען זיי אויף וווינונגען. אָבער איצט האָב איך שוין געלט, פאַר אַנגאַן. וואָלט איך געקענט — — —

— וואָס האָט איר געפינען אַזוינס נאָר אין אַנגאַן?

— אין אַנגאַן?

— אַ שיין מיידל. דערביי מוז איך צוגעבן — אַ שיין לייב, מויל, אַלצדינג פרימאַ. אָבער אַזוי שטאַרק פאַרקאָכט זיין אין איר! זי איז אַ נבלה, דו! זי איז אַ פּאַסקודנע נבלה! געוויסן—

פאַר קיין גראָשן נישט. האַרץ? קיין ברעקל הארץ האָט זי נישט און אויף איר לויפסטו, ווי אַ משוגענער! מענטש, ייִנגל, טאָמער טרעף איך דיך נאָך איינמאָל זיך אַרומשלעפּן ביי איר טיר, נעם איך דיך אָן ביים קאָלנער. דו הערסט, איך — —

— וואָס גיי איך אייך דען אָן? איך קען דאָך זיין אַלציינס, צי איך פאַל אַריין אָדער — איר האָט ליב אַננאַן!

— איך —

— איר האָט ליב אַננאַן.

— אפשר.

— איר האָט ליב אַננאַן, און —

— איך וואָלט אייך גערן געוואָלט זיין אַ פריינט, פעטער.

— אַננאַ —

— אפשר טו איך עס שוין מחמת פריינטשאַפט. יעדער איינציקער האָט זיך זיין פאַרגאַנגענהייט. מעג מען היינט זיין דער ערגסטער. ווען איך האָב דיר, מענטש, היינט אַזוי אָנגעקוקט — בין איך ווידער געווען פופצן יאָר אַלט.

— איך —

— דו מאַכסט ערשט דורך דאָס, וואָס איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן. ווייסטו וואָס, איך וואָלט דיר גענומען אונטערן אָרעם און געגאַנגען מיט דיר. נישט אין קיין קנייפּעס. ניין, אָבער אַזוי, אפשר לענג-אויס די שפּרעע, לאַנדווער-קאַנאַל אָדער אין וואַלד. צו אַלדע רוחות! ווייבער, ווייבער, ווי די זאָלסט זיך נישט אַ קער טון, וו מען טוט זיך נאָר אַ ריר. איך וואָלט אַמאָל געוואָלט פאַרברענגען מיט אַ ריכטיקן מענטש. דו ביסט אַ מענטש, ייִנג איינער. די אַננאַ, שלאָג זיך זי דיר אַרויס פון קאָפּ. שלאָפסט זיך איינמאָל איבער מיט איר און פּטור. קום, מענטש איינער. איך וואָלט געזעסן אַביסל ביי דיר אין שטוב. ווען מיר גיין? מירן גיין צופיס? אַן אָנגענעמער זונטיק אָונט, וואָס? אָבער גיב אַכטונג. איצט איז זי שוין אין שטוב, אַננאַ, פריילין קיטי. ווילסטו גיין אַהין, ווילסט ווידער צום פענסטערל? זי טראָגט אַ גרין זיידן קליידל. געטאַנצט האָט זי נישט. זי איז נישט פאַרשוויצט, זי האָט אַ פיינעם ריח. די

ריכטיקע שעה, ווי דו זעסט מיך לעבן. איך האָב איר וויינאַכטן געברענגט מתּנות, זי האָט געזאָגט: צי איז נישט בעז נאָך שענער?... דאָס איז פריילן קיטי, ווען מען קען זי גוט. איר לינקער פּוסקנעכל — — —

— איך וועל צאָלן, פּאַול.

— נאַרישקייט. דאָס איז מיין קנייפּע. דאָ צאָלט מען נישט. דאָ שרייבט מען אויף. יאָ. עריק!

וויפל בית-עלמינס עס זענען דאָ אין בערלין! זיי ציען זיך לענגאויס מיט די נידעריקע מויערן און הענג-בריקן. אַך זע! די לבנה איז אויפגעקומען פון הינטער די קברים. און די ווידער-געבורט-קירכע איז אויפגעוואַקסן העל און גרויס פון אירע פונ-דאַמענטן. דער פרידריך-וואַלד און דער פּרענצלויער בערג. און ווי-דער צווישן בית עלמינס און בית עלמינס. טורעמס איבער די מויערן, קאָלומנעס, און מוזיק אין אַ ירקות-גאָרטן. זיי זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט, זינט די שול-יאָרן איז פּעטער באָס נאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען אַזוי נאָענט מאַן מיט מאַן. תּמיד האָט ער געהאַט פּרויען לעבן זיך. זיי פלעגן הענגען אויף אים אַלעמאָל שווערער. וואָס מער מ׳פלעגט זיך דערנענטערן צו דער שטוב, פלעגן זיי ווערן הייסער און פאַרשטיקטער. אָבער איצט אָטע-מען זיי ביידע וואָס אַמאָל פרייער. זיי האַלטן גוט דעם טריט. פון ווען האָט פּאַול געערדט? אַננאַ — אַננאַ — — — צי איז עס נישט עפּעס אַ פאַרשאָלטענער ווונטש ביי פּעטערן? פּאַול, וואָס איז געשען מיט מיר, פּאַול? פּאַול, וווּ איז זי ערשט, אַננאַ. ווּ, פּאַול?

— אַזוי פלעגט זי אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אַנטלויפן פון איר אפּיטרופּוס, ביז מ׳האָט זי גצמוזט אַריינגעבן אויף אַן אָרט. צו אויסגעקליבענע פרומע פּאַמיליעס, אָבער דאָרטן האָט מען זי געוואָלט דערציען מיט תּעניתים, אַרבעט און קללות. קרעפּלעך ווערן אויך אַסך מאָל צוגעגעסן. נאָך פינף טאָג פלעגט זי שטענדיק נעלם ווערן. מילא, די באָבע האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, דעם פּאָטערס מוטער. זי האָט גענומען דאָס קינד צו זיך. זי איז געווען אַן אידיאָטישע זקנה, זי האָט נישט באַ-

מערקט, אַז איר רענטע האָט ביז איצט נישט געקלעקט פֿאַר איר אַליין, אָבער זינט אַננאַ איז געווען ביי איר — האָבן זיי געקענט לעבן גרויסאַרטיק זאַלבעצווייט. אַננאַ האָט, הייסט עס, פֿאַרדינט צו פֿפֿצן יאָר. זי איז געשטאַנען פֿונקט קעגנאיבער איר מוטער, ביי דער גאָרמאַן-גאַס. די אַלפֿאָנסן האָבן אויך גע-וואָלט אַ חלק. דאָס איז זיי געיועץ צו דער האַנט. נעם זיך דאָס גוט איין קאָפּ אַריין, האַרציקער.

— איבער מיר וואַנדערן די שטערן — האָט פּעטער באָס געברומט און געקוקט אויפֿן הימל איבער דעם ראָזענטאַל-טויער. זיי זענען טאַקע גראָד דורכגעגאַנגען די גאָרמאַן גאַס. דאָ אונטן, הייסט עס, איז עס געווען. דריי מינוט גאַנג פֿון דער מינץ-גאַס. און דאָרט האָט אַננאַ — — —

— און איצט וועל איך דיר זאָגן אין וואָס עס באַשטייט די גאַנצע צרה: אַננאַ דאַרף האָבן מענער. אָן מענער קען זי נישט לעבן. זי גייט מיט יעדערן. דאָס איז ביי איר אַ שפּאַס. דאָס איז אַ פֿאַרשאָלטענע זאַך, דו, מיט אַזאַ מיידל וועסטו קיינמאָל נישט מאַכן קיין געשעפֿט. אַזאַ מיידל קען מען קיינ-מאָל נישט אָפּלאָזן פֿון אויג, ווייל זי קען נישט אַרבעטן. זי קען נישט פֿאַרדינען. אַזאַ מיידל וועט קיינמאָל נישט מאַכן קיין קאַריערע. זי האָט קיינמאָל נישט גענוג אײנעם. זי וועט דיר אַריינשלעפּן דעם בריוו-טרעגער, דעם קוילנטרעגער, די שכנים און די יינגלעך פֿון הויף, ווען זיי ווייסן נאָך פֿון גאָרנישט. דאָס איז אַ מין הונגעריקע חיה, און ווער ס'האָט אַזאַ קרענק, פֿאַר דעם איז אַלץ גוט.

— אַננאַ — האָט פּעטער געשטאַמלט — אַננאַ איז... זי זעט אויס — —

— יאָ, יאָ, די אומשולד אַליין. זעסטו מענטש, אַ הור זיין איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. וואָס איז דען אַזוי שרעק-לעך! פּאָליטיק איז נאָך געמיינער. אָט וואָס. אָבער, זעסטו, דיין אַ חזיר, שוואַכער פֿון דעם גוטן ווילן, אָדער אינגאַנצן נישט צו האָבן קיין גוטן ווילן, זיך אַריינצולאָזן אין אַזאַ בהמה-שער תאווה — דו, דאָס איז שוין יאָ עפּעס! זי וויל נישט קיין

שום זאַך, זי טראַכט קיינמאָל גאָרנישט. דו ווייסט גלויבן, זי וואָלט נישט געפרעסט, ווען אַ מאַנספערשוין וואָלט איר נישט געשטאַנען אין די אויגן און זיין העמד זאָל זיין נישט אָפן, אַז זי זאָל קענען שמעקן צו איב.

— שווייג! — צי דאַרף איך דאָס הערן? איך ווייס נישט, וואָס איר זענט דערביי אויסן, פאַרוואָס איר ווילט זי מיר דווקא פאַרמיאוסן. איך גלויב אייך נישט. איך האָב זי געזען. ניין. דאָס איז נישט אמת. איך האָב אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. איך גלויב איר געזיכט. ווער זענט איר, פּאָול, ווער זענט איר?

— אַזוי, דו גלויבסט מיר נישט. — — — איך האָב געזען אַסאַך מענטשן, וואָס האָבן זיך אַליין באַגראָבן. אַסאַך מענטשן זענען שוין פאַר מיינע אייגענע אויגן דערטרונקען געוואָרן — אין לעבן! אין תּנוף, אין מיסט דערשטיקט געוואָרן. איך האָב זיך קיינמאָל נישט צוגערירט מיט קיין פינגער. פּגר! ווורשט איז ער פאַר מיר, דער מענטש, דער הונט-מענטש!

— וואָס האָט ער אייך געטון אַזוינס?

— כ׳בין נאָך נישט געזעסן. קיינער האָט מיר נאָך קיין שום בייז נישט געטון, אַפילו נישט געזאָגט, זאָל נאָר עמעצער פּרוּוון! אָבער גיי אַוועק מיטן מענטש! תּנופת איז דער מענטש. נאָר, זעסטו, ווען דו ביסט געכטן אויף דער נאַכט געשטאַנען אַנטקעגן פענסטער און דו ביסט געווען אַזוי איינגאַנצן פאַרלוירן, און איך האָב געזען, אַז דאָס איז יאָ עפּעס אַ בירגער, אַן ערלעכער, זע נאָר, זע נאָר, אַ קליינער יינגל פון סיריוס, וואָס האָט זיך דאָ פאַרבלאָנדזשעט, און געפינט נישט צוריק זיין ריינעם שטערן — זעסטו, מענטש, דאַן וואָלט איך דיר אָנגענומען פאַרן קאָלנער, און מיט איין טריט אַוועקגעשטעלט דיך אויף דיין אָרט.

— אויף מיין אָרט? — אויב מ׳איז אַ מענטש — — —

— אַ מענטש! אויב מ׳איז אַ מענטש! הער בעסער אויף מיט אַזאַ קוואַטש! דאָס איז פּאָעזיע, און דאָסטאָיעווסקי, און סאָציאַל געפיל פון אימפּאָטענטן. יאָ, דו זעסט אויס אויף אַ

זעלבן. דאָס איז עס! הוילע באָבע-מעשׂיות! רעדט פון „מענטש״. איז דיר אפשר אַנגאַ אויך אַ מענטש! פשוט צו קריגן ספּאַזמעס פאַר געלעכטער. אָבער אויב דו, דו, מיין באַס, זאָלסט אויך ווערן אַזאַ מענטש, און איך זע דאָס, איך פיל דאָס, וויל איך, אַז דו זאָלסט נישט מאַכן פון זיך קיין תּל! ראַטעווע זיך, מענטש. לאָז דיך ראַטעווען!

— יאָ, איך קאָן נישט לאַכן.

— דאָס איז עס טאַקע. תּמיד מיינסטו ערנסט. אַלצדינג מיינסטו ערנסט, מענטש. מענטש איינער, דאָס אַלץ איז נאָר אַ טעאַטער! אַנגאַ, פאַרשטייסטו מיך, איז צו זיבעצן יאָר געגאַנגען אין אַ רעווי. זי איז געשטאַנען אונטערן שיינוואַרפער אַזוי-אַ, איינגאַנצן נאַקעט. זי האָט געהאַט מזל. יעדער איינציקער האָט אָפּגעלעקט אַ ביינדל, פון דעם פייערלעשער ביז צו מיסטער דאָלאַר אין דער פרעמדן-לאָזשע. אָבער דערביי איז זי דווקא נישט קאַלט, נישט באַרעכנט, נישט קלוג, זי מאַכט זיך אומגעוויינלעך. זי לייגט זיך אַוועק, נאָך איידער יענער האָט אַרויסגענומען דעם טייסטער. און אַז ער גייט אַרויס און פאַרגעסט גראָד איבערצולאָזן עפּעס, רופט זי אים נאָך נאָך: „אַ שיינעם דאַנק!״ איינער, אַ מעקלענבורגער, האָט איר אַמאָל איינגעאָרדנט אַ דירה, אויף דער זאַקסישער גאַס, פיר שיינע צימערן, אויסגעצייכנט. אָבער ווי מיינסטו, האָט עס עפּעס פיין אויסגעזען, ווען ער קומט און זי איז קראַנק פון אַ גאַסן-יונג, וואָס האָט איר געטראָגן מילך?

— נו, ערשט וועלן מיר אַביסל שווייגן, פּאַול.

— מאַך צו די אויגן. יאָ, איך פיר דיך. קענסט זיין זיכער, איך פיר דיך אַהיים. כ׳מאַך נישט קיין שום אומוועג. דורכן גלייכסטן און קורצסטן וועג. איך פיר דיך אַהיים, דו פאַרבלאָנדזשעט ייִנגל. —

— ווייטער. איר מוזט דאָך רעדן ווייטער. אַנגאַ — —

יאָ, דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשׂה מיט טאַנצן. ס׳איז שוין געווען נישקשה. אָבער איינמאָל, ביי אַ גענעראַל-פּראָבע, אין דער הייסער מינוט, האָט זי עמעצער פאַרטשעפּעט; זי איז

אַראָפּגעפּאַלן פון אַ טרעפּל און זיך אויסגעלינקט דעם קנעכל פון לינקן פוס. מ׳האָט עס אויסגעהיילט. אָבער ס׳איז געבליבן אַביסל שטייף. טאַנצן קען זי נאָך, אָבער די רעווי איז שוין פאַרשפּילט. און אָט איז עללי, איר מוטער, געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט אַמאַליע לידיקע, וואָס האָט איר געוואַשן און געפּרעסט איר ליבעס-וועש, בחינם, ווייל זי האָט אַ גאָלדן האַרץ, די אַמאַליע. זי האָט גענומען אַננאַן צו זיך. אַננאַ, פאַרשטייסטו, איז אין איין שרעק, טאָמער פאַרשרייבט מען זי אין דער זיטן-פּאָליציי. זי האָט אַן עקל צו דער גאַס. דאָס איז צוליב איר מוטער און איר קינדהייט. און אָט איז זי אַן אָרנטלעך מיידל, אַננאַ, זי האָט אַ סטאַציע ביי אָרנטלעכע מענטשן אין דער קרויט-גאַס. און ווייטער ווייס איך פון איר גאָרנישט, זאָגן זאָגט זי גאָרנישט. זי שווייגט ווי אַ פיש. נו, און די רעשט קענסטו זיך שוין אפשר אַליין פאָרשטעלן.

— צי האָט איר מיך נישט אָפּגענאַרט פריער, פּאַול?

— יאָ, וועגן דעם מוזטו דיר אַליין ברעכן דעם קאָפּ.

— צי קען דאָס, וואָס איך גלויב, נישט זיין אמתער, ווי דאָס, וואָס איר ווייסט?

— זאָל איך ענטפערן דערויף? איך פאַרשטיי מיך נישט אויף קיין פילאָזאָפיע.

— מאָרגן —

— איך האָב אַ פאָרשלאַג. אויב מ׳וויל קענען אַ מענטשן, מוז מען קענען זיין משפחה. איך וועל אייך, הער פאַבריקאַנט, פאָרשטעלן די פרוי עללי, אַננאַס מוטער.

— וואָס — — —

— דאָס וועט זיין זייער נוצלעך. דאָס איז אַ דאַמע מיט אַסאַך דערפאַרונג. עליזאַבעט-גאַס, הויף רעכטס, אין קעלער. מיר דאַרפן האָבן אַ פרייען זונטיק. שוין, שול-גאַס?

— מיר זענען שוין באַלד אויפן אָרט.

—אָבער איך גיי שוין נישט אַרויף צו דיר. ניין. איך גיי צוריק. אַ גוטע נאַכט.

— איר האָט אַ שטאַרקע האַנט, פּאַול.

— יאָ.
— מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן.
— ווען זי לאָזט נאָר נישט אָפּ.
— זי טוט אַזוי גערן, האַ?
— דו האָסט אַן אַנונג.
— איר זענט אַ גוטער מענטש, פּאַול?
— קיין שמעגעגע בין איך נישט.
— קומט-זשע אַרויף. מאָרגן האָבן מיר דאָך נאָך יום-טוב.
איר דאַרפט אויפשטיין פרי?
— ניין.
— פאַרוואָס זענט איר איצט אַזוי שטיל?
— איך גלויב, אַז איך בין אַביסל פאַרטראַכט.
— מאָרגן?
— אַרום ניין אַ זייגער, דאָ אונטן. איך וועל אייך נעמען אין מיין אויטאָ.
— איך ווייס גאָרנישט פון אייך, פּאַול.
— זאָל דיך גאָט אָפּהיטן, מיין קינד, ווי אַלט ביסטו?
— דריי און דרייסיק.
— און איך זעקס און צוואַנציק. — האָט פּאַול געענטפערט און זיך פאַרנויגט. ער האָט געשמייכלט צו פעטערן. אַ יונג מיט קינדערישע ציין, זיינע האָר זענען אַרויסגעפאַלן פון זיין הוט איבער די אויגן. ער האָט אויסגעזען שעלמיש און אומשולדיק.
— אַ גוטע נאַכט.
און נאָכאַמאָל דער באַלקאָן. אין מערב-זייט, אין דער זילבער-נעפלדיקער נאַכט, זענען געשטאַנען די נאַכט ריזיקע זיילן. איבער זיי האָבן זיך געראָיעט די שטערן. פון אונטן האָט זיך שוין נישט געהערט קיין טריט. ווו איז געווען פּאַול?.. און ווער איז ער?...

פּאָול האָט זיך אָפּגעשטעלט אַרום האַלב צען מאָנטיק, דעם צווייטן טאָג פּסח ביינאַכט, לעבן דעם פּאָליציי-פּרעזידיום ביי אַלעקס.

— אונטערן אויג פון געזעץ, פּעטער, איז נאָך דער מער-דער פאַרבאָרגן.

אין אויטאָ זענען שוין איצט נישט געלעגן קיין באַלעמס, דער פּערדעק איז געווען אָפן, די טונקל-בלויע אויסבעטאַכץ האָט אויסגעזען צערטלעך און עלאַסטיש. עס האָט זיך נאָך געשפּירט אַ ריח פון פּאַרפום. דאָס איז געווען אַ הערלעכער וואָגן פון אַ רייכן לעבּ-יינג. אָבער פּאַול האָט געטראָגן אַ לאַנגן דינעם שאָפער-מאַנטל און אַ שטייף בלוי היטל. עס האָט אויסגעזען אַביסל מאָדנע, ווען ער איז געגאַנגען צוזאַמען אַזוי חבריש מיט דעם פיינעם הער. פּעטער איז געגאַנגען ווי אויף אַן אָרנטלעכן ביר-גערלעכן באַזוך. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן די הענטשקעס, ער האָט געטראָגן אַ האַרטן הוט און אַ שטעקן.

קורצעס-גאַס. עליזאַבעט-גאַס. זי איז געווען שמאָל, פינצ-טער און ליידיק. צוויי מיידלעך זענען געגאַנגען אַהין און צוריק.

— ט'נאָוונט, פּאַול! — האָט געזאָגט די רויטע און אַ קניפּ געטאָן אים אין אָרעם.

— עללי איז אינדערהיים, אידאַ?

— זי ווארט אייך שוין אָפּ. זי איז שוין געקומען צוריק פון לאַנדסבערגער טויער. זי האָט באַקומען אַ גאַסט פון וועסטן.

— נו, אַלזאָ, פּעטער, שווידערס דיר, וואָס?

און אָט איז אין טויער פון אַ צוויי-שטאָקיק, אָפּגעריסן הויז, געשטאַנען אַן אַלטע גאַסן-פרוי, פופציק יאָר אָדער מער, שמאָל-ביינדיק, אָבער מיט אַ דיקע ברוסט און בויך, זי האָט געטראָגן אַ דין רויט קלייד מיט אַ ווייסן סוועטער, זי איז געשטאַנען שטאָלץ און קאָקעטיש אין לאַמטערן-ליכט. זי האָט געטראָגן שפּאַציר-שיך, און אויף דעם נאַקעטן, פעט-בלייכן אָרעם אַכאַן רינגען. אָבער דאָס פּנים איז געווען מוראדיק געשמירט, אַ מאַסקע פון ביליקע שמינקעס, און ווען זי האָט געשמייכלט צו דעם הער, האָט זיך אויפגעעפנט אַ שוואַרצער לאָך אין די אויבערשטע ציין; די לאַנגע פּערל אין אירע אויערן האָבן זיך געשאָקלט, אַ גאָלדענער לאָק האָט איר אַרויסגעשטעקט פון אונטער דעם רויטן היטעלע.

— גוטן אָוונט, עללי! — האָט פּאָול געזאָגט, — דאָס איז מיין פריינד, וואָס האָט זיך געזאָלט אָנטון דאָס פאַרגעניגן —

— אַך, זייער אָנגענעם, מיין הער. ניין, דו ווייסט פּאָול, דו האָסט היינט ווידער דיין טאָג.

זי האָט זיך געפּוצט, געדרייט מיט דער טאַליע, אַרויסגעשטעקט די ברוסט, און גערעדט מיט אַ גריל־צנדיקער שטימע:

— יאָ, צי ווילן נישט די הערן צוקומען נענטער? איך זע, אַז דער הער איז טאַקע אַן אמתער הער. נישט עפּעס אַ קליענט פון אַ הינטער-געסל. פּאָול, זאָג איך צו אים, ווען ער איז געקומען היינט מיטאָג, אויב דו לאַכסט נישט פון מיר—וואָרן איר ווייסט, מיין הער, אַזוי איז ער שוין. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך היינט פריש איבערגעצויגן.

— יאָ, — האָט פּעטער געשטאַמלט, — אָבער איך, איך וויל — —

— יאָ, פּאָול — אָבער אַ פאָרוואָרף מוז איך דיר מאַכן.

איך בין נאָך תמיד זייער ליידנשאַפטלעך, און איך קען דאָס זייער גוט. פון מיר איז נאָך קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען אומבאַפרידיקט. אָבער ווען איך קוק אַזוי אָן דעם הער, וואָלסטו דאָך ליבערשט געקענט אָננאַן — איך מיין מיין טאָכטער, די הייסט קיטי. אַ שיין מיידל, ווי גאָלד, מיין הער. אָ, אַז איר וועט אַ קוק טון אויף איר, וועט איר שוין נישט קענען אַוועקגיין. ביי איר דאַרף מען נאָך נישט קיין קונצן. נאָר איין קוק פון קיטין, און —

און זי האָט אַ וואָרף געטון קאָקעטיש אַ בליק פון אַ ווינקל אויג און געמאַכט מיט די וויעס.

— יאָ, פעטער, איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו זאָגן: עללי קען דאָ פאַרזוימען איר אַרבעט. וואָס קאָסט אַזאַ גוט פאַרבראַכטע שעה, עללי?

— גאָט מיינער, דו ביסט דאָך אַ מאָדנער. יאָ, נישט לאַנג האָב איך—לאָמיר אַזוי לעבן—באַקומען פינף און דרייסיק מאַרק.

— אָ, הייליקער בימבאָם! שוין צען יאָר, ווי זי וואַרפט יעדן איינעם די פינף און דרייסיק מאַרק אין קאָפּ אַריין. דאָס איז געווען דעמאָלט דער שיכורער אויבערקיילער. דאָס האָט געטראָפן איינמאָל אין לעבן, עללי. אָבער איצט, עללי, זאָג נאָר דעם ריינעם אמת, וויפיל איז היינט אַזוי, דער דורכשניטספרייז, דער נאַכט-פאַרדינסט, עללי דו זאָלסט מיין פריינד נישט באַרייסן.

— דורכשניטס-פרייז, — האָט עללי געזאָגט פּאַמעלעך און טראַגיש, — יאָ, דורכשניטלעך, יאָ, פאַרדין איך אַ פינף מאַרק אַ טאָג. שלעכטע צייטן היינט, מיין הער. מ׳טוט וואָס מען קען און קוים פאַרגינט זיך שוין איינער מיט אַ מאַרק, וואָלט ער געוואָלט אַרויסציען די עצמות.

— אַלזאָ, פעטער?

— גוט, איך בלייב, פּאַול. איך וואָלט אַריין אַביסל אונטערזיצן ביי אייך אין שטוב, אויב איר דערלויבט.

— אָך ניין. דערלויבן? אָבער ביטע זייער. כ׳האָב דאָך פריש באַצויגן. נו, גיי שוין, פּאַול.

— איך וועל קומען דיך אָפּנעמען, פּעטער. אַזוי, אַרום צוועלף. און דו, מיין ליבער, העד זיך נאָר איין מיט קאָפּ.

— אַדיע, פּאַול, גריס קיטין. ווייל.ערשט גייט ער צו איר. ער, זעט איר, איז אַ שטילער ייִנג, ביי אים קען קיינער קיין טאָלק נישט דערגיין. קיינער ווייסט נישט, וואָס ער טוט, אָט דער פּאַול.

פּעטער באָס האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק צוריק אויף דער גאַס. טונקל, פינסטער, דושנע, האָט זי אים דאָך איצט, בעת ער איז אַריין אין דעם טונקעלן הויז, אויסגעזען, ווי אַ רחבותדיקע אָפענע פרייע וועלט.

— גיט מיר אייער האַנט, מיין הער. עס איז פינסטער, אָבער ס'איז נישט ווייט, אָט דאָ אין הויף רעכטס, פינף טרעפּ־לעך אַראָפּצוגיין.

אין הויף האָט ער פּלוצלונג דערפילט אַ ריח. קיל, קיל! אונטן איז געווען אַ מעלקערייַ און פון שטאַל האָבן זיך געהערט די שווערע טריט פון אַ בהמה און אַ שטילער מו האָט אָפּגעגעבן, ווי אַן עכאָ פון דעם פרייען, גרינעם פעלד.

אונטן, אין דושנעם פוילנדיקן קעלער־קאָרידאָר האָט גע־סקריפּעט אַ טיר.

— אוי ווי — האָט עללי געזאָגט — איך האָב אויפגע־האָנגען אַ לעמפל און איצט איז פינצטער.

אָבער אָנשטאָט צו מאַכן ליכטיק, האָט זי זיך שווער אָנ־געשפּאַרט אָן פּעטערן און דער בעז־ריח פון אירע קליידער האָט זיך אויסגעמישט מיטן פייכטן ריח, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פינסטערער וווינונג.

ער איז געגאַנגען עטוואָס צוריק, כדי אַרויסצונעמען די שוועבעלעך. עללי האָט פאַרשטאַנען און אָנגעצונדן דעם גאַז. אין דער גאַנג איז אַרויסגעטרעטן אַ קיך מיט אַ קאַ־בע. מיט אַ רויטער סאַמעטענער קאַנאַפּע, אַ קליידער־שאַנק און אַ קאָמאָדע. אין דעם דאָזיקן ענגן לאָך איז געשטאַנען אַ קרומער, אָפּגענוצטער סאַלאָן־טיש. איין טיר, באַהאָנגען מיט מלבושים, איז געווען אָפן אין אַ שטוב ווי אַ חייל, און דאָס

ליכט האָט באַלויכטן אַן אייזערן בעטל, מיט אַ רויט-באַצויגע-נעם קישן. אַ געלע געשטעפּטע קאָלדרע האָט זיך שטאַרק אָפּ-געשלאָגן פון דעם גרויען ליילעך. דאָס בעט האָט זיך אָנגע-שטויסן כמעט אָן דער טיר, די ברייט פון גאַנצן קאַמער האָט איינגאַנצן געהאַלטן אפשר אַ מעטער.

— געמיטלעך דאָ, אמת? — האָט געזאָגט עללי פאַרנו-מען. זי האָט אַראָפּגעצופּט דעם רויטן שאַם-פּאַפּיר פון לאָמפּ און דאָס טונקעלע ליכט האָט נאָך צוגעגעבן דעם אָרט מער געשפּענסטערישקייט. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס היטעלע, און אין דעם שפּיגל מיט די פלושענע ראַמען זיך צורעכט געמאַכט אירע געפאַרבטע האָר. זי האָט זיך אָנגעפּודערט די נאָז, גע-שמייכלט, זיך אַרומגעדרייט, אויסגעטון דעם סוועטער און אירע בריסטן זענען געבליבן ליגן ווייך און ברייט אויף דעם בויך.

— ביטע זייער, דאָ שטייט קאַווע. אייגס צוויי דריי — איז זי וואַרעם. מאַכט אייך באַקוועם, מיין טייערינקער. דעם קאָלנער טוט איר אויס, וואָס? ניין? אָ, עללי איז נישט צודריג-גלעך. איך פאַרשטיי בלויז נישט. איך פאַרזיכער אייך — אַזוי גוט ווי איך זאָרג פאַר — — אויפן קאַנאַפּע? ניין? ביטע, אַ שטול? מילא, און דערנאָך וואָס? ערשט הויב איך דאָך אָן צו ווערן נייגעריק — — — איר זענט דאָך נישט פון דער מיסיע? אַזאַ זאַך וועט מיר פאָול נישט אָפּטון.

— איך האָב געוואָלט רעדן מיט אייך, איך בין אַזוי נישט באַהאַוונט אין לעבן, איר ווייסט, מען האָט תמיד צו מיר געהאַט צוטרויען.

— צוטרויען! צוטרויען!—מיר ווייסן שוין. איך בין אַ קאָ-מוניסטין, הער, איך זאָג עס פריי און אָפן. פּערזענלעך האָב איך גאָרנישט צו די קאַפּיטאַליסטן, אָבער דאָס סיסטעם, זעט איר, דאָס סיסטעם.

— אָך ניין, איך מיין נישט קיין פּאָליטיק. איר ווייסט, וואָס איך וואָלט געוואָלט הערן? אויסהערן אַ ביסל פון אייער לעבן. אָט, זעט איר, איך לאָז אייך איבער הונדערט מאַרק.

— הונדערט — — הונ—דערט — — יאָ, פּונקט ווי

דאַן פינף און דרייסיק — — גאָט, פּאָול, יאָ, וואָס — —

און זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער דעם באַנקנאָט אויף דער גרינער סאַמעטענער דעק, זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע הענט, אָבער זי האָט אים נישט אָנגערירט. זי האָט אים אָנגעקוקט, אָנגעקוקט. — זינט דער אינפלאַציע האָט זי נאָך נישט אָנגעזען אַזוי פיל געלט.

עס איז דאָך נישט קיין פאַלשער, מיין הער? עס טרעפט אַמאָל אַזוינס אויך, ווייסט איר, עמעצער קומט, לייגט אַוועק אַ פּאַפּירל און — דערנאָך טו איך אַ קוק, ס׳איז גאָר עפּעס אַ רעקלאַמע, עפּעס אַ בלעטל. אָבער איר, אָ, ניין! איר, דאָס זעט דאָך אַ מענטשן-קענער—איר זענט דאָך אַן אמתער, ריכ-טיקער מענטש. יאָ. אַלזאָ, אויב איך זאָל מיך דערלויבן — הונדערט — —

און זי האָט אָנגערירט דעם באַנקנאָט. אירע הענט האָבן זיך געוואָרפן. איר מויל האָט געציטערט, ס׳האָט זי געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. אָט די פרוי האָט שוין נישט געקענט ווייַ-נען, אָבער זי האָט אויפגעהערט צו רעדן. זי האָט זיך שווער-פעליק אייפגעהויבן, זי האָט פאַרגעסן צו באַהאַלטן אירע פּופּציק יאָר און זיך צוגעשלעפּט צום שאַנק. איר געלט איז געלעגן אין אַ ציגאַרן-שאַכטל, וואָס זי האָט באַהאַלטן אונטער די שמו-ציקע וועש. אינעווייניק האָט געקלונגען. זי האָט צוגעשלאָסן די שאַנק און אַרונטערגערוקט דעם שליסל אונטער די פּלוש-ראַמען פון שפּיגל. דאַן — פּונקט ווי זי וואָלט אָן דעם גאַסט פאַרגעסן—האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די ווייסע שפּאַציר-שיך פון די פיס און אָנגעטון צוויי גרויע מעשטעס, דערביי האָט זי זיך קרעכצנדיק איינגעבויגן; ווייל זיי זענען געשטאַנען אונטער דער קאָמאָדע. און דאַן האָט זי געברענגט דעם טאָפּ מיט קאַווע, און דריקנדיק אים צווישן אירע ברוסטן, איז זי צוגעקומען צום טיש. זי האָט אויסגעטון דאָס רויטע קלייד איבערן קאָפּ און איז געבליבן שטיין אין אַ מין ליליאַ הלבשה, די זאָקן-בענדער האָבן געהאַט גרויסע ליליאַ סטענגעס פון באַוול-באַנד. אירע איבערשענקלען זענען געווען פעט און ווייך. אַזוי האָט זי זיך

אראָפּגעלאָזט, הנאהדיק און קרעכצנדיק אויף דער קאַנאַפּע.
— איר וועט דאָך נישט קיין פאַריבל האָבן, מיין הער, וואָס איך מאַך זיך באַקוועם און נעם אַביסל קאַווע. אוף! דריי שטיק האָב איך געהאַט היינט נאָכמיטאָג. אַלטע שטאַם-געסט, מיט זיי קומט מען אַזוי לייכט נישט אָפּ. איך האָב נאָך נישט בעגעסן קיין אָונט-ברויט. איך האָב פּשוט פאַרגעסן, אַז היינט איז יום-טוב און גאָרנישט איינגעקויפט. יאָ, יאָ, און אָט איז אַ מאַן, וואָס לאָזט אַמאָל צורו. אַוודאי, אַזוינע קען האָבן עפּעס בעסערס. אָבער איך בין אויך אַמאָל אַלט געווען זיבעצן יאָר, איך בין דעמאָלט געקומען פון פּעטערסדאָרף קיין בערלין. נו. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, בין איך שוין געווען נאָך אַלעמען. פון אַ סאָלדאַט. אויף דער האָזן-לאַנקע. איך האָב דאַן געדינט אין ריק-דאָרף, ווי ס'האָט נאָך דעמאָלט געהייסן. ביי אַן אַלטער פריילן. זי האָט קיין שום זאַך נישט באַמערקט, און אונטער די טרעפּ אין קוילן-קעלער האָב איך עס געהאַט, זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט אין קליניק, גוט, און אויפן דריטן טאָג זאָגן זיי מיר, אַז ס'איז טויט. גאָט צו דאַנקען, האָב איך געטראַכט און אַוועק אויף אַן אַנדער שטעל. נו, מילא, האָב איך זיך באַלד ווידער באַנאַרישט. דריי שטיקלעך האָב איך געהאַט אין דריי יאָר. ווי נאַריש דער מענטש איז. מ'האָט מיך שטאַרק נאָכגעיאָגט. נו, בין איך שוין אַלט געווען דאַן צוואַנציק יאָר און געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט אַ פיינער דאַמע. זי האָט געהאַט זייער אַ שיינע וווינונג אויף דער יעגער-גאַס. און תמיד, ווען איך האָב געהאַט פרייע צייט, יעדן צווייטן זונטיק און מיטוואָך, בין איך געגאַנגען צו איר, זי האָט איר הער געהאַט לעבן זיך. זי האָט מיך זייער גוט געלערנט. די דאַמע האָט איך זייער ליב געהאַט, פאַר איר וואָלט איך געווען פעיק צו טון די גרעסטע עבירה. זי פלעגט מיר תמיד זאָגן: דו, זיי נאָר פריוואַט. זיי אויף אַ פּאָסטן, אָבי נישט אויף דער גאַס. אָבער אינמיטן דרינען איז זי געשטאָרבן. דאַן האָב איך אַוועקגעוואָרפן מיין פּאָסטן און געוואָרן זעלבסטשטענדיק. אָבער שטילערהייט, דאָס האָט געדויערט דריי יאָר. איך האָב געניט קראַוואַטן, ביז

איינער אַ מנוול האָט מיך אויסגעגעבן: און אָט ווייס מען שוין אומעטום. אַלעקס און אַ ביכל, און אַמאָל אַרעסט און אַמאָל אַפּיסה. און מ׳האָט געמוזט האָבן עמעצן. אַמאָל איז געווען איינער אַ גוטער און סאָלידער, אָבער מ׳האָט אים פאַרשאָטן, איז געווען אַן אַנדערער, אַ הולטיי, האָט ער פאַרטאַכליעוועט דאָס געלט. מ׳ווערט אויסגעריסן פאַר אים, מ׳אַרבעט פאַר אים ווי אַן אייזל, און ער באַגנבעט די געסט און ליידיקט זיי אויס, און עס זענען דאָ עדות, — ער אין חד גדיה, איך אין חד-גדיה, תמיד אַרויס און אַריין. אַ לעבן ווי אַ רעטאַך, פאַסקודנע, שלעכט. נו, איינמאָל גיי איך אַזוי אַרום אַהין און צוריק אויף דער ראָזענטאַל-גאַס, טרעף איך אָן איינעם, אַ פרייער, ער פאַרליבט זיך אין מיר ביז איבערן קאָפּ. איך בין אַלט געווען דאַמאָלט אַ יאָר דרייסיק. ער לאָזט מיך מער נישט גיין אויף דער גאַס. איך מוז זיצן אין שטוב און נייען, ער האָט מיר געברענגט געלט יעדע וואָך, נאָך צוויי חדשים זאָג איך צו אים: דו, איך מוז טון עפּעס, אַ קינד. ווערט ער אַזש נאַריש פאַר שמחה, און איך מוז עס אויסטראָגן, עס בלייבט לעבן און ער האָט חתונה מיט מיר. מאַקס טרוימען, האָט ער געהייסן, און איך עללי טרוימאַן. און דאָס מיידל אַנגאַ האָט שוין מיט מזל דעם פאָטערס נאָמען. מיר האָבן געוווינט אין דער גיפּס-גאַס און ער האָט געאַרבעט אויף אַ פּאָסטן. אַלצדינג גוט, דאָס קינד איז שוין זעקס יאָר און גייט אין שול קעגנאיבער. קיין שטרייקן זענען נישט געווען. די געשעפטן זענען געווען גוט. נו, איז געוואָרן די מלחמה, יאָ, די מלחמה.

זי האָט אויפגעהויבן דעם טאָפּ און געטרונקען הויך די קאַלטע קאַווע.

— מאָרגן וועט זיין בעסערע — האָט זי געזאָגט און אָפּגעאָטעמט טיף. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט נאָך דעם דאָזיקן געטראַנק.

— יאָ, די מלחמה. מילא, האָט מאַקס געמוזט אַוועק. און איך בין געבליבן אַליין מיטן קינד. איך האָב באַקומען אַ שטיצע און איך בין אַלע אינדערפרי געגאַנגען אין בייראָ

אויפֿרוימען. אָבער איך בין געווען אַזוי איינזאַם — יאָ, איך קאָן אייך נישט אויסמאָלן, איר זעט, אָבער איינמאָל אין אַן אָוונט, ווינטער, אין אונזער שטוב, איך זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, הער איך מיטאַמאָל עפּעס אַ טומל אויף דער גאַס, קינאָ און סאָלדאַטן, אורלויב-באַקומענע און רעקרוטן, מוזיק, עקסטרע-בלע-טער, איך קען שוין פּשוט נישט אויסהאַלטן. דאָס מיידל איז געשלאָפֿן—איך לויף אַראָפּ. נו, איז שוין אַלצדינג געווען אויס. די גאַס! יאָ, דאָס קען קיינער נישט פֿאַרשטיין, די גאַס: ווען מען מאַכט אַזוי דורך צען יאָר דורכאַנאַנד, יעדע נאַכט — אַ טור, פֿון דעם קען מען זיך נישט אָפּגעוויינען. הייסט עס, האָב איך ווידער געמוזט. עס איז מיר אַבסאָלוט נישט געגאַנגען אין דעם געלט, אָן די מענער — איין גאָט ווייס, ווי מיר גייען אָן די מענער. אָבער די גאַס, ווען עס ווערט אַזוי פֿאַמעליעך שטיל, און עס הויבט אָן צו ציען אין ראָג, עס מאַניעט... דאָרט קעגנאיבער שטייט לעני, און פֿרענצי, מ׳שרייט זיך איבער אַ וואָרט. און זיי האָבן עפּעס אַ נייען וויץ, און ס׳קומט אָן דער שיינער רודי, ער האָט אַ גלעזערנעם אויג און איז פֿריי פֿון מיליטער, נו, און אַז שטעלט זיך אָפּ אַ סאָלדאַט, מען בלעקט זיך אַרויס די צינגער, אָ, דאָס ציט!

זי האָט געטרונקען.

— קיין ביסל קימל איז צומאָל נישטאָ אין שטוב, מיין הער. אויב איר וועט מיר ווידער באַערן מיט אייער באַזוך, וועל איך שוין האָבן אַ גוט ביסל זיסן ווייַן און אַלבערט-קעקס — אירע רייד האָבן זי אַליין באַרוישט. זי האָט זיך גע-גלעט איבער די באַקן און פֿאַנאַנדערגעשמירט די שמינקע. אויף איר מויל איז געשטאַנען שפּייעכץ.

אָ, פֿעטער!! — אַננאַס מוטער! אַננאַס מוטער זיצט פֿאַר אים, זי רעדט דאָס, אָט דאָט שטיק אומגליק, דער באַרג מיט שמוץ, טרערן און געשטאַנק און טעמפּקייט, אָ די שטיק בהמה, דאָס איז אַננאַס מוטער, פֿון דער מוטער איז אַננאַ געבוירן געוואָרן צו דער ראָזער ליכט פֿון שיינקייט, צו דער זילבערד-יער ליכט פֿון ריינקייט, אַננאַ אַ קינד פֿון דאַנעט!... אָ, מיין

הארץ, אַ מיין פֿאַרשטאַנד, ווער זשע איז אַננאַ?... וואָס גלאָצ־סטו מיט די אויגן, פעטער, דו קענסט עס נישט גלויבן, פע־טערל, אָבער דאָס איז דער אמת, דאָס איז דאָס לעבן, אַזוי איז עס דאָס לעבן, דו האָסט עס נישט געקענט, און דו, אַ מענטש, האָסט ליב אַ מיידל פון דעם אַ לעבן. וואָס, אָך, וואָס איז אַזאַ מיידל? — אין אַט דעם מיסט און אומגליק איז געלעגן איר קלייד, איר פוס איז געטרעטן אין פוילקייט און אין בלוט, און איר אויער האָט פון יעדן איינעם געטרונקען לוסט און ווייטיק, קללות און נבול פה, איר קינדערשער אויער, איר קינ־דערשער פוס. קום צו מיר, אַננאַ! איך וויל דיך אַרויסנעמען, איך דרוק דיין קאָפּ צו מיין ברוסט, דו הערסט נישט מער, דו קוקסט נישט מער אַהין... די גאַסן־פרוי עללי. קעלער אויף עלי־זאַבעט־גאַס. אַ מאַמע! ווייטער, ווייטער, צי איז נאָך עפעס דאָ? גאָט איינציקער אין די הויכע, ווייטע הימלען, ווי קענסטו עס דערלאָזן! איז עס דיין ווילן?

— הויבט אויף דעם קאָפּ, מיין הער — האָט זי געזאָגט מיט אַ קאָקעטישע מינע, זי האָט ממש געציטערט פאַר חשק צו רעדן, זי האָט נישט געקענט וואַרטן. זי האָט זיך נישט געקענט איינגעהאַלטן. זי איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אויפגעבונדן. אָך, ווען זי וואָלט צען מאָל אַזוי פיל מאָל געהונגערט און געליטן, גע־ביאופט און געבוירן, וואָלט זי דאָך געקענט רעדן ביז מאָרגן אינדערפרי. אָבער זי אַליין האָט גאַרגישט געקענט צוטראַכטן. זי האָט נישט געהאַט קיין פאַנטאַזיע. זי האָט געהאַט בלויז איר שיקזאַל, וואָס האָט איר געטריבן און געשטויסן און געיאָגט און געדרייט.

— יאָ, און דאַן — ווער האָט זיך גאָר געקענט ריכטן! מאַקס איז געקומען אויף אורלויב. עס איז שוין געווען פרי־לינג, און ער האָט מיך געוואָלט איבעררעשן. איך האָב נישט געוווּסט פון קיין בייזן חלום, ס'איז געווען אַזאַ שיינע נאַכט אין מאַי, איך גיי מיר אַוועק פריער אַביסל, אַרום אַכט—און ניין אַזייגער איז ער שוין געווען! ער קלאַפּ אָן, און אַננאַ כאַפּט זיך אויף, צעוויינט זיך און זאָגט: מאַמע איז אַוועק. דאָ קומט צו־

גיין די בולקע, אַ שכנה—זי האָט נאָר געוואָרט אויף דעם—און
זאָגט: שטעלט זשע אָפּ ביי מיר, הער טרוימאַן, אייער טאָרני-
סטער, איר קענט איבערלאָזן אייער פּעקל מיט שפּעק פאַר
אייער פרוי, אָבער אייער פרוי, איר דאַרף מען אַ זוך טון אין
דער מינצגאַס. אָדער אין ראָזנטאַלער. זי טשאַטעוועט דאָרטן
אויף אירע גוטע-פריינט. אַך, זי טוט שוין איינמאָל פאַרן פאָ-
טערלאַנד. גייט שנעל, הער טרוימאַן, און מאַכט ריין דעם
טיש, — — — איך בין גראָד געשטאַנען און געפּלוידערט מיט
פראַנציין, און נישט געוווּסט ·פון קיין שום זאַך, און מיט איינ-
מאָל — קומט ער אָן! מילא, בין איך געגאַנגען לעבן אים און
נישק אַרויסגערעדט קיין וואָרט. וואָרן וואָס האָב איך געזאָלט
זאָגן, אַז ער האָט עס אַליין געזען, און צו די צרות האָב איך
נאָך אַ פעדער אויף מיין קאַפּעליוש און טראָג אַ נייעם גרינעם
קאָסטיום. רופט ער זיך אָפּ: נו, וויל איך איצט וויסן נאָר
איין זאַך, עללי: צי ביסטו געגאַנגען צו יענעם אויף קוואַרטיר,
אָדער דו האָסט זיי מיטגענומען צו אונז, זאָגט ער, די מענער,
אין אונזער בעט, און דאָס קינד, אַננאַ, איז געווען דערביי?
צי האָט אַננאַ געזען, וואָס דו האָסט געטון? עללי, ווי גאָט איז
דיר ליב, זאָג מיר נאָר דאָס, מער וויל איך גאָרנישט וויסן, זאָגט
ער. עלי, זאָג מיר, אין אונזער בעט? און אַננאַ איז געווען
דערביי? — מילא, איך האָב געשוווירן, ווי דען? אָבער ער האָט
געהערט, אַז איך שווער פאַלש. און לעבן דער טיר, אונטן,
טוט ער בלויז אַ זאָג: אַט, איך גיי אַוועק אויסטרינקען אַ גלעזל.
ביי באַלדוויניט, קעגנאיבער, זאָגט ער, און ער קוקט מיר אַזוי
אָן. איך האָב גאָרנישט געזען, צוליב די טרערן. און אינדער-
הויך האָט אַננאַ געוויינט. און די שכנטע, די בולקע קומט און
צערייסט זיך ממש דעם פּיסק. איך זשאַלעווע איר נישט קיין
ענטפער. מיר קריכן זיך אַריין מיט די נעגל אין די האָר, —
שפּעטער טו איך אַ קוק, עס איז צוועלף דער זייגער און מאַקס
איז נישטאָ. איך טו מיך אָן, איך מאַך מיר צורעכט און איך
איל אַריבערגיין צו באַלדוויניט, דאָס איז געווען זיין שטענ-
דיקע קנייפּע, נאָך פון פאַר דער מלחמה. יעדן שבתצונאַכטס

פלעגט ער דאָרט טרינקען. קומט מיר אַנטקעגן דער אַל־טער באַלדוויט, דער זיידע, און ווי ער דערזעט מיך, טוט ער בלויז אַ זאָג: — ס׳איז צו שפּעט, עללי, זיי האָבן אים שוין אָפּ־געשניטן. ער איז געהאָנגען אין קלאָזעט. מ׳האָט אים שוין אָפּ־געהויבן. גיי אַרויף און האַלט זיך פעסט. געשטאָרבן איז גע־שטאָרבן. אוי, די מלחמה, די מלחמה — — —

אַזוי, מיין הער, און דערנאָך איז אַלצדינג געווען וואָס פריער. אָט ערשט בין איך שוין געוועזן, גאָט צו דאַנקען, אַן אַלמנה, און אַננאַ האָט צו צען יאָר אָנגעהויבן צו גיין צו די יינגען. און דאַן איז זי אָנגעקומען צו אַן אָפּיעקון און אָן מיר שוין איינגאַנצן פאַרגעסן. און היינט איז זי שטאָלץ, און איך, ווי איר זעט מיך דאָ, איך...

זי האָט אויפגעריסן די אויגן און אים אָנגעקוקט. פּעטער באָס איז געשטאַנען, ער האָט זיך גערוקט הינטערווייל׳עכץ ביז דער וואַנט. ער האָט פאַרבראָכן די הענט אויפן האַרצן און צוגעדריקט זיין ברוסט. ער האָט געשטאַמלט:

— אומגליקלעכע, דו אומגליקלעכע, דו פאַרשאָלטענע גע־בעך, געפּייניקטע און שווער געפּרוּווטע. אָ! — האָט ער גע־שריגן שטילערהייט — דו היילִיקע! דו היילִיקע! — און זיך געשלאָגן אין האַרצן. און זיינע אויגן זענען איבערגעגאַנגען פון גרויל, משוגעת און ליבע,— דו היילִיקע! דו היילִיקע!

מ׳האָט געקלאַפּט.

— גאָט מיינער, — האָט עללי געשעפּטשעט — דאָס איז דער פּאָסט־באַאַמטער פון אויבן. ער קומט ערשט פון זיין נאַכט־אַרבעט. תמיד, איידער ער גייט אַרויף צו זיך, קומט ער אַריין צו מיר אויפדערגיך. — — מילא, זייט נאָר אַ ביי׳לענקע שטיל! ער איז אַ גערייבענער יינג! — אַריין! אַריין! אַך, הער פּיע־לאָסקי, איך האָב באַלד געוווּסט. גוטן אָוונט, הער פּיעלאָסקי. אַזוי שפּעט פון דער אַרבעט! יאָ איך האָב אַ גאַסט, זייט באַ־קאַנט. דער הער פּיעלאָסקי פון אויבן — דער הער דאָקטאָר. נו, חער דאָקטאָר, איך וויל אייך שוין לענגער נישט אויפהאַלטן. דער טויער איז קיינמאָל נישט צו. אַך, חער פּיעלאָסקי, איר

זאָלט נאָר נישט האָבן קיין פאַלשן באַגריף, איך גיי, אין נעג־ליזש, איר דאַרפט עס נישט שלעכט אויסטייטשן. עס איז געווען אַ גאַנץ אומשולדיקע אונטערהאַלטונג, דער הער דאָקטאָר — ניין, אויב איר שמייכלט אַזוי־אָ, ווייס איך שוין גאָרנישט. אַ גוטע נאַכט, הער דאָקטאָר. — זי האָט זיך אויסגעדרייט מחמת העפ־לעכקייט — אַ גוטע נאַכט.

און זי האָט צוגעשלאָסן די טיר הינטער אים.

ער איז אַרויפגעקראָכן פינף טרעפ צו דער טונקלקייט פון הויף. די קו האָט ווידער געמוקעט. אונטן אין קעלער האָט עלליפּלוצלינג אַרויסגעקוויטשעט:

— נישט מיט אַזאַ שטורעם! — האָט זי געשריגן אַזוי הויך, אַז אויבן האָט זיך מיט אַ טראַסק אויפגעעפנט אַ פענסטער.

— גוסטאַוו! — האָט גערופן אַ ווייבעריש קול — גוּ־סטאַוו, דו ביסט שוין ווידער דאָרטן ביי דער נבלה? איך קום שוין אַראָפּ. איך וועל אייך, איך וועל אייך... און דאָס פענסטער האָט זיך צוגעהאַקט.

פּעטער האָט געבלאָנדזשעט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אין אַ שטאַל האָט זיך צעבילט אַ הונט. אָט איז דער טויער. אַרויס, אַרויס פון דאַנעט! די גאַס. ער איז געלאָפן. די וואָלקן זענען געהאָנגען טיף און זענען געווען רויט אָנגעגליט. און ער האָט זיך ווידער מיט פאַרבראָכענע הענט אַ שלאָג געטון אין האַרצן.

— און איך! און איך!... דאָס איז אַ פּאַקט... און איך האָב גאָרנישט געוווסט. איך האָב געשפּילט קלאַוויר, און דער מענטש פוילט און צעפאַלט זיך, און שענדעט זיך אין הענגט זיך אויף אין פרעמדע קלאָזעטן. און קינדער גייען אויף דער גאַס. און די מוטער ווייזט זיי דעם וועג. פון אַכט יאָר אַ קינד. אַנגאַ! דאָסדאָזיקע קינד איז אַנגאַ! און די מוטער ברענגט זיך מענער אין שטוב אַריין. דער טאַטע אין די אָקאָפּעס, און די שכנטע קוקט זי נאָך און פאַרראַט זי, און אינמיטן דער נאַכט קומט אויף פינף מינוט דער בריוו־טרעגער, איידער ער גייט אַרויף צו זיין פרוי. צו דער אַלטער גאַסן־פרוי. פינף מאַרק

אַ טאָג. דאָס זענען פון אַכט ביז צען מענער — און איך שפּיל קלאַוויר!

ער איז צוגעקומען צום אַלעקסאַנדער-פּלאַץ און זיך אָוועקגעשטעלט אין דער וויסטעניש פון דער אויפגעאַקערטער ערד. גרויסע קראַנען האָבן זיך אויפגעהויבן, ווי סקעלעטן פון פאַרשוווּנדענע, פאַרצייטיקע ריזן-היות. לייכטנדיקע אויפשריפטן זענען געלאָפן הין און צוריק, ווי עפּעס אַ צאָרנדיקן גאָטס וואַנדערנדיקע פייער-שריפט, אַ קאָמעט האָט זיך באַוויזן, געקומען און פאַרשוווּנדן, געקומען און פאַרשוווּנדן און בלויז באַדייט: „שאָקאָלאַדע". אין באַנהויף איז אָנגעקומען אַ צוג: וואַרשע — פּאַריז, שלאָף-וואַגאָנעס. מיידלעך האָבן אים עפּעס צוגעשעפּטשעט, צערטלעך און רעזיגנירט. איינע, גאָר אַן אַלטע, האָט אים אַ גלעט געטון, פאַרפומירט און לאַשטשענדיק. אין דער נייער קענעל-גאַס איז געווען אַ „לידאָ-ברעג-יום-טוב". די באַר-קאַראָלע". פאַרביקע פענסטער. שליים און געפילן! די שטאָט, דאָס לעבן, דאָס אומענדלעכע, דאָס אייביקע...

— די שטערן וואַנדערן איבער מיר... אויך דאַן ווען איך זע זיי נישט...

אָבער — אַך, אָבער:

— בין איך שוין, הייסט עס, אַן אַלמנה, און אַננאַ האָט שוין צו צען יאָר...

דאָס פאַרקריפּלטע קינד איז געזעסן אין טויער אויף אַ שטולעכל און געלייענט. עס איז געווען מער אָדער ווייניקער אַרום זעקס אַזייגער אין דער מאַרקוס־גאַס. ס׳איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. שבת נאָכמיטאָג. אַלע פרויען האָבן אײַנגעקויפט אויף מאָרגן. די מיידלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט אַהין און אַהער. די יונגען האָבן געראַנגלט און געלאַכט, און די קינדער האָבן זיך אַרומגעיאָגט אינדרויסן, ווייל אין אַלע שטיבער איז איצט געווען ליידיק, ס׳איז קיינער נישט געזעסן אין שטוב, די פּיצעלעך קינדער האָט מען אַוועקגעשטעלט מיט וועגעלעך אויף די הייף, אַז זיי זאָלן געניסן פון דער פרישער לופט.

— וואָס לייענסטו? — האָט געפרעגט אַ הער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם יינגל.

ער האָט געלייענט „שפּיגל דאָס קעצעלע״ פון דער שול־ביבליאָטעק. און אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַלטן באַלד ביים סוף, האָט ער געוויזן דאָס צווייטע בוך, וואָס ער איז געזעסן אויף דעם. דערביי האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך אַרויסגעוויזן ממש פאַר אַ קאַרליק. ער האָט געהאַט אַן אומגעהויערן הויקער, נישט פאַרמאָגט קיין האַלז און זיינע הענט זענען געווען ווי ביי אַ מאַלפּע.

— אָט איז, דאָן קישאָט, אַזוי לייענט זיך עס. עס איז שפּאַניש. איך וועל לערנען שפּאַניש אויך. צי קענט איר שפּאַניש?

— יאָ, צופּעליק, מיין קינד, אַביסל.

— אין אַ יאָר אַרום, פאַר פּסח, וועל איך ענדיקן די שול. דאַמאָלס וועל איך לערנען אַלצדינג. צי קענט איר אויך לאַטייניש?

— יאָ. און גריכיש אויך. ווי הייסטו?

— אַנטאָן שפּראָטע. טאָני. איך בין אַלט דרייצן יאָר. איך האָב אין שול איין קלאַס איבערגעהיפּערט. דערפאַר וועל איך שוין דעם צווייטן יאָר האָבן געענדיקט. אָבער איך האָב אייך דאָך קיינמאָל נישט געזען. אַוווּ וווינט איר?

— אָ, ווייט פון דאַנעט. איך בין בלויז אַדורכגעגאַנגען, האָב איך דיך געזען לייענען.

— אַזוי, — און חוץ דעם האָט איר גאָרנישט געזען?

פּעטער באָס האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. ער האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, יאָ, איך האָב נאָר געמיינט. וואָרום דאָ קען מיך יעדער איינציקער, און זיי זען עס שוין פּמעט נישט. אָבער אַ נייער, ער קוקט דאָך שטענדיק קודם־כּל אויף מיין הויקער. איר קומט דאָ אָפט אין דער געגנט?

— יאָ, גאַנץ אָפט. איך האָב געזען איינמאָל ווי די האָסט שפּעט אין דער נאַכט פאַרגעלייענט פאַר אַנדערע ביי דער אַרבעט.

— יאָ, וואָרים דאַן גייט די אַרבעט שנעלער. ווען איך ראַדיאָ איז גאָרנישטאָ, מוז איך אַביסל פאָרלייענען. אָבער זיי האָבן שטענדיק אַזעלכע נאַרישע ביכער. איך הער זיך גאָר אַליין נישט צו וואָס איך לייען. איך וואָלט — — איך וואָלט זייער — —

די גרויסע צאָל פאַרלאַנגען זענען ביים יינגל אינגאַנצן געבליבן שטעקן אין האַלז.

— און דאָס זענען דײַנע עלטערן? אָט די פֿרײַנטלעכע פֿרוי — —

— יאָ, די דיקע איז מײַן מאַמע. אָבער ער איז בלויז מײַן שטיפֿטאַטע. אָבער ער איז אַ גוטער, זאָג איך אײַך. און די קלײנע אַלטיטשקע אין דעם קינדער־שטול איז מײַן באָבע. זי איז פּאַראַליזירט ביז צום בױך, אירע פֿיס זענען אײַנגעדאַרט. אָ! און איך קען זי נעמען און אַרײַנטראָגן אין בעט און אַרויס־טראָגן צוריק — אַזוי גרינג איז זי. אָבער זי איז די נשמה פֿון שטוב, זאָגט די מאַמע.

— און דײַן שוועסטער?

— איך האָב נישט קײן שוועסטער. אַך אַזוי. די מומע אננאַ, איר מײנט מסתּמא זי, יאָ?

— פֿון יום־טובֿ אָן איז זי שוין נישט בײַ אײַך.

— אָבער זי דאַרף שוין קומען צוריק. נאַר, — וואָס, מאַמע?

מ׳האָט אים גערופֿן פֿון הויף.

בײַ פּעטערן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. אויף דעם שטערן איז אַרויסגעטרעטן אַ שווייס. גיכער, גיכער:

— יאָ, מײַן ייִנגל. אָבער ווּ איז זי הײַנט?

— אַך, זי איז מיטגעפֿאָרן מיטן פּעטער פּאַול. ער האָט געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז אין האַמבורג. אָבער ס׳איז נאָך גאָרנישט קײן ראיה, אַז דאָס איז האַמבורג, זאָגט די באָבע. — יאָ, איך גײ שוין!

מ׳האָט אים ווידער גערופֿן, און ער איז אַוועקגעלאָפֿן. די הענט זענען אים נאָכגעהאָנגען כּמעט ביז דער ערד; ווי אַ מאַלפּע אין קלײדער האָט ער אויסגעזען. שוין זײַענדיק אויפֿן הויף האָט ער זיך אומגעקוקט און אַ שמײכל געטון צום פֿרעמדן. מיטאַמאָל האָט אין דעם דאָזיקן פֿאַרעלטערטן פּנים אויפֿגעלויכטן עפּעס אומגעוויינלעכס.

— וואַרט צו אַ ווײַלינקע, יאָ? איך דאַרף בלויז אַרויס־נעמען די באָבען אויף דער פֿרישער לופֿט.

אין צוויי מינוט אַרום איז ער אַרויסגעקומען. דאָס קינ־

דער-שטילכל פון דער זקנה איז געווען אויסגעלייגט, איז איצט געווען ווי א וועגעלע, וואָס דער הויקערל האָט געשטופּט. א וועגעלע מיט ווייכע רעדלעך, און דאָס אַלטע קאַרליקל איז געזעסן אינעווייניק אומבאַוועגלעך. די איינגעדאַרטע הענטלעך, הויט און ביינער, האָט זי געהאַלטן אויפן טישעלע פאַר זיך און עפּעס א גאָלד-געל פּסח-בלימל, א נאַרציז אָן א ריח צווישן אירע פינגער.

— גאָט העלף, — האָט זי געזאָגט און געלאַכט, אָן איין צאָן אין מויל. — טאָני האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז דאָ א הער און ער שמועסט מיט אים. גיי, ברענג א שטול פאַר דעם הער, טאָני. אויב איר איילט זיך נישט.

טאָני האָט אונטערגערוקט זיין שטולכל און אַליין זיך אָנגעשפּאַרט אָן טויער-פליגל. ער האָט מיט אַזויפיל אַנטציקונג אַרויפגעקוקט צו דעם פרעמדן, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט, וואָס די באָבע האָט גערעדט מיט אים. ער האָט געטראָגן א פיינעם אָנצוג, דער הער, דער שטעקן איז געווען מיט א גאָלדענער גאַלקע. און פון זיינע הענט, וואָס ער האָט געהאַלטן באַענט צו זיין פּנים, האָט געוויעעט אַן איידעלער ריח פון זייף. און מיטאַמאָל דערהערט ער, ווי די באָבע האָט געזאָגט:

— יאָ, אָט דער טאָני. און פּאָעזיע שרייבט ער אויך. קיינער ווייס נישט דערפון, אָבער מיר לייענט ער פאָר. און איך זאָג אים דאַן: דאָ דאַרפסטו פאַרריכטן, דאָ דאַרפסטו ענדערן.

— באָבע!

פּעטער באַס האָט דאָס קינד צוגעצויגן צו זיך. דאָס יינגל איז געווען צונטער-רויט און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט אים געדרוקט צו זיך און זיך אַראָפּגעבויגן צו אים.

— איר לאַכט שוין פון מיר.

— איך? יינגל. טו א קוק. איך בין גאַנץ שטאָלץ דאָס צו וויסן. איך וועל גאָרנישט זאָגן, אַז דו זאָלסט מיר ווייזן. דו מוזט ווען עס איז אַליין, פון זיך גופא, קומען צו מיר. ווייסטו וואָס?

— וואָס?

— זאָג מיר שנעל, וואָס וואָלסטו געוואָלט אַצינד, אין דער רגע.

— אָך, באָבעשי, דאָס טאָר איך דאָך נישט ?

— ניין, טאָני. איך וואָלט ליבערשט אויך נישט געוואָלט.

פאַרשידענע מענטשן זענען דורכגעגאנגען הין און צוריק. זיי האָבן עפּעס אַ זאָג געטון צו דער אַלטער, און זי האָט, לאַכנדיק, צוריק אָפּגעענטפערט.

— באָבעשי — האָט זיך אָפּגערופן דער הער — איר האָט נאָך נישט קיין צוטרויען צו מיר. איך הייס פעטער באָס, איך דערלויב מיך צו פאַרבעטן אייך, היינט אָוונט, ווו איר ווילט. אין אַ צוקערניע, רעסטאָראַן.

— אָ, אָ, טאָני, ערשט איז דיין באָבע פאַרבעטן אויף אַ ראַנדעוווּ. ניין, אַזאַ זאַך איז נאָר צו באַשרייבן, הער — ווי אַזוי ? — הער באָס, יאָ. און אויב איך וועל זאָגן יאָ ?

— נו, איך וואַרט דאָך דערויף.

— נו, הער באָס, הערט זשע אויס. היינט קיין סך אַרבעט דאָ האָבן מיר שוין נישט. די לידעקעס וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן און דאַן פאָרט מיט מיר תמיד טאָני, אַזוי אַרום אַכט אַזייגער, האַלב ניין, אין וועבער-גאָרטן. און דאָרט זיצן מיר אונטער אַ ביסל, טיילמאָל אַזוי לאַנג ביז ווילי, דאָס איז אַמאַליעס מאַן, לידעקע, קומט אונז אָפּנעמען. איז, הייסט עס, גוט, אויב איר מיינט טאַקע ערנסט, מיטן ראַנדעוווּ, טאָ קומט זשע אויך אַהין. ווי זאָגסטו טאָני, נישט אַזוי ?

און זי האָט זיך צעכיכעט, צוהאַלטנדיק זיך דאָס מויל. זי האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז איר ווייס צעפעלע, וואָס איז געלעגן איינגעדרייט אויפן קאָפּ אין אַ גרעקל, האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזט.

אָבער פעטער באָס איז געווען גאַנץ ערנסט. ער האָט געגעבן די האַנט און געזאָגט :

— געדענקט זשע, האַלב ניין !

ער איז שוין געבליבן אין יענער געגנט, געגעסן אין יענער קנייפּע, ווו ער מיט פאָולן האָבן געגעסן אויף דער טעראַסע.

דערנאָך איז ער געגאַנגען שפּאַצירן לענג אויס די ברייטע גאַס, וואָס איז געווען פול מיט לעבעדיקע. אַלצדינג האָט שפּאַצירט געמיטלעך אין דעם וואַרעמען פאַרנאַכט; פון ליכ־טענבערג זענען אָנגעקומען גרויסע וואָלקנס, אָבער זיי האָבן נישט געבראַכט קיין רעגן און נישט קיין ווינט. די לופט איז געווען צערטלעך און מילד. אַ סך העלע פענסטער; אין אַ גרויסן מאַגאַזין זענען די סחורות אין שוי־פענסטער געווען באַ־גאָסן מיט גאָלדענעם און זילבערנעם ליכט. יעדער איינציקער איז זיך געגאַנגען רחבותדיק. ראַדיאָ און גראַמאָפאָנען האָבן אַרויסגע־הילכט פון די שענקען. אין דער שטאַרק־באַלויכטענער אייז־צוקער־ניע זענען געשטאַנען בחורים און מיידלעך און געלעקט פון די וואַפליעס. ביי די גרויסע פענסטער זענען געשטאַנען די קינדער און זיך צוגעפּלאַטשיקט די נעזלעך, און דאָס שפּייעכץ איז גע־לאָפן אין מויל.

זיי זענען שוין געווען, דער קליינער הויקער און די קאַר־ליק־זקנה. ער האָט זי אַרויפגעזעצט אויף אַ באַנק, און זי האָט אַוועקגעלייגט אַ שאָטישע טוך איבער אירע קני, און מ׳האָט גע־זען, אַז זי האָט שטאַרק אָפּגעהיט אַ פרייען פּלאַץ לעבן זיך. און ווען פעטער באָס האָט זיך דערנענטערט אין דער ליכט פון אַ לאַמטערנע, האָט די אַלטיטשקע אָנגעוויזן אויף אים און געזאָגט:

— זעט איר שוין, אָט קומט ער טאַקע. וועט איר שוין גלויבן?

און אין דער זעלביקער מינוט האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונג דאַר מיידל, אַן אמתער סימבאָל פון אַן איינזאַמער נייטאָ־רין, וואָס גייט צו די קונדן אין שטוב אַריין, קריגט דייטשע ביפשטיקס מיט נעכטיקע קאַרטאָפל און פיר מאַרק אַ טאָג מיט טראַמווייען. זי האָט זיך אויפגעהויבן נישט אויפרעדנדיק קיין וואָרט און געגאַנגען זיך אויסזוכן אַן אַנדער אָרט זיך אַוועק־צוזעצן. אָבער אומעטום האָט מען זיך געשטויסן און אויף די בענק איז געווען אַ שרעקלעכע ענגשאַפט. פּאָרלעך האָבן, פאַר־

געסן אָן אַרום, זיך געקושט, אין דער געגנוואַרט פון אַלטע לייט און פרויען מיט קינדער.

— און איצט, טאַני, — האָט געזאָגט די באָבע — וועסטו אונז טון אַ ברענג צו אַ ליאָדע דאָרטן פון וואָגן. דאָ האָסטו.

אָבער אויף דעם האָט פעטער נישט מסכים געוועזן, ער האָט דאָך פאַרבעטן, און טאָני האָט באַקומען אַ מאַרק. אָ. דערפאַר האָט מען געקריגן אַ גאַנצע פודלע מיט ליאָדעס, טיטעלעך און קוישעלעך, טרושקאַווקעס, ציטרינען, שאָקאָלאַדע.

— אוי, אוי, עס צעגייט! — האָט אויסגערופן די באָבע מיט עגמת נפש — מען קען זיי דאָך נישט אויסלעקן אַזוי גיך.

מילא, די מוטער מיט די צוויי קינדער, וואָס זיצן קעגנאיבער און די דריי אַלטע לייט דאָ אין שכנות וועלן זיך געוויס נישט לאָזן בעטן. מ׳האָט געשיקט אַהין טאָנין און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגיע פון לאָדעס עסן. אין וועבער-גאָרגן האָט מען באַלד אָנגעהויבן שמועסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ הער, וואָס איז מכבד מיט לאָדעס.

דער מאַי האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט. אומעטום זענען די גאַסן אויפגעריסן געוואָרן, צוליב דעם בוי פון פון אַן אונטערערדישער באַן, און אַפילו די דאָזיקע פאַרסמטע גאַסן-ערד האָט אויסגעאָטעמט דעם פרילינג. פאַרלוירענע זריעה האָט אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן. ווערים האָבן אויפגעלעבט און דער רעגן אין דער פאַריקער נאַכט האָט אין זאַמד אַפילו אַריינגעבראַכט אַ היות.

די באָבע האָט דערציילט. דאָס ביטערסטע לעבן, ווען מען דערציילט עס שוין, ווערט עס זיס און גרויסאַרטיק. דער ווייטיק איז שוין פאַרביי, ערשט פאַרוואַנדלט זיך עס אין אַ מין דעקאָראַציע. די באָבע האָט זיך דראָפּירט מיט זיי מיט באַגייסטערונג. דער הער איז געווען איר שפּיגל. זי האָט זיך געזען אין אים אין איר גאַנצער גרויס. און זי איז דאָך תמיד געווען אַ קליינע. איר ערשטער מאַן האָט זי גענומען אויף דער האַנט, ווען ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טון.

דאָס איז געווען דער מייסטער ביי באָרזיג, ווו זי האָט געאַרבעט. אָט אים האָט דידאָזיקע ליאַלקע אַזוי געגומען, אַז ער האָט זי שיער נישט אויפגעפרעסן פון ליבע, אָבער ער האָט געטרונקען.

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַ גרויס אומגליק, מיין זון. ער האָט געטרונקען. ס'איז נאָך נישט אַריבער קיין זעקס חדשים נאָך דער חתונה, האָב איך אים שוין געמוזט אָפּהיטן אין לוין-טאָג ביי דער פאַבריק, איידער ער איז אַוועקגעלאָפן אין שענק אַריין, כּדי צו באַקומען מיינע פּאָר גראָשן. איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן. איך בין געוואָרן אַ פּאַקערין ביי הילדענבראַנד אין דער פּאַנקגאַס. נו, און דאַן איז געקומען דאָס קינד... ליבער הער, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קינד פון אַ שיכּור, און ער איז געווען גערעכט, עס האָט נישט געוואָלטגיין און נישט רעדן, צו פיר יאָר האָט עס קוים אָנגעהויבן שטאַמלען: מאַמען! ווייטער איז עס נישט געגאַנגען. און איך האָב עס נישט געוואָלט אַוועקגעבן. איך האָב נישט געוואָלט, מיין מלאך, מיין אוצר. ווען דען האָב איך דען געהאַט אויף דער וועלט, אַחוץ מיין קינד. דאָס איז שוין היינט אַ מעשה פון פינף און דרייסיק יאָר, אָבער איך געדענק עס, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געווען...

זי האָט געהאַט אָן אַרבעט, ריין צו מאַכן אין אַ געשעפט נאָכן פאַרמאַכן, פון זיבן ביז ניין. איינמאָל פרייטיק קומט זי צוגיין אין שטוב אַריין, אויף דער קאַפּענגאַס — ביים שטעטינער טונעל — זי האָט געוווינט אויפן פערטן שטאָק אין דער אָפּיצינע, און ווי זי גייט אַזוי אין דעם פינסטערן הויף און וויל אָנטאַפּן די טיר פון אירע טרעפּ, גליטשט זי זיך אויס און פאַלט-אום איבער עפּעס אַ ווייכע זאַך. דאָס איז געווען איר קינד... דער מאַן איז געקומען אַהיים שיכּור און דאָס קינד האָט געשריען, עס האָט נישט געוואָלט זיין שטיל, נישט געוואָלט, נו, בשום אופן נישט, האָט ער געגומען און אַרויסגעוואָרפן עס דורכן פענסטער...

— נו, מילא, עדות געזאָגט אויף אים האָב איך נישט

איך האָב געזאָגט, אַז עס איז אַליין אַרויפגעקראָכן אויפן פענסטער. און געזען האָט דאָך קיינער נישט. אָבער דער מאַן איז מיט איינמאָל אויסגעהיילט געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט אינגאַנצן צו טרינקען, ער איז ווידער געוואָרן אַ גוטער, אַ טייערער מאַן, ער האָט מיך ווידער גענומען אויף דער האַנט, איך האָב שוין נישט געדאַרפט גיין אַרבעטן, ביז איינמאָל קומט צוגיין נאָך מיר אַ פּאָליציאַנט און פירט מיך אַוועק אין דער ציגל-גאַס. און דאָרטן טו איך אַ קוק — ער ליגט שוין און דער-קענט מיך נישט. ער האָט נאָך קוים געכאָרכלט. איך האָב אָנ-געהויבן צו שרייען: ריכאַרד, ריכאַרד, וואָס איז דיר!? ווערט ער אינגאַנצן שטיל און ער איז שוין נישט צווישן די לעבע-דיקע. יאָ, דאָס האָבן אים די חברים אַזוי צוגעדינט. ער האָט געטרונקען מיט זיי שבת נאָכמיטאָג, זיי האָבן באַגלייט זייערס אַ קאָלעגע צו דער באַן, ער איז געגאַנגען אַהיים דורך דער פרידריך-גאַס, ווו די באַן גייט דורך, און ווען דער צוג האָט געטון אַ פאַר אָן, איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער און דער לאָקאָמאָטיוו און צוויי וואַגאָנעס זענען אַדורך דורך אים.

זי האָט גענומען אַ וואַפליע מיט שאָקאָלאַד-קרעם און געשלונגען אויפן קול.

— אַך, ס'איז אַזוי גוט. ס'איז פּשוט אַ מחיה. עס זאָל אייך נאָר נישט צופיל קאָסטן. האָט איר דען אַזאַ דיקן טייסטער?

— אָ, אַ גאַנץ דיקן, באָבעשי. נו, און ווייטער? דאָס איז געווען דער ערשטער מאַן, און איר האָט דאָך געהאַט דריי.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט נישט אויפגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ.

— דריי. יאָ. אַלע גוטע זאַכן זענען דריי, האָב איך גע-טראַכט, און דאָ בין איך אָנגעקומען צום דריטן. שפּראָטע איז געווען דער צווייטער. ער האָט מיטגעבראַכט זיינע 3 קינדער פון דעם ערשטן ווייב, און איינע פון זיי איז אַמאַליע, ווילי לידעקעס ווייב, ביי זיי לעב איך היינט. דאָס איז, זאָג איך אייך, אַ מלאך. און ער, שפּראָטע, וואָס איז דאָך געווען איר פאָטער, איז גע-ווען אינגאַנצן אַן אַנדערער. ער פלעגט מיר אָנטון אַזוי פיל

ער, ווען ער פלעגט מיט די דריי טעכטער קומען אויפן קבר פון זיין פרוי. דאָס איז געווען איין רייע הינטער ריכאַרדס קבר, און אַזוי איז עס טאַקע געווען אויך. שפּראָטע, פאַרשטייט איר מיך, האָט געהאַט אַ דראָשקע. ער פלעגט פאָרן ביינאַכט, ער פלעגט נעמען מער צוליב דער נאַכט-טאַקסע. אָבער איר ווייסט מיט וואָס ער איז געפאָרן? מיט געגנבֿטע זאַכן איז ער געפאָרן. איך בין שוין געווען דריי יאָר זיין ווייב און איך האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן דערפון. ביז די בלויע, די מערדערס, יאָ, זיי האָבן אים דערשאָסן! ס׳איז פאָרגעקומען, האָט מען געזאָגט, אַ געיעג, ער איז אַנטלאָפן אין אַ דראָשקע מיט דריי אַנדערע, און איינער פון דער דראָשקע האָט צוריקגעשאָסן אויף די פּאָליציאַנטן. האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אָפּגעענטפערט. און ס׳האָט אים געטראָפן אין פלייצע, אים אַליין, ער איז דאָך געזעסן אויף דער קעלנע. דאַן בין איך געבליבן אַן אַלמנה פופצן יאָר, איך האָב אויפגעהאָדעוועט די מיידן, און אַמאָליע איז געגאַנגען אויף אַ פּאָסטן, אין גוטע הייזער, און דאָ איז קיין שום זאַך נישט געשען, נאָר אָנשטאָט פון שלאָסער אָדער סאָלדאַטן האָט זי געהאַט אַ קינד פון אַ הער.

— אָט גייט שוין דער עולם פון דעם ראָזנטעאַטער — האָט זי געזאָגט און אָנגעוויזן אויפן המון, וואָס האָט זיך געשטופּט אויבן אין דער פראַנקפורטער אַלעע. און ערשט, אין אַ האַלבע שעה אַרום, וועלן זיי אָנקומען פון דער פּלאַזשע ביים קיסטרינער. טאָני, כאַפּ גוט דעם אָטעם. דאָס איז אַזוי גוט, ווי וואַלד-לופט. יאָ, איר זעט, דאָס ייִנגל איז נאָך אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָרן. ער זאָגט, אַז מען לאַכט פון אים. דאָ קוקט ער נישט הויך און זעט גאָרנישט און פונדעסטוועגן וויינט ער. פּאָול, זעט איר, פּאָול איז אַ גוטער יונג. ער האָט אַ גוט האַרץ, אָבער צי וואָלט ער נישט געדאַרפט אַמאָל נעמען דאָס ייִנגל און אַרומפאָרן מיט אים אַ ביסל מיטן אויטאָ?—דאָס נישט. און אויב שוין נישט מיט דער פיינער מאַשין, וואָלט ער דאָך געקענט אין דער דראָשקע.

— דראָשקע? צי האָט פּאָול אַ טאַקסע אויך?

— נו יאָ, אַוודאי. אַן אויטאָ־דראָשקע. דאָס איז דאָך זיין באַרוף. דערפון לעבט ער דאָך. נאַכט־דראָשקע ביי טעאַטערן און בעלער און גלאַט אַזוי. און אַמאָל בייטאָג אויך.

— דערפון לעבט ער?

— יאָ. גיט זשע נאָכאַמאָל טאָנין אַ גראָשן, וועט ער זיך קויפן נאָך אַ וואַפליע. לויף, זונעלע... יאָ, זעט איר, איך האָב אים נאָר געוואָלט אַוועקפטרן אויף אַ ווייל. דערפון לעבט ער פּאַול? ווייס איך? מאַלע וואָס איך ווייס! אָבער ס'איז בעסער, אַז מען שווייגט. יעצט איז ער געפאָרן קיין האַמ־בורג, זאָגט ער, און וואָס טו איך אים, אַז קיין פראַנקפורט גאָר? האַ, וואָס? מיין זון, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, איך וועל אייך נאָר איינס זאָגן; דאָס זאָג איך אייך, דאָס זאָג איך אַפילו נישט פאַר אַמאַליען. אויב ס'וועט מאָרגן אָדער איבער־מאָרגן שטיין אין צייטונג, אַז אין פראַנקפורט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע גנבה — — — ניין, ניין. איך וועל זיך בעסער אָפּבייסן דעם צונג. מ'דאַרף שוין בעסער שווייגן! אָבער איך קען זיך מיט דיר וועטן, אַז ער איז געווען אין פראַנקפורט מיט אַ שיינעם אויטאָ און אַננאַ איז געוועזן מיט אים. אָבער איצט ש־ש־ש! און קיין וואָרט נישט מער דערפון. קיינמאָל נישט! און איך האָב גאָרנישט געזאָגט און איר האָט גאָרנישט געהערט. איך האָב אים גאַנץ ליב, פּאַולן. נו יאָ, שאָקאָלאַדאָווע, טאָני, און אַזויפיל! שוין די לעצטע, וואָס? אָט פאָרט ער שוין טאַקע אַוועק מיטן וועגעלע. אַ קאָלט מאכל, אָבער אויב דו האָסט אַזאַ הנאה דערפון...

פעטער באָס האָט געשוויגן. איצט האָט מען געדאַרפט זיין שטיל און זיך צוהערן מיט קאָפּ. ביז היינט האָט ער גאָרנישט געוווּסט, ער איז געשלאָפן און געחלומט.

— איר וועט זיך אַוודאי טראַכטן, מיין קינד — האָט אים די אַלטע וויטער געשעפּטשעט — זי איז אַביסל נישט מיט אַלעמען. איז געזונט און פריש און משוגע, איר חלומט זיך שדים, אָבער אַזאַ אַלטע פרוי, ווי איך, מיין הער, וואָס האָט שוין אַזוי פיל איבערגעלעבט, ווערט שוין קלוג פון זיך אַליין.

בלויז וואָס אין די שיינע הייזער טוט זיך ווייס איך נישט. אָבער אַ מענטש איז אַ מענטש. און דו, מיין זון? נו, איך מיין דיר, מיין זון.

— מיר מיינט איר, באָבעשי? נו ווען מיר איז נישטאָ קיין סך, וואָס צו זאָגן.

— נו, וועט שיין זיין גוט, וועט שוין זיין גוט... זונעלע, קום שוין אַראָפּ אַביסל. פאַרוואָס זיצסטו דאָ כּסדר און דו הערסט זיך צו, וואָס איך פּלוידער?

טאָני איז ווידער געזעסן לעבן זיי און זיך צוגעהערט מיט אַן ערנסטן בליק. ער איז געווען זייער שטיל.

— צי איז טאָניע תּמיד מיט די גרויסע? צי ווייס דאָס ייִנגל אַלצדינג, מען שיקט אים נישט שלאָפן, עס איז שוין באַלד עלף, און וואָס דאָס ייִנגל הערט —

— די אַלטע האָט געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענט פאַר הנאה.

— אָך, גאַטעניו, זיין פאָרזיכטיק מיט די קינדער? אַכ־טונג געבן אויף אים און קאָמאַנדעווען: דריי דיך אויס, קוק נישט אַהין, מאַך צו די אויערן. — זיי ווייסן מער פון די גרויסע: און ס'איז גאַנץ גוט אַזוי, זאָלן זיי טאַקע וויסן ווי אַזוי דאָס לעבן זעט אויס. מען קען זיי דאָך נישט לאָזן וואַקסן ווי די בהמות. וואָרן וואָס וועט ווערן פון זיי, אויב זיי וועלן גאָר־נישט וויסן, און מיט איינמאָל איז דאָס ווירקלעכע לעבן אויף זיי? מיט טאָנין, למשל, רעד איך וועגן אַלצדינג. די קינדער ווילן זיך נישט שפּילן מיט אים. דערפאַר טאַקע איז ער אויפ־געוואַקסן מיט די גרויסע. דו דאַרפסט זיך נישט זשענירן פאַר אים, מיין זון, קענסט גאַנץ רויק זאָגן, וואָס פאַר אַ כּוונות דו האָסט דאָ?

— כּוונות? איך וואָלט געשיקט טאָנין אין אַ גוטער שול, למשל, און דיר, מוטער, וואָלט איך געקויפט אַ שטול, וואָס דו זאָלסט אַליין קענען פאָרן מיט איר. דאַן וועסטו זיין אַ באַלאַ־באָסטע איבער זיך אַליין, אַ גרויסער פאָטער־שטול, אויסגעבעט. ווייסט שוין?

— ניין, ניין, אַזאַ זאַך מוז מען זיך גוט מיישב זיין, און אַרומרעדן פריער. אַן אַזאַ שטול וועט מען דאָך מיך אינגאַנצן נישט אַרויסזעען. אַזאַ פּיצל ווי איך בין. זונעשי, זונעשי! דאָס איז די ליבע, זאָג, נאָר זון מיינער, צי האָסטו נישט געזען אַמאָל אַננאַן, קענסטו אפשר אונזער אַננאַן?

אַ גרויסער המון מענטשן איז אָנגעקומען פון קיסטרינער פּלאַץ. די פּלאַזשע איז געווען געענדיקט, די קינאָס האָבן זיך פאַרמאַכט, נאָך איין לאָדע נאָך איין מאָללע און דערנאָך אַבי־סעלע ליבע, די באַנק, דער טויער, אַ שטאַל־ווינקל אין הויף און דער שלאָף אויפן זונטיקדיקן טאָג.

— איך האָב זי געזען דורכן פענסטער, אַננאַן.

— אַזוי, הויב איך שוין אָן צו פאַרשטיין. אַזוי הייסט עס, אַננאַן. און דו? איר הער?

זי האָט אים אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט אים ביז איצט נאָך נישט געזען. זי האָט אים באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס.

— הייסט עס, צוליב אַננאַן. ניין באמת, דאָס וואָס אַלע לויפן אַזוי אויף איר. ערשט האָבן שוין אָנגעהויבן צו קומען די הערן פון מערב! וואָס אַזוינס האָט מען דערזען אין איר? איינער בלויז זעט זי דורכן פענסטער און פאַרלירט דעם קאָפּ אָן, די אַננאַ נעבעך! אומגליקלעך מיידל!

— פאַרוואָס, אומגליקלעך מיידל?

זי האָט אים נאָך אַלץ אָנגעקוקט. אירע אויסגעלאָשענע אויגן זענען געווען אינגאַנצן אָן אַן אויסדרוק, און איר מויל אָן ציין האָט עטוואָס געציטערט.

ווען מ'האָט אויפגעמאַכט די טיר פון אַ קניפּע האָט מען געהערט די טאַנץ־מוזיק פון ראַדיאָ, אָדער אַן ענגלישן רעפריין פון אַ גראַמאָפאָן. אַ צייטונג־טרעגער איז מיד דורכגעגאַנגען:

— עקסטראַ, דריטע אויסגאַבע, נאַכט אויסגאַבע, דער די־סעלדאָרפער מערדער, אויף דער שפּור, פּאָסישער זונטיק־בלאַט, עקסטראַ. אַ שרפה אין האַמבורגער פּאָרט —

ער האָט עס געמורמלט כמעט ווי פאַר זיך.

מיט יעדער אָטעם פון ווינטל זענען פון די בית־עלמינס

אָנגעקומען גאַנצע כוואַליעס פון בלומען־ריחות און נראָזן־דופט. יאָ, ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט. און דאָך זענען דאָ געשטאַנען די בוימער און געשוויגן. פאַרוואָס האָבן די בוימער נישט גערוישט? אָבער די בוימער אין שטאָט רוישן נישט...

מענטשן זענען געגאַנגען לענג־אויס די מעמעלער גאַס. זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט פאַר די העלע שוי־פענסטער: קליידלעך און פאַרביקע וועש, שיך און קיך־מכשירים, מעבל, קאָנסערוון, בלומען, קאָפּעליושן, שאָקאָלאַדע. פונקט ווי אין אַ מוזיי האָבן זיי זיך גערוקט פון איין פענסטער צום אַנדערן און געווען גליקלעך. פאַרמאָגן עס? אַך האָבן פאַר זיך אַליין איז אַ חלום.

— טאָ הערט זשע מיך גוט אויס, מיין הער — האָט גע־זאָגט די באָבע, ערשט איז ער ווידער געווען דער פרעמ־דער הער, — אויב עס גייט אייך בלויז וועגן אַננאַן — איז פאַרפלאָנטערט זיך גאָר נישט, האַלט קאָפּ! זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווי וואָלט געווען, למשל, ווען איר שלאָפט זיך איינמאָל איבער מיט אַזאַ מיידל. וועט עס אַריבער?

— איך מוז אייך זאָגן, באָבעשי, אַז ס'איז מיר שרעק־לעך און אוממעגלעך צו רעדן וועגן דעם אויף אַזאַ אופן.

— אָ, די פיינע לייט!

— איך געהער נישט צו די פיינע לייט. איך וויל זיין מיט אייך. זאָגט מיר, באָבעשי, וואָס איז אַננאַ?

— אַננאַ?.. הער אויס! דאָס איז פעליקס פון וויטקאָווסקי, וואָס זינגט איצט.

אויף אַ באַנק זענען געזעסן זעקס יינגע מיידלעך אין העלע קליידלעך, ווי פייגל, און פאַר זיי איז געשטאַנען אַ שלאַנקער בחור און געזונגען. הינטער אים איז געשטאַנען אַ קלענערער און באַגלייט אים אויף אַ גיטאַרע.

„האָסטו נישט קיין איבעריק שטיקל ברויט פאַר מיר? איך טרייסט די פרויען אַזוי גערן. אויסער דעם איז מיין משפחה ביי אויף מיר, און וויל פון מיר נישט הערן.“

— אַננאַ? — האָט איבערגעפרעגט די אַלטע — אָ, די

האָט דורכגעמאַכט אַ ביסל. מיט דער מוטער. היינט וויל זי פון איר נישט הערן. און עלי, איך מיין. איר מוטער, האָט מורא פאַר איר ווי פאַר פייער. זי שיקט איר וועש מיט אַ יינגל צו אונז. וואַשן וואַשט זי אַליין, נאָר אַמאַליע פּרעסט זי איר אויס אומ-זיסט ; די זענען אַמאָל געווען חברטאָרינס. אָבער אַננאַ, קוים קומט איר אונטער איר מאַמעס אַ העמד אויפן טיש און זי באַ-מערקט עס, אָ, טוט זי אַ וואָרף אַוועק דעם אייזן און נעמט שרייען און וויינען. די אַזעלכע און אַזעלכע, שרייט זי, ווען זי זאָל נישט זיין! זי רעדט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּ פון הארצן, אננאַ, זי איז אַ שטיל קינד, קיינער ווייסט נישט וואָס ביי איר טוט זיך.

דער בחור האָט געזונגען און די סטרונעס האָבן אָפּ-געקלינגט:

„כ׳בין אַ גרויסער זעלן-טרייסטער, געפין באַלד אויס דעם רעכטן קערן, איז פרעג איך: האָסטו נישט אַן איבריק שטיקל ברייט פאַר מיר? איך טרייסט די פרויען אַזוי גערן.״

— אַננאַ — יאָ, אַמאַליע זאָגט, אַז זי איז אַליין אויך נישט קיין גרויסע צניעה און אַז דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע, אָבער איך ווייס נישט. די בולקע, ווו אַננאַ האָט סטאַנציע, שווערט זיך ביי אירע קינדער. זי לאָזט קיינעם נישט צוריק צו זיך, זאָגט זי. אָבער ווער ווייס?

— זי איז דאָך פאַולס כלה?—יאָ איך קען פאַולן אויך.

— אַזוי, אַזוי, איר קענט, הייסט עס, פאַולן? ווי אַזוי איז עס געשען? נו אויב אַזוי, וואָלט איך דאָך געוואָלט וויסן, ווער איר זענט... דער הער קען, הייסט עס, פאַולן... געשעפטלעך האָ?

— ניין, אַזוי פון דער קנייפּע.

— מילא, דאָס זאָגט זייער אַסאַך. אַדרבה, איר האָט שוין איינערע סודות. פאַולס כלה? נו, מ׳גיט אַכטונג אויף איר.

— אָבער זי האָט אים ליב?

— איך זיך נישט אין איר האַרץ. פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— און ער האָט זי ליב?

— פּאָול? נו, מען קען האָבן אַ האַרץ און פונדעסטוועגן נישט ליב האָבן. ניין, כ'גלויב נישט. פּאָול האָט נישט ליב אַנגאַן. ער האָט קיינעם נישט ליב. ער דאַרף זי בלויז...

— און אַנגאַ?

— יאָ, איך קען מיך שוין פאָרשטעלן, הערט מיך אויס. אויב איר וועט האָבן מזל, וועט זי זיך אייך ממש אויפהענגען אויפן האַלז, נאָך איידער איר רעדט אַרויס צוויי ווערטער. און אויב נישט, קענט איר זי שענקען דאָס טעלערל פון הימל, און אויב זי וויל נישט, וועט אייך העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. אויב איר וועט זי נישט באַקומען אומזיסט — וועט איר זי נישט באַקומען פאַר קיין געלט אין דער וועלט.

— און איך האָב אַזוי פיל געלט. ביז אַנומלט בין איך נאָך געווען אַ פאַרשוילדיקטער קבצן, און וואָלט ווען-נישט-ווען געקענט האָבן די גרעסטע מפּלה. אָבער היינט האָב איך געלט.

— ירושה? — האָט די באַבע אויסגעשריגן באַגייסטערט. אַ דער חלום פון אַלע אָרעמעלייט: מען שטייט אויף, דער מאָרגן ברומט בייז, דער אויוון איז קאַלט און אין דרויסן שנייט. דאָס קעצל מיאַוקעט מילך. די שיך זענען צעריסן. און מיטאַמאָל — אַ בריוו. וואָס, אַ בריוו? מיט אַ שטעמפּל! מיט פרעמדע מאַרקעס! פון אַמעריקע! אַ ירושה! דעמאָלס... פּונקט ווי עס קומט פאָר אין קינאָ — צי איז דאָ נישט פאָרגעקומען אַזוי? אַזאַ זאַך! און אָט זיצט לעבן איר אַ מענטש, וואָס האָט עס טאַקע איבערגעלעבט. דאָס אייגענע לעבן זעט אויס קעגן אַזאַ גליק, ווי אַ גאָרנישט.

— נו, טאָ דערציילט זשע, מיין הער. און נעמט זשע נישט פאַר אומגוט, וואָס איך בין געווען מיט אייך אַזוי היימיש. טאָני, צי דו וואָלסט עס געגלויבט! אַ ירושה! פון אַמעריקע!

— אוודאַי, פּונקט ווי אין קינאָ, באָבעשי. אָבער אַזאַ זאַך גייט נאָר אין דער קעשענע, נישט אין האַרץ. זאָלן מיר ווייטער זיין אויף דו, יאָ? איך בין גאָרנישט געוואָרן קלוגער, באָ-

בעשי. איך ווייס נאָך אַלץ גאָרנישט. אַפילו איצט. ניין, איך וואָלט נאָך געוואָלט אַזוי פיל הערן.

אָבער זי האָט געשוויגן, אינגאַנצן באַהערשט.

— וואָס אַזוינס האָט איר געטון ביז איצט, אויב איר דערלויבט מיך צו פרעגן.

— איך בין געשלאָפן. איך האָב אַבסאָלוט גאָרנישט געוווּסט.

זייער, זייער פאָרזיכטיק און גרינג האָט זיך טאָני אָנגעשפאַרט אויף פעטערן. איצט זענען די אַלע זעקס מיידלעך מיט די בחורים פון אַנטקייגנאיבער געגאַנגען זינגענדיק אַרום גאָרטן און אַרום אויף דער קעניגס-גאַס. דאָ און דאָרטן איז עמעץ אויפגעשטאַנען. אָבער די פּאָרלעך זענען נאָך געבליבן אויף די בענק צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. די מוטערס מיט די קליינע קינדער אויפן האַנט זענען נאָך אַלץ געזעסן. ווו זענען געווען זייערע מענער?

— די באָבע האָט געזאָגט גאַנץ מילד:

— צי ווילט איר שוין אויך נישט גיין אַהיים, מיין זון? עס איז שוין האַלב צוועלף. איך ווייס נישט, ווו ווינט איר?

— הינטער ווערדינג, באָבעשי. — האָט ער געענטפערט — אָבער דו ביסט דאָך מיר נאָך שולדיק די מעשה פון דיין דריט מאָל חתונה האָבן. פון דעם דריטן מאַן האָסטו מיר נאָך גאָרנישט דערציילט.

— זי האָט זיך אָנגעלענט אָן זיין אָרעם. זי איז געווען נאָך גרינגער ווי טאָני. פעטער איז געזעסן צווישן זיי ביידע, ווי יענע מוטער מיט די צוויי קינדער אויפדער אַנטקעגנאיבערדיקער באַנק. און דאַן האָט ער זיי אויך אַרומגענומען מיט די אָרעמס. ביידע האָבן זיך אויסגעגלייכט, די באָבע האָט שוין געמוזט האָבן אפשר איבער זיבעציק, און קיינער האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי צערטלעך נישט צוגעדריקט צו זיך. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר, און איר אָנציינדיק מויל האָט געציטערט אויף זיינע באַקן. אַ הייסער שוידער איז אים דורכגעלאָפן

דורכן האַרצן. ער האָט גטראַכט פון אַמאָל, אַמאָל... קושן פון פרייד... אָבער ליבע?.. אויף זיין אָקסל, צוגעדריקט צו זיין האַרץ, האָט די אַלטע געשעפּטשעט:

— נו, מיר גלוסט זיך שוין נישט צו דערציילן. אַך גאָט, דער דריטער... עמיל ציפּע, אַ קאַרטאָפל-הענדלער. איך האָב נישט געדאַרפט דאַמאָלס מסכּים זיין, ווייל איך בין שוין דאַמאָלס גאָרנישט געווען זיכער מיט מיינע פיס. איך האָב זיי שוין נישט געפילט ווי עס דאַרף צו זיין. אין די קניען איז עפּעס געשען. אָבער אָט האָב איך זיך דאָך אַרויפגעצויגן צו אים אינדערהויך אין לאַנדסבערגער אַלעע, ביי דעם בהמות-מאַרק. און יעדן טאָג, פונקט פיר אַזייגער באַגינען, פלעגט ער אַרויספאָרן מיט זיין שימל צו דער צענטראַל-האַלע, און ווען ער איז צוריקגעקומען, פלעג איך אים העלפן. שטענדיק געווען גרויסע צענטנערזעק, מען האָט זיי געדאַרפט שלעפּן אהין און צוריק, און איך בין דאָך אייגנטלעך נישט געווינט געווען דערצו. און מיינע פיס זענען אויך נישט געוואָרן בעסער. ער איז אפילו נישט געווען קיין שלעכטער מאַן, אָט דער ציפּע, צו זעכציק יאָר נאָך יאָדערדיק און פול-בלוטיק, אָבער דערפאַר טאָקע איז ער געווען אַ גרויסער כעסן. ער פלעגט באַלד פאַרלירן דעם געדולד. און ווען איך פלעג אַרבעטן אַזוי לאַנגזאַם און אומפאַלן, פלעגט ער זיך צושרייען, אַז מענטשן אין הויף פלעגן אויפעפענען די פענסטער און שעלטן. איך האָב אים גאָרנישט געזאָגט, אַז מיר ווערט וואָס אַמאָל ערגער. טיילמאָל פלעגן מיר די פיס פּשוט איבערהאַקן דעם וועג. און איך פלעג מיך מוזן אָוועקלייגן. אָבער איך פלעג מיך אָנטון אַ כּח, עס איז נישט געווען לייכט, אָבער פאַרוואָס זאָל עס מיר זיין לייכט, צי בין איך ביי גאָט עפּעס אַן איינאייניציקע?

צווישן די בענק האָט זיך דורכגעוואַקלט אַ שיכּור און זיך אָפּגעשטעלט ביי דערדאַזיקער גרופּע.

— נו, — האָט ער געזאָגט — דו ביסט דאָך טאָני — און אים אַראָפּגעלאָזט אַ זעץ אויף זיין הויכן אָקסל — דיר קען מען זייער פיין גלעטן אין גערבל.

פעטער האָט זיך געטאָן אַ ריס פון אָרט. אָבער דאָס קינד האָט געלאַכט.

— יאָ פראַנצע, — האָט ער געזאָגט — יאָ, אָבער מיט פילץ-פאַפּיר, אַנישט וועסטו מאַכן צייכנס.

— יאָ, אָט דער טאָני האָט אַ מיילכל, ווי אויף שרייפלעך. אַ ממזר אַ ייִנג. ער פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך.

— און אָט קומט אָן דער טאָג — זאָגט די באָבע, — יאָ, הייסט עס. שטייט ער אַזוי איינמאָל פאַרמיטאָג אויפן וואָגן און איך שלעפּ אים אַרויס פון מאַגאַזין די זעק מיט קאַרטאָפל. איך פיל, אַז איך קען שוין נישט, אָבער איך נעם מיך צוזאַמען. אָבער דאָ פיל איך, אַז ס'איז אויס מיט מיר. מיטאַמאָל זעגען מיינע פיס ממש ווי אָפּגענומען. איך ליג, איך וויל זיך אויפהייבן און קען נישט — אַז עמיל ווערט דיר נישט פלוצלינג ווילד און נעמט וואַרפן אין מיר די קאַרטאָפל און ער שרייט נישט מיט זיין קול: — שטיי אויף דו, נו! ווילסט כ'זאָל דיר מאַכן אַ פּאָר נייע פיס! און ער שרייט פגרה, און מיאוסע נבלה. איך וועל דיר אָנגעמען פאַר די פיס. אויב דו האָסט נישט, וועל איך שוין מאַכן, אַז דו זאָלסט האָבן! און דערביי הערט ער מיר נישט אויף צו וואַרפן די קאַרטאָפל אין פנים, דאָס בלוט לויפט, און מענטשן קומען און נעמען אים אַראָפּ פון וואָגן, אָבער ער אַרבעט מעשים, ער וויל זיך נישט באַרויקן. זיי בינדן אים. איינער איז געלאָפן נאָך אַ פּאָליציאַנט. דער פּאָליציאַנט איז געקומען, און מיך האָט מען אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. איך בין שוין, הייסט עס, נאָר אַ האַלבע, פון דעם בויך אָן שפּיר איך שוין גאָרנישט. און אַזוי איז עס געבליבן שוין אויף שטענדיק.

פעטער האָט דער אַלטער צוגעדריקט פעטער צו זיך, אין זיין אָרעם האָט איר האַרץ געקלאַפּט האַרט ווי אַ האַמער.

עמילן האָבן זיי אָוועקגעשלעפּט אין צירקל. אָבער מיט אַמאָל איז ער געבליבן שטיין שטיל און פאַרגליווערט און אַ מאַך געטון מיט די הענט. זיי האָבן אים געבראַכט צוריק און אַריינגעלייגט אים לעבן מיר אין בעט. ער האָט געכאַרכלט און

געכאָרכלט. מיר האָט דער דאָקטאָר געשמירט מיט זאַלב דעם פּנים, אָבער מיט עמילן איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. געהירן-אָנטצינדונג. ער האָט געכאָרכלט. דאָס האָט אַזוי געדויערט צוועלף שעה. ס'איז געווען ביינאַכט, נעם איך אַזוי אָן זיין האַנט און רעד צו אים, אַז מיט מיר איז אויס, און אַז איך וועל מיך ליבערשט אויפהענגען, איידער ער זאָל האָבן דעם עול פון אַ קראַנקער ווייב אויף זיך, און אַז ער איז געווען אַ גוטער מאַן, זאָג איך אים. און אַזוי רעד איך, און די אויגן זענען מיר פאַרשוואָלן, איך זע נישט גאָרנישט. מיטאַמאָל ווערט מיר אַזוי קאַלט, און איך האָב גאָרנישט באַמערקט, אַז ער איז שוין געווען פון לאַנג טויט. האָב איך אַזוי ליגנדיק אָנגעהויבן שטאַרק צו שרייען, אָבער קיינער האָט אפילו נישט געהערט. אויף דעם הויף איז תמיד אַ טומל. ס'האָט געוווינט דאָרטן אַ שלאָסער. און דעם פערד דאַרף מען שוין אויך געבן צו פרעסן. לאָז איך מיר אַרויספאַלן פון בעט און שאַר מיך צו אויף די הענט צו דער טיר און איך מאַך זי אויף און איך שאַר מיך אַדורך דורך דער קיך, און ערשט דאַן האָבן זיי געהערט, ווען איך האָב מיך אַזוי געשלעפּט אויף די טרעפּ. אַמאַליע, די גוטע נשמה, איז געקומען און מיך גענומען צו זיך. ווילי האָט אויך מסכּים געווען, שוין, האָט ער געזאָגט, מאַמעלע, דו זאָלסט זיך שוין ביי אונז אָפּרוען אַביסל די ביינער. מילא, איך האָב אפילו מיין רענטע. און אַמאַליע האָט נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב זי געגעבן אַכט הונדערט מאַרק, ווען זי האָט געזאָלט קויפן דעם געוועלב; געשענקט, אָן שום פּראָצענט, נו, און איצט גיבן זיי מיר אָפּ, אַ דאַנק גאָט.

אין וועבער-גאָרטן האָט געבלאָזן אַ ווינט. ער האָט געברענגט צו טראָגן אַ ריח פון די קירכע-הויפן. אַלצדינג איז געזעסן צענויפגעדריקט אין פאָרלעך. און דאָך, אַ פּעטער, פּעטערל, אַ זיפץ פון איינזאַמקייט האָט פול געמאַכט די וואַרעמע פייכטע נאַכט.

— אָט קומט דער טאַטע — האָט געזאָגט טאַני.

ווילי לידעקע, אָן אַ היטל, בלויז אין וועסטל, איז געקומען

פון דער אַלטע אויף דעם פּלאַץ און געזוכט די זייניקע. טאָני האָט אים צוגערופן.

— גוטנאָוונט, הער — האָט ער געזאָגט מיט אַ פרייגט-לעכע, העלע שטים — אַלזאָ, דאָס איז דער הער, וואָס? אַ פיי-נע אַלטע דאַמע! אָבער איצט — צייט אַהיים, גנעדיקע פרוי. גו קוניגונדע, דאָס איז געווען אַ שיינע שטונדע.

און ער האָט אויפגעהויבן די לאַכנדיקע זקנה און זי גע-נומען ווי אַ קינד אויף דער האַנט.

— אַ גוטע נאַכט, מיין הער, און אויב איר וועט וועלן אַמאָל באַזוכן די מוטער, איז עס פאַר אונז אַלע אַ גרויסער כבוד, הער.

ווען ער איז שוין געגאַנגען מיט איר צוריק אין שטוב אַריין, האָט זי נאָך געווונקען מיט אירע קליינע ביינערדיקע הענטלעך.

— אויף ווידערזען, ווידערזען, זונעלע. טאָני, שנעלער.

טאָני איז געשטאַנען הינטער דעם ליידיקן וועגעלע, כדי עס אָוועקצושטופּן אין דער היים. פּעטער האָט נאָכגעקוקט ווילין מיט דער אַלטער. פלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז צוויי פייכטע הענט האָבן אָנגענומען זיין האַנט, טאָני האָט אַרויפגעקוקט צו אים:

— איר וועט קומען צו אונז צו גאַסט, יאָ?

— וואָס דאַרפסטו האָבן, טאָני, זאָג אַרויס אַ פאַרלאַנג.

— אָ, אפשר גאָרנישט, אפשר אַ פּאָר העפטן און בליי-פעדערס, אָ, און אפשר אַ קליינע, אַזאַ קליינע פיל-פעדער, אַזוי, גאָר אַ ביליקע, פאַר קינדער. און אַ בוך אפשר, וואָס זאָל מיר געהערן, אַז איך זאָל אים נישט דאַרפן אָוועקטראָגן צוריק אין שול. וועט איר קומען צו אונז?

— אינגיכן טאָני, אַ גוטע נאַכט, טאָני.

דעם קליינעמס באַק האָט זיך אַ רייב געטון אָן זיין האַנט. פּעטער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, איצט שוין אַליין. אונטער די ביימער איז ביסלעכווייז געוואָרן לי-דיק און שטיל.

אָ פּעטער, פּעטערל, פּעטערשי, דו פּעטער נעבעך, רייכער פּעטער! ערשט זיצסטו אַליין אונטער די בוימער, צי איז עס נישט פּאַעטיש? אומעטום ליבע, די ערד אָטעמט מיט חיות און מוטער-ליפּן האָבן דיך געקושט. פּעטער! דו שלאָפסט נאָך? — אַך, ניין, איך בין שרעקלעך וואַך. דאָס איז עס, אַזוי איז עס, דאָ לעבט זי, אננאַ, דאָס איז איר וועלט. געבוירן אין דער שטוב פון אַ זונה, צו צען יאָר פּאַר אַ צוקערל מיט יינגען הינטער דער טיר, צו פּוצן גייט זי שוין מיט אַלפאָנסן און גנבים, וואָס טוט זיך דאָ!! אין פּעטערן שרייט דאָס האַרץ ווילד. וואָט טוט זיך דאָ!! וואָס שטייסטו מיר אין וועג, פּאַול? דו ווילסט זי אַליין האָבן, אָ, דו, פּאַול, און אַז דו האָסט מיך אַוועקגעשיקט, צי וועל איך דען נישט מוזן גיין?..

אין אַזאַ וועלט, אננאַס וועלט, אין אַזאַ וועלט לעבט זי. וואָס גייט מיך אָן טאָני, וואָס גייט מיך אָן די באָבע! איך לאַך פון זיי! וואָס גייען זיי מיך אָן! טינוף אויף די שיך — ווערט מען אָפּרייבן. מ׳זינקט. אָבער דריי טריט ווייטער איז מען ריין—אָבער אננאַ! דאָס וואָס זי לעבט דאָ. אין אַזאַ וועלט: דאָס איז דאָך אננאַ! אַלצדינג האָט זי איבערגעלעבט. דאָס איז דאָך אַלצדינג געווען מיט איר, דאָס איז דאָך איר לופט. קום אַרויס פון דאַנען. קום. לאָז זיי פאַרזינקען, אָבער דו!

לעבן אים אויף דער באַנק איז אַנידערגעפאַלן אַ פּרזי. אַ פּעקל — דאָס איז געווען אַ קינד — האָט זיך איר אַרויס-געגלישט פון שויס. פּעטער איז צוגעלאָפן:

— עס פאַלט דאָך — האָט ער געשריגן צו איר.

— לאָזט צורו — האָט זי געענטפערט מיט אַ הייזעריקע שטימע — זאָל עס פאַלן. מיר איז אַלץ איינס — און זי האָט אַ גרעפּץ געטון.

זי האָט געזונגען: „שלאָף, דו קינד מיינס שלאָף, און מאָרגן שטיי נישט אויף...״

— האָסט געהערט, פּעטער? האָסטו געהערט די שטימען פון אננאַס וועלט? אַ שיכורע מאַמע וויל איינוויגן איר קינד צום טויט. הער זיך איין. זי דערציילט דיר. ניין, פאַרמאַך דיינע אויערן,

אַנטלױף שנעל, אױב דו װעסט הערן װעסטו שױן קײנמאָל נישט קענען לאַכן. אױ, טפֿוי! געלט! געלט אין דערדאָזיקער ציטערנדיקער האַנט. דו דרײסט אַװעק דײַן נאָז פֿון איר פֿאַרסמטן אָטעם און דו װאַרפֿסט אַרײַן געלט אין איר אָפּגעריסענעם שױס. װאָס װילסטו דאָ מיט דײַן געלט, בײַ די אומגליקלעכע? דו קױף זײ בעסער אַביסל זון, פֿעטער, אָרעמער פֿעטער, דײַן אַמעריקע קלעקט נישט!

— װאָס זשע? — האָט געזאָגט די שיכורע, — װאָס זשע? װאָס גיט איר מיר? געלט? נײן, איך דאַרף נישט קײן געלט. אַז איך װעל קומען אין שטוב אַרײַן מיט געלט, װאָס װעט ער זאָגן? נו, האָב איך עס פֿריער נישט געזאָגט — אַ הור איז זי! — זאָגט ער. מענער האָט זי, די מיאוסע נבלה, זאָגט ער. און דאַן נעמט ער די קױלן־שופֿלע — און זי האָט זיך אָנגעהױבן צו קרומען. זי האָט זי שױן געזען די שופֿלע פֿאַר די אױגן:— אױ אױ! נײן, האָב רחמנות. לאָז אָפּ... ס'איז נישט אמת. נישט אַזױ װילד, עדוואַרד — נו הער, גלײַכער, אַז נישט. באַהאַלט עס פֿאַר זיך. אַ גוטע נאַכט.

ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַן אָפֿענער טאַקסי און אַװעקגעפֿאָרן, נישט אַהײם, נאָר אַראָפּ מיט די לינדן, װײַט, לױפֿטיק, פֿריש אױסגעלופֿטערט. עלעגאַנטע קאַװע־הײַזער. דאָ האָט זיך די שטאָט פֿאַנאַנדערגעלײגט װי אַ רײַכע פֿרױ אין איר פּראַכטפֿולער בעט. דער זאָאָלאָגישער גאָרטן האָט זיך געכװאַליעט מיט מאַי־ריחות. װײַט אַראָפּ איבער שאַרלאָטנבורג און שפּאַנדױ איז אַרױסגעשװוּמען די לבנה. עס האָט זיך אױסגעשפּרײט דער װאַלד. אַ בריק־בױגן. די באַן. װאַסער. בײַם אױסבױג, שבת בײַנאַכט — צעלאָזענע פֿרײלעכקײט. הינטער די פֿענסטער מיט שפּיצן פֿירהאַנגען—האָט מען געטאַנצט אונטערן דזשאַז פֿון שװאַרצע מענער. אָט טאַנצן זײ די װײַסע אין די אױגן פֿון די נעגער. זײ װײַזן זײ אַ גראָטעסקע פֿאָרשטעלונג. אָבער זײ באַמערקן נישט, אַז אַפֿריקע מאַכט חוזק פֿון זײ! דו געדאַנקענלאָזע, װײַסע ראַסע! מאַלפּעס און נעגערס מאַכן זײ נאָך און װי גראָב און האַמעטנע!

ער איז געפאָרן אַהיים. דער וועדינג איז געשלאָפן. צוויי אזייגער. די מידקייט פון אַ גאַנצע וואָך איז איינגעשלאָפן. אַ גאַנצע וואָך שווייס האָט מען היינט אָפּגעוואַשן. אָבער דער מערב טאַנצט כסדר.

זע נאָר, צי האָט די פּאָסט נישט געבראַכט היינט פאַר פּעטער באַס קיין איינלאַדונג? נאָך אַלץ אַ לעצטער באַל. ער הייסט: „די פרילינג-נאַכט רופט אייך", קומט פאַר אין דער פיל-האַרמאָניע. פּאַפּירענע בלעטן פון פרוכט-ביימער, און רויזן-בלעט-לעך פון זייד. טולפן-בייטן פון סאַמעט און גליצינען-בינטלעך פון קאַרטאָן.

פּעטער האָט אַפילו נישט געשמייכלט. ער האָט געטון אַן אומבאַגרייפלעכע און קינדערשע זאַך. אין גרויסן אַלטמאָדישן שלאָף-צימער מיט צוויי פענסטער צום פאַבריק-הויף, וווּ ער איז איצט געשלאָפן איז געשטאַנען דער גרויסער שפּיגל, צוויי מע-טער צוואַנציק אויף אַכציק. ער האָט ליכטיק געמאַכט, זיך אַװעקגעשטעלט אַנטקעגן אים און זיך איינגעקוקט. ער האָט אָנ-געהויבן ביים קאָפּ. ער האָט געוויזן מיטן פינגער אויפן בלאַסן, געפאַלדעוועטן שטערן, אויף די גרויע אויגן, אויף דער נאָז, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאָרם; ער האָט צוגעלייגט דעם פינגער צום גלאָז און אויסגעצויגן דעם מויל, דעם שמאָלן קין.

— און דאָס — האָט ער געמורמלט צו זיין דאָפּלגייער אין דער גלאָז — דאָס זאָל זי ליב קריגן?

עס האָט אים אויפגעשווידערט. דעם צווייטן. ער האָט באַ-קוקט ביי יענעם די הענט. און מיטאַמאָל האָט ער זיך פּאַמע-לעך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, צוגעלייגט דעם שטערן צום גלאָז און געזאָגט:

— אַננאַ, איך — — אַננאַ, איך, אַננאַ — — — דו ווילסט? וואָלסטו געקענט? צי גלויבסטו, אַז דו — — — קוק מיך נישט אָן, אָבער בייג זיך אַראָפּ, אַננאַ, אָ, אַננאַ!

ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן. געשפּענסטע-ריש האָט עס אים דער צווייטער נאָכגעטון, אין אַ געשפּענסטע-ריש העסלעכן צימער. אַ וואַנט-בילד איבער בעטן פון נוס-

האָלן: דריי שפּילעוודיקע מלאָכים אין אַ ווייס-ראָזיקן וואָלקן אין אַ הימלשער בלויקייט. אַ וואַש-קאָמאָדע. אויפן פאָרצעליי וענען געווען אויסגעמאָלט בלויע לאַנדשאַפטן. אויפן פענסטער טיולענע דראַפּירטע גאַרדינען, בלוי אויסגעהאָפטן. אַ טישל, אַ סאַמעטענע שטול, אַ ציגנפעל פאַרן בעט. אויף דעם נאַכטיש אַ בראָנזענער פרייער-פויגל מיט דער עלעקטרישער באַרנע אין שנאָבל.

און אין סאַמע מיטן איז געשטאַנען אננאַ, זי איז געווען באַקעט צניעותדיק. זי איז געווען ריין ווי אַ קינד.

ער האָט אַ קרעכץ געטון, און ער האָט זיך אָנגעקוקט. ער האָט זיך אָנגעקוקט אין דער העסלעכקייט פון צימער און געפלאַמט פאַר בושה, די חרפה האָט אים געברענט ביז די ביינער און ער האָט געזאָגט:

— קיינמאָל נישט. ניין. קיינמאָל נישט. זי האָט זיך נישט אַראָפּגעבויגן.

אָבער ער איז געבליבן שטיין אויף די קני, דער אָרימער פּעטער. אָ, הויב מיך אויף, פּאַול — האָט ער גערופן דעם אַנדערן, פון איצט אָן זיין אַנדערער. פּאַול האָט זיך אויך נישט אַראָפּגעבויגן. צי זאָ ער אַזוי בלייבן אויף די קני?

עס איז געווען אַביסל שווער זיך צו פאַרשטענדיקן מיט לינאַן. זי האָט שוין אַביסל נישט דערהערט און אירע אויגן זענען שוואַך געוואָרן. זי האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען, למשל, ווען מ׳האָט געקלונגען צו אים אין טעלעפאָן, צו זאָגן: הער באָס איז אוועקגעפאָרן, איך ווייס נישט ווו, איך ווייס נישט אויף ווי לאַנג. ער האָט עס איר נישט געקענט געבן צו פאַרשטיין. ווען ס׳איז געווען „פאַרן הער באָס״ האָט זי גאָר פאַרלוירן דעם זין.

ניין. ער האָט שוין מער פאַר קיינעם נישט עקזיסטירט. צי איז ער אינדעראמתן נישט געווען אַסאַך ווייטער, ווי אַ שיף וואָלט מיט אים געקענט אַוועקשווימען? צי איז ער נישט געווען מער אויף יענער זייט פון לעבן, ווי אויף אַן אַנדער ערדטייל? אויבן אויף זיין קליינעם באַלקאָן, בלויז צוואַנציק מעטער פון דער שטאָט, האָט ער געלעבט אין אַן אומדערגרייכבאַר, גייער וועלט. די מאַי-זון האָט באַגאָסן מיט איר ליכט יעדן גראָז, יעדן שטיין, ווי עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. זי האָט דורכגעשיינט די קעמערלעך און געלויכטן טיף ביזן אינגעווייד.

איצט איז ער געגאַנגען איבער דעם הויף, וואָס איז געווען אויפגערוימט קאַלט אין זיין אייביקן שאָטן, ריין און שטיל. און

דער ווייטער פאבריק-בנין מיט זיינע דריי שורות גרויסע גע־דיכט-געקעסטלטע פענסטער האט אויסגעזען פארלאזן, אויסגע־שטארבן און זינלאז. די ליידיקע שטאקן זענען נישט געווען צו פארדינגען. ווער ס'האט זיך געוואלט איין די באזעצן, האט באלד ארויסגעוויזן זיין אומפעיקייט צו צאלן.

אונטער דער גלעזערנער וואנט איז געזעסן אטא מענקע, דער אלטער געשעפטס-פירער. ער פלעגט קומען פינקטלעך יעדן פרימארגן, האלב ניין אזייגער. אבער קיין פאסט אויפן טיש איז נישט געווען. ער פלעגט זיצן און בלעטערן אין די אלטע ביכער. אך, די גוטע, פעטע יארן פון פאר דער מלחמה, ווען יעדער קצב האט זיך ארייגעשטעלט א קלאוויר, און יעדער בעל-מלאכה; ווען יעדער שענקל האט געמוזט האבן זיין קלאוויר-מוזיק! דערנאך איז געקומען די מלחמה. מיליאנען-אומזאצן, ביליאנען-טראנזאקציעס, און דאן די קריזיס-ביכער, די ביכער פון דער אינפלאציע, ווען דער אלטער באס האט ארייגעשטעקט זיין גאנץ פארמעגן אין געשעפט, כדי עס צו דערהאלטן. און פאר צוויי יארן דער לעצטער אפשטעל. די ארבעטער אפגעזאגט, מ'האט אויפגעהערט צו בויען נייע קלאווירן. דאס מאטעריאל איז געבליבן שטיין אינמיטן דער ארבעט. דאן האט מען אפגעזאגט דעם לעצטן טאג־רעגולירער. נאר ער, אטא מענקע, איז געבליבן. ער אליין איז בצוועק דאס גאנצע געשעפט. און ער איז איצט דא געזעסן און געלייענט צייטונגען. ער האט געפרישטיקט ארום האלב איינס פיר שטיקלעך ברויט מיט פוטער און געטרונקען קאווע פון זיין ווארעם-פלאש. פינף אזייגער איז ער געגאנגען אהיים. ער איז עלטער געווארן פון טאג צו טאג, און ער האט געציטערט. ער איז אלט געווען צוויי און זעכציק יאר.

היינט איז פעטער באס געקומען עלף אזייגער פארמיטאג און אוועקגעלייגט אויפן טיש פארן אלטן מענקע א טשעק.

— הער מענקע, אט האט איר, דאס וואס קומט אייך צום חשבון פון אייער געהאלט, וואס איר האט פארלענגערט אויף א יאר. איך האב אייך לײדער נישט געקענט צאלן די גאנצע צייט. ביטע, דא האט איר עס. איר זעט, אונזער לאגער, אכציק

קלאווירן, דאָס איז אַ גאַנץ פאַרמעגן. דאָס איז אַ קאַפּיטאַל פון אַ רייכן מאַן. צי מיר פאַרקויפן יאָ, אָדער נישט — איז שוין דאָ גאָרנישט וויכטיק. באַהאַלט־זשע דעם טשעק, פּאָטערל, און גייט אַהיים. איך וואָלט אייך געראַטן נאָכמיטאָג אַרויסצופאָרן אַביסל מיט אייער אַלטיטשקער קיין וואַנזעע.

ער האָט געוואָלט זיין אַליין מיט זיינע אַכציק קלאַווירן, ער האָט געוואָלט שפּילן. קעגנאיבער אין סאַלאָן איז געשטאַנען זיין מוטערס פּיאַנאָ, אויף וועלכן זי האָט געשפּילט אַזוי זיס און זאַנפט מענדעלסאָנען און אַזוי ריטמיש און מונטער שובערטן. ער האָט קיינמאָל נישט אָנגערירט דידאָזיקע קלאַווישן. אפשר האָבן שוין די מייז אויפגעפרעסן דעם פילץ און די סטרונעס זענען שוין צעפּלאַצט. טיילמאָל פלעגט ער זיך אַוועקזעצן פאַר דעם אינסטרומענט און זיך איינגעהערט אין עבר, ווי זי האָט געשפּילט. אַמאָל, דאַמאָלס, דאָס איז געווען שוין לאַנג, לאַנג צוריק. ער איז דאַן געווען אַ קליין ייִנגל, און ער איז געשטאַנען אין עסצימער, דעם אויער צוגעשפּאַרט צו דער טיר און זיך צוגעהאָרכט. איינמאָל האָט זי אים אַזוי דערווישט. נאָך באַרוישט פון דער וואַנדערער־פאַנטאַזיע איז ער דאַן געבליבן זיצן אויפן שוועל און פלוצלונג האָט זי אויפגעעפנט די טיר. — אָ! — האָט זי אויסגערופן פאַרחידושט, דערשראָקן, און אויף איר מויל האָט זיך איר געלייגט יענער אויסדרוק פון עקל, וואָס זי האָט שטענדיק געגעבן צו שפּירן, ווען איר בליק איז געפאַלן אויף דעם דאָזיקן מיאוסן ייִנגל. ווי מיאוס ער איז געווען, פּעטער... זי האָט אים אַראָפּגעשטופּט מיטן פוס פון דער שוועל, פאַרנומען עטוואָס איר קלייד — כדי אים נישט אָנצורירן? — און איז דורכגעגאַנגען.

ווי מיאוס פּעטער איז געווען!... איצט, זיצנדיק פאַר זיין ראָיאַל, האָט ער זיך געזען, ווי ער איז אַלט געווען 12 יאָר, די האָר און די הויט ביי אים זענען געווען אָן אַ פאַרב און דאָס פּנים אַזוי קרעצעדיק, און שווייסיקע הענט האָט ער געהאַט. ווי מיאוס די האָר זענען אים געוואַקסן אויפן קאַרק. צו צוועלף יאָר האָט אים שוין אָנגעהויבן צו שפּראָצן אַ בערדל אויף דער גאָמבע. זיין נאָז איז געווען גרוי פון ווענגרעס. אָך, ווי גוט ער האָט זיך

אַליין געקענט!... בייַנאַכט פלעגט ער פאַרשליסן די טיר און זיך אוועקשטעלן פאַרן שפּיגל, מיט אַ שטיקל שפּיגל אין דער האַנט, כּדי צו זען, ווי ער זעט אויס פון הינטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מ׳קען אים נישט ליב האָבן. יאָ, לינאַ, וואָס האָט תּמיד געהאַט אַ שוואַכע ראיה, האָט געקענט פעטערלען פאַרליידן צוליב איר קורצזיכטיקייט. אָבער די זעענדיקע? אין דער שול האָט מען זיך געקענט פאַרמעסטן און אויסצייכענען זיך דורך התמדה, און ער פלעגט צווינגען די לערער, נישט מיטן גאַנצן האַרצן, צו אָנערקענען אים, אים צוצוואַרפן בליקן פון אָנערקענונג אָן ליבע און זייַנע אַרבעטן אַרויסצושטעלן פאַר אַ מוסטער. אָבער די חברים האָט מען שוין בשום אופן נישט געקענט נעמען. און ער, דער צווייטער, פאַול — ווי שיין ער האָט געמוזט זיין, דערדאָזיקער פאַול!

ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, אַזוי שנעל גאָכן פעטער עדוואַרדס אַוועקפאָרן — ווי שטום איז זי געווען אין די דאָזיקע לעצטע חדשים. זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שפּילן קלאַוויר. טייַלמאָל, כּדי זי אַריינצונאַרן, פלעגט פעטער בסוד אויפעפענען דאָס דעקל, אָבער זי פלעגט אים שטילערהייט צוריק פאַרמאַכן, — און אַז זי איז געשטאָרבן, איז דער פאָטער פלוצלונג געבוירן געוואָרן פאַר אים. פלוצלינג האָט אים דער טאַטע ליב געקריגן, פּונקט ווי מ׳וואָלט אַראָפּגענומען עפּעס אַ געהיימען פאַרבאָט. ער פלעגט צוקומען צו זיין בעט אין אָוונט און פלעגט זיך אַוועקזעצן. ער פלעגט זיך לאָזן פאַרשפּילן, און אויסהערן, וואָס ער האָט געלערנט אין שול. און פלוצלונג האָבן אויפגעלעבט פאַר אים אָט די פריינט, פאָרזיכטיק ליבנדיקע. דאָס שטומע הויז איז אָנגעפילט געוואָרן פון אַ מעלאָדיע. און צום מיינסטן האָט ליב געהאַט דער פאָטער נאָכן שליסן דאָס געשעפט צו בלייבן אין קאַנטאָר, און פעטער, וואָס איז דערווייל שנעל געוואַקסן, שטאַרק, ברייט, פלעגט זיך אַוועקזעצן ביים ראָיאַל, וועלכן מ׳האָט גראָד דעמאָלט אויפגעשטעלט, און פלעגט שפּילן זיין שומאַן. ער פלעגט שטאַרק פילן די דאָזיקע מוזיק פון וואַסער,

נאַכט און וואַלד, נאַכט-הימל און שטורם, בלוט און איינ-
זאַמקייט.

אַצינד, פאַרמיטאָג, ווען די זון האָט אַראָפּגעשטראַלט מיט גאָלדענע בליצן דורך די פאָדערשטע פענסטער פון פאָדערהויז, האָט ער געשפּילט. געשפּילט שאָפּען פון יענער נאַכט — — —

ער האָט אויפגעהערט צו שפּילן און געשמייכלט. אין יענער נאַכט האָט ער זיך באַפרייט פון זיין געזעלשאַפט, אַרויס-געגנבעט זיך פון יענע אַלטע פריינט. פון די מענטשן, וואָס ער האָט געלעבט מיט זיי דאָס גאַנצע לעבן, אַוועקגעוואָרפן זיי און אַריין אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ פאַרפישופטע געגנט. אַן אונטערערדישע הולטאַישע רייזע און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויבן אין לעבן. ביטער און ווייטיקלעך איז עס, אָבער ממשות-דיק. ער לעבט...

ווייטער! שאָפּענס ראָנדאָ. דעם לאַנגזאַמען זאַץ. דאָס לאַרדזשעטאָ. און דער צע-מאָל פון ראָמאַנס. דאָס ביסטו, אַננאַ. ער האָט געשפּילט פאַר איר. האָט זי זיך צוגעהערט? האָט זי זיך נישט אָפּגעקערט? מוזיק שווימט פון אויבן, אָבער אַננאַ גייט פאַרביי...

ווען לינאַ איז געקומען צו גיין און אים גערופן צום טיש, איז ער נאָך אַלץ געזעסן ביים ראָיאַל. די קאָטלעטן זענען פאַרדאַרט געוואָרן.

— און תּמיד איז דער הער פעטער געווען אַזוי פּינקט-לעך — האָט זי געזאָגט — אַזוי אויף דער מינוט. איך האָב שטענדיק געזאָגט צו אַלעמען, אַז נאָך אַזאַ הער איז נישטאָ אויף דער וועלט. און איצט? וואָס איז געשען, הער פעטער? צי זענט איר קראַנק, הער פעטער? איר האָט אויפגעהערט צו עסן, און גאָט ווייס, ווען איר קומט אַהיים ביינאַכט. איך וויל אויפזיצן און וואַרטן אויף אייך, אָבער איך שלאָף טאַקע איין, און איך הער שוין גאָרנישט. וואָס איז מיטן הער פעטער?

ער האָט זי געהאָלפן גיין אויף די טרעפּ. דאָס איז געווען אַן אַלטע פרוי, זי האָט אויפגעהערט צו זען דעם שטויב אויפן מעבל, זי האָט שוין שלעכט אָפּגעפּוצט די פענסטער. אָבער פון

קיין הילף האָט זי נישט געוואָלט הערן. זי האָט געוואַשן אַליין די וועש, און זי האָט געשטריקט וואָלענע זאָקן אויפֿן ווינטער.

— אָבער היינט, לינאַ, אַז מיר האָבן שוין געלט, — האָט געזאָגט פּעטער, — וועלן מיר זיך סטאַרען דיך אַביסל צו פֿאַרלייכטערן. מיר וועלן אַריינגעמען עפּעס אַ יונג מיידל, און דו וועסט זיך זיצן אין דער שטול און קאָמאַנדעווען.

— אויב איר ווינטשט מיר דעם טויט, איז גוט, טאָ טוט אַזוי. — האָט לינאַ געענטפערט. זי האָט נישט געזאָגט מער קיין וואָרט. זי איז געווען אַזוי טיף־געקרענקט, אַז די ווערטער זענען איר געבליבן שטעקן אין האַלז. דאַן איז עס געווען ערנסט, דאַן האָט עס באַדייט נאָכגעבן איר.

אַלע האָבן גענומען מאַכן פּאַר אים פּלענער, די פריינט און אַפילו די פריינדינס. אַ הויז אין דעלהאַם, אַ ווילע אין די בערג, אַן אַמעריקאַנישער אויטאָמאָביל, אַ זעגל־שיף אויף דער וואַנזעע, רייזעס אַרום דער וועלט. אינערלעכע אויסשטאַטונג פֿון הייזער אָדער אַנטיקן פֿון גערסאָן, אַ שותּף צו אַ פילם־געזעלשאַפֿט, אָדער צו אַ קינסטלערישן פֿאַרלאַג, זאָגט קאַטינקאַ. אָדער אין לופֿט־פֿליערייַ, האָט געפּלאַנט איזאַ, וואָס האָט איבערגעלעבט אַ געצוווּנגענע לאַנדונג אין סטענדאַל: ס׳איז פּלוצלונג נאַכט געוואָרן, זי איז געווען דער איינציקער פּלי־פּאַסאַזשיר, דער פּילאָט איז געווען אַ יעגער־פליער בעת דער מלחמה. זיי האָבן איבערגענעכטיקט אין סטענדאַל.—אַזוי האָבן זיי אים אויסגעפּוצט פֿון קאָפּ ביז די פיס, אויסגעשטאַט אים פֿון לאָמפּ ביזן אַש־בעכער.

ער האָט געגעסן לינאַס מאכל פֿון אַרבעס מיט פּוטער און געלאַכט: איצט איז ער זיי פֿאַרפּאַלן געוואָרן... ער הערט, ווי זיי זידלען אים: דער גראָבער יונג! פֿון אַ פּויער וועסטו קיינמאָל קיין פּריץ נישט מאַכן. מסתּמא איז ער דאָרט ערגעץ אין הערינגסדאָרף אָדער שירקע. ער האָט דען עפּעס אַן אַנונג פֿון דער וועלט? אָנשטאָט קאַנעס, פּונראַל, לוקסאָר, קאַלאָמבאָ! אַ שאָד אַזויפֿיל געלט, פּאַלט תּמיד אַריין אין אַזעלכע הענט. ווען מיר, אַ שטייגער, האָבן עס — אָ! — אַ! — — — —

אין קיין שום פרט האָט פּעטער באָס נישט געענדערט זיין לעבנסשטייגער, סיידן אפשר דאָס, וואָס ער האָט זיך פאַרגינען אויף אַ טאַקסי, ווען דער ערשטער אויטאָבוס איז געווען שטאַרק איבערפולט און ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויף אַ צווייטן. אָבער ס׳איז געשען אַ וווּנדער: זיינע אַקסלען האָבן זיך אויסגעגלייכט, זיין קאָפּ איז פריי געוואָרן. דער „מאָרגן" איז שוין איצט נישט געווען קיין אָפּשרעקנדיקע געשטאַלט. די מורא פאַר יעדן ערשטן פון קוואַרטאַל איז אַוועק, רעכענונגען זענען באַצאָלט געוואָרן צו דער צייט. דירה־געלט האָט מען ווידער געקענט אַביסל צוּוואַרטן. אָפּלייגן. דעם סטאָלער ראָסט, למשל, אונטן, אין דעם קעלער־וואַרשטאַט, און דעם בוכהאַלטער וועדעל, אויבן, אויפן צווייטן שטאָק, וואָס האָבן נישט תּמיד געקענט פאַרדינגען זייערע צימערן — פון וואָס זיי האָבן געלעבט. סענטאַ די טאָכטער איז שוין אַלט געווען איבער פערציק יאָר און געווען נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. זי פלעגט זיך פאַנאַנדערשפּיליען דעם בוזעם און זיך אַריינשטעלן אין קלאָזעט־פענסטער. און ווען די אַרבעטער פלעגן אַריבערגיין פלעגט זי קוויטשען מיט אַלע כּוחות, מאַכן פאַרשידענע האַוואַיעס און געבן צייכנס. איצט זענען שוין נישט געווען קיין אַרבעטער און פון דער אָפּיצינע אין הויף איז געווען שווער, מ׳זאָל זי זען.

איצט האָט ער ווידער, אויף זיין פאָטערס שטייגער, געקענט שפּילן די פּאַטריאַרכאַלישע ראָלע פון אַ באַלעבאָס און אַ טאַטע פון הויז. די דרעסקעס אין דער אָפּיצינע, אין פאַרטער, האָבן תּמיד געהאַט צרות: אַ יינגל האָט מען איבערגעפאָרן, דאָס מיידל איז ביי גימנאַסטיק אַראָפּגעפאַלן פון אַ לייטער. זי איז געווען קראַנק פון אַ בלוט־פאַרגיפטונג און ער אַליין האָט זיך צוגעקלעמט די האַנט ביי דער מאַשין. תּמיד איז דאָרטן עמעצער קראַנק געווען. נו, האָט איצט דער באַלעבאָס געקענט נישט נאָר אָנקלאַפּן מיט אַ פראַגע: וואָס מאַכט איר? נאָר מיטברענגען טאַקע אַ פלעשל זיסן ווין, אַ גוט שטיקל פלייש, אַ שפּילצייג און בלומען. דאָס איז געווען אַן אמתע שמחה—בלומען! דערפון האָבן דידאָזיקע

אומגליקלעכע מער געגאָסן, ווי פון חזיר מיט ווייס ברויט, ווײַן און פּרוכטן. בלומען — דאָס איז געווען די פּאָעזיע, די שיינהייט! און פּעטער האָט געבראַכט בלומען צו די דרעסקעס, ווו די פרוי האָט זיך אָפּגעבריט דאָס רעכטע שענקל און געלעגן מיט גרויסע יסורים, און דער צענדליק ראָזע טולפּאַנען האָבן איר ממש הימליש געקילט די בראַנד. ער האָט געטראָגן בלומען צו דער בלינדער מאַטייקאָ אויפן פערטן שטאָק, וועלכע דאָס יינגל האָט דערנערט. ער איז געווען אַ בריוו־טרעגער און האָט נישט חתונה געהאַט מיט זיין כלה, ווייל די מוטער האָט איינמאָל שטילערהייט געוויינט, פאַרוואָס ער פאַרלאָזט איר. און בלומען פלעגט ער אויך טראָגן צום אַלטן פּינקוס, וואָס האָט אויסגעשעפּט חיות, אַ געטאָ־ייד, וואָס איז געזעסן תמיד איינגעשלאָסן אין שטוב, אַ דערשראָקענער מענטש, צאַפּלט אויף פּאַר אַ שטיין און אַ הינטל, פון וועלכע זיין פּאָטער, דער פּוילישער הענדלער האָט געליטן. זיין דירה־געלט פלעגט באַצאָלן עטעלקאַ פּינסקאַ, ווי זי האָט זיך גערופן. זי האָט געהאַט אַ הויכע שטעלונג אין ניי־באַבעלבערג און געווען באַפריינדעט מיט אַ מיניסטער־סעקרעטאַר, וואָס האָט זי גראָד נישט געקענט האַלטן מיט אַזאַ גלאַנץ. אָבער זי האָט אים ליב געהאַט. ווען דער אַלטער פּינקוס פלעגט זי אַמאָל דאַרפן דערמאָנען, זיין פאַרלוירענע טאָכטער, די געליבטע פון אַ גוי, פלעגט ער שטאַרק רויט ווערן, הגם ער איז שוין אַלט געווען פינף און זעכציק יאָר; צווישן זיינע אָפּגעשוירענע האָר פלעגט זיך נאָך אויפן שטערן תמיד באַווייזן אַ רויטקייט, מחמת חרפה, דער פרומער ייד צוליב זיין מאָדערנע טאָכטער.

אַזוי האָט ער זיך איינגאַנצן פאַרנומען מיט דער קליינער וועלט פון זיין הויז, אַט דער יונגער גוטהאַרציקער באַלעבאָס, כדי אַליין איינצומאָנען דאָס דירה־געלט. נאָך דער מלחמה זענען עטלעכע דירות פון זיין הויז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן. הער טיטוס, צום ביישפּיל, אַ פראָצענטניק, וואָס איז אַמאָל גראָב געוואָרן פון פּראָצענטן, וואָס ער פלעגט אָפּנעמען פון אַ קאַפּיטאַל, וועלכן ער האָט געמאַכט פון אַ פּוראַזש־געשעפט, האָט

ערשט, אין זיינע פינף צימערן פון אַמאָל, געוווינט צוזאַמען
מיט צוויי פּאָרפעלקער און אַ דאַמע, וואָס האָט אָנגעפירט אַ
קאָאָפּעראַטיוו-פּיליע אויף דער מיליער-גאַס און אין אָוונט נאָך
אויך געווען אַ קעכין. אין די אַנדערע שטאָקן האָט מען אָפּגע-
טיילט די הינטערשטע צימערן און געמאַכט פון זיי וווינונגען
מיט אַ באַזונדער אַריינגאַנג, און דאָס הויז, פון אויסנווייניק אַ
הויז פאַר צען פאַמיליעס, האָט איצט געהאַט טאָפּל איינוווינער,
אַחוץ די פאַרדונגענע מעבלירטע צימערן פאַר הערן און דאַמען
פּאָרנט און פאַר די סטאַציעס, ערטער צום שלאָפן, הינטן. ווען
די פרוי הענזעלער, וואָס האָט פון דער קריגסרענטע פון איר
געפאַלענעם מאַן, אַן אונטעראָפיציר, געדאַרפט דערנערן זיך און
איר מוטער און די קינדער, וואָס זי האָט געבוירן צו אַכטאונ-
פערציק יאָר פון אַ שול-ייִנגל, וועלכן זי האָט געהאַלטן פאַר
נישט געפערלעך און לפּחות פאַר נישט פּראָדוקטיוו — דערווייל
איז איר מוטער, אַ פינף און זעכציק יאָריקע אַלטע, פּאַראַלי-
זירט געוואָרן פון אַטרעטיזם, — ווען די דאָזיקע פרוי הענזלער
האָט געבעטן די דערלויבעניש, אַז זי זאָל מעגן אַריינגעמען
בחורים צום שלאָפן — צי האָט איר דען פעטער באַס געקענט
אָפּזאָגן די דאָזיקע מעגלעכקייט צו פאַרדינען אַ גראָשן? נו,
האָט די דאָזיקע הענזעלער געהאַט אין דער שטוב, — אַחוץ זי מיט
דער מוטער, וואָס זענען געשלאָפן אין דער קיך—דריי בעטן און
דריי מאַטראַצן און זעקס בחורים מיט זייערע פרייגט, אַלץ ריכ-
טיקע רויטע וואָס זענען געשלאָפן דאָ. אַסאַך מאָל איז דאָרטן גע-
ווען אַ שטאַרקער טומל. ביינאַכט, ווען די זעקס צעהיצטע בחורים
פלעגן זיך אומקערן פון אַ פאַרזאַמלונג, פון וועלכער עס האָבן
באַגלייט אַ קאָמפּאַניע אידעישע חברים, פלעגט טרעפן, אַז אַ
גרופּע שטאָל-העלמער אָדער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטן פלעגט זיי
אַרומרינגלען, „בונדעס-לידער" פלעגן זיך פיינטלעך אַריינמישן
און דער געשלעג פלעגט טיילמאָל דערגיין אין טויער ביזן הויף.
דער בריוו-טרעגער מאַטייקאָ, אַן אומפּאָליטישער אָדער די פרוי
וויזנער פון דריטן שטאָק, פלעגן זיך אויפכאַפּן פון מיטן
שלאָף, און זיך אָפּט געקענט פאַרגינען אַראָפּצוגיסן אַן עמער

וואַסער אויף די צעקאָכטע חברהלייט. אָבער ווען די נעכט זענען געווען וואַרים, פרילינג-צייט אָדער הערבסט-צייט, האָבן די פיר באַליבטע קעץ, פון איזאָלדע פיעטש, וואָס האָט זיי אויפגעבויט אַ שטייג לעבן פענסטער, כדי זיי זאָלן האָבן פרישע לופט, אויפגעהויבן זייערע שטימען מחמת דעם טיפן דראַנג פון דער נאַטור. זי האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט צו זיי קיין קאָטער, כדי זי זאָל נישט דאַרפן דערהרגענען שפעטער די קליינע קעצעלעך, אָבער פון דער גאַנצער געגנט פלעגן אָנקומען די קאָטערס אויפן פאַבריק-דאַך, וואָס איז געווען פלאַך, און געשאַפן אַן אויסגעצייכנט פעלד פאַר זייער קעמפערישער ליבע, און פלעגן זינגען פאַר זייערע אומדערגרייכבאַרע אידעאַלן.

יאָ, דאָס הויז פון פעטער באָס איז געווען אַ גאַנץ וועלטל פון מענטש און מענטשלעכקייט און לעבעדיקע באַשעפעניש. און בעת זיין שפילן פלעגט אָפקלינגען אין הויף און אַריינדרינגען אין אַלע וווינונגען, פלעגן זיך אויפעפענען אַסאַך פענסטער, און אַסאַך פרויען-קעפ פלעגן זיך באַווייזן. צום מייסטן אַנטציקט איז געווען טאַקע איזאָלדע פיעטש, ביי אירע הארעם-קראַטעס. זי פלעגט וויקלען אַ פאָדעם, און די קעץ פלעגן שפרינגען צום קנייל. אויך דער אַלטער פינקוס פלעגט אָפרוימען דעם אויסגעשטאָפטן חיות-גאָרטן פון זיין פענסטער-ברעט, אויפגעעפנט ס׳פענסטער און אַנטציקט געשמאַקעוועט זיך מיט די דאָזיקע מעלאָדישע טענער, ווי ער האָט עס אָנגערופן.

פאַרנומען, מונטער און לוסטיק פלעגט פעטער באָס אַראָפגיין פון שטוב, און פונקט אַזוי פאַרקלעמט, פאַרלעגן און שרעקעוודיק איז ער געווען, ווען ער פלעגט אין אָוונט אַרויסגיין פון הויף. גרויסע וואָלקן-מאַסן איבער טעגעל האָבן הייגט פרי פאַרדעקט די זון און איצט זענען זיי געהאָנגען שווער און ווי פאַר אַ רעגן איבער דער שטאָט. די פלעצער לעבן ביידע קירכעס זענען נאָך געווען פול מיט מענטשן, קינדער האָבן זיך נאָך געשפילט, עס האָט געשמעקט מיט בעז. וועגענער מיט בלומען פון ווערדער זענען דאָ געשטאַנען בייטאָג, און אין רינש[illegible]ק

איז נאָך געלעגן בלומען-אָפּפאַל, גאָלד-בלימלעך און בעז-פליטערלעך, צעטרעטן, און נאַרציסן אָפּגעבראָכן פון די שטענגלעך האָבן געוויאַנעט זיס און שמעקנדיק. אין האַלב-טונקעלען לאַמטערן-ליכט האָט געשוועבט די אַלטע נאַזאַרעט-קירכע. זי האָט אויסגעזען קליין און שיין, איידל-רויט צווישן די בוימער, אַביסל אויפגעהויבן איבער דער ערד, מיט אַ באַשיידענעם ראַנד פון פענסטער און קאַפּעלעס, דרומדיק באַהויכט, איין שויב, ליבלעך אָנגערירט פון אַ לאַמטערנע, האָט צערטלעך געגלאַנצט. אָבער די נייע קירכע הינטן, איז געשטאַנען גאווהדיק און מיאוס, ווי אַן אַלט מיידל; מיט אירע שפּיציקע טורמס האָט זי אויסגעזען ווי אַ מאָגערע, טרוקענע און נשמהלאָזע גוווערנאַנטקע איבער יונגע ליבלעכע קינדערלעך.

און נאָך מער פאַרקלעמט און נאָך מער דערשראָקן האָט פעטער באָס אויפגעעפנט די טיר פון דעם וואַש-פּרעס-אַנשטאַלט פון אַמאַליע לידעקע, און דאָס איז ער דאָך שוין אַריינגעקומען אַהער דאָס צווייטע מאָל, היינט איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט מער פרייד נאָך ווי פריער, אינגאַנצן שוין ווי אַן אַלטער פריינט, פון דער אַלטער באָבע ביז צו דער פאַרביק-געפלעקטער קאַץ, וואָס איז צוגעקראָכן צו אים און געריבן זיך ביי זיינע פיס.

די באָבע איז שוין געזעסן אין דעם אינוואַלידן-שטול, וואָס ז י האָט געקענט אַליין פירן, ווו נאָר זי האָט געוואָלט. מיטאַמאָל איז זי געוואָרן אַ פרייע, אומאָפּהענגיקע פרוי; זי האָט געקענט אַדורכפאָרן אַפילו איבער אַ נידעריקער שוועל. זי פלעגט זיך שוין אַליין אַרויספירן דורך דער קיך-טיר אויפן הויף, אין טויער, אויף דער גאַס: לאָזט דורך! מאַכט אַ וואַרע פאַר דער אַלטער! דער גאַנצער הויף האָט איר באַגלייט. די האָפמאַן פון די בלומען איז אַרויסגעקומען און דערלאַנגט איר אַ רויטע רויז און באָרנעמאַן, דער בעקער האָט געמאַכט מיט דער האַנט: שטיי נאָר! שטיי נאָר! און געבראַכט אַ גרויסן פוטער-קוכן, ווייל עס איז גראָד געווען פרייטיק-צונאַכטס און ע־האָט אָנגעבאַקן פאַר דער יידישער קונדשאַפט פון דער געגנט.

דאָס איז געווען אַ קליינער שטול, קאָנסטרואירט פאַר אַ קינד, אָבער פאַר דער אַלטער איז ער געווען פונקט גוט, מיט אים האָט זי געקענט קערעווען, ווי איר האַרץ גלוסט. העלדיש האָט זי זיך אַ דריי געטון רעכטס, לינקס, רעכטס לינקס. אירע אָפּגע־טויטע פיס זענען געלעגן איינגעדעקט אונטער אַ שאָטלענדישן פלעד און זי האָט זיך געגריסט אויף אַלע זייטן, זי האָט נישט געגעבן צו דערקענען, אַז זי איז געווען אין איין שרעק. באַ־בעשי, ווייטער! אַרום און אַרום. מאַרקיס־גאַס, גרינער וועג, קרויט־גאַס. בלומען־גאַס. אַפילו איצט, ווען זי איז שוין געווען רויק ביים טיש, איז זי נאָך געזעסן מיט אַ שרעקלעכער פאַר־לעגנהייט אין דער דאָזיקער שוואַרצער לעדערנעם אויסבעטעכץ און ווען פעטער באַס האָט איר באַגריסט, האָט זי זיך פלוצלונג איינגעבויגן און אַ קוש געטון זיינע הענט.

אָבער פעטער האָט זיך אויך אַראָפּגעבויגן און אַ קוש געטון זי לייכט אויף די ציטערנדיקע באַקן. און איצט איז שוין געווען גוט. ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די מתנות: די ציגאַרן פאַרן הער ווילי, קאָנפעקטן און בלומען פאַר אַמאַליען, ווידער אַ בוך פאַר טאָנין און פאָמעראַנצן פאַר דער באָבען. בלויז פאַר אַננאַן האָט ער גאָרנישט געבראַכט. אָבער אַננאַ איז היינט ווידער נישט געווען. ווען ער קומט איז זי קיינמאָל נישטאָ. אָבער היינט האָט ער געפרעגט אויף איר. נו, אַננאַ בלייבט שבת לענגער אַביסל, ווען ס'איז דאָ אַסאַך אַרויסצופּאַרטיקן. היינט, מיטוואָך, איז געווען דער וואַש־טאָג. אַמאַליע האָט גע־וואַשן אין קעלער און ווילי האָט איר צוגעהאָלפן. קונדישע וועש. און אַננאַ קומט פרעסן נאָר פאַרמיטאָג, נאָכמיטאָג איז זי היינט געווען פריי. דעם לעצטן שבת איז זי צוריקגעקומען פון דער רייזע מיט פּאָולן, אויף צו מאַרגנס, פון האַמבורג. און איצט? אפשר איז זי געגאַנגען מיט עמעצן אין קינאָ, אָדער, ביי דעם שיינעם וועטער אין עפעס אַן אַנדער אָרט? שפּילט נישט היינט „טרעפּטאָוו אין פלאַמען".

טאָני האָט איצט נישט געליינט. ער איז געשטאַנען לייכט אָנגעשפּאַרט אָן פעטערס שטול און אַ שטומער איבער־

געבנקייט. ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אַריינגעשעפּטשעט אים אין אויער אַריין:

— איר רעדט מיט אַלע, רעדט שוין אַמאָל אויך מיט מיר.

פּעטער האָט גענומען דאָס קינד אויפן שויס, דעם דאָזיקן ייִנגל, וואָס וואָלט צו דרייצן יאָר שוין געקענט זיין אַ גרויסער ייִנג און ער מוז זיין אַ פּאַרזעעניש, פון דער ערד נישט אויפגעוואַקסן — אָ, און עס האָט אים כמעט דורכגענומען אַ שוי־דער, בעת ער האָט געפילט, ווי זיין הויקער רייבט זיך אָן זיין אַקסל. אַזאַ שרעקלעך פּאַרזעעניש, — ער האָט געזאָגט:

— דו וועסט גיין אין בעט אַריין, טאָני, און איך וועל אַריינקומען צו דיר און זיך אַוועקזעצן לעבן דיר, וועלן מיר אַ ביסל רעדן, יאָ?

— איך גיי שוין שלאָפן! — האָט אויסגעשריגן טאָני.

ער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעגליטשט פון פּעטערס שויס און זיך אַריינגעשאַרט אין קאַמער. מ׳איז געזעסן אין שלאָף־צי־מער, וווּ עס זענען געשטאַנען די לידעקעס צוויי אייזערנע בעטן, איבערגעדעקט מיט רויטן סאַטין מיט שפּיצן־קאָפּעס מיט פּאַלשע לעמפּאַרד־פעלן אונטן. און אויף דער וואַנט איבער די בעטן איז אין אַ באַגילדעטער ראַם געהאָנגען בעקלינס טויטן־אינזל אין פאַרבן־דרוק. אין דער שטוב איז נאָך געשטאַנען אַ קאַנאַפּע, פון געלע באַטאָזע און אַן אָוואַלער טיש מיט אַ טיש־טוך, געבעטע שטולן פון נוסטבוים־האָלץ אַרום, מיט שיינעם איבערצוג. אַ שפּיגל־שאַפע האָט איבערגעחזרט די שיינקייט פון װאָלענעם פּלושענעם טעפּיך מיט אַ פּערסישן מוסטער און פון אַ קאָמאָדע, איבער וועלכער ס׳איז געהאָנגען אַ פּאָליצקע מיט דריי ברעטלעך אויף דריי שנורן. אויף דעם זענען געלעגן ים־מושלען, פּאָרצעלייענע פיגורן און טוכענע און קאַרטאָנענע קאָמישע ליאַלקעס פון בעלער און קונצנמאַכערס פון לונאַ־פּאַרק. גלעזער מיט אויפשריפטן און וואַזעס מיט בילדער: די שייד פון אַ בוך, אָבער אינעווייניק איז גאָר געווען אַ פּאַרפום־פלאַש, און אַן אמת געזאַנג־בוך פון ווילי׳ס קאָנפירמאַציע, אַ גאַנץ מאָדערנער עלעק־

טרישער לאָמפּ פון אַ זילבער-מעטאַל מיט אַן מילך-גלאָז איז געווען אויפן טיש פון מייערהיימס קאָנקורס-קאָלעקציע אין דער פּרוכט-גאַס. און פון דעם אויספאַרקויף אין דער שיינהייזער-גאַס האָט געשטאַמט דער גרויסער שראַנק-גראַמאָפאָן.

לידעקע האָט זיך אַנטשולדיקט צוליב די פּליטעס, וואָס ער האָט אָנגעשטעלט, כּדי די אונטערהאַלטונג זאָל זיין אַבּיסל קינסטלעריש. יאָ, עס איז געווען בלויז אַלטע מוזיק, נישט קיין נייעס, עפּעס פּייערדיקס, דער לעצטער שלאַגער. די פּליטעס האָט מען אָבער צוגעגעבן. דער אַפּאַראַט מיט די פּליטעס האָט געקאָסט אינגאַנצן זיבעציק מאַרק און דער קאַסטן אַליין איז ווערט געווען דאָס געלט. האָט מען געמוזט טאַקע אויסקלויבן דאָס קלאַסישע, אויב מ׳קען זיי אַזוי אָנרופן. דעם הער באָס איז עס דווקא געפעלן געוואָרן, אדרבה. נו, יאָ, די פיינע לייט האָבן שוין זייער געשמאַק.

— און הער פּאַול? ווי גייט עס דעם הער פּאַול?

פּאַול איז שוין לאַנג נישט געווען דאָ. קיינער ווייסט נישט וווּ ער איז. ווילי האָט געמאַכט אַ געהיימנישפולע מינע.

— ער איז אַ גערייבענער ייִנג, אָט דער פּאַול, איר ווייסט, הער באָס. אָבער מיט אים איז עפּעס נישט גלאַט. אָבער מ׳זאָל קענען זיין מיט אים אמתע גוטע פריינט, ניין, איז נישט זיין טבע. ביי אים וועט קיינער קיין טאָלק נישט דערגיין, וואָס, אַמאַליע?

— מילא, וואָס דו ווילסט אַלץ, ווילי, וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערגיין? וואָס האָבן מיר אַריינצוטראַכטן? ער האָט אַ גאָלדן האַרץ, דער פּאַול.

— יאָ, מוטער, דו זעסט אין יעדערן אַ גאָלדן האַרץ. אָבער די מעשה מיט די אויטאָס ווייסטו שוין גאָרנישט. אָט למשל זיין דראָשקע, איך וואָלט גאָר געוואָלט וויסן, ווען פּאָרט פּאַול מיט דער דראָשקע? נו, און זיין אויסלענדישער אויטאָ, אַן אויטאָ, וואָס ס׳פּאַסט פאַר אַ קיסר? איז עס נישט קיין געהיימעניש?

— קיין שום געהיימעניש, ווילי, און דו ביסט נישט

מחויב צו זוכן דאָרטן, ווו ס'איז גאָרנישט דאָ. ווען פּאָול זאָל נאָר הערן, ווי דו רעדסט אַזוי, וואָלסטו נישט געוועז זיכער מיטן לעבן. נישט אַזוי, מאַמע?

די באָבע האָט גאָרנישט געזאָגט, זי האָט זיך צען מינוט געשלאָגן מיט דער דעה, צי זי זאָל אַרויסזאָגן פאַר הער באָס, דאָס וואָס זי ווייס. מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ קערעווע געטון און אַוועקגעפּאָרן מיט איר שטול. זי האָט זיך אָבער נישט אומגע-קוקט צוריק. מיט ציטערנדיקע ליפּן איז זי צוגעפאָרן צו דער קיך-טיר, און איידער פעטער האָט זיך באַוויזן אויפצוהויבן, איז זי אַריבער די שוועל, ציטערנדיק האָט זי זיך געאײַלט און אויסגערופן מיט אַ שטימע, וואָס האָט געגרילצט אין די אויערן.

— איך וויל נאָר אַריינברענגען די קאַווע.

אָבער ווילי האָט אַוועקגעשטעלט משקה אויפן טיש.

— אַ מאַנסביל איז אַ מאַנסביל, חער באָס, וואָס? אָבער אַלצדינג מיט אַ מאָס, ווייל די ליבע און דער זויף, וועקן דעם מענטשן אויף.

— נו, ווילי — האָט אַרויסגעשריגן די באָבע פון דער קיך — האַלט זיך כאָטש, ווי אַ מענטש, דו מיינסט, אַז דו ביסט דאָ ביי קראָווארסקין?

אַמאַליע האָט אַריינגעבראַכט די קאַווע.

— מיר נישט, ווילי, דערצו נאָך געמישט. ניין, פאַרן שלאָפן גיין וועל איך נישט טרינקען.

— אַמאַליע, טו אַ קוק! דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע. וואָס מ'שטעקט דיר אַריין אין דער האַנט, דאָס נעמסטו.

— נו, שוין, האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ער דאַרף נאָר אַ שמעק טון צום פלעשל.

פלוצלונג פאָרט אַריין די אַלטע מיט איר שטול, באַווייזט נישט איינצוהאַלטן די רעדער, זי שטויסט זיך אָן אָן דעם טיש און דער שנאַפּס קערט זיך איבער. אַלצדינג האָט געשריגן. נאָר ווילי האָט זיך געהאַלטן רויק, ער האָט זיך געגלעט די שיינע, שוואַרצע האָר, האָט זיך אָפּגעלעקט די וואָנסלעך, ווייל ער האָט גראָד זיין גלעזל איבערגעקערט אין מויל אַריין.

— שאַדט נישט, שאַדט נישט. מ'וועט שוין אָפּווישן.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבעדיקער שמועס, און אינמיטן, — די פּליטע מיט סאַלאָמעס טאַנץ. און קרייזלער מיטן בעטהאָווען-קאָנצערט, אַזוי, אַז קיינער האָט נישט געהערט, ווי טאָני האָט געשריגן. אָבער מיטאַמאָל האָט פּעטערס געוויסן אַ שלאָג געטון.

— דאָס יינגל! — האָט ער אויסגערופן און אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער.

דער קאַמער איז געווען אינגאַנצן טונקל. אַמאַליע האָט אָפּגעשרויפט דאָס לעמפּל, ווייל טאָני האָט געלייענט ביינאַכט. ער איז געשלאָפן אין דער קליינער שטוב מיט דער באָבען, ביידע אין קינדערבעטן, די באָבעס בעט הויך פּאַרקראַטעוועט. אַ שטריקל איז געהאָנגען אויף דער וואַנט ביי אַ מעשענעם קי-גלעקל און דאָ פלעגט די באָבע קלינגען ביינאַכט, ווען זי האָט עפּעס געדאַרפט. ווייל ווי אַזוי האָט זי געקענט אַליין אַרויסגיין פון בעט?

— מיר האָבן אַלע אַ שטאַרקן שלאָף — האָט אַמאַליע גע-זאָגט, ווען זי האָט פּעטערן דאָס ערשטע מאָל אַרומגעפירט איבער די חדרים — קיינער הערט נישט איר קול. הויך קען זי דאָך נישט שרייען, די מוטער. און אָט, האָט זי אַ גלאָק, קלינגט זי, כאַפּט זיך עמעצער אויף. אַסאַך מאָל כאַפּט זיך אויף טאָני. ער קען זי זייער גוט אַראָפּנעמען, אַרויסטראָגן און זעצן אויפן שטול. אָבער ס'רוב הערט עס ווילי, און אים האָט די מאַמע צום ליבסטן. ער מאַכט נאָך אַ המצאהלע, אויב זי וועקט אים אויף ביינאַכט. איר זעט, הער באָס, אָט זיצט ער שוין אין קיך און מאַלט קאַווע און הייסט ווילי לידעקע. קיין גאַל האָט ער נישט, ווי איר קוקט אים אָן, הער באָס.

האָט זיך פּעטער באָס, הייסט עס, אַוועקגעזעצט לעבן טאָנין. אַפילו דאָ אין דער קאַמער האָט זיך געפילט מיט דער פרישקייט און ריינקייט פון אויסגעפּרעסטע וועש. אַ קאַווע-ריח האָט זיך אַריינגעמישט צווישן, און בלויז ווען מ'האָט אָנגע-שטרענגט דעם חוש-הריח האָט מען דערשפּירט, אַז מיטאָג האָט

מען געגעסן הערינג. אָבער די קאַץ, וואָס איז געשלאָפן צווישן די אָפּגעשטאָרבענע פּיס פון דער באָבען, האָט זיך אויך באַהאַלטן אַ האַלבן הערינג אונטער דער קאָלדערע, זי האָט זיך באַוואָרנט פאַר אַן עווענטועלן הונגער ביינאַכט, ווען זי וועט זיך אויפ־כאַפּן פון אַ חלום וועגן אַ סעודה פון אַ מייזל און דער פּיסק וועט איר זיין ליידיק.

— אַלזאָ, טאָני — דו מוזט מיר נישט נעמען פאַר אומ־גוט. איך האָב דיך צו לאַנג געלאָזט וואַרטן.

— גיט מיר די האַנט. יאָ? די אַנדערע האַנט אויך. איר ווילט זען, ווי שטאַרק איך בין? איך קען אייך אַריבערציען צו מיר.

פּעטער האָט אַרומגענומען דאָס קינד, האָט צוגעלייגט באַק צו באַק און אויפגעשוידערט. עס איז געווען אַ באַגעגעניש מיט זיך גופא. מיט זיך אַליין, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון דרייצן יאָר, אַ מיאוס, פרישטשעוואַטע ייִנגל, מיט די ערשטע האָר אויף דער גאָמבע... טאָנין שפּראָצט שוין אויך די באָרד אויף זיין לאַנגער מאָגערער גאָמבע, וואָס ליגט טיף אויף זיין ברוסט, אויף זיין הינער־ברוסט. אין מוראַדיקן צער און ווייטיק האָט איצט פּעטער דאָס אַלץ איבערגעלעבט. און בעת דאָס קינד האָט גערעדט, האָט ער בלויז געקענט טראַכטן: מאַמע — מאַמע — — — און ער האָט איצט ווידער געזען איר מויל, וואָס איז פון עקל געווען לייכט פאַרקרימט, בעת ער איז איר גע־קומען פאַר די אויגן, און אָט דער דאָזיקער האַלבער עקל איז אים יעצט אַריינגעפלאָסן אין דער נשמה.

— אָבער איך בין געווען איר קינד, פון איר געבוירן — האָט ער געטראַכט, — און ווי שיין זי האָט געמעגט זיין — מיין מיאוסקייט האָט אָבער פאַרט געשטאַמט פון איר אַליין, הגם אויך פון דעם מאַן, וואָס איז געווען איר קינדס פאָטער.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך באַהערשט. דאָ איז געווען טאָני, וואָס מ׳דאַרף האָבן רחמנות אויף אים. וואָס האָט געזאָגט דאָס קינד? אָ! ווי שרעקלעך, אַ קינד און ס׳זאָגט אַזוי קלוג:

— איר קענט דאָך מיר אַלצדינג דערציילן, איך וואָלט אייך אַלצדינג געזאָגט, אָנקל פּעטער.

— אָבער דו אויך, טאָני...

— באמת?... דו אָנקל פּעטער, דו קענסט רעדן מיט מיר, דו קענסט מיר זאָגן דעם ריינעם אמת, צוליב וואָס דו קומסט צו אונז. מיין נישט, אַז איך בין נאָך אַזוי קליין. איך וועל שוין גרעסער נישט ווערן. אפשר קלוגער אויך נישט. איך וואָלט דיר אפשר געקענט זאָגן, וואָס דו ווילסט וויסן. איך פאַרשטיי למשל, אַז דו קומסט צוליב דער מומע אננאַ.

— דו האָסט זי ליב?

— איך ווייס נישט. איך גלויב, אַז איך וואָלט זי זייער געקענט ליב האָבן. אָבער זי איז אַזוי... זי לאָזט זיך נישט ליב האָבן.

— פון קיינעם נישט? און פון דעם פּעטער פּאַול אויך נישט?

— פון אים וואָלט זי זיך שוין אפשר יאָ געלאָזט, אָבער דער פּעטער פּאַול איז אַזאַ... דו פאַרשטייסט?

— יאָ, מיין יינגל. און איך — נישט אמת, אַז איך בין אַזאַ, וואָס די מומע אננאַ וועט מיך נישט קענען ליב האָבן?

— איך האָב דיך זייער ליב. — און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער געזאָגט: — דאָס איז דיר אַלציינס?

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן — פּעטער. — די אויגן זענען אים געוועזן נאַס, ער האָט געשוויגן. אָבער ער האָט געגלעט דאָס קינד. ער האָט געפּליסטערט:

— דו ווייסט, מיין קינד, אַז דו ביסט מיין ערשטער פריינט.

פייכטע הענט האָבן געדריקט זיינע הענט, אַ פּליסטערן און שעפּטשען:

— איך וואָלט געוואָלט מיט דיר אַזויפיל רעדן. איך רעד דאָך קיינמאָל נישט מיט קיין אַנדערע יינגלעך און נישט מיטן טאַטן. דער טאַטע לאַכט פון מיר תמיד. אים וואָלט איך עס נישט געקענט זאָגן, אָנקל פּעטער, אָבער דיר. איך האָב מורא.

— פאַרוואָס האָסטו מורא, פאַרוועמען, טאַני?

— יענע נאַכט האָט מיך עפּעס געחלומט, און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט... דו ווילסט נישט אָנטאָפּן? איך האָב שוין האָר, ווי די גרויסע. איך ווייס נישט, ווי איך האָב מיך אויפגעכאַפּט — — קענסט זיך שוין פאָרשטעלן? ווען דו ביסט אַלט געווען דרייצן יאָר —

— יאָ איך ווייס, דאָס איז געווען פּונקט אַזוי. דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן. לאָז עס גיין מיט דער נאַטור. און דו דאַרפסט נישט טראַכטן וועגן דעם. אַצינד ווערסטו טאַקע אַ גרויסער. מען וואַקסט, מען פאַרענדערט זיך.

— וואַקסן, וואַקס איך נישט, אָבער איך ווער אַנדערש.

— וואַרט נאָר, דו וואַקסט אויך. דאָ היינטן, זעסטו, אין דעם קליינעם רוק-זאַק, וואָס דער רבונו של עולם האָט דיר אַרויפגעלייגט אויפן פּלייצע.

— מיט מיר דאַרפסטו דאָך נישט רעדן פון רבונו של עולם. דאָס טוט פריילן וואָלף אין דער שול. איך גלויב נישט אין גאָט. אפשר איז יאָ דאָ אַ גאָט, אָבער דאַן איז ער זיכער נישט קיין גוטער. דער בייזער גאָט.

— טאַני!

— יאָ, טו נאָר אַ קוק אַביסל. גיי אַרויס בלויז אויפן הויף און טו אַ קוק. הונדערט צוואַנציק פענסטער זענען פאַראַן אַרום אין די הייזער. איך האָב זיי איבערגעציילט און וואָס דו זעסט דאָ, איז נישט שיין, ווען דו קוקסט אַריין אַביסל טיפער. דער טאַטע און די מאַמע זענען טאַקע גוטע, אָבער הער נאָר אַמאָל, ווי די לעמקעס שלאָגן זייער קינד, אָן שום סיבה, און דער קליינער האָט געשווירן מיט אייטער אויף דער פּלייצע. און ווי די טילעמאַן שלאָגט איר מאַן. ער נעבעך האָט נישט קיין הענט, און זי מוז אים באַדינען, אָבער זיין רענטע נעמט זי גאַנץ גוט צו און טראָגט זיידענע זאָקן, און פאָרט צו דער יאַנאָוויטש-בריק טאַנצן. און דו שטיי אַמאָל און הער זיך צו, ווען זיי קריגן זיך הינטערן פענסטער, אָדער ווען דער פּאָליציאַנט ברענגט עמעצן צו פירן, אָדער אַ וואָגן פון דער גיכער הילף.

און מילי האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון אויבערשטן פענסטער, ווייל דער פּאָטער איז אָנגעקומען. זי האָט געדאַרפט האָבן אַ קינד פון עבערהאַרד, און ער איז אַלט געווען ערשט פערצן יאָר. פּאָרנט וווינט פּירזיק, אַ זעצער, ער אַרבעט ביי דער וו. י. צ. און ער האָט מיר אויך געזאָגט: גאָט — איך וויל גאָר נישט זאָגן, וואָס ער האָט געזאָגט, וואָס איך זאָל טון מיטן נאָמען גאָט.

— דו רעדסט פון בייזע מענטשן, טאָני, אָבער טו אַ קוק, עס זענען אויך דאָ גוטע מענטשן און פריינטלעכע. דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט: דער טאַטע און די מאַמע. צי גלויבסטו נישט, אַז די מענטשן פאַרביטערן זיך אָסאָך מאָל אַליין זייער לעבן, אָן דעם ווילן פון גאָט? אַז זיי מאַכן זיך אַליין דעם טויט און פאַרזינדיקן זיך? יאָ, אפשר איז גאָט נישט קיין שטאַרקער, אפשר איז דאָס, וואָס ער שאַפט, שטאַרקער פון אים אַליין, אָבער זיין ווילן איז גוט און ריין. זיין שאַפונג איז אים טאַקע אַריבערגעוואַקסן איבערן קאָפּ.

אַזוי האָט ער גערעדט. אָבער ער האָט כּסדר געטראַכט: און דאָ איז אַננאַ! דאָ לעבט אַננאַ! אַזוי זעען אויס די קינ-דער פון איר וועלט. זיי שעלטן גאָט. אַזוי האָט זי אַמאָל אויך געמוזט רעדן. אַזוי האָט אויסגעזען איר קינדערהייט אויך. אָ, מיין גאָט, איך שטעל מיר זי פאָר, ווען זי איז אַלט געווען צען יאָר און האָט אויסגעשפּיגן אין דער שעה פון רעליגיע —

— טאָני שלאָפט נישט, וואָס? — האָט ווילי אַריינגעשריגן.
—ער האָט אַריינגערופן פּעטערן צו שמועסן מיט אים. מאָרגן וועט ער ווידער זיין פאַרשימלט. קומט אַריין דאָ צו אונז אין שטוב אַריין, דאָקטאָר.

אָבער טאָני האָט אים נישט געלאָזט אַוועקגיין. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בלעטל פון אונטער דער קאָלדערע.

— ווילסט עס לייענען, אָנקל פּעטער? דאָס זענען גע-דיכטן — שטילערהייט האָט ער צוגעגעבן: — מיינע.

פּעטער האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון לעצטן גלעזל. ווילי האָט דעקלאַמירט:

— האָט דער שייך געזאָגט צום עמיר: נו, טרינקען מיר נאָך איינס. דאַן גייען מיר.

און ער האָט צוגעהאַלטן פּעטערן פעסט, ארומגענומען אים און נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט:

— האָט דער עמיר געזאָגט צום שייך: נו ווען מיר טרינקען נאָך איינס. ווען מיר באַלד גיין.

און דאַן ערשט האָט מען אים אָפּגעלאָזט. אָבער מיטאַמאָל האָט אַמאַליע אַ כאַפּ געטון איר פריילינג־מאַנטל, וואָס זי האָט געקויפט נעכטן אין „מאַי־פּאַרקויף, פּריילינגס־פרייזן, דריי ביליקע וואָכן טעג", ביי טיץ, און זיך אָפּגערופן:

— און איצט וועל איך אייך, הער באָס, אָפּפירן אַ שטיקל וועג. יאָ, ווילי, דו רוימסט אויף און דו גייסט און באַזאָרגסט די מאַמען אין שלאָפצימער. און איך וועל נאָר אַביסל אונטערגיין מיט הער באָס און באַלד צוריקקומען.

די באָבע, שטאַרק נתפּעל פון דעם וואונדער פון איר שטול, האָט היינט נישט אַרויסגערעדט כמעט קיין וואָרט, זי האָט זיך בלויז שטום צוגעקוקט, אָבער אָט האָט זי פּעטערן אַראָפּגעצויגן צו זיך און אים אַ קוש געטון.

און טאָני האָט אַרויסגעשריגן פון קאַמער:

— אָנקל פּעטער, ווען וועסטו ווידער קומען? דו זאָלסט אָבער גאָרנישט מיטברענגען. גאָרנישט, הערסט?

— ניין, אין דער אמתן. — האָט צוגעגעבן ווילי — נישט קיין ציגאַרן. עס איז פאַר אונז אַ כבוד, אַפילו ווען איר וועט קומען צו אונז ליידיק און בלויז.

ער האָט זיי אַרויסגעפירט דורכן געוועלב ביז אויף דער גאַס. דאָרטן האָט אַמאַליע טיף אָפּגעזיפצט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם. זי האָט אים טאַקע פעסט אַרונטערגענומען אונטערן אָרעם, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. שטילערהייט איז זי געגאַנגען לעבן אים. פאַמעלעך און וויגנדיק זיך, ער האָט זיך שטאַרק באַמיט צוצופּאַסן צו איר. לסוף האָט זי געזאָגט:

— יאָ, זעט איר, אָט דאָס האָב איך געוואָלט אַמאָל. גיין

מיט אייך אַט אַזוי. ווייל ווען מען גייט מיט אַ מאַן אַזוי גע־אָרעמט, ווייס מען שוין: אַהאַ! אַזוי איז ער. פאַראַן אַזעלכע, וואָס דו ווייסט קיינמאָל נישט איינשטעלן מיט זיי קיין טריט. און מיט אַ צווייטן איז מען תיכף, אַזוי צו זאָגן, אויף דו. אַזאַ זענט איר אויך. און ווילי, ער האָט זיך אויך באַלד צו־געפּאַסט. ווען איך בין געווען מיט אים צום דריטן מאָל אין פּיכעלסדאָרף, וואָרים דאָרט האָב איך געאַרבעט, האָב איך עס באַלד געזען, און פון דאַמאָלט אָן גייט ער מיט מיר ביזן היינ־טיקן טאָג טריט און שריט.

זיי האָבן זיך פאַמעלעך אומגעקערט.

— ווילן מיר נאָך גיין אַביסל צוריק, יאָ? מיט אייך איז אַזוי גוט צו רעדן. און איך גיי אָן אַ קאַפּעליוש און איך וואָלט נישט געוואָלט גיין אין דער פראַנקפורטער אַליע. דאָרט קען מען מיך.

אַזוי האָבן זיי כסדר שפּאַצירט אין דער שטילער מאַר־קוס־גאַס, אַ צוויי הונדערט טריט אַהין, אַ צוויי הונדערט טריט צוריק און זענען ווידער פאַרבייגעגאַנגען דעם וואַש־און־פּרעס־אַנשטאַלט. אין געוועלב איז איצט געווען טונקל. אָבער עס איז געווען אָפן די טיר צו דער ליכטיקער שטוב. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געזען דורכן פורהאַנג, ווי ווילי ברענגט אַלץ אין אָרדענונג, נעמט דערנאָך אַרויס די אַלטע באָבע פון איר שטול און טראָגט זי אַוועק שלאָפן.

— יאָ, ער לייגט זי שוין אין בעט אַריין — האָט אַמאַליע געזאָגט שטילערהייט — איך האָב גאָר נישט פאַרדינט ביי גאָט, ער זאָל מיר צושיקן אַזאַ מלאך, פאַר מיינע זינד.

— זינד? גאָט איז מיט אייך, אַמאַליע, איר הייבט אויף זיכער נישט אָן צו וויסן, וואָס אַזוינס איז זינד. איר זענט תמיד געגאַנגען אויפן רעכטן וועג.

— אויפן רעכטן וועג! וואָס קענט איר דען וויסן? אַז טאַטי איז דאָך נישט פון ווילין, און אַז דאָס יינגל האָט אַזאַ הויקער נעבעך, צי איז עס דען נישט מיין שולד און זינד?

— איך קען עס גאָרנישט גלויבן, פרוי אַמאַליע.

— מילא, טאָ הערט זשע צו. איך בין דאָך געווען אַמאָל אויף אַ שטעל, אַ מיידל צו שטוב-אַרבעט. אָבער איך האָב מיך, ווי עס איז, געהאַלטן. איך בין אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר, און ס'האָט מיר קיין שום זאַך נישט געטראָפן. אַמאָל וואָלט זיך עמעצער פאַרליבט אין מיר אויך, אָבער, זעט איר, איך בין תמיד געווען אין שיינע הייזער און געזען ווי מ'לעבט ביי לייטן. נו, האָב איך שוין נישט געקענט פועלן ביי זיך, חתונה צו האָבן מיט אַן אַרבעטער און וווינען מיט אים אין אַ קעך-שטיבל, אָדער מיט עפּעס אַ שוסטערל אַ לאַטוטניק, איך זאָל דאַרפן פאַר אים אַרומטראָגן די אויספאַרריכטע שיך. און בעת ס'איז אָנגעקומען די מלחמה האָב איך גראָד געדינט אין אַן אָרט ביי אַ באַראָן. עס איז געווען דער פופצנטער יאָר. נו, איז דער יונ-גער באַראָן געקומען אויף אורלויב, ער איז געווען אַ פליער-לייטנאַנט, און ביים באַראָן האָט מען געמאַכט אַ גאַנצן יום-טוב, דער לייטנאַנט האָט מיטגעבראַכט צוויי קאַסטנס פראַנצויזישן וויין און סעקט, איך אַליין האָב אויך געקענט פאַרקאָכן דעם פיינעם בור-גונדער, און איינמאָל ביינאַכט בין איך קוים פאַרטיק געוואָרן מיטן אָפּוואַשן דאָס געפעס און איך בין אַרויפגעגאַנגען דורך די טרעפּ צו מיין בוידעם-שטיבל. אינמיטן טו איך אַ קוק, דער לייטנאַנט שטייט נאָך אין דער טיר פון סאַלאָן און ער נעמט מיך אַריין אינעווייניק. און דאַן האָב איך נאָכגעגעבן—איך בין געווען אַזוי מיד. נו, און דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן, און באַלד דעם אַנדערן ווינטער האָבן זיי אים אַראָפּגעשאָסן. אָבער דאַן האָב איך שוין געוווּסט, אַז איך האָב אַ קינד. איך בין אַוועקגעגאַנגען צו איינער אַ פרוי, אָבער זי האָט שוין גאָרנישט געוואָלט טון. עס איז שוין געווען אין זיבעטן חודש. און אַזוי ווי איך גיי אַוועק פון דער פרוי,—עס איז געווען אין מאָאַביט אין דער בירקען-גאַס — טרעף איך אָן אַ סאָלדאַט. ער איז גע-ווען פאַרוווּנדעט און איז איצט געווען דאָ אין דער קאַזאַרמע, און אין דריי וואָכן אַרום האָט מען אים ווידער געזאָלט אַרויס-שיקן אויפן פראָנט. און דאָס איז געווען ווילי לידעקע.

זי איז געבליבן שטיין אָן אַן אָטעם. זי האָט צום סוף

צו שנעל געדעדט. זיי האָבן זיך ווידער געפונען לעבן געוועלב, איצט איז שוין אין דער צווייטער שטוב אויך געווען פינסטער, ווילי האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן. זי האָט פּרובירט די טיר פון געוועלב, יאָ, זי איז נאָך געווען אָפן פאַר איר. פּאַמעלעך זענען זיי ווייטער געגאַנגען, און זי האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אויף פּעטערס אַקסל.

— דער שיינער ווילי, ער איז געווען זיבן יאָר יונגער פון מיר. און איך ווייס באמת נישט ביז אויף היינטיקן טאָג, וואָס אַזוינס ער האָט דערזען אין מיר. ער האָט מיך נאָך היינט אויך גאַנץ ליב, ער איז מיר זייער געטריי. ער קען מיט אַלעמען טרייבן קאַטאָוועס אָבער קיינער האָט אויף אים נישט די מינדסטע שליטה. און אַלע נעמען דאָך שיער נישט איין די נכפּה פאַר אים. אָבער שוין דעמאָלט, איך מיין, יענע דריי וואָכן, ווען ער איז געווען אין בערלין און געקענט גיין, ווו ער האָט געוואָלט, איז נישט אַדורך קיין שעה, אַז ער זאָל נישט זיין ביי מיר. אָבער דאָ איז אַ צרה מיטן קינד, וואָס איך טראָג פון אַן אַנדערן, און ווען ווילי נעמט מיך אַרום, שטויס איך אים אָפּ פון מיר, כּדי ער זאָל נישט דערשפּירן מיין בויך. אין דריי וואָכן אַרום איז ער טאַקע אַוועקגעפאָרן. איך האָב גענומען שעלטן און שלאָגן דאָס קינד אין בויך, איך האָב אָנגעהויבן צו טרינקען בראָנפן, איך האָב געמיינט, אַז ס'וועט נישט אויסהאַלטן, אָבער ס'האָט זיך משמעות צוגעהאַלטן מיט די הענט און מיט די פיס. דאַן האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון מיין שטעלע מיט פיר וואָכן פריער און אַוועק צו אַ פרוי אין פרידריכסהאַגען, איך האָב דאָך שוין געהאַט אַביסל געלט אָפּגעשפּאָרט פון פופצן יאָר דינסט. די בעראַנען זענען צוליב זייער זונס טויט ממש אַראָפּ פון זינען, אָבער מיר האָט עס כּמעט גאָרנישט געאַרט! און איצט איז שוין דאָ ווילי אויך. אָבער דער ממזר, וואָס טוט מען מיטן ממזר!.. עס איז געקומען אויף דער וועלט, און איך האָב גע-טראַכט בלויז איין זאַך: אַז דאָס קינד גייט אויף מיין לעבן און אויף מיין גליק. טאָמער דערוויסט זיך ווילי, איז אויס!... און אָט האָב איך עס טאַקע געטון, איינמאָל, עס איז שוין

אַלט געוועזן פיר וואָכן, און איך בין נאָך געוועזן ביי דער פרוי, שטיי איך אַזוי מיט אים גאַנץ פרי פאַר דער שטוב. אויף דער גאַס איז געווען ליידיק, טו איך אַ טראַכט, אַז ווען איך לאָז אים איצט אַזוי אַראָפ, אַזוי נישט ווילנדיק, אונטן אויף די שטיינער — איז ער טויט! איז ער טויט! איז ער טויט!... דאָס האָט מיר ממש נישט געוואָלט אַרויס פון קאָפ. ער איז טויט! — — נו, האָב איך זיך פאַמעלעך און פאָרזיכטיק אָנגעשפאַרט אָן דער הויז-טיר און אויפגעעפנט די אָרעמס און ווידער צוגעמאַכט, אפשר צוואַנציק מאָל אַזוי. איך האָב מיך געלערנט, איך האָב מיר געשפילט אַזוי — ס׳ווייס קיינער נישט דערפון, נאַטירלעך, אַחוץ אייך. דערנאָך... דערנאָך האָב איך טאַקע די אָרעמס פאַנאַנדערגעשפרייט, און דאָס קינד איז אַראָפגעפאַלן אויף דער ערד...

זי איז געבליבן שטיין אויפן ראָג פון דער האָלץ-מאַרק-גאַס, אויפן פלאַץ, וואָס פירט אַראָפ צו דער שפריי. פון דער באַן-בריק האָט זיך געהערט אַ פאַרשטיקטער גערויש און עס האָבן דורכגעשוועבט עטלעכע באַלויכטענע פענסטער. צוויי שיכורים זענען זינגענדיק אָנגעקומען אַהער פון דער לאַנגער גאַס. פעטער האָט דערקענט די געגנט, דאָס איז געווען פאַר צוויי וואָכן, האָט ער זיך אויך אַרומגעשלעפט דאָ מיט זיינע פריינט. די שטאָטישע צוגן האָבן אַלע אַלעמאָל דורכגערוישט. שפעטער איז אָפגעגאַנגען דער ד—צוג קיין קעלן מיט שלאָפוואַגאָנעס, דונערנדיק און געוואַלטיק.

— ס׳האָט נישט געשריגן. ס׳איז געווען צוויי טאָג שטיל. אָבער ס׳האָט געלעבט... נו, האָב איך שוין געוווּסט, אַז מסתמא איז דעם קינד באַשערט דאָס לעבן, און אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו ווילין און אים דערציילט דעם גאַנצן אמת, נאָר נישט וועגן דעם, אַז איך האָב עס געוואָלט דערהרגענען. איך האָב שוין גאָר נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער אַפילו, אָבער מיטאַמאָל קומט אָן אַ בריוו פון אים און ער שרייבט מיר: פונדעסטוועגן ביסטו מיין כלה, ווייל איך האָב דיך ליב, און אויב מיר איז באַשערט דאָס לעבן, וועלן מיר חתונה האָבן, און דאָס יינגל

איז מײַנס, אַזױ גוט װי דײַנס... איך בין װידער אַװעק אױף אַ שטעל און איבערגעלאָזט דאָס קינד אין פרידריכסהאַגען. אָבער װען ער איז אַלט געװאָרן צװײ יאָר, טו איך אַ קוק, זײַן האַלדז איז עפּעס אַזױ קאָמיש, און זײַן קאָפּ זיצט עפּעס נישט װי עס דאַרף צו זײַן, און אױפן פּלײצע, זע איך, האָט ער אױך עפּעס. איך גײ אַװעק מיט אים צום דאָקטאָר — צי איז דאָס קינד אַמאָל נישט שלעכט אַראָפּגעפאַלן?... יאָ, איך האָב אָפּגעטון דעם דאָזיקן פאַרברעך, און דאָס קינד איז געבליבן אומגליקלעך. און װאָס פעלט מיר דען בײַ גאָט, אַז איך זאָל זײַן טאַקע אױף אַן אמת גליקלעך? דאָס געשעפט גײט, גאָט צו דאַנקען, גוט. און דער שײנער װילי האָט מיך ליב און דער טאָני איז נאָך אַלעמען אױך אַ ליכטיק ײנגל — אַרום און אַרום האָב איך זיך אױף גאָרנישט צו באַקלאָגן. קען מען דען עפּעס פאַרשטײן?

פּעטער האָט אַרױפגעלײגט די האַנט אױף איר.

— דאָס הײסט, אַמאַליע, אַז אַלצדינג איז אַריבער און פאַרגעסן.

— יאָ, אַזױ האַלט איר? אַז מ׳האָט מיר שױן מוחל גע-װען?... יאָ, איך האָב אפשר גענוג די אױגן אױסגעװײנט און געציטערט. ס׳איז גענוג געװען, אַז איך זאָל זיך פאָרשטעלן, װי איך שטײ אין דער זע-גאַס אין פרידריכהאַגען און לאָז עס אַראָפּ-פאַלן אױף די שטײנער.

װען פּעטער איז געגאַנגען װײַטער אַלײן, האָט ער פּלוצ-לינג דערפילט, װי אַ שװערע משא װאָלט אים אַראָפּגעפאַלן, װי לײַכט ס׳איז אים געװאָרן אָפּצואָטעמען. װי פרײַ זײַן האַרץ האָט געקלאַפּט. מוראדיק, אַרײַנגעפלאָכטן צו װערן אין דער מאַ-סע, אין דער אָרעמקײט, אין דעם אַנדערנס צרות! יעדערער איז אַ בריאה פאַר זיך, דער מענטש איז אױך בלױז אַ לעבעדיק באַשעפעניש. זאַלבעצװײט, זעסטו — יאָ. ליבע, גאַנץ שײן. פאַ-מיליע — פון מײנטװעגן, אָבער געזעלשאַפט, חברשאַפט, פאַר די שוטים, אפשר. אָבער ער? בײן! איך! און דו! דער דו איז גענוג פאַר גליק און לעבן, ליבע און פאַרצװײפלונג.

אין דער רגע האָט ער דערפילט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט זי שוין דערקענט אומגעזען.

— פּאַול! — האָט ער אויסגעשריגן איבעררראַשט און דערשראָקן. ער האָט געגלויבט — אָבער ניין, אַננאַ איז נישט געווען מיט אים.

— אַט קוק איך מיך שוין צו אַ גוטע האַלבע שעה צום פּאַרל — האָט פּאַול אויפגערופן — ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי רעקל מיט אַ גרויסן סוועטער, אין אַ לעדערנע היטל, און קני-הויזן. אין די אויגן איז געווען אַ גאַנצער טאָג מיט בלויקייט זון און פריילעכקייט.

— קעגנאיבער שטייט מיין טאַקסי, איך וועל דיך אַוועקפירן אַהיים.

און ער האָט אים תיכף צוגעפירט צום אויטאָ, אויפגעעפנט די טיר און אַריינגעשטופּט דעם דערשטוינטן פּעטערן אינעווייניק. ער האָט זיך געזעצט ביים רעדל, אַראָפּגעקלאַפּט „פריי", האָט אָנגעדרייט און איז אַוועקגעפאָרן. דאָס איז געווען אַן אַדלער-אויטאָ, ריין, גרוי, באַקוועם, האַלב-אָפן און געגאַנגען אויסגעצייכנט, און פּאַול איז געפאָרן דורך פּוסטע גאַסן. קיין שום סיגנאַלן האָבן נישט רעאַגירט אויף די ראָגעס, קיין פּאָליציאַנט האָט נישט קאָנטראָלירט דעם פאַרקער. ווען ער איז אַרויפגעפאָרן די שאָסע-גאַס, האָט ער געלאָזט דעם אויטאָ אויף דער גאַנצער קראַפט, אַדורכגעפלויגן פאַרביי אַנדערע אויטאָס, וואָס זענען אָנגעקומען פון זייטיקע גאַסן און טרומייטערנדיק קוים איינגעהאַלטן דעם טאָרמאַז. איבערגעפאָרן אין דער לינקער זייט די טראַמוויי-ליניע און זיך פאַרנומען פלוצלינג מיט אַ שטאַרקן אויסבויג אויף רעכטס אין דער שול-גאַס, פלוצלונג איינגעהאַלטן, מילד — און זיך אָפּגעשטעלט פאַר פּעטערס הויז אַזוי ווייך ווי אַ גלעט.

היינט איז ער אַרויפגעגאַנגען מיט אים אינדערהויך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט.

— פּאַסקודנע, — האָט ער געזאָגט — און אין אַזאַ אָרט וווינסטו? צוויי מאַרק צען האָט אויסגעשלאָגן, ברודערקע, די

מוזט באַצאָלן, האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט.

— פּאַסקודנע? אינדעראמתן? איך זע עס שוין גאָרנישט. איך בין אויפגעוואַקסן אין דעם.

פּאַול האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט. ער האָט אויפגעמאַכט דעם בופעט, באַקוקט די פלעשלעך ליקער.

— אַ שלעכטע מאַרקע — האָט ער געזאָגט און אַרויסגענומען די ציגאַרן, אַ שמעק געטון — פּע. וואָס פאַר אַ שטינקערס, מוזן נאָך זיין פון יענע יאָרן, נישט היינט געדאַכט, וואָס רעכנסטו צו טון מיט דיין געלט, פּעטער?

— צי האָט איר חשק דערצו, פּאַול? איר וואָלט עס נישט געוואָלט האָבן?

— איך, אַ קאָמישע פראַגע, איך האָב אַזוי פיל געלט, וויפל איך וויל. אויף געלט מוזן זיין סמנים פון בלוט און שווייס — פאַרשטייט זיך, פון אַן אַנדערן. אָבער אַזוי, אַראָפּגעפאַלן פון הימל? — וואָס לייענסטו דאָ?

ער איז אַריינגעגאַנגען אין רענעסאַנס-הערן-צימער און אָנגעצינדן די עלעקטרי.

— אוי, טייוול! מלחמה-ליטעראַטור, ניין, דאָס איז נישט פאַר אַ טאַטנס אַ קינד. איך האַלט נישט דערפון. יענע האָבן פאַרגאָסן בלוט און זיי מאַכן דאָס מיט טינט. דאָס איז ביליק, אַרומצוגיין האַנדלען מיט יענעמס וווּנדן. ניין! — און אַ באַלקאָן, זע איך, איז אויך דאָ. דאָ שטייט דער הער ווען ער חלומט, וואָס?

אונטן איז געשטאַנען זיין טאַקסע. אין מיטן דערנאַכט, איז אויפן קירכפלאַץ געווען שטיל און טויט, נאָר פון אַנקלפּעלעס פאַרוויילונגס-פלאַץ זענען נאָך געגאַנגען די לעצטע פאַרשוינען, די מיידלעך פון די ספּעקטאַקל בודעס, אָפּגעוואַשן פון שמינקע, די שאָקל-און די קאַרוסעלן-אייגנטימער, די אַטלעטן פון דער קראַפט-בודע, שטאַרקע מאַנסלייט, וואָס שלעפּן אינדערפרי קלאַווירן און קאַלערן פּעסער.

ביידע זענען געשטאַנען אויפן באַלקאָן און געשוויגן. פון דער מערב-זייט האָט זיך דער הימל אָנגעהויבן פאַרוואָלקענען.

אויבן איז שוין געווען שטורעם און אונטן האָט זיך נאָך קיין בלאַט נישט קיין ריר געטון. די ביימער האָבן אַרויפגעטאָטעמט שאַרף און וואַרם. שטיל האָבן געראַשט די טראַמוויין, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים ראָג פון דער פרינץ-אויגן-גאַס, אַ קלונג געטון און מיט אַ גרילצעריי אַוועק ווייטער.

— הונדערט שאלות ליגן דיר אויפן צונג — האָט פאַול געזאָגט — איך הער עס. דו ווילסט גאָר אַסאַך, צופיל וויסן, פעטער. טאָ, הער זשע אויס, אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי. פון קיין שלעכטע עלטערן קום איך אויך נישט אַרויס, אָבער איך בין אפשר אַ שלעכטער זון. אפשר לעבט נאָך דער פאַפאַ און ער איז סאַניטאַר-ראַט דאָ אין בערלין, פאַזאַנען-גאַס, אַ האָטעל-דאָקטאָר אין עדען. אוי פיין! אָדער די מאַמע, אַן אַלמנה נאָך אַן אויבערשט, האָט נאָך תמיד אין האַנאָווער איר פיינעם קרייז און דער זון איז פאַרשטויסן. צו פופצן יאָר האָט ער צוגע-שטעלט דער קעכין אַ בייכל און פון שטוב-מיידלעך אָנגעשטעקט זיך, פאַרקויפט דער מאַמעס שמאַראַגד-צירונג און שטילערהייט זיך געקויפט אַ מאָטאָציקל. אפשר זאָג איך, ברודערל, אפשר הייסט פאַול אינדעראמתן קאַמיל און ער קומט אַרויס פון פראַנ-צויזישע עמיגראַנטן און דער טאַטע זיצט נאָך אויף היינטיקן טאָג ביי דער רעגירונג אין פאָטסדאַם. צעציליע האָט אַמאָל געגעבן דעם קליינעם זיסן קאַמיל אַ קוש. און מ'האָט אים גע-ברענגט צום קעניג, ער זאָל זיך שפילן מיטן קליינעם פרינץ. איצט דערמאָנט מען מער נישט זיין נאָמען, קאַמיל הייסט פאַול אַנדערס. יאָ, אַנדערס הייסט איצט דער יונגער הער פון דער בעסטער פאַמיליע... צי קען עס נישט זיין אַזוי? נאָך מער מעגלעכקייטן דאַרפסטו, מיין הער? שיין איז דאָ, דער באַלקאָן פאַרייניקט מיט דעמדאָזיקן מקום.

ער איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין צימער און אַריינגע-צויגן מיט זיך פעטערן.

— אוי, זע נאָר, אַ סאַלאָן. ברוינער פלוש. אָבער אַקו-ראַט ווי ביי דער באָבען אין שוועדן. דאָרט איז געווען אַ שטול מיט אַ גאָלדן קייטל, אָפּגעשפּאַרט פאַר פראָפאַנע אָחורס, וואָרים אויף דער שטול איז געזעסן די גרויס-הערצאָגין און אָנגענומען

אַ גלעזל פּאָרט-ווייַן. וואָרום דער פויגל, וואָס איז אַרויסגעפלויגן, האָט זיך דאָ באַזעצט אויף די פּעדערן, און זיך געפּילט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. ווען די באָבע פלעגט דאָס דערציילן, פלעגט זי תמיד פאַלן אין חלשות.

פּאול איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, באַקוקט די שטאָל-שטיכן, די פאָטאָגראַפיעס.

— אַ קלאַוויר. דו שפּילסט? שפּיל נאָר אַ ביסל.

— דאָס איז דער מאַמעס אַלטער קלאַוויר. איך שפּיל נישט אויף אים.

פּאול האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן.

— מייַן קלאַוויר שטייט דאָרטן אין לאַגער. ערשט איז צו שפּעט. מ׳וועט הערן אין גאַנצן הויז. איר וועט אַמאָל קומען בייטאָג.

— אויסגעצייכנט. — האָט פּאול געזאָגט און אַריינגעגאַנגען צוריק אין הערן-צימער.

— פלאָרענץ — פלעגן עס אָנרופן די בערלינער מעבל-סטאָליאַרעס אין 1890. פּיי—יי—יין! אָבער זע נאָר דאָ, אַ מאָדערנע בעט. אָ, זי ציט. לייג דיך, פּעטער. איך וועל נאָך ווייטער אַביסל אַרומגיין און באַקוקן דייַן פּאַרמעג.

פּעטער האָט אים געפאָלגט און זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי פּאול גייט אַרום איבער די חדרים, ווי ער איז אַריין אין שלאָפצימער, ווו ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, פאַר דעם פאַרליבטן מלאך איבער דעם בעט. דאַן ווען ער האָט אויפגעעפנט נאָך אַ טיר, און פּעטער האָט געהערט זייַן שטימע:

— אוי, אָט דאָ איז געזעסן די מאַטראָנע אַליין. אַלט מעבל, וואָס? יאָרגאַנג 70/71 צוגעפּאַסט צום סטיל.

ער האָט געהערט, ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, אויפגעדרייט דעם וואַסער-קראַן און געטרונקען.

— גוט געווען! — האָט ער געזאָגט.

אין הויף האָבן געזונגען די קאָטערס פאַר די פיר האָרעם-קעץ. פּאול האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער, אַביסל זיך

צוגעהערט און געלאַכט. מיטאַמאָל איז די דאָזיקע שטילע איינ־זאַמע דירה לעבעדיק געוואָרן, דאָס גאַנצע מעבל האָט אויפגע־אָטעמט, די ווענט האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט, דאָס ליכט איז העלער געוואָרן.

פּאָול האָט זיך אומגעקערט צוריק און זיך אָוועקגעזעצט בײַ פּעטערן אויף דעם בעט. ער האָט אויסגעטון דאָס רעקל און געבליבן זיצן אין אַ העלן וואָלענעם סוועטער, אָן אַ היטל, די האָר אויפן שטערן אין גאָליפּיי־הויזן. ווי אַ יינגל האָט פּאָול אויסגעזען. אַ שיין יינגל, אַ יינגל בעת ספּאָרט.

אַננאַ — יאָ, ס׳איז נאָך פאַראַן שיינקייט אַחוץ איר. אַנ־דער שיינקייט. קראַפט און זאַפט, געלעכטער און גבורה: פּאָול.

— קום אָפטער — האָט פּעטער געזאָגט—ס׳איז אַ טייערע זאַך, אַז דו ביסט דאָ. דו ביסט, ווי אַ מיטאָג־זון.

— מיטאָג־זון, אויב מ׳געניסט צופיל, איז זייער געפערלעך.

— איך קען פאַרטראָגן אַסאַך.

— אָבער זאָל איך מיטברענגען אַננאַן?

— צי זענט איר געווען אין האַמבורג?

— יאָ.

— באמת? צו וואָס?

— נו, אַזוי אַ שפּאַציר. פאַרגעניגן.

— נו, און אונטערוועגנס — שלאָפט איר צוזאַמען?

— ערשט טראַכט דער מענטש וועגן אַזעלכע זאַכן.

— ווי אַזוי איז זי, פּאָול? איז זי שווייגנדיק? פאַראַן אַזעלכע וואָס לאַכן, אַנדערע זיפצן.

— וואָס פאַר אַ קלאָץ־קשיות!

— דאָס איז חוצפּהדיק? יאָ? פאַר דיר וואָלט איך געקענט זיין מוראדיק חוצפּהדיק. און דו? דו ביסט ווילד? אָדער דו ביסט פאַרביסן? גאָר שטיל, ווי אַ רוצח?

— מענטש אייגער, האַלט אַביסל אין דיין מויל. באַ־רואיק זיך.

פעטער, פעטערל, אָך, ער האָט זיך געקלאַמערט אָן זיך גופא.

— אָבער זי האָט דיך ליב.

— זע איך אויס אַזוי?

— און דו?

— איך? איך האָב גרויסע געשעפטן, גרויסע זאָרגן. ווײַטער גאָרנישט.

ניין, פאָול האָט, הייסט עס, נישט געוואָלט ענטפערן. ער האָט געשוועבט מיט זײַנע בליקן אין דער ווײַטקייט, אַרויסגענומען אַ ציגאַר און געבליבן שטיין ביים פענסטער. פלוצלונג איז ער שטיל געוואָרן. נאָך דעם ערשטן צי פון ציגאַר האָט ער געזאָגט:

— דו דאַרפסט נישט אַזוי פיל פרעגן, מענטש, ערשטנס איז גאָר נישטאָ, וואָס צו וויסן, און צווייטנס מאַכט וויסן גאָרנישט גליקלעכער. און דריטנס, דריטנס — וואָס איז דען דער אמת? אַז איך וועל דיר שוין זאָגן אַ שטייגער, אַז איך בין אַן ערלעכער שאָפער פון אַ דראָשקע, אָדער איך בין גאָר אַן אײַנברעכער און האָב אַ גרויסע באַנדע הינטער מיר, אָדער איך בין אַ געהיים-אַגענט פון דער קרימינאַל-פּאָליציי, אָדער — צי איז עס נישט אַלץ איינס? צי גייט עס דיך אָן? אָדער למשל, אַננאַ. זי איז, לאָמיר זאָגן, אַ מלאך, ניין, זי איז אַ גאַסן-פרוי. ניין, זי איז ווי אַלע, אַ גוט, ווויל מיידל, וואָס טוט צײַטנווײַז אַ לעב — איז וואָס האָט עס מיט דער אמתער אַננאַן פאַר אַ שייכות? אַננאַ איז אַ מענטש, און דו האָסט ליב אָט דעם מענטש. זי מאַכט דיר אין בעט אַ הימליש פאַרגעניגן. דו שמעקסט פון דעם געטלעכן חסד — טאָ וואָס גייט דיך אָן, וואָס זי טוט און וואָס זי איז אַחוץ דעם? — אָט איז פאַר דיר אַ מאַנספערשוין און ער רעדט צו דיר, ווי צוויי פרײַנט אויף טויט און אויף לעבן: אָבער זאָרג זיך נישט אַזוי שטאַרק, וואָס ער טוט, ווען ער איז ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט. יעדער מענטש איז צען מאָל, הונדערט מאָל, קיינער איז נישט בלויז איינמאָל, צו יעדן איינעם מוז מען זיין אַן אַנדערער. אַזוי פיל מענטשן, וואָס איינער קען, אַזוי פיל מוז ער זיין. אָבער אינטערעסירן

מוז מען זיך בלויז מיט איין זאך: ווי אַזוי איז דער מענטש מיט דיר? אויב דו געפינסט אַנגן צניעותדיק, צום טייוול, דאַן איז זי צניעותדיק. מעג זי דאַן אַפילו ניאופן אַלע נאַכט. און אויב דו געפינסט-איין, אַז איך, למשל, בין אַ ריינער, בראַווער יונג — בין איך עס, אַפילו דאַן, ווען איך האָב אַרויסגענומען נעכטן אַ גאַנצע פור מיט פוטערס פון דער וואָל-גאַס. אָבער דאָס ווערסטו נישט פאַרשטיין.

— אדרבה, פאָול, איך פאַרשטיי. איך בין גרייט.

— צו וואָס, מענטש איינער?

— איך בין גרייט, אַז איר זאָלט זיין דאָס, וואָס איר זענט פאַר מיר. ווי איך זע אייך. ווי איר זענט פאַר מיר, דאָס איז אייער אמת. צי האָב איך אייך ריכטיק פאַרשטאַנען?

— אויסגעצייכנט.

— אָבער, פאָול, אויב דו גלויבסט, פאָול, אַז ס'טוט מיר ווי?...

— אפשר — — וואָס שאַדט עס! ביסט דאָך נישט קראַנק? אויב יאָ, פאַר אַוועק, מענטש איינער, דו ווייסט, דו ביסט אפשר צופיל מיטמענטש, פעטער.

— כ'גלויב עס נישט. אָבער ליבע, אפשר איז די ליבע די איינציקע מעגלעכקייט צופרידן צושטעלן זיך מיט אַ טייל פון אַ מענטשן. בלויז די וואָס ליבן נישט, ווילן אינגאַנצן.

— אָ, קענסטו אַזוי ליב האָבן, יונג? אויב אַזוי, טרעפן זיך טאַקע דאָ צונויף די גרויסע ליבע מיט דער אמתער גרויסער גלייכגילטיקייט, קיין שום זאַך נישט צו פאָדערן, אַלצדינג צו נעמען פאַר ליב.

— ווי גוט ס'איז צו רעדן מיט דיר, פאָול, מיר דאַכט זיך, אַז איך רעד ערשט צום ערשטן מאָל.

פאָול האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט לעבן אים. ער האָט אים אַרומגענומען מיט אַן אָרעם און זיך טיף אַריבערגעבויגן איבער זיין פנים, ער איז געווען מיט אים אַזוי נאָענט, אַז פּעטער האָט געפילט, ווי שיין די דאָזיקע שטאַרקע בלאָנדע האָר זענען געפלעגט געוואָרן, געוואַשן און פאַרפומירט, די האָר פון

אַ פֿאַרצערטלטן, געליבטן יינגל. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט! ער האָט אים געמוזט אָנרירן, אָנכאַפּן, אַ גלעט טון. פּאָל, האָט געלאַכט:

— קאָמיש. אַלע מוזן מיר אָנרירן. אַוועק. די מוזט, אָבער איך דאַרף עס גאָרנישט. נישט אַזוי באַוועגט. אָבער די ווייבער זענען ממש משוגע צוליב מיינע האָר. זיי רעגן מיך אויף, ווען זיי גלעטן מיינע האָר. אָבער איך בין גאָרנישט אַזוי.

— נו, זאָג שוין, פּאָל, דו ביסט קאַלט?

— קאַלט? — נו, איך מאַך נישט דערפֿון קיין גרויסן וועזן. עס ברענט נישט. און דערפֿאַר, ווייל זיי באַמערקן דאָס, ווערן זיי טאַקע משוגע, פֿאַרשטייסט? לויפֿן זיי נאָך.

— האָסטו אַסאַך פֿריינדינס?

פּאָל איז געבליבן זיצן איבער אים איינגעבויגן. פֿון זיינע אויגן האָט געשטראָמט די צערטלעכע בלויקייט אויף פּעטערס געזיכט. ער האָט זיך אָפּגערופֿן ערנסט:

— און אַז איך וועל דיר שוין זאָגן: אַסאַך?... איינע אין דער מיינעקן-גאַס, גאַנץ פֿיין, די טייערסטע פֿרוי פֿון בערלין. און איינע גייט אין דער אייכהאָרן-גאַס און איינע ביים רענסטאַלער טויער. אין דער מיינעקן-גאַס קומען אָפּטמאָל פֿאָר פֿאַרווײַלונגען... מ'טוט זיך דאָרטן אַ שפּיל אויך... אָבער איצט, מענטש, וואָלט איך געוואָלט וויסן, צי גלויבסטו שוין? צי גלויבסטו, מענטש, אַז דער פּאָל, דיין אַלטער פּאָל, איז אַזוי-נער? אַ מנוול? צי זע איך אויס פֿאַר אַזוינעם? צי נאַר איך דיר אָפּ, אָדער דאָס איז דער ריינער אמת? צי האָב איך אַזאַ דולע פֿאַנטאַזיע, אָדער איך פּלוידער אויס מיינע סודות?

ער האָט אים אָנגעקוקט ערנסט. פֿאַרוואָס האָט ער מורא אָט דער פּאָל? וואָס וויל ער דאָ נישט הערן? וואָס שרעקט ער זיך? אָבער פּעטער האָט געזאָגט:

— אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט וויכטיק. דאָס דאַרף קיינעם נישט אינטערעסירן.

פּאַול האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. פֿאַמעלעך האָט זיין ייִנגלעריש פּנים אויפגעלויכטן.

— סאַראַ ציין! — האָט פּעטער געמורמלט.

— אַ קלאַסישער ענטפער — האָט אויסגעשריגן פּאַול, האָט פּעטערן אָנגענומען פאַר די אַקסלען, אים געטרייסלט — דער בחור לערנט שנעל. דאָס איז דאָך אויך נישט וויכטיק, מענטש איינער! אָט זיץ איך ביי דיר און עס גייט אונז אויסגעצייכנט. אַחוץ דעם איז אַלצדינג תנופת. ווייסטו ווי דו זעסט אויס, פּעטער, אַזוי פּאַמעלעך? ווי אַ מענטש זעסטו אויס, און לעצטנס ווי נאָך אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן.

— אַ מיאוסער מענטש. אָפּשטויסנדיק, פּאַול.

— דאָס זע איך נישט. נאַרישקייט. אַזאַ זאַך מוזטו זיך פרעגן אַ ווייבספּאַרשוין. אָבער עס איז מיר זייער קאָמיש מיט דיר. הער נאַר, איך בין דאָך אַן אויסגעצייכנטער ראָבוסטער חברה-מאַן. איך האָב קיינמאָל נישט געוואַרט, יענער זאָל זיך אויסביטן. איך בין איך. און אויב דיר פּאַסט נישט איז אַ קאָפּיע איך הינטן אריין. מיט מענער מאַך איך בכלל נישט קיין גרויסע שהיות. איינס צוויי און פאַרטיק. אָבער דו מענטש, ביי דיר זעסטו, האָב איך מורא דיר ווייַ צו טון. מיט דיר וואָלט איך זיך געוואָלט באַגיין פאָרזיכטיק, פּאַמעלעך, טייערינקער, גיב אַכטונג. צי דריקט דיר נישט? איז גוט אַזוי?—נו, איז עס נישט קאָמיש? דו ביסט מיר זייער שטאַרק אַ שאָד, ייִנגל.

פּאַול האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ שטעל אויף און אויסגערופן:

— פּאַולן איז נאָך קיינער נישט געווען קיין שאָד. ס'איז קוואַטש! נו, דערקלער מיר! קענסטו?

— צי איז עס נישט קיין גליק, פּעטער באָס, קליינער פּעטערל, וואָס דו ביסט קיינמאָל נישט געצערטלט געוואָרן, קיינמאָל נישט געהאַט קיין פריינט, אָן אַ קינדהייט, — צי איז עס נישט וווּנדערבאַר, צו ליגן אַזוי דאָ-אָ, אויסגעטון פון אַלצדינג און בין-השמשותדיק, און אַרום דיר קוועלט ממש אַ חיות פון וואַרעמקייט און לעבן? זיס שטראָמט עס דורך דיין בלוט,

אַ מענטש איז דאָ, אַ ממשותדיקער מענטש פון פלייש און בלוט, ער נעמט דיך אַריין אין דער וועלט פוןווירקלעכקייט. גיב זיך איבער מיט לייב און לעבן. אומבאַקאַנטע האָריזאָנטן, אַ גן־עדן, וואָס פאַר אַ ריחות עס קומען פון די גליקלעכע ווייטקייטן!

פאָול האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— שטות. זיי שטיל. לאָמיר רעדן פון אַנדערע זאַכן. האָסטו נאָך אַלץ דער אַננאַן אין קאָפּ?

— אין בלוט.

— אָך, יונג, יונג, יונג! ווייסטו גאָר וואָס, מאַך מיט מיר אַ שפּאַציר אין מיין גרויסער מאַשין. מירן פאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— מיט איר?

— ניין, מענטש, טאַקע אָן איר! דו זאָלסט זיך זי אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַרויס.

— פאַרוואָס ווילסטו נישט — — —

— נו, קומט אויס, אַז כ׳האָב אַ גאַנצע שעה געפּטרט אומזיסט? איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט נעמען לעבעדיקערהייט און זיך לייגן אין דער ערד אַריין. פאַרשטייסט, מענטש. אַננאַ איז אַננאַ, און דו ביסט פּעטער. צי מיינסטו, אַז זי איז גרייט צוליב עמעצן אָפּצולאָזן עפּעס פון זיך? און אויב זי באַמערקט, אַז דו נעמסט איין אַ מיתה, וועט זי זיך דווקא פאַרעקשנען אויסצופירן דאָס איריקע. זי לאָזט זיך נישט פאַנגען אָדער קויפן. און טאָמער גיט זי פאָרט נאָך, וועט זי זיך שפּעטער נוקם זיין. אפשר איז זי יאָ אַ ווייב פאַר דיר, קען זיין. אָבער דו ביסט נישט דער מאַן פאַר איר. צי האָסטו אַ פּויסט, יונג איינער? קענסט נעמען אַ שטעקן אין דער האַנט? קענסט שפּייען אַ ווייב אין פּנים אַריין און אַוועקוואַרפן אויף דער סאָפע, ביז זי וועט פאַר ווייטיק און מורא און פאַרגעניגן נעמען זיפצן און פאַלן דיר צו די פיס: מער, מער, אין דער צייט ווען דו האָסט שוין גענוג? דו! דו ביסט פון די, וואָס שטעלן זיך אויף די קני און קלאָגן און פאַרברעכן די הענט, דאַן ווען זי שרייט:

שטאַרקער! שטאַרקער! דו ביסט פון די, וואָס לייגן זיך אַוועק, שלאָפן נישט און וויינען אָפּ גאַנצע נעכט אין דער קישן, אַז קיינער זאָל נישט הערן, דערנאָך גייען זיי אַוועק און הענגען זיך אויף. אָט אַזאַ ביסטו! מענטש, איך עפן דיר אויף די אויגן. צי ווילסטו נאָך אַלץ לויפן גלייך אין פייער אַריין?

פעטער, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט גאָרנישט געהערט:

— אַננאַ, הייסט זי.

— מילא, טאָ הער זשע מיך אויס! נו, יאָ, עס איז צו שפּעט, אַלזאָ, אַ סוף דערמיט! מאָרגן ביינאַכט, מאָרגן ביינאַכט, ניין אַזייגער ביינאַכט, וועט אַננאַ זיין ביי דער פּלאַזשע. זי וועט וואַרטן אויף דיר ניין אַזייגער לעבן דער פּלאַזשע. ווע-סטו קענען גיין מיט איר ווו דו ווילסט, אָבער איך, הער נאָר דו, אָבער איך וועל נישט זיין קיין עדות ביים ציוויל-אַמט, ווייל דאָס וועט זיין דיין סוף, ניין, דער אָנהייב פון סוף. אַזאַ מענטש ווי דו שטעלט איין אַלצדינג! אַ גאַנץ לעבן. אָפּגעזעסן, און נישט קאַפּריזעוועט, זיך באַגנוגנט, געזעסן, און מיטאַמאָל אַלצדינג! אַן אַמאָק-לויפער. אַזוי רופט מען עס, דאַכט זיך? נו, שנעל, שנעל, שטיי נישט!

ער האָט געשריגן און אַרומגעלאָפן אין צימער אַהין און צוריק.

— מ'האָט דיר אַפּנים, אָפּגעבריט מיט קאַלט וואַסער. נו, לייג זיך אַוועק און פגר, הייך האָסטו, הייך! נו, און ווען איך נעם און צעהאַק דיר דאָ אויף שטיקלעך? און ווען איך נעם דיר אַזוי אַרום מיט מיין אָרעם אָדער לאָז דיר אויסגיין פון הונ-גער? דאָס וואָלט געווען אַן אמתע טובה פאַר דיר. אָבער ווי דו ווילסט. זאָל זיין.

ער האָט גענומען אַ ציגאַר, האָט אים צעבראָכן און אַרויפ-געוואָרפן אויפן באַלקאָן.

— אַ גוטע נאַכט, פעטער — האָט ער געזאָגט פּלוצלינג רויק. — איצט לאָז איך דיר איבער אין דיין עסטעטישער תּפיסה און איך וועל מיך נאָך אַ זוך טון עפּעס אַ נסיעהלע. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק, און אַלצדינג, די מענטשן,

ליכט, לופט איז ביסלעכווייז רויק געוואָרן.

— אַ שווערע עקזיסטענץ, וואָס, פּעטער? מען מוז שווער אַרבעטן אויף דעם. צי איז נישט פאַרבאָטן דעם אָרעמען צו בעטלען און צו גנבענען?..

און פּעטער האָט געענטפערט, אַביסל צו ערנסט פאַר דער דאָזיקער שפּאַסנדיקער פראַגע:

— די רייכע אויך, מיין טייערער.

פּאָולס פּנים האָט זיך אַביסל פאַרקרימט. אַ בליק פון שנאה איז געפאַלן אויף פּעטערן, און ער האָט געמורמלט:

—אַ סאַקאַסטישער ענטפער פון אַ קאַפּיטאַליסט! מען מוז אייך אַמאָל אויך מאַכן פאַר אָרעמעלייט, און דאַן זען, וואָס פאַר אַ וועלט-אַנשויאונג איר וועט האָבן. מ׳ווייס וואָס מיט אַ מענטש איז פאָרגעקומען, וואָס העכער זיין באַנק-קאָנטאָ איז; וואָס גרע-סער זי איז, אַלץ טיפער איז ער. דו זאָלסט דיין באַנק-קאָנטע נישט לאָזן צופיל אָנוואַקסן. וואָרים די רייכע שטינקען. איך קען זיי נישט פאַרטראָגן.

ער איז אַרויפגעגאַנגען א.יפן באַלקאָן. אונטן איז געשטאַ-נען זיין אויטאָ אין דער שטילקייט און ליידיקייט, אַ נעבעכ-דיק קעסטל, אַזוי פאַרלאָזן, אויף דעם וויטן פלאַץ.

— דאָ אינדערהייך איז זייער לופטיק. באמת, זייער לופ-טיק. דו וואָלסט געדאַרפט שלאָפן דאָ אינדרויסן אויפן באַלקאָן. און וואָס טו איך אַצינד? ווּהין גיי איך שלאָפן?

— דאָ איז פאַראַן גענוג פלאַץ פאַר דיר, פּאָול.

פּאָול האָט זיך אַראָפּגעבויגן. האָט ער צוגעמאַכט די אויגן? איז ער געשלאָפן אַן אויגנבליק? און וואָס האָט זיך אים גע-חלומט? פון איין קלאַפּ אין האַרצן ביזן אַנדערן?

ער האָט זיך אָנגעטון. פּעטער האָט אים אַראָפּגעפירט אונטן און אויפגעשלאָסן די טיר. זיי האָבן נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, אָבער זיצנדיק שוין ביים רעדל אין טאַקסע, האָט ער אויסגערופן:

— אַלזאָ, מאָרגן ביינאַכט; ניין אַזייגער. אָבער קום ווע-

סטו נישט קומען, ייגג איינער, זאָג איך דיר צו — — דו, איך זאָג דיר, קום נישט!

און ער איז אוועקגעפאָרן מיט אַ געריויש לענגאויס די שאָל-גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף צו צפון. פּעטער איז געבליבן שטיין און זיך אַרומגעקוקט, געוואָרפן אַ בליק אויפן הויז: פאַרמעגן, ווילשטאַנד, רו, פרידן... און פּלוצלינג האָט ער אַ קוק געטון אויף די שטערן, אויף דער שטאָט, זיין הויז, זיין לעבן.

— איך מוז אַוועק!... אַוועק ווייט, ווייט — — דאָס אומ-באַשטימטע... נישט צו די מענטשן, ניין, מוראדיק. זענען פול מיט שווייס, הערינג, חזיר-שמאַלץ און טאַבאַק. פון געשלאָגענע פרויען און שיכורים, פון נופלעך אין מיסט, קינדער מיט שקראָ-פול. קינדער מיט פאַרברעכנס. אָ, הערץ מיינס! ניין, אַרויס צום דו, צום אַנדערן. דו! דו!

פאַרזונקען אין חלומות איז ער אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין שטוב. ווען יר האָט אויסגעטון דאָס רעקל האָט אינע-וועניק עפּעס געקנאַקט. טאָגיס שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס ער האָט אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט. פערזן. אָ, קינד, קינד! געדיכט פאַרשריבן אין גאָר אַ קליינער קרומער שריפט אויף פּאַק-פּאַפּיר און דייטלעך — — —

אַננאַ, ניין אַזייגער. און דאָסדאָזיקע פּנים וועט זיך אויס-דרייען צו אים... און איר שטימע!... ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק און געפליסטערט צו איר. קיטי, האָט ער זי גערופן. זי האָט דאָך געוואָלט, מ'זאָל זי רופן קיטי.

— צי וואָלסטו נישט געקענט גליקלעך זיין מיט מיר, קיטי! צי וואָלסטו נישט געקענט?

גייסטערהאַפט איז דאָס מיידל געבליבן שטיין. זי האָט נישט געענטפערט.

— קיטי, זיי מיין פרוי. דו האָסט מיך נישט ליב. אָבער — שטילקייט. שווייגן. פּעטער איז אַליין. פּעטער טוט תפילה. אָבער קיין שום געטלעכקייט באַווייזט זיך נישט. נידערט נישט אַראָפּ.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן באַלקאָן. פּאַול האָט געזאָגט: דו דאַרפסט שלאָפן אינדרויסן... פון דעם צימער איז געפאַלן ליכט. און ער האָט געקאָנט לייענען טאָניס פּאַפּירלעך. טאָניס פייכטע הענט. טאָניס הייסער שעפּטשעריי. טאָניס אומבאַהאָלפנקייט. טאָני, דאָס קינד איז געוואָרן אַ מענטש. „ניין, וואַקסן וואַקס איך נישט, אָבער איך פאַרענדער מיר״.

פּעטער באָס האָט געלייענט טאָניס פערזן:

„דאָס איז דער הויף פון אונזער הויז.
דאָרט וווינען שטשורעס און מייז.
מיר האָבן אויך געהאַט קראָליקעס אין שטאַל,
אַ האָן, הינער און עופהלעך אַסאַך,
אָבער תמיד ביינאַכט
האָבן זיי די שטשורעס פאַרטיק געמאַכט.
אַמאָל כאַפּט מען זיך אויף און זיי קוויטשען אַזוי,
אַז אַ קינד צעוויינט זיך פאַר גרויל.
די זון קומט קיינמאָל נישט איבער דעם דאַך,
און ס'איז פינסטער בייטאָג, אַזוי ווי ביינאַכט.
עס דאַכט זיך דיר, ביסט אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב.
אומזיסט האָב איך פאַרפלאַנצט אַ קוסט לעבן שטוב.
בעז. אָבער ער דאַרף האָבן לופט און ליכט,
און דערפאַר בליט ער קיינמאָל נישט.
איך האָב זיי געציילט: הונדערט צוועלף פענסטער.
קוקן אין אונזער הויף אַראָפּ,
ליזע שרייבט אויף דער וואַנט: פריץ איז אַן אידיאָט.
מיר שפּילן זיך הינטער וועגעלעך, מיסטקאַסטן פאַרשטעקט
אין „רויבער״, „טריזעל״, „פעלקערבאַל״, „דזשעק״,
אָבער נישט אַלץ קען איך מיטשפּילן, ווייל איך קען נישט לויפן גיך,
איך מוז מיך צוקוקן, ווי יענע טומלען זיך,
ווייל אַזוי טיף אין מיינע אַקסלען זיצט מיין קאָפּ.
די קינדער זענען גוט, נאָר ליזע חוזקט אָפּ:
„גערבעלע, אפשר וועסטו כאַפּן מיט מיר אַ טענצל,

אָבער פריער ווּעסטו מוזן אַראָפּוואַרפן דיין רענצל.
זעץ איך מיר אַוועק אויף די קעלער-טרעפּ,
אונטן ווינט עממי, וואָס גייט אויף די וואָקזאַלן...
זי דערלאַנגט מיר אַן עפּל צו
און זאָגט: אָרעמער, קליינער, קאַלעקע דו...
אָבער איינמאָל אין דער נאַכט האָב איך געזען
איבערן הויף, בנאמנות, די גאָלדענע לבנה שטיין.
איך כאַפּ זיך אַזוי אָפּט אויף אינמיטן דער נאַכט,
און דאַן ליג איך תמיד און איך טראַכט,
וואָס טוען איצט יענע מענטשן, וואָס זענען וואַך?
און דער גרונערוואַלד און אַלע שאָסעען
און דער ווּעסטהאַפן אָדער דער ווייסנזע און די אַלע זעען,
איך וואָלט געוואָלט אַמאָל אויך אין דעם הומבאָלד-
פּאַרק אַ שמעק טאָן,
און וואָס זיי טוען דאָרט אין די שענקען
ווּו זיי שיכּורן און גוואַלדעווען, שלאָפן, פאַלן אום
און לאַכן,
און איצט וואָלט איך געוואָלט זיין אין וואַלד,
אָ, דאָרט מוז איצטער זיין קאַלט,
אָבער אַ מלאך נעמט מיך אויף זיין קאַרק
און פליט מיט מיר אַוועק אויף אַ שפּיץ באַרג
און טוט אַ ווּנק צו דער לבנה, ווערט זי פאַרוואַנדלט
אין אַ שיפעלע קליין,
שטילערהייט שווימט זי, ווי אַ זילבערנער שוואַן אַריין
און איך זעץ מיך אין שיפל אַריין און צעלייג מיך אַזוי ברייט
און איך כאַפּ מיך ערשט אויף, ווען איך בין שוין
אין הימל ברייט און ווייט."
דאָס איז געווען אויף איין פּאַפּיר.
אויפן צווייטן:
„אויב דו ווּעסט נאָר קענען, דאַרפסטו מיר גאָרנישט צאָלן.
מ'נעמט נישט קיין געלט פון אַזאַ אומגליקלעכן וואָרם.
אַזוי האָט עממאַ זאַנפט געזאָגט ביים קאַווע מאָלן;

כ'האָב מיך צוגעהאַלטן פעסט ביים שטול. אָ, וואָס
פאַר אַ שטורם!
און וואָס פאַר אַ שטורם אין מיר! איך האָב געוווּסט
שוין אַלצדינג פון לאַנג און כ'האָב עס שוין אויך געקענט
און אָפטמאָל האָב איך אַנדערשט נישט געקאָנט און
געמוזט.
דער מענטש, אַך גאָט, איז קיינמאָל נישט מער ווי אַ בויך
איך בין ערשט אַלט דרייצן יאָר און זי טראַכט:
ער איז דאָך נאָך אַ פּיצל — און זי האָט מיר אָנגעקוקט
און געלאַכט,
בעת מיין בליק איז אויף איר בוזעם געפאַלן,
ער שפּאַרט אַרויס פון איר דעקאָלט.
מיאוס איז עממי, אַלט,
אַ גאַסן-פרוי אויפן שלעזישן וואָקזאַל.
דאָרט שטייט זי, ביי דעם צוג, מיט איין פוס אויפן טרעפּ
און ווען די שניטער, וואָס פאָרן קיין פּוילן צום שניט,
פלעגן אָנקומען מיט זיכערע פעסטע שריט,
כּדי זייערע פּאָר גראָשן צו פאַרהוליען,
פלעגט דאַן עממי מאַכן איר גרויסן שניט.
ס'דאַרף אַזאַ נישט זיין מער ווי אַ ווייב,
ס'דאַרף נאָר זיין אַ ליגנדיק שטיק לייב.
איך וויל אויך נישט האָבן עפּעס, וואָס איך זאָל
קענען ליבן צומאָל,
וואָס גייט מיך אָן איר צעפרעסן, געשטופּלט געזיכט,
די הויט פול מיט פלעקן, טונקל-ברוין, ווי קאַרטאָפל-שאָל,
איך זע נישט אירע געל-געפאַרבטע האָר,
און זי שמעקט, זי וואָלט געוועז אַ פרייד פאַר מיין נאָז,
איך וואָלט געלעגן אין איר פלייש, אַזוי ווי אין גראָז.
איך ווייס עס שוין, און געטרוי מיר נישט צו מאַכן,
ווי וועל איך אויסזען! אָ, עממי וועט לאַכן.
איך האָב אַזוי מורא: ווייל עממי איז אַ לעבעדיקע,
נישט ווי קיין בילד. זי האָט עפּעס אינעווייניק,

אַזויפֿיל בילדער האָב איך שוין געזען אין מאַגאַזין,
יענע גלעט מען נאָר אַזוי פֿון אויסנווייניק אַהער און אַהין.
און מ'טראַכט זיך אַלצדינג צו אין בעט, אַליין,
יאָ, דאָרט איז פּשוט, גרינג אַ מאַן צו זיין.
ווער קען דען זען, אַז איך בין קליין און מיאוס,
אַ גאָרב, מיט מאַלפּע־הענט און דאַרע פֿיס,
אַ שפּיציק בערדל און אַ הינער־ברוסט, —
דאָרט גיי איך מיר אַוועק און געניס אַ ביסל לוסט.
ווי זי האָט נאָר אָרט אַביסל אין מיינע לענדן,
איך ווייס נישט, אַך, ווי אַזוי וועט זיך עס איינמאָל ענדיק!

יאָ, דאָס האָט ער געלייענט. און נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר איז דאָ געווען, אַן אויסגעשמירט שטיק פּאַק־פּאַפּיר. צעקנייטשט. ס'איז נישט געווען לייכט איבערצולייענען, וואָס ס'איז דאָ געווען אָנגעשריבן מיט דער דאָזיקער צעבראָכענער האַנטשריפֿט. אָבער פּעטער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין דער וועלט פֿון אָט דעם קליינעם אומגליקלעכן קינד און ווייטער געלייענט מיט אומגעוויינלעכן אינטערעס:

„שבת קויפֿן די ווייבער איין אָן אַ שיעור,
כּדי דער זונטיק זאָל אַ ריכטיקער יום־טוב זיין.
דער באַזאַר איז דעם גאַנצן טאָג פֿול מיט טומל און גערויש,
זיי קויפֿן, קויפֿן אַלץ נאָך, כאָטש פֿול איז שוין דער קויש,
פֿלייש! אין זונטיק — אָ, אַ רינדער־בראָטן,
קרויט, מייערן, סאַלאַט און פּאָמידאָרן,
ראַבאַרבער־קאָמפּאָט, און צום סוף נאַפּאָלעאָן־שניט,
און פֿאַרגעס־מיך־נישט־בלימלעך אויף דעם פֿולן טיש
אין מיס.
מ'פֿרעסט, מען טרינקט, ווי מ'וואָלט אויף מאָרגן הונגערן
געמוזט,
דאָס איז פֿון אַ גאַנצער וואָך די לוסט,
אַ גאַנצע וואָך האָט מען יענעם שרעקלעכן באַגיר:

פלייש און סאָס, און גרינוואַרג און צוויי פלעשער
מאַרצען-ביר.
און זיך טאָן אַ וואַל׳ אַריין אין דעם אָפּענעם בעט,
ווי מ׳וואָלט אויף אייביק שוין פון אַרבעט זיין באַפרייט.
ווייל דער זונטיק האָט נישט קיין קאָנטראָל-זייגער,
נישט קיין הובעל, נישט קיין האַר,
צוויי און פופציק טאָג אין יאָר אָן זאָרג אָן צער.
צוויי און פופציק טאָג אַ מענטש — פון דריי און האַלבן
הונדערט:
מ׳שטייט אויף שפּעט, האַלב ניין אַזייגער, מוראדיק
פאַרוווּנדערט —
וואָס איז געשען? שטייט שטיל די ערד? די גרויסע
רעוואָלוציע?
קיין פאַבריק-פייף? איך מעג שלאָפן? אָדער גאָר
אַ חלום און אַ שפּאַס?
דרייסיק יאָר אַ קולי און איצט אַ פרייער פויגל,
קיין מייסטער נישט, קיין אויפזעער, קיין טייוול נישט,
כ׳קען רעדן, פּראָטעסטירן, ווי הויך איך וויל,
קיין פּאָליציאַנט נישט מיט אַ קאַנטשיק: האַלט ס׳מויל,
זיי שטיל!
די גאַס געהער צו אונז, דער וואַלד, די וועלט,
הוראַ, די אָרדענונג אויף דעם קאָפּ געשטעלט,
ערשט גייען מיר אין מאַרש, קיינער האַלט נישט אָפּ,
מאַמע, קינדער, טאַטע, האַלט היינט פריי דעם קאָפּ!
אָ, גרויסער וואַטעמאַכער, ווי פריילעך ס׳איז מיר זונטיק
און כ׳טאַנץ אַרום, ווי אַ ביקל,
און מאָנטיק ציט דער קולי ווידער שוין ביים שטריקל,
די חלומות ווערן אונז אַפילו אָפּגעשניטן:
מ׳יאָגט, מ׳לויפט! צום טאָג-אָרדנונג געשריטן.
דער טאָג מוז מיטן זייגער גיין,
ביינאַכט נאָך פייערהאַנט וועט איר וועגן אייער רעכט
קענען זען.

אָבער בייגאַכט זענען מיר שוין פון דעם טאָג צעבראָכן,
און קענען נאָך קוים די קאַווע קאָכן,
און דערווייל איז ס'מיידל אויף דער גאַס געלאָפן,
זי וויל זיך אויך אַמאָל אַ פּאָר זיידענע זאָקן קויפן,
זי וויל טאַקע אויך אַמאָל אין אַן אויטאָ זיצן,
און נישט כּסדר דאָרטן אין דער פּרעס-שטוב שוויצן,
זי לויפט דאָרט אין דער וועסט און זוכט אויס אַ קאַוואַליר.
און איך? וואָס זאָל איך זאָגן?... גאָט מיט דיר!
קוים וועט זי נישט אַזוי, וועט זי אַנדערש גיין פאַרלוירן,
און סוף כּל סוף איז זי דאָך אויך צוליב איר גליק געבוירן.—
און דאָס יינגל לויפט מיט דער דעמאָנסטראַציע,
זיבעצן יאָר אַלט, גלויבט שוין אָן דער רעוואָלוציע.
אָבער ווען מאַשין-געווערן,
וועלן איינמאָל נאָר אונזערע זאָרגלאָזע גאַסן אָפּקערן,
וועט ער אין בויך אַריין די קויל קריגן,
און איך וועל טרעפן זיין גוף אין מיסט אין דרויסן ליגן.
דאָס איז קיין מענטשן-לעבן נישט, אַ שרעקלעך
אַרבעטער-לעבן.
דאָס איז פון אָנהויב אָן, מער גענומען ווי געגעבן.
תּמיד זענען מיר געצוימטע אָדער אויפגעהעצטע,
אונזער ערשטער אָטעם-צוג איז אויך דער לעצטער.
אין קבר ערשט, דאָרטן קענען אומגעשטערט מיר רוען—
אָדער אפשר איז דאָרט אויבן אויך נישטאָ פאַר
אונז וואָס צו טון?
אפשר האָט די גרויסע גערעכטיקייט עטלעכע גן-עדנס דאָרטן,
פאַר די שייניקע און פוילע אַ וווּנדערלעכן בלומען-גאָרטן,
און פאַר די קויל-פאַרשוואַרצטע, אייל-באַשמירטע לייט,
וואָס די ביינער ברעכן זיי אַפילו נאָך דעם טויט —
האָט מען שאַפּטן, קעסלען אָנגעגרייט,
אייזנגוסן און טורבינען,
כּדי זיי זאָלן דאָרטן זיך דעם חסד נאָך פאַרדינען.
דער הימל: דאָס איז זייער אַרבעט, אַרבעט איז דער לוין.

דער הייליקער זין פון עקזיסטענץ: אַרבעט. הער
זיך צו, מיין זון.
דאָס לעבן — ס'טויג צו גאָרנישט, נאָר ווארף נאָך
נישט אַוועק:
ווייל אין ערגעץ איז נישט בעסער. ס'איז אַלצדינג דרעק!"

יאָ, אָט דאָס האָט געלייענט דער דערשראָקענער פּעטער. אונטער דעם דאָזיקן לעצטן געדיכט איז מיט זייער קליינעם, איידעלען שריפט — מ'האָט אין דעם געקענט דערקענען די איבערגעגעבנקייט — געווען אַן אויפשריפט אין צוויי קורצע שורות:

„קיין אנדער זאַך האָב איך דיר נישט צו שענקען, אָנ-קעל פּעטער".

אומבאַרמהאַרציקער פּעטער, ווי זיין האַרץ האָט געקלאַפּט. אָבער פאַר וועמען? פאַר טאָנין דעם אומגליקלעכן קינד, דעם באַעוולהטן קאַליקע, פון בלינדן גאָט געטרעטן? ניין. וועגן אַננאַן האָט ער געטראַכט, פּעטער. אַלצדינג איז תנופת — און דאָרט איז אַננאַ! נישט פון בלומען-לאָנקעס קומסטו, אַננאַ, נאָר פון דער אונטערוועלט, פון די שאַכטן און הייך-קעסלען, דאָרט האָבן געשוויצט דיינע אבות. גאַסן-ראָגעס, קעלערן, דאָ האָבן געניאופט דיינע מוטערס. שענקען און דעמאָנסטראַציעס דאָרטן ריטשען דיינע ברידער. אַננאַ. אַננאַ, איך וועל דיר פלאַנצן גערטנער און בוימער. כ'וועל דיר באַשאַפן זון און שאָטן. טייכן און בלעטער. גאָלד קען זיך פאַרוואַנדלען אין שיינהייט, אין נאַטור, אין אייביקער הימלישער בלויקייט, אין זילבערנע ברעגעס. און פאַול — — צי וועלן מיר נישט מיטנעמען פאַולן אויך דאָרט, ווו עס איז ליבלעך און גוט — און אומשולדיק?...

דאָרטן איז פּאַול — האָט אַננאַ שטילערהייט געזאָגט.

איר קול איז געווען גאַנץ פרעמד, אַ שטילע, איידעלע, זייער ריינע שטימע.

אַננאַ איז געווען אָן אַ הוט. איר טונקעלער יינגלשער קאָפּ אויפן דינעם איידעלן האַלז איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם הויך אויפגעשטעלטן קאָלנער פון זייער אַ העלן, זילבער-גרויען, לייכטן מאַנטל. פאַרוואָרפן איבער אירע אַקסלען האָט זי געטראָגן אַ שאַל פון טונקל-בלויע גאַזע מיט זילבערנע פליגעלעך.

אַנטקעגנאיבער איז געשטאַנען דער הישפּאַנאָ סואיציאַנג, מיט אַ טונקעלען גלאַנץ און געשלאָסן. פּעטער האָט נאָכגעפאָלגט אַננאַס בליק און פלוצלונג האָט זיך דער אויטאָ אוועקגעגליטשט אויף דעם גרינעם וועג. פון דער סאַנקט-אַנטאָנוס-קירכע האָט טאַקע נאָר וואָס געשלאָגן ניין. און זיי זענען געשטאַנען פאַר דעם העל-באַלויכטענעם שטילן פּאָרטאַל פון דער פלאַזשע, פאַר די ריזיקע אַפישן פון די קלאָונס, טענצעריננס, אַקראָבאַטן און זשאָנגליערן.

— וווהין — האָט פּעטער געפליסטערט — וווהין וואָלט איר געוואָלט, פרייליין קיטי? בלייבן דאָ, אָדער פאָרן אין וועסט-בערלין? נעמט נישט פאַר אומגוט, איך בין זייער אומבאַהאָלפן, אויב איר וועט מיר נישט קומען צוהילף, וועל איך ווערן גאַנץ לעכערלעך.

זי האָט נישט געלאַכט. זי האָט פאַרבייגעקוקט לעבן אים און געזאָגט פאַמעלעך:

— אין וועסטן... איך בין נישט אָנגעטון — דאָ זעגען דאָ בענק.

און זי האָט אָנגעהויבן צו גיין. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, אַ האַלבן טריט הינטער איר. זי איז געגאַנגען שנעלער. צווישן יונגע ביימלעך איז געשטאַנען אַ ליידיקע באַנק און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. בלויז די פיס האָט זי פאַרוואָרפן איינעם איבערן אַנדערן. אָבער דער מאַנטל האָט זיך געעפנט. אַ בלאַס־געל קליידל האָט זיך עטוואָס אַרויפגערוקט, אַ קני אין אַ זיידענעם זאָק האָט זיך אָנגעבאָטן, ווי אַ זעלטענע פרוכט, פאַר דעם מאַנס פאַרשיכּורטן בליק. ס'האָט זיך געשפּירט פון איר אַ שוואַכער ריח פון זייף, זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פריש געצוואָגן קינד, אַן אויפגעבליטע יוגנט מיט אַן אומשולדי־קער נשמה. זי האָט עפּעס שטיל געזונגען פאַר זיך אַליין און אַרויפגעקוקט צום הימל. אַ, שטערנס, שטערנס איבער אַננאַס קאָפּ!

— איר קענט זאָגן אַננאַ — רייסט זי איבער איר געזאַנג — פּאָול איז נאַריש. וואָרום וואָס איז דען דאָ אין קיטי?

— ווען איר האָט געטאַנצט, האָט מען אייך אַזוי גערופן?

— איך האָב קיינמאָל נישט געטאַנצט — האָט אַננאַ גע־זאָגט און אים נישט אָנגעקוקט.

פּעטער האָט געוואָלט זאָגן: — אָבער פּאָול! — אָבער ער האָט געשוויגן.

— און אין האַמבורג? — פּעטער האָט זיך אַליין אין דער מינוט פאַראַכטעט — ס'איז געווען שיין לעצטנס אין האַמבורג?

— האַמבורג? אַך אַזוי, יאָ.

— פריילין אַננאַ, ווען איך האָב אייך לעצטנס געזען דורכן פענסטער — פּעטער האָט זיך אַליין פאַרלייקנט. פּעטער האָט אָפּגעבראָכן הינטער זיך אַלע בריקן. ער האָט זיך אַליין פאַרבלאָנדזשעט אין דעם מוראדיקן, אומבאַקאַנטן געהיימנישפולן לאַנד, — האָב איך אַלצדינג פאַרלוירן אַחוץ דעם אייננאונאייננציקן

חוּנטש — אייך. איר זענט שיין, אַננאַ —— זינט דאַמאָלס טראָג איך אייך אין מיינע אויגן, אַננאַ. איך מאַך נאָר צו די אויגן: אַננאַ. איך זאָג עס אייך, עס איז מיר אַזוי, פּונקט ווי איך וואָלט מיין לעבן איצט אָפּגעוויגן. ס'הענגט אָפּ נאָר פון אייך — — —

— יאָ? — האָט אַננאַ געפרעגט נאָך אַ פּויזע, בעת זי האָט צוגעמאַכט דעם מאַנטל איבער די קני.

— מיין לעבן, אַננאַ ——

אַננאַ האָט אים נאָך נישט אָנגעקוקט. איר בליק האָט געפּישטערט צווישן דעם עולם אויף דעם קיסטרינער פּלאַץ: בוימער, לאַמטערנעס, טונקעלע שאָטנס פון מענטשן, וואַרטנדיקע אויטאָס, טראַמווייען ווען־נישט־ווען, און דער קרייז פון הייזער מיט העלע פענסטער, און די נידריקע האַליע פון דער פּלאַזשע, מיטן פלאַכן דאַך, וואָס ביי אירע טרעפּ האָבן זיך נאָך די קינדער שטילערהייט געשפּילט — אַננאַ האָט איבערגעקוקט דעם גאַנצן פּלאַץ, מיט אַביסעלע שפּאַנונג אויפן פּנים, עטוואָס שרעק, פּונקט ווי פון דאָרטן וואָלט איר עמעצער געקענט העלפן, אָדער אונטערזאָגן איר בסוד, וואָס זי זאָל ענטפערן.

פּעטער האָט זיך צוגעבויגן צו איר. ער האָט געשפּירט איר אָרעם און זיין האַרץ האָט זיך ממש צוזאַמענגעדריקט.

— מיין לעבן, אַננאַ?

זי האָט זיך נישט באַוועגט. אָבער ווי זי האָט איבערגעטראָגן זיין באַרירונג — דאָס איז געווען אַ חרפּה און דערנידעריקונג. אָבער פּעטער האָט זיך דערנידעריקט און איז געווען אומפאַרשעמט. פּעטער האָט אַוועקגעלייגט זיין קאַלטע האַנט אויף אַננאַס פאַרלייגטע הענט אויפן שויס, און עס איז געווען אַן אומדערטרעגלעך אַנטציקן זיך: אירע הענט זענען נישט געווען גאַנץ ווייך, זיי זענען געווען אַביסעלע גראָב, אַננאַ האָט היינט געוואַשן, געפּרעסט, וועש געשפּריצט, אַננאַ האָט געאַרבעט, און דאָ האָט אים ווידער אָנגענומען אַן אומענדלעכער רחמנות און ער האָט געפליסטערט:

— איר וועט שוין קיינמאָל נישט דאַרפן אָנשטרענגען

אייערע הענט. איר וועט שוין קיינמאָל נישט דאַרפן שטיין איך געוועלב, קיינמאָל נישט האַלטן קיין הייסן אייזן, אַננאַ! נישט אמת? אַננאַ, קיינמאָל נישט!

זי האָט אים אָנגעקוקט. אירע שיינע טונקעלע אויגן איך מילכיקן ווייס, אין די בלוילעכע ווייסלען, האָבן פּאַמעלעך און קאַלט געשוועבט איבער אים, און זי האָט געמורמלט:

— אָ, ס'איז אַזוי אַלצאיינס: איך קען אַרבעטן אויך. אַביסל קרעם אויף די הענט — און מען וועט נישט דערקענען, אַז איך אַרבעט.

און זי האָט געשוויגן, פּונקט ווי די דאָזיקע ווערטער וואָלטן איר פאַרמאַטערט. אָבער זי איז געזעסן גלייך, נישט אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנלען, פּונקט ווי אַ מאַרמאָר-בילד, שענער נאָך פון פּעטערס חלום. זי האָט געהאַט זייער קליינע בריסטן. די צייט האָט געטריפט. זי האָט געבויערט פּעטערס קאָפּ.

— איך מאַטער אייך. איך וועל אַוועקגיין, אַננאַ.

— אָ, ניין, זיצט דאָ, איר קענט מיר עפּעס דערציילן. איך רעד קיינמאָל נישט קיין סך.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס איר פאַרלאַנגט איך לעבן. ווי איר וואָלט געוואָלט לעבן. איר האָט שוין זיכער געחלומט וועגן אַ הויז, קליידער, רייזעס, וועגן אַ מאַן, אַננאַ.

— ניין איך וואַרט. איך חלום קיינמאָל נישט. עס קומט אַלצדינג, ווי ס'איז באַשערט.

— און ווען אַ מלאך טוט אייך אַ פרעג למשל: דריי, צען, הונדערט ווונטשן, קינד! וואָס וואָלט איר דאַן געטון?

אַננאַ האָט געשמייכלט, אַריינגעשמייכלט אין דער נאַכט.

— אָ!... — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטן קול — הונדערט ווונטשן... איך וואָלט געזאָגט: איך האָב בלויז איין-אונאיינציקן ווונטש: מ'זאָל מיך איבעררעדן.

— גוט, איך וויל אייך איבעררעדן.

— איר זענט דען אַ כשוף-מאַכער?

— יאָ, אַננאַ, ווייל איך בין רייך.

— אָך, גבעלט — האָט אַננאַ געזאָגט און ווידער געשמייכלט מיט חוזק.

— די וועלט קען מען קויפן, אַננאַ.

— אָבער דעם מענטש נישט. און ווען איך וויל אַ מענטשן — — —

— יעדער האָט זיך זיין פּרייז, גלויב איך.

זי האָט אים ווידער אָנגעקוקט. איר בליק האָט זיך פּאַמעלעך אָראָפּגעגליטשט פון אים. ער האָט געשפּירט: פאַראַכטונג. זי האָט געזאָגט:

— איר קענט די מענטשן.

— אָך, אַננאַ, דאָס איז געווען אַ Façon de parler, אַן אויסדרוק נאָר, אַננאַ.

— Je vous demande pardon, monsieur, mais aussi moj, je parle couramment français.

זי האָט עס געזאָגט לאַכנדיק, מיט חוזק, אָבער מיט דער אַנטציקנדיקער פּאַרזיכטיקער אויסשפּראַך פון אַ קינד, וואָס מ'האָט אויפגעצויגן אין אַ קלויסטער, און מ'האָט זיך באַמיט פאַר זיין גוטן אַקצענט. פּעטער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים. שפּינוועב. כּשוף. אַננאַ פון דעם וואַש-און פּרעס-אַנשטאַלט.

— צי האָט אייך פּאַול נישט דערציילט? — האָט אַננאַ געפרעגט. — פּאַול האָט אַביסל געזאָרגט פאַר מיין בילדונג. איך בין געגאַנגען אויף לעקציעס. איך גיי נאָך היינט אויך פון צייט צו צייט אין אַן אינסטיטוט.

זי האָט פאַרביסן די ליפּן.

— ניין, איך ווייס גאָרנישט. איך האָב נישט קיין שום אַנונג. איר זעט שוין, ווי אומבאַהאָלפן איך בין. אַננאַ, עס איז אַלצאיינס, איך דאַרף גאָרנישט וויסן, אַננאַ — — ניין, איך וועל עס אייך קיינמאָל נישט קענען זאָגן. דאָס וואָרט איז קיינמאָל נישט געווען אין מיין שפּראַך-אוצר. איך וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקענט באַנוצן דערמיט אין מיין לעבן. איך האָב עס נישט געקענט אַרטיקולירן. אַננאַ, איך ווייס נישט, וואָס

איז געוואָרן מיט מיר, וואָס איך רעד אַזוי צו אייך, ווי איך צו אייך אַצינד. דאָס פּאַסט נישט פאַר מיר, כ'האָב עס נאָך בעמטן נישט געקענט. אָבער איך קען דאָך עפּעס זאָגן, אַננאַ: איך געהער צו אייך, אַננאַ.

— איר קענט מיר נישט.

— גאַנץ טיף.

— איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז אַ מאַן זאָל זיך קענען אַזוי אויפּעפענען. פּרויען — יאָ. איר זענט נישט קיין מאַן.

— ניין, פאַר דיר. דיין שאַפונג. אָבער דו קענסט מאַכן פון מיר, וואָס דו ווילסט...

— ווי שפּעט איז שוין איצט?

— ניין, איך בין גאָרנישט, אָבער איך קען דיר געבן אַלצדינג.

— איך וואָלט נישט———

— אַננאַ, לאָז מיך איינמאָל, — אָנרירן דיין האַנט...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט. דער חסד איז געקומען. ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע פינגער אויף אירע האָר. זיי האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דעם דאָזיקן נאַקן, וואָס האָט זיך אָפּגעוווּנדעט. ער האָט אָנגערירט איר האַלז, אָט די באַקן, די אומדערגרייכבאַרע פּרוכט, און זיינע ציטערנדיקע פינגער האָבן זיך דערנענטערט צו די בלאַסע בליטן פון איר מויל — דאַן האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. אַ פאַרלוירענער פּראָפיל — שאָפּען ע—מאָל, ער האָט עס ווידער געהערט. ס'האָט געקוועלט פון די פוגעס אין אַספאַלט, פון די גאַסן-בוימער, בלומען-קאַסטנס אויף די באַלקאָנען, פון די הייזער-ווענט, וואָס האָבן זיך, דוכט זיך, איינגעבויגן.

ער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, ברייט געעפנט, כדי צו אָטעמען שטיל. אַ טיפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט, וואָס איז געווען איינגאַנצן אַ ווונד. דאָס בלוט האָט

אים געבראָכט אין גאַנצן קערפּער, ער האָט געפילט זיין ביטערן טעם אין מויל.

ער האָט אָוועקגעלייגט דעם אָרעם אויף דעם אָנלען פון באַנק, אַזוי אַרום האָט ער דאָך אַרומגענומען דעם חלל, וואָס איז געווען אַרום אַננאַן. ווייל אַננאַ איז געזעסן שטייף און פאַרגליווערט און געקוקט אויף די שטערן. דאָס איז געווען אַ שוידער פון אַ גאַנץ ערדישן גליק, און דאָך איז ער נאָך קיינ-מאָל נישט געווען אַזוי הויך איבער דער ערד... איר האָנט אויף מיר! אָך, אָרעמער פעטער, די פאַרלוירענע מוטער-האַנט! קיינמאָל האָבן זיך פינף פרויען-פינגער נישט אַראָפּגעלאָזט צערט-לעך אויף דיין שעמעוודיקן אַקסל.

ער האָט געפליסטערט אָן אַן אָטעם. ער האָט געהערט דאָס טויבע שלאָגן פון זיין האַרץ.

— אַננאַ, וואָס דיין אויג וועט נאָר באַגערן! וואָס עס קען נאָר גליקלעך מאַכן אַ פרוי, אַלצדינג וועסטו האָבן, אַלצדינג און נאָך מער. איך בעט דיך, אַננאַ, קוק מיך נישט אָן, אָבער דו בויגסט זיך צו צו מיר? האָסט מורא מיך אָנצורירן? מיאוס זיך נישט מיט מיר! אָ, אַננאַ, אויב אַזוי, שלאָג מיך בעסער אין פנים, פאַרצי נישט מיט די ליפּן... וואָס וואָלסטו געוואָלט צום ערשטן? העלפן? דיין מוטער —

— מיין מוטער!

אַננאַ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט, זי האָט אויסגעש-שריגן הויך. מיטאַמאָל איז זי געוואָרן לעבעדיק, הייס.

— איר קענט מיין מוטער?

— איך... יאָ... איך... בין געווען ביי איר — — —

אַננאַ האָט זיך פאַרשטעלט דעם פנים מיט די הענט, זי האָט זיך פאַרקרימט:

— איר קענט מיין מוטער! איר זענט געווען — אָ, איר זענט געווען ביי מיין מוטער!

זי האָט געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער, און איצט האָט זי אויסגעדרייט צו אים איר פנים, ווי אַ קינד, וואָס מ׳האָט שרעקלעך פאַרשעמט.

— אָבער ווי אַזוי?... יאָ! פּאָול!... פּאָול האָט אײַך געפירט אַהין. אָ! פּאָול! פּאָול! ער האָט אײַך זי — — — פּאָול!

זי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף. איצט איז זי לעבע־דיק געוואָרן, אַננאַ, זי האָט אויפגעלעבט!

— פּאָול האָט — — און זי האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. זי האָט געשריגן: — פאַרוואָס האָט פּאָול — — —

מיט אירע פאַרבראָכענע הענט האָט זי צוגעדריקט איר מויל, אירע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט, זי האָט געטראַכט, זי האָט זיך געגריבלט — און איצט האָט זי אַראָפּגעקוקט אויף פּעטערן, זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, זי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען.

— וויל, הייסט עס, פּאָול... האָט אײַך פּאָול... האָט ער אײַך געזאָגט, אָ, נו, ריכטיק. ער וויל נישט. יאָ, דו הונט אײנער!

זי האָט זיך געטרייסלט.

— וואָס איז מיט פּאָולן?... וואָס האָט ער אײַך נאָך געזאָגט פון מיר?... ער האָט אײַך...

זי האָט אים אָנגעקוקט, זי האָט, דוכט זיך, אָנגעהויבן צו באַגרײַפן. און אַננאַ האָט זיך צעלאַכט. פּעטערן איז אַדורך אַ קעלט דורך די ביינער. זי האָט געלאַכט אַזוי ווילד, ווי גע־מיין. אַננאַ איז געווען אַן אויסגעלאַסענע פרוי, מיט אַ גאַסן־שטימע, אַן אויסגעריטן מויל און אַ לײַדנשאַפטלעכן צערײַצטן בליק. אַננאַ האָט אים אָפּגעלאָזט, זי האָט זיך ענג אײַנגעוויקלט אין איר מאַנטל, זי האָט זיך אַ דריי געטון מיט די היפטן און אַרומגעוויקלט דעם שאַל אַרום איר קין און מויל!...

ניין, ער האָט געהאַט אַ האַלוצינאַציע. אַננאַ איז געשטאַ־נען פאַר אים, זיס און שטיל, צניעותדיק פאַרשלאָסן, ווי אַ יונ־גע פרי, וואָס דאַרף נאָך האָבן זון, זומער, טוי און ווינט, כּדי צו ווערן אײַנגאַנצן צײַטיק. זי האָט ווילד געשמייכלט אין חלל

אריין, אַ קינד האָט געקוקט איבערן לעבן, און קיין שום האַנט האָט עס נאָך נישט אָנגערירט, דער מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף די ליפּן. פאַל נישט, פאַל נישט, די גאַס, דער זומפּ! איך האַלט אָפן מײנע אָרעמס. קום אַהער! צו מיר! צו מיר!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי געזאָגט שטיל — גײן, בלײַבט דאָ אויפן אָרט. איך בין שוין אינדערהיים.

מיט בײדע הענט האָט זי אַרומגעוויקלט דעם מאַנטל אַרום איר קערפּער. זי האָט אים פעסט פאַרנומען אַרום זיך. צי האָט זיך פעטער דערמאָנט? ווי זײַן מוטער פלעגט אײַנציען פאַר אים איר קלײד, כּדי אים נישט אָנצורירן? אָבער הײַנט — פעטער האָט אָנגענומען אירע הענט, אויפגעהויבן זײ צו זײַנע ליפּן, זײ האָבן אויך, פּונקט ווי איר פּנים, געהאַט די דאָזיקע אײדעלע הויט פון אַ דרומדיקער פלאַנץ, פאַרבלאַסט, אײדל געטאָנט, באַהויכט מיט אַ וואַרעמקײט.

— ווען? — האָט פעטער געפליסטערט, ער האָט מנצח געווען די פאַרגאַנגנהײט. זי האָט זיך נישט געמיאוסט מיט אים. זי האָט אים געלאָזט האַלטן אירע הענט, איר קלײד האָט אָנגערירט זײַנע קני, זי האָט אים געלאָזט טרינקען, אָטעמען, זויגן. אַנאַס ריח...

זי האָט אַרויסגעצויגן פון אים די הענט. ס'איז געווען שטיל. אַ טראַמוויי האָט שרײַענדיק געקלונגען, כּדי אָוועקצו-יאָגן אַ הונט פון די שינעס, און אַ פרוי האָט גרילצנדיק גע-קוויטשעט:

— צעזאַר! צעזאַר!

— פאַול — האָט אַננאַ געזאָגט רויק — פאַול וועט אײַך שוין ענטפערן.

ער האָט איר נישט נאָכגעקוקט. אַ מאָדנער געהײמנישפו-לער אָנזאָג: דו וועסט בלינד ווערן, אויב דו וועסט מיר נאָכקוקן.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָנלען, בײדע הענט

אויסגעשפּרייט, דעם קאָפּ אין די אַקסלען. נו, איז עס גאָרנישט געווען, גאָלער גאָרנישט, דאָרטן, ווו אַנגאַס שטערן איז בע־שטאַנען אַזוי הויך. אויסגעלאָשן פאַרשווונדן, צעשווומען. די פרוי! די ערשטע פרוי; מיין פרוי. די איינציקע פרוי.

אננאַ איז געגאַנגען זייער שנעל. זי האָט נישט געהאַט ווייט. ביים גרינעם וועג, אויפן ראָג פון דער קאָפּענגאַס איז געשטאַנען דער בלויער היספּאַניאָ סויציאָ. ווען זי האָט איינגעשטיגן, פון פאָרנט, האָט זיך פּאַול אויפגעכאַפּט.

— נו, שוין? איך האָב געדרימלט נאָך קיין פינף מינוט נישט אפשר. דערלעדיקט? מיט גרויס פּאַראַד?

— וואָס האָסטו אים געזאָגט אַלצדינג, פּאַול? די האָסט אים... געפירט — צו איר. פאַרוואָס — —

פּאַול האָט געלאָזט די מאַשין, זיי זענען שטילערהייט אַוועקגעפאָרן.

— די פרעגסט? — האָט ער געזאָגט קאַלט.

— יאָ איך פרעג. איך פרעג דיר נאָכאַמאָל. וואָס ביסטו דאָ אויסן? דו ווילסט אים אָפּהיטן — — פון מיר?... האָ! צי איך וויל אים דען? איך שענק אים דיר אַוועק! געזונט, גענומען און אַוועקגעוואָרפן. נעם דיר צו דעם שפּילצייגל, פּעקל אים דיר איין! איך וויל אים נישט! ניין! קיינמאָל נישט! קיין איך מאַכט נישט! וויפל וויל ער דיר געבן פאַר מיר? און וואָס רעדסטו מיט אים פון מיר?

— מילא, אויב אַזוי איז דאָך גוט. דו ווילסט אים נישט? די זאָלסט טאַקע נישט וועלן. דו, און אַזאַ לירישער פּאַיאַץ...

ער ווייקט זיך דאָך ממש אין בוימאייל. דו וואָלסט האָך נישט געוועזן די אננאַ, ווען דו וואָלסט אַזוינעם — ! דו זאָלסט אַפילו אַ קוק טון אויף אים. האָסט אים געלאָזט שוויצן, חאַ? איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואָס? זייער פיין, אננאַ. נאָר נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. האָסט אים שוין געהאַט גענוג, הע?

— אָ, דו, אָבער וואָס מיינסטו דערמיט? דו!

— דו פרעגסט — האָט פאַול קאָנסטאַטירט.

קווער איבער דער פראַנקפורטער אַלעע, כסדר אין אַ גלייכער ריכטונג פאָרויס. ערשט האָט שוין געשמעקט פון די קירכע-הויפן, אין דער בית עלמין גאַס. אַ גאַנצע שטאָט פון קירכעס. גאַנצע קילאָמעטערס מיט מצבות, מאַוזלייס מיט קופאָלן, קאָלומנעס און אַלייען פון טרויעריק-הענגנדיקע ווערבעס אין דער ליכט פון די מאַי-שטערן, וואָס האָבן געציטערט אונטער אַ פייכט-באַטויטן גלאַנץ.

— דאָס איז נישט פאַר דיר, אננאַ. ער איז נישט קיין מאַן. ער וועט זיך אַנידערזעצן אויף דעם אומבאַרירטן ראַנד פון דיין בעט און וועט דיר צניעותדיק דעקלאַמירן פאָעזיע. ווייסטו וואָס ס'איז פאָעזיע? אָדער, דו, היי, וואָס האָט איר געטון? וואָס האָט ער געזאָגט? דו, מאַך אויף דאָס מויל. האָסטן דאָך געזאָגט אַדיע, זייט געזונט און האָטס מיר אַ גוטן...

אננאַ האָט אַ קוק געטון אויף פאַולן. ער איז געווען בלאַס און אויפגערעגט, זיין מויל איז געווען דין. זי האָט געזען ווי שטאַרק ס'איז געווען זיין קין. דערדאָזיקער קין האָט זי נאָך אַלס קינד געמאַכט ציטערן און ליידן.

— פאַול! — האָט זי געמורמלט שרעקנדיק.

פאַול האָט אָנגעהויבן צו רעדן. נאָך אַ פויזע. איצט האָבן זיי אַרומגערינגלט די ווידערגעבורט-קירכע. די אַראָפּגעלאָזטע פענסטער פון אויטאָמאָביל האָבן אַריינגעצויגן דעם ריח פון בעז, אַקאַציעס, גראָז, ערד.

— ער האָט זיך פאַרליבט אין דיר. ער וויל דיך נישט האָבן אויף היינט און מאָרגן, נאָר ער וויל געהערן צו דיר אויף אייביק. ער גייט אויפן גאַנצן. דו וואָלסט נאַריש געוואָרן! מיט

אזוינעם מוז מען זיין ערנסט, ווי דער טויט! „אויף אייביק", האט ער אליין זאגן, „ביז אין טויט", און אזוי ווייטער. אבער אננא, דאס איז נישט פאר דיר. הערסט? דאס זאג איך דיר מיט דער גאנצער רויקייט. און דו ביסט נישט פאר אים. ער איז טאקע אן אידיאט, יא! אבער ער דארף נישט אפגיין מיט בלוט צוליב אזא, ווי דו!

— אך אזוי, — האט אננא געזאגט קאלט — קוק נאר אן, א נייער פאול. ביסטו אזוינער אויך? ער האט גאר רחמנות. יא איצט „באשיצט" פאול א מאנספערשוין!

— קוואטשע נישט! — האט ער געשריגן, קוקנדיק פאר זיך — איך האב אים געפונען. איך האב געזען, ווי ער איז צוגעקומען צום פענסטער און דא ביסטו געווען און איך האב אים געלאזט שטיין און גאפיען. געווען א ספעקטאקל! איך בין שיער נישט צעזעצט געווארן לאכנדיק. איך האב אים נאך נישט געקענט. דו, אזעלכע הברה-לייט, ווי מיר ביידע זענען, — און דא, זע איך, קומט איינער, וואס האט נאך אפילו דעם שפיץ פינגער נישט איינגעטונקט אין דעם טינוף; וואס האט נאך קיין שמעק נישט געטון, פון וואנעט דו לעבסט און איך. דאס איז א קינד. זאל ער זיך זיין א וואנץ, גוט, אבער ער האט זיך פארדרייט אין אן עסק! זיין געלט! וואס דארפן מיר זיין געלט! זאל ער געהרגעט ווערן דערמיט! צי האסטו דען אמאל נישט געהאט עפעס, וואס דו האסט געדארפט? ווען דו גייסט אויף דער „קראל-רעדוטע", האסטו, דאכט זיך, דעם שענסטן פיי און דאס שענסטע פאן-קלייד מיט א פערל-שנור, וואס די אמעריקא-נערינס וואלטן אפגעלעקט די פינגער. אלזא, וואס ווילסטו?

— דו פאררעדסט זיך אליין די ציין, פאול. איך וויל גארנישט. איך וויל נאר, מ'זאל מיך צורו לאזן. איך וויל אים מער נישט אנקוקן פאר מיינע אויגן. זיינע פאסקודנע לאפעס און פנים, פוי, טייוול! עס קריכט מיר פון האלז, — שוין? ביסטו שוין צופרידן? האסטן מיר דאך נישט פארגינען. נו, כ'שענק דיר אים!

— הער אויף צו קוואטשן, דו!

— אָבער פאַרוואָס האָסטו מיך געשיקט צו אים? מיט אַ פערטל שעה נאָך פאַר דער צייט. ווער האָט מיך אָוועקגעשטעלט בײַ דער פּלאַזשע, אויב נישט דו! דו האָסט אַזאַ קוק געטאָן אויף מיר! דו ביסט מיט אים איינס, קרעט דו! פאַר וועמען האָב איך עס געטון? איך פײַף אויף זײַן געלט!

זיי זענען אַרומגעפאָרן דעם פרידריכס-פּלאַץ. דער גאַנצער קוואַרטל איז נאָך געווען וואַך און שפּאַצירט אין די אַלעען, די בוריגן-לאָמפּן האָבן זיך געשפּילט מיט זייער ליכט. מ׳איז געזעסן אויף די בענק, אַ גרופּע בחורים האָבן געשפּילט מאַנדאָלינע. דער דרום-ווינט איז אָנגעקומען אין בערלין, און מענטשן מיט נאַכט-אויסגאַבעס זענען מיד אַרומגעגאַנגען און הייזעריק אויסגעשריגן.

פּאַול האָט זיך נישט צוגעהערט.

— בײַ אים איז עס אַזוי ערנסט, ווי בײַ איינעם וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער און וויל זיך אַרויסראַטעווען. דו ביסט די לופּע, וואָס ער דאַרף האָבן. ער ווערט דערשטיקט.

— אָ, פּאַול, גרויסאַרטיק. און דו נעמסט און וואַרפסט מיך צו צו אים ווי אַ רעטונגס-גאַרטל, קענסטו לאַנג וואַרטן, איך וועל פליען צו דעם, וואָס א י ך וויל.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער פּירקאַוו-גאַס אינמיטן דעם וועלדל. צווישן דעם שפּיטאָל און ספּאָרט-פּלאַץ. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פּאַול — אַמאָל איז פּאַול, מיט צען יאָר צוריק, געזעסן דאָ אין קלאַס. דאָ איז געווען אַ לירישער לייען-קרייז, ער האָט געהערט צו דער סאָפּיע-גימנאַזיע. דאָ האָבן זיי פּריוואַט געלייענט פון רילקען ביז ווערפעל. און פּאַול האָט געלייענט. וואָס פאַר אַ שטאַרקן אײַנדרוק ס׳האָט געמאַכט דאַמאָלס אויף אים! איצט האָט ער הויך דעציטירט. אין פרידריכס-וואַלד. אָ! געלייענט פון דער פאַרגאַנגנהייט!

...צי איז נישט גוט, וואָס ס׳איז אַ הימל פאַראַן. אַז, ווער עס שטייט נידעריק און טיף אין דעם טיפסטן ברונעם, זעט די שטערן, זעט די איידעלע שטערן איבער זיך אין מיטן טאָג.

און וואָס איך קען וויינען און איך ליג מיט אַ צעבראָכן האַרץ דאָ אונטער די זיסע בוימער״.

ער האָט זיך צעלאַכט. הויך האָט דער יונגער פּאָול גע־לאַכט. מיין גאָט, דער קלאַס. דער יינגלשער גלאַנץ איז נאָך געלעגן אויף זיין העלן פּנים. ער האָט דעקלאַמירט: „זיסע בוימער״. ניין, אַזאַ פּאַטעטישער שווינדל! און „איידעלע שטערן״! גאָרנישט צו באַגרייפן, וואָס פאַר אַ געמיינע ליגנס מ׳קען דאָ טרייבן. צום טייוול, ליריק, וואָס פאַר אַ שוים!

— דו ביסט אַזוי שיין! — האָט אַננאַ געפּליסטערט — ווי ליב איך האָב דיך! וואָס זאָל איך טון? דו, זאָג. אומגליק־לעך זיין פאַר דיר. פאַר דיר שמוציק זיין — — אָ. פּאָול.

ער האָט נאָך אַלץ געלאַכט. דער קלאַס. און דאָס איז אים געווען „הייליק״! אָבער איצט: גאַז, שטינקענדיקער גאַז! ווייטער, קעניגסטויער, לאַנדסבערגער פּלאַץ, דער שפּיטאָל. ווערנוכענער-גאַס, עלבינגער, כּסדר אַרום דעם וואַלד, אוראַלטע בוימער, גרעל-פוסטע גראָז-פלעצער. די שענקען פון דער לאַנ־גענבעק-גאַס האָבן געדינערט פון קלאַוויר, ראַדיאָ, גראַמאָפאָנען. און פאַר דעם „פילפאַרביקן הונט״ איז פאָרגעקומען אַ געשלעג, אַזן אַרום און אַרום אין דער גאַנצער געגנט האָט מען נישט אָנגעזען קיין פּאָליציאַנט, און צוויי טריט ווייטער, קעגנאיבער איז דאָך געווען די פּאָליציי-וואַך.

אַצינד האָט פּאָול אַ קוק געטון אויף איר. דאָס בלוי פון זיינע אויגן איז געווען קאַלט ווי אייז, און אַננאַ האָט אויפגע־ציטערט:

— קוק מיר נאָר אָן — האָט זי געמורמלט — מעגסט אַפילו שפּייען אויף מיר. אָבער דו מוזט מיך אָנקוקן. איך בין דאָך דאָ פאַר דיר.

— הו! — האָט פּאָול געענטפערט — ווי פּאַסקודנע ס׳איז אַזאַ הייסע צויג. זע נאָר, דאָ אינדרויסן גייען פוטבאָליסטן, אָט די מיט די קעסטלעך. און דאָרט קעגנאיבער. זעסט, יענע ביי־דע, גייען פון זאַל. זיי זענען באָקסער, פון די הויפּטקאַמפן. וואָס זאָגסטו? זאָל איך דיך דאָ אַראָפּלאָזן?

— פאול! — זי האָט געלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל.

— און אַזעלכע זאַכן האָסטו אים דערציילט? יאָ? אַז איך — — און וואָס האָט „זי" אים דערציילט? דו ביסט געווען דערביי? דאָס האָסטו מיר אָפּגעטון, פּאַול? דעם גאַנצן טינוף אויף מיר? ס'איז מיר אַלצאיינס. זאָל ער פון מיר טראַכטן, וואָס ער וויל, אָבער דו, פאַרוואָס האָסטו, פאַרוואָס? אָ! נו, איך פאַרשטיי שוין, דו ווילסט נישט, אַז ער— — —

— דו פרעגסט! — האָט פּאַול אַ געשריי געטון, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט איר דערלאַנגט מיט אַ בייטש איבערן פּנים — זינט ווען איז דיר דערלויבט צו פרעגן? שטיל זיין! שטיל זאָל זיין! האַלט דאָס מויל! קיין וואָרט נישט! עס איז עפּעס געשען. איך ווייס ערשט עטלעכע טעג דערפון. איך האָב געלאַכט דערפון. מיר זענען איצט אין דעם גורל. דו, איך — ער! דאָס איז עס. אַצינד איז עס געקומען אויף אונז, מיר דריי, מיר זענען באַשטימט איינער פאַרן אַנדערן. שיקזאַל, באַשטימונג. מ'לאַכט זיך אויס דערפון, וואָס? אָבער ס'איז דאָך נישט אַזוי, איך שפּיר עפּעס און קען נישט זאָגן, וואָס. פאַרגעסן. איך האָב אויך געלאַכט. דערציילט מיר איינער אַ ייִנג: ער איז אַוועק צו דער אַרבעט, אַלצדינג צוגעגרייט אויסגעצייכנט, עלעקטרישע לייטונג איבערגעשניטן, טירן געזיכערט, די פענסטער זענען געזיכערט, אַלצדינג איז אין אָרדענונג, פאַר גאָרנישט מורא צו האָבן, אָבער אויפן האַרץ איז אים עפּעס געווען אַזוי שווער, ווי אַ שטיין וואָלט געלעגן אויפן האַרץ. אויפן קאַרק איז אים געלעגן עפּעס אַ קאַלטע זאַך. און ווירקלעך: עס האָט טאַקע געטראָפן. זיי האָבן אים שוין, זיי האָבן אים געכאַפּט. אַזוי איז מיר אויך היינט. עס גייט עפּעס נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, אַנגאַ.

— גייסטער!

— יאָ, מיין טייערע, ווייזט אויס, פאַראַנען. און וואָס אַמאָל ערגער. מ'קען זיי נישט אַנטלויפן.

— ביסט קראַנק. דער חברהמאַן האָט דיר עפּעס איינגעגעבן.

— האַלט דאָס מויל!

— ווער עס טרעפט דיך, מוז אַוועק איבער מיר.

— גוט. זאָלסט טאַקע גלויבן אין דעם, אויב ס׳באַפרידיקט דיך. ווייסטו וואָס דו ווילסט? פון וואָס דו חלומסט? — איך זאָל דיך שלאָגן, טרעטן —

ער האָט עס איר אַריינגערוימט אין אויער.

קעניגסטויער. ליכט, לעבן, קינאָס זענען שוין נישט געווען. אַ מחנה קאָמוניסטן זענען געגאַנגען פון דער גרייפסוואַלדער, און ווידער בית עלמינס פון די מאַריען-און געאָרגיען-געמיינדעס, גאַנץ בערלין מיט בית עלמינס, מער טויטע ווי לעבעדיקע, מער קברים, ווי הייזער. ווייל דאָ האָט יעדער איינציקער זיין אייגענעם פּלאַץ פאַר זיך אַליין, און אין די הייזער, וואָס גלאָצן אַרויס מיט די שמוציקע פענסטער אויף די הויפן—דאָרט שלאָפן זעקס מענטשן צווישן פיר ווענט, פון וועלכע עס פאַלן די טאַפעטן, וואָס זענען פאַרטינופט פון וואַנצן, און ס׳איז אָפּגעקראָכן די פאַרב פון זיי, און דער טינק פאַלט. דאָרט שלאָפן דריי נפשות אין איין בעט. און די שלאָף-יינגלעך נעמען די קינדער צו זיך. קיכן זענען פאַראַן מיט איין פענסטער, אויסגעבראָכענע שויבן, צייטונגען אַריינגעקלעבט, — ליגן דאָרטן אַכט מענטשן אויף דער פּאָדלאָגע, און אונטער דער קיך, אין קיטשע, אַ שטאַל פאַר קראָליקעס, און פסח איז פאַראַן האָזן-געבראָטנס. די קאַראַלוכעס קריכן אַרום איבער די שלאָפנדיקע. אָבער ס׳קאָסט אַסאַך ביליקער ווי אין גאָרטן, אָדער ווי אין פּרעבעלגאַס, אין דעם נאַכט-אַזיל. דאָ קען מען קומען נאָך צען אַזייגער ביינאַכט, אַריינשטופּן זיך צווישן די זיבן מענטשן און שלאָפן אינדערפרי ביז צען, און טרודע זילבערצאָן, אַן אַלמנה, איבער פופציק יאָר אַלט, נעמט צוואַנציק פעניק פאַר אַ נאַכט, איינס זעכציק, כמעט פופציק מאַרק אַ חודש האָט זי בלויז פון איר קיך אַליין, און אין שטוב קען מען אַריינקומען אויך בייטאָג. אַ מאַרק אַ שעה. עס איז פאַראַן אַ בעט, מיט אַ שעניק, אָבער פאָרט אַ בעט, די הערן אין דער געגנט וויסן פון דער געלעגנהייט, טיילמאָל קומען זיי מיט דאַמען, — דאַמען, וואָס מ׳דערקענט אויף זיי, אַז

זיי האָבן אינדערהיים וואַרעם וואַסער מיט צענטראַל-באַהייצונג, פּוכעוואַנע קאָלדרעס מיט שפּיצן-קישנס. אָבער ס'רייצט זיי דווקא צו קומען אַהער, צו דער פרוי זילבערצאַן אויפן שעניק מיט אַן אַגענט פון הוטפּאָרמען, אָדער מיט דעם קאָנטראָלער פון אויטאָבוס 2, מיט דעם שוואַרצן, דעם דיקן, וואָס איז אַריינגעשטיגן אין קורפירשטנדאַם.

— ביטע, דעם בילעט... אַ שיינעם דאַנק, דעם בילעט, ביטע.

און אַנגעליקע מיכעלסאָן רוקט אים אונטער אַ צעטעלע: אין דער און דער שעה, אויף דעם און דעם אָרט. און דאַן גייט ער מיט איר אין היינערסדאָרפער גאַס, אין קעלער, צוויי טרעפּלעך אַראָפּצוגיין. זיי בלייבן דאָרטן צוויי שעה, און די גנעדיקע פרוי לאָזט איבער צען מאַרק... צען מאַרק. אָבער איר מאַן באַטייליקט זיך אין קאָנקורס, ער האָט דעם טאַנץ-לאָקאַל „ציגיינער-באַראָן" אין דעם פּאַסאַזש און ער זיצט אין דער גלויביקער-פאַרזאַמלונג. זיין אַנגעליקע שוידערט אויף: פון בעט זעט זי דעם בית עלמין. און דאָ — אַ מאַן פון פאָלק, — ער שמעקט מיט ווייב און קינדער — נעמט זי אַרום, אָבער ער איז אַ שייגעץ, דערדאַזיקער קאָנטראָלער, אַ מאַן דאַרף נישט זיין אַזוי פאַרפירעריש, ס'איז נישט אָרנטלעך פון זיין זייט, ס'איז אויסגעלאַסן. ער ווייס דאָס אַלץ. קיין געלט נעמט ער נישט, נאָר די הוצאות מוזן צאָלן די ווייבער. ער האָט דריי קינדער און דאַן זענען נישט פאַראַן קיין שום קונצן מיט געלט.

נאָך אַלץ אַרום אין וואַלד. ער ווערט איצט שטילער, איצט הויבן זיי זיך אָן צו ליבן: יונגע-פאָרלעך, חתונה-געהאַטע לייט; ווייל עס מאַכט שפּאַס, אַזוי אויף גאַטס פרייער נאַטור, איידער צו זיצן אין די שטיבער, ווו די קינדער כאַפּן זיך אויף און וויינען; אומגעטרייע מענער מיט דער ערשטער, בעסטער געלעגנהייט, און אויב זיי וועלן קראַנק ווערן — ווער טראַכט דען דערפון! אַז דאָס הייסע בלוט רופט אַזוי שטאַרק. און אומגעטרייע פרויען, דער מאַן איז ערגעץ אין אַ שענק, אָדער אויף נאַכט-אַרבעט, ערגעץ אויף דער אונטערערדישער באַן אָדער

קאָנדוקטאָר, און פּאַרט טאַקע איצט קיין פּאַריז — אין מאַכן אַן איבערבייט — און זיין ווייב האָט דערווייל געטראָפן זיין שכן אָדער זיין קאָלעגע אָדער גלאַט אַ פרעמדן, וואָס זוכט זיך אַ שאַנס, און דאָ האָבן זיי די געלעגנהייט. דאָ איז דאָך נישט שלעכט. דאָ איז אַפילו ווי אין קינאָ, בוימער, שטערן, די יאָגנ־דיקע דיאַנאַ, באַלויכטן פון לאַמטערנעס... ווי שיין, זאָגט דער אומבאַקאַנטער הער, יאָ, ער רעדט שוין מיט אַ קנייטש. און ווען ער דריקט איר פעסטער צו, זאָגט זי, צוליב אָנשטענ־דיקייט:

— אפשר וועט איר דאָך צורו לאָזן?

אָבער ער האָט זי שוין. ס׳איז שוין צו שפּעט. זי מוז שוין לאַכן, און ער פליסטערט:

— דער, כ׳מיין יענער, קען דיר אַזוי קיצלען, האַ?

ווייטער, פּאַול. אין דער לאַנדסבערגער אַלעע, גאַס זאַל אַפּהיטן: בית עלמינס און בית עלמינס! און די טשעכישע ברויע־ריי, אַקציען־געזעלשאַפט. די גערטנער זענען נאָך געווען פול מיט מענטשן. אַ בלעכערנע מוזיק האָט זיך געהערט פון דאָרטן, עס האָט דערמאָנט אָן אַ צירק און מיליטער צוזאַמען. דאָס האָט געמאַכט דורשטיק און הונגעריק. געגליווערטע פיס, צוקער־באָ־בעס, ציגן־ווורשט! די דאַמען האָבן זיך נישט געצערעמאָניעוועט, גרויסע מאַלעס, פאַרבייסעכץ און אַ גלעזל בראָנפן צו!

זיי זענען געפאָרן שווייגנדיק. דער אויטאָמאָביל האָט גע־שוועבט. שטויב, פעדערן, שטיינדלעך, אַלצדינג האָט ער אויפ־געהויבן איבער דער ערד. מ׳האָט געשוועבט אין דעם חישפּאַ־ניאָ סואיציאָ אין דער בערלינער נאַכט, שברות־נאַכט, ליבעס־נאַכט, מאַי. אָבער אויך טרערן, טויט, אייפערזוכט און איינזאַמ־קייט.

— קוק זיך נאָר אַרום, אַננאַ, דאָס איז בערלין. דו, איך, הייזער, גאַסן, געלט קוילערט זיך, אַנדערע זענען קראַנק און קרעכצן. אָט איז דער פי־הויף. שעפּסן און לעמער, וואָס זענען הייליק, וואַרטן, און פיר אַזייגער אין דער פרי וועט זיי טרעפן דאָס מעסער. בעקערייען, קליידער־מאַגאַזינען, יאַטקעס, קאָנדיטער־

געשעפטן, פוטער, פיש, אַלצדינג איז לעבעדיק און ווירקלעך און פקזיסטירט אינדערמתן. און אינמיטן דרינען — דער דאָזיקער מענטש, דער אומגליקלעכער פעטער. צי זעסטו נישט, ווי ער פאַלט אַרויס פון דער ראַם? דו, נקבה, צי האָסטו נישט כאַטש אַ פונק געמיט? פילסט נישט קיין רחמנות? נעם אים פאַרט אויף.

אַננאַ האָט געלאַכט.

— ער קען עפּעס נישט קומען צו זיך. אָט וואָס. איך האָב אים געגעבן די האַנט, כ'האָב אים געוויזן — ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען. דיך, מיך, אַלצדינג נעמט ער אָן ווי אַ בשרע מטבע. ער גלויבט, דו, ער גלויבט! הײַנט, אַננאַ, מענטש, הײַנט, בײַ אונז, איז דאָ אײנער, וואָס גלויבט. ס'איז נאָך פאַראַן אַזעלכעס, נו, און דיר רירט נישט אַזאַ פאַרבלאָנדזשעט קינד?

אַננאַ האָט געלאַכט.

— ווי לאַנג וועסטו זיך נאָך אַזוי אַרום דרייען דאָ?

ער האָט געקריצט מיט די ציין.

— איך זעץ דיר שוין אַרויס, נבלה.

— גוט, פּאָול, איך ווייס, גוט. שדכן מיר מיט אים וואָס ווילסטו שדכנות-געלט? זאָג, וואָס דו ווילסט. אָבער דו הער, איך קען אים נישט פאַרטראָגן. קײנמאָל נישט. קײנמאָל נישט, פּאָול. דאָס, הער נאָר, דו, איז נאָך שטאַרקער ווי דו!

— נו, גוט. — ער איז שטיין געבליבן. ווידער קעניגס-טויער. ס'איז נאָך אַלץ געווען אַ באַוועגונג. — גײ אַרויס! — האָט ער געזאָגט — שטעל דיך דאָ בײַם עק, בײַ דער צוקערניע. ס'וועט נאָך זײַן גענוג פאַר דיר. קיל דיך אָפּ. נעם צו די הענט פון מיר! — האָט ער זי אָפּגעשטויסן און אויפגעמאַכט די טיר.

זי האָט אײַנגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט צוגעהאַלטן דעם מאַנטל אונטערן קין און איז אַרויסגעגאַנגען. און נאָך אײדער די טיר האָט זיך גוט צוגעמאַכט איז ער אַוועקגעפאָרן, צו די פּרענצלויער בערג.

אַננאַ האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין ראָג. לעבן דער צו־קערניע. אַ טונקל־באַלויכטענער פענסטער פון אַ שוסטער־וואַרשטאַט. אַ שילד פון אַ דאָקטאָר. נאָטאַריוש. שטעל־פאַר־מיטלונג־ביוראָ. אַגענטור. פּאַטענטן־אַמט. און אַזוי ווייטער, מיין קינד, און אַזוי ווייטער... וואָס איילן זיי זיך אַזוי די מענער?

פּעטער און פּאָול — איינער שטייט אויבן אויף זיין באַל־קאָן. לעכצט ווי אַ דערשטיקטער, לייגט די האַנט אויפן האַרצן און פון דעם, ווי ער הערט עס קלאַפּן, זיין האַרץ, ווייסט ער פאַרצווייפלט פון זיין אומשטערבלעכקייט, איינזאַמקייט און השתפכות הנפש אין דער געליבטער, באַלעבנדיקער בענקשאַפט, און טויטלעכע דערפילונג: אַלץ אומשטערבלעך אין דעם איינעם מענטשן, ווידערקערנדיק אין אַלע זיינע פאַרוואַנדלונגען. און דער צווייטער יאָגט זיך אַרום איבער דער שטאָט, איבער דער אומגעהויערער שטאָט. אומענדלעכער תהום אונטער די שטערן. ער פליט אַרום און וויל זיך באַפרייען און פאַלט אַריין אַלע מאָל טיפער און טיפער אין זיין גורל. איינער אויבן, אינדער־הויך, צו גאָט שוועבנדיק, און דער צווייטער אונטן איינזינקענ־דיק, וואָס אַמאָל טיפער אין דער פינסטערניש. פונדעסטוועגן לעבן זיי — אַצינד! — צוזאַמען. האַרץ מיט האַרץ, אויף דער זעלביקער אינזל, וואָס שוועבט אין דער אומענדלעכקייט.

— אָבער אַננאַ...

— נו, קום אַהער, מיין ליבלינג! ווּהין איילסטו זיך, מיין שאַץ! קוק מיך נאָר אָן, יינגל, זיס ביסטו, דיך וואָלט איך איצט געוואָלט האָבן אין בעט. עס קאָסט דאָך גאָרנישט, קעצעלע מיינס. נו — און זי האָט זיך באַלעקט מיטן צונג, זי האָט זיך געשפּילט מיטן צונג צווישן די פייכטע ציין, אָבער די מענער האָבן זיך געאיילט: כלות, ווייבער, די הינט! אָדער פריינט גאָר — די חזירים! אָבער אַננאַ האָט געלאַכט, געלאַכט דאָרטן אונטן אין דער אייביקער טונקלקייט, ווו עס איז שוין נישט געווען קיין ליבע, ווו ס'איז געווען אומפרוכטבאַר און קיין עטאַ

איז נישט אַרויפגעקומען. איינזאַם איז אננאַ, זי ווייס דאָס אפשר נישט, די איינזאַמסטע פון די שווייגנדיק-פאַרלאָזטע, א פאַר־שטויסענע נשמה. זי ווייס עס נישט, אין דעם גיהנום פון איר אומפרוכבאַרן האַרץ.

די באָבע איז געווען קראַנק אויף גריפּע. זי איז צופּיל מיט איר אינוואַלידן-שטול אַרומגעפּאָרן איבערן האָף, אַרומגעדרייט אין ווינט און אין רעגן. זי איז געווען אין דער גאַנצער געגנט. דער פּאָלי-ציאַנט ערנסט קאַצביין האָט איר אַפילו געהאָלפן אַריבערפאָרן די בלומענגאַס, און די באָבע האָט דערלאַנגט אַזש ביז דער גרויסער פראַנקפורטער. ווילי האָט כסדר געטענהט:

— די מאַמע וועט זיך די פיס אָפּקוועטשן, זי גייט אַזויפיל.

און אָט איז זי געלעגן. עס זענען געווען קראַנק די אָטעם-קאַנאַלן, עס זענען געווען קראַנק די מאַנדלען; און אַמאַליע, וואָס איז געשטאַנען ביים טיש און געפּרעסט, האָט שוין געשעפּטשעט:

— עס זאָל נאָר נישט זיין, חלילה, קיין לונגען-אַנטצינדונג!

— מען מוז האָבן געדולד, און נאָר טרינקען טיי! — האָט ווילי באַרויקט.

לעבן ווילין איז געשטאַנען אַ פרישע. אַננאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. די פרישע איז געווען אַ פלאָנ-דיגע און געהאַט אָפּגעשמינקט אויף רויט אירע פלייכע באַקן. די ברעמען זענען געווען ביי איר אָפּגעגאָלט, די נעגל מאַני-קירט מיט אַ שטאַרקן גלאַנץ. אַכט אַזייגער פלעגט זי גיין אין

„יאַלאָס פון שיינע פרויען", ווו מ'האָט זי אַנגאַזשירט, כדי צו שפּילן די ראָל פון אַ שיינער פרוי. זי איז געווען שרעקלעך אָרנטלעך. איר חתן איז געשטאַנען ביים שטיגליצער, ראָג פּאָטס-דאַמער, מיט אַ ביכער-וואָגן. ער איז געווען אַ געבילדעטער יונגערמאַן, ער האָט אַמאָל אָפּגעשלאָגן די הינטער-טירן פון די רעדאַקציעס מיט פּאָרזעצונגס-ראָמאַנען. ווען זיי וועלן האָבן אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט, וועלן זיי אָפּקויפן ביי זיין מוטער דעם קעלער פון מילכיקס און חתונה האָבן. די מוטער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ גרינס-הענדלער, אָבער יענעמס פרוי איז נאָך געלעגן אין שפּיטאָל מיט אַ ראַק אויף די געדערים, זי האָט יעדן טאָג געקענט אָפּדאַנקען. אויף דעם טאָקע האָבן זיי נאָר געוואַרט, דאַן וועט די מוטער חתונה האָבן אין דער קאָנקורענץ און וועט באַקומען פערצנהונדערט מאַרק פאַר איר אויסגעצייכנטן קעלער. אַן איישאַנק, צוויי איינגעאָרדנטע שטובן אַ קיך און אַמיען, דעם דרייצניאָריקן הונט וועט זי נאָך אויך איבערלאָזן.

אַזוי האָט די באָבע דערציילט פעטער באָס, וואָס איז געזעסן לעבן איר בעטעלע. אין צווייטן בעטל איז געלעגן טאָני, אָנגעשטעקט מיט דער זעלבער קרענק, מיט אַ הוסט און אַ קאַטאַר און קאָפּ-ווייטיק.

— בויג זיך אַראָפּ, זונעלע — האָט געפּליסטערט די הייזעריקע באָבע. — צי איז אמת, וואָס זיי בעללעקען דאָרטן? באשר אַז אַננאַ?... זי האָט גאָרגישט געזאָגט, פאַרוואָס זי גייט אַוועק פון דאַנעט, זי זאָגט דאָך קיינמאָל גאָרנישט, און פאָול האָט זיך שוין אויך נישט מער באַוויזן. אָבער די שוועסטער געשווינד האָבן אייך, איך מיין, דיך און אַננאַן, געזען, שוין צוויי מאָל צוזאַמען.

ביידע שוועסטער געשווינד, פריצי און אָלי זענען געווען אַ צווילינג און זיי זענען געווען ענלעך ביז אויפן — — — דאָ האָט יעדער מאַן געמאַכט אַ גראָבן וויץ, אָבער זיי האָבן, משמעות, געוווסט דערפון. ווייל ביידע שוועסטער, דער צווילינג, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט מענער, און דאָס געשעפט האָט ממש

געבליט — טאַקע צוליב זייער צווילינגשאַפט. דאָס אינטערע־סאַנטסטע אָבער איז געווען דערביי, וואָס ביידע האָבן געאַרבעט פאַר דעם זעלביקן מנוול. דאָס איז געווען אַ גיינצן־יאָריקער יונג, אָנגעטון עלעגאַנט, ווי אויפן פילם; ער האָט נאָך פאַרדינט פון זיין זייט באַזונדער. זיין שטענדיקער אָרט איז געווען אין דעם אַדאָניס־באַר.

— דו, זונעלע, ווי זעט עס אויס ביי אייך, גוט? זע נאָר, זי איז דאָך איר מאַמעס טאָכטער. זי האָט, פאַרשטייסטו מיך, דעם אינסטינקט, הער פעטער, דו מוזט וויסן, דעם אינסטינקט.

און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט ווי אַ געפערלעך וואָרט, אַ פאַרכישופט וואָרט, אַ מין קללה.

— באָבעשי, איר ווייסט אַלצדינג, איך ווייס גאָרנישט. אָבער קיינער פון אייך זעט נישט, אַז זי איז אומגליקלעך...

— מילא — האָט די אַלטע געזאָגט שאַרף — אויב זי וויל דווקא אַזוי? טאָ לאָז איר. אויב זי וויל דווקא זיין אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט זי באַשאַפן?... וואָס מיינסטו, הער פעטער, דו וועסט נעמען אַ מענטשן, אַזוי, מיר־נישט, דיר־נישט, און אויסטון פון זיין אייגענער הויט?

אַ שטאַרקער הוסט האָט איר אָנגעהויבן צו וואַרפן, זי האָט געמאַכט צו אים מיט דער האַנט, ער זאָל גאָרנישט זאָגן, אָבער טאָני האָט זיך אויפגעזעצט און געפּליסטערט:

— און צו מיר ווילסטו גאָרנישט צוקומען, אָנקל פעטער, וועסט שוין דעם גאַנצן אָוונט זיצן לעבן דער באָבען?

— גיי, גיי צו — האָט די אַלטע געקרעכצט — דערלאַנג מיר נאָר דעם טיי.

— האָסטו געלייענט די שירים, אָנקל פעטער? זאָל איך אויפשרייבן די איבעריקע אויך? איך האָב אין קאָפּ אפשר צען שירים. דו וועסט זיי אַדורכקוקן און מיר אויסבעסערן די אינ־טערפּונקציע. איך שרייב זיי תמיד אַזוי, ווי מען רעדט, אָבער דער הער קלויקע זאָגט: און די כללים? דו ווילסט זיין קלוגער ווי די דייטשע גראַמאַטיק? צי גייט עס וועדלוגדעם, ווי מען פאַר־שטייט, אָדער לויטן געזעץ? איינמאָל איז געווען דערביי וואַלטער

יעשקע, האָט ער געזאָגט: אַז געזעצן זענען דאָ, כּדי מ׳זאָל זיי אָפּשאַפן! דאָס ווייסט ער פון די פאַרזאַמלונגען. זיין גרויסער ברודער נעמט אים שוין מיט. הער קלויקע האָט אָבער געזאָגט: דו גיי אַוועק צו דעם הער רעבהון, דאָס איז דער לערער, דער רשע, וואָס קען זיך קיינמאָל נישט באַגיין אָן קלעפּ. אַנדערע אָבער האָבן נישט קיין שום צוטרויען צו אים. טייל יונגען זענען שוין אַזעלכע גרויסע.

די באָבע האָט געוווּנקען, אַז זי קען שוין כאַפּן דעם אָטעם. טאָני האָט אומגערן אָפּגעלאָזט די געליבטע האַנט, וואָס ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין הינער-ברוסט. פּעטער האָט נאָך אַלץ אויפגעשוידערט פון ווידערווילן. ער האָט נישט גע-קענט דערגרייכן די ליבשאַפט, ער האָט געהאַט בלויז רחמנות. אָבער ער האָט נישט ליב געהאַט. טאָניס פייכטע הענט האָבן אים געעקלט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און געקושט אים אין שטערן, און פון בעט האָט זיך אויפגעהויבן דער ריח פון שווייסיקן לייב, דער שטינקנדיקער הויט-ריח פון קינד. ער האָט אים איינגעאָטעמט אין זיך, דער אָרעמער פּעטער, אָבער בלויז צוליב דעם מענטש, דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש, דאָס טייערע נשמהלע! אָבער זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעקערט, און זיין מויל האָט זיך פאַרקרימט; ער האָט געהאַט זיין מוטערס עמ-פּינדלעך מויל.

זיי האָבן נישט געהאַט אין דעם קאַמער קיין ליכט. נאָר דורך דער טיר פון דער שטוב האָט אַריינגעשיינט אַ ביסל ליכטיקייט אויף טאָניס בעט. דאָס יינגל האָט אָפּנים געלייענט אין דערדאָזיקער אומבאַשטימטער ליכטיקייט. אונטער דער קאָל-דרע, לעבן זיך, האָט ער געהאַלטן זיין גאַנצן ביכער-אוצר.

— זונעלע מיינס, איך וואָלט דיר נאָך געוואָלט זאָגן אַזוי-פיל זאַכן. אָבער צי לאָזט זיך דען דער מענטש עפּעס זאָגן? פאַרוואָס קוקסטו אויפן זייגער? האָסט היינט נישט קיין געדולד מיט מיר צו שמועסן, דאַרפסט זיך זען מיט אַנאַן? איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ כּוונות זיי האָבן וועגן דיר. קיין שלעכטע זענען זיי נישט, איך ווייס, אָבער די זענען אינגאַנצן אַנ-

דערש, ווי דו. אפשר, פעטער, ביסטו גאָר פאַר זיי ביידע אַן אומגליק... און נישט פאַרקערט. ווען מ׳האָט שוין אַזויפיל אי־בערגעלעבט, ווי איך, דו ווייסט, ווערט שוין אַביסל ליכטיק אין קאָפּ. אַסאַך זאַכן וע איך, וואָס איר זעט נישט. בלייב אַליין, מיין זונעלע, אויף דעם האָט נאָך קיינער קיין חרטה נישט גע־האַט. זיי ליבערשט אומגליקלעך אַליין, איידער אומגליקלעך זאַל־בעצווייט. אַליין קען מען לייכטער אַדורכלעבן דאָס ביסל יאָרן. ליבע — אַך, קינד, ליבע זאָגסטו אפשר? וואָס איז ליבע? מורא האָסטו צו זיין אַליין. מיטאַמאָל קוקסטו זיך אַרום: איך בין דאָך איין נשמה אַליין, און גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון דיר, און אָט נעמסטו און כאַפּסט זיך אָן אָן דער ערשטער בעסטער, וואָס דו טרעפסט־אָן אין דער מינוט. זעסטו, ווען די וואָלסט זי געוואָלט האָבן פאַר דיין פאַרגעניגן וועגן, ווען די וואָלסט זי דאַרפן, פונקט ווי אַ מענטש דאַרף טאַקע האָבן אַמאָל עפּעס פאַר זיינע געפילן — אָ, ליבער גאָט, טאָ גיי, שלאָף מיט איר, אָבער דערנאָך — אַ סוף. אָבער אויב ס׳איז אַנדערש ביי דיר, פעטער, אויב דו זאָגסט, אַז דאָס איז גאָר ליבע, זי אָדער קיינער נישט! און איצט איז נאָך פאַול אויך דאָ אינמיטן, וואָ־רום אַננאַ וועט קיינמאָל אין לעבן נישט אָפּטרעטן פון פאַולן — דאָן, יינגל, דאַן! נו, מער האָב איך גאָרנישט וואָס צו רעדן... טיי...

און דער הוסט האָט ווידער גענומען טרייסלען איר דאַרן קערפּער.

די פרישע אַרבעטאָרין, לוציע אומלויף, אין געוועלב, האָט געענדיקט די אַרבעט. אַכט אַזייגער. נישט געקוקט, וואָס עס איז געווען שבת און ס׳איז נאָך געווען וואָס צו טון ביז שפּעט אין דער נאַכט; אָבער ניין אַזייגער האָט זי שוין געדאַרפט זיין אין „פּאַלאַס״ אין דער נעאַנדער־גאַס, און זי האָט זיך נאָך גע־מוזט פריער איבערטון: בעז־קאָלירטע וועש און אַ שוואַרצע שפּיצן־קלייד, אַ וואַל און אַ שוואַרצן טורבאַן מיט פעדערן. אויף די שיינהייטס־קאָנקורסן באַקומט זי שטענדיק דעם פּריז, צוויי הונדערט מאַרק, אָבער ביי אַלע שיינע דאַמען אין דעם

אָפּמאַך שטייט, אַז זיי מוזן שפּעטער דעם פּריז אָפּגעבן צוריק אין דער ביוראָ. דאָס איז נאָר פאַרן פּלאַקאַט אויפן רעקלאַמען-סלופּ: „ווער איז די שענסטע פרוי? צוויי הונדערט מאַרק דער פּריז. די געסט ווײַלן אויס". טיש-טעלעפאָן, דריי רויטע פּאַזשן טראָגן אַוועק די בלומען און קאָנפעקטן. אָבער די קאָנפעקטן מוז מען אויך אַוועקגעבן צוריק אין בופעט. די דאַמען באַקומען צען פּראָצענט פון פּאַרקויף-פּרייז. לוציע האָט נישקשה פאַרדינט. די פרוי פון דעם גרינוואַרג-הענדלער האָט שוין געקענט רויק צו-מאַכן אַן אויג. די פערצן הונדערט מאַרק זענען שוין לאַנג געווען אָנגעקליבן.

לוציע האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין קאַמער, זי איז שוין געווען דאָ דעם דריטן טאָג און זיך געפילט היימיש.

— אַסאַך בעסער! — האָט די באָבע אויסגעשריגן קרעכצנדיק. און קוקנדיק אויף טאָנין, מיט אַ פינגער אויף די ליפּן, האָט זי פעטערן אַראָפּגעצויגן צו זיך.

— הער נאָר, ווילי, פאַרשטייסטו מיר, האָט זי שוין אַביסל אַ קוועטש געטון. ער האָט שוין זײַנע פּאַקסן. און זי איז דאָך אַ גאַנץ אָרנטלעכע. אָבער קען מען דען זאָגן—ניין? ווען אַמאַליע איז היינט אויף אַ ווײַלע אַוועקגעגאַנגען אין דער האַלע, אפשר אויף אַ האַלבע שעה, האָט ווילי פאַרמאַכט די טיר פון דאַנעט. אָ, ליבער גאָט, ווען די אַמאַליע זאָל אַזוי טון אַ קום אַרײַן אינמיטן. אָבער ער דאַרף עס טאַקע האָבן. אַמאַליע טויג דאָך גאָרנישט דערפאַר. קוק אים נאָר אָן. וואָס דער מענטש דאַרף— דאַרף ער. מילא, אַז זי גלויבט, אַז ער איז טריי. צווישן אונז זאָל עס בלײַבן, הער נאָר, פעטער, איך האָב עס פאַר קיינעם נישט געזאָגט, אַחוץ דיר. האָסט געהערט, טאָני?.. וואָס איך האָב איצט געזאָגט?... ניין, מ׳דאַרף נישט לאָזן אַ מענטשן אויפ-וואַקסן בלינד. ווער קען זיך עס היינט פאַרגינען צו גיין בלינ-דערהייט אויף דער וועלט?

— יאָ, באָבעשי, אָבער איך וועל שוין מוזן גיין.

— און האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט.

— דו ווייסט דאָך אַלץ.

— אַלזאָ פעטער, אַזוי איז עס טאַקע? יאָ? קען מען דיר באַרנישט העלפן? טאָ צי וואָס בין איך פאַראַן?

— באָבעשי, אפשר וועל איך געהאָלפן ווערן.

— אַזוי האָט דעמאָלט, נישט היינט געדאַכט, געזאָגט דער אַלטער הענניג, ווען מ׳האָט אים נעבעך איבערגעפאָרן און דער דאָקטאָר איז צוגעקומען צו זיין בעט, און דאַן האָט ער אין דער זעלביקער רגע אויסגעהויכט די נשמה. נו, איז ער טאַקע געהאָלפן געוואָרן, אָבער שוין אַ ביסל צו שטאַרק.

— וואָס וואָלסטו געוואָלט, באָבעשי, ווייס-פלייש, ווייך פרוכטן?

— האָסטו שוין געבראַכט זייער אַסאַך, צופיל. ביי אונז איז היינט פונקט ווי יום-טוב. ס׳איז ממש אַ חרפה, ווען עמעצער קומט אַריין צו אונז. דו גיסט אויס דיין געלט, פעטער, פונקט ווי עפּעס אַ קבצן, וואָס האָט פלוצלונג באַקומען די פאָר גראָשן. אַן אמתער רייכער מענטש פירט זיך נישט אַזוי ברייט. האַלט איין, זאָג איך דיר, די מטבע, האַלט איין פעסט, זונעשי, מאָרגן וועסטו עס דאַרפן האָבן פאַר זיך. הער אויף צו ברענגען, זאָג איך דיר, ווילן די טייערע ציגאַרן און די פראַנצויזישע שנאַפּסן, דו פאַרזינדיקסט זיך ביי גאָט, פעטער, ביסט אַ נאַר, פעטער, דו ווייסט נעבעך גאָרנישט. וואָרום דו פירסט זיי אי-בער, זאָג איך דיר, פירסט אַלעמען איבער. דאָס איז נישט קיין גוטסקייט, נאַרישקייט איז דאָס! אָבער דאָס אַלץ נעמט זיך דער-פון, וואָס דו קומסט פון אַן אַנדער וועלט, און דו דאַרפסט זען, אַז דו זאָלסט ווידער אַוועק צו איר. און ווייסטו, וואָס איך וועל דיר נאָך זאָגן? אַ שלעכטן געוויסן האָסטו, ווייל דו ביסט אַ רייכער מענטש און ס׳זענען פאַראַן אָרעמע.

זי איז געווען בייז. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. טאָני האָט געמאַכט מיט די הענט, האָט עפּעס געמורמלט, געבעטן. ער האָט ווידער פאַרשריבן אַ בלאַט און עס דערלאַנגט פעטערן. פעטער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון איר.

אין געוועלב איז געזעסן דער יונגער פאָלסטער, טריסטאַן פאָלסטער — זיין טאַטע איז געווען אַ פידלער אין ראָזנטע-

אַטער — און זיך געפּרעגט אויף אַננאַן. ער איז געווען אַ באָ-
קסער פון פאַך. מיטעלע וווקס, אַ שיינער שוואַרצהנעוודיקער
יונג, אָבער היינט האָט ער געהאַט אַן אונטערגעשלאָגן אויג, אַ
געשוואָלן פּנים און אַ פּלאַסטער אויף אַ באַק. ער איז שוין
געגאַנגען אין זיין בלויען אָנצוג, העלבלויען העמד, לאַקירן און
זיידענע שקאַרפּעטן. ער האָט געוואָלט נעמען אַננאַן אויף אַ גרוי-
סער רייזע אין דער וועלט, דורך אַלע לענדער. ער האָט באַקו-
מען אַן אַוואַנס פאַר די זומערדיקע קאַמפן אין דרעזדן. איצט
האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אָבער פּעטער האָט שוין איצט
פאַר קיינעם קיין צייט נישט געהאַט. עס איז שוין געווען צען
מינוט נאָך דער צייט. ער איז געלאָפן. אין ראָג פון דער וועבער-
גאַס האָט פּאַול געדאַרפט וואַרטן אויף אים. און אויב ער האָט
נישט געוואַרט?... אָבער ער איז געווען מיט זיין גרויסן אוי-
טאָמאָביל. און הינטן איז געזעסן אַננאַ, און פּאַול האָט אים
אויפגעעפנט די טיר צו איר, כדי ער זאָל זיצן לעבן איר.

— מיר וועלן פאָרן צו דיר — האָט פּאַול געזאָגט —
אַננאַ האָט נאָך נישט געזען דיין געשמאַקפול איינגעאָרדנטע
היים.

ער איז געווען איראָניש, פול מיט פאַראַכטונג, בלאַס און
שווייגנדיק. ער איז געגאַנגען אין גאָלן קאָפּ, אין אַ העלן אַנ-
צוג, דאָס ספּאָרט-העמד איז געווען אָפן ביים האַלז. זיין ברוסט
האָט געשימערט ווייס, ווי אַן אָפּגעשיילטער ווערבע-צווייג. אַזוי
איז ער געפאָרן מיט זיי.

ער איז געפאָרן דורך עליזאַבעט-גאַס. אַננאַ האָט עס תיכף
באַמערקט, ווען ער האָט זיך פאַרנומען אין דערדאָזיקער גאַס.
האָט זי זיך אַ טרייסל געטון, האָט אויסגעשטרעקט די האַנט,
אַראָפּגעלאָזט זי און געקוקט שטאַר פאַר זיך, אויף פאַולן. אין
איינעם אַ טויער איז געשטאַנען אַ פרוי, אין אַ העל קלייד, אָן
אַ היטעלע, די קורצע האָר געקרייזלט, ווי ביי אַ קינד, אַ
גראָבער מאַנספאַרשוין איז געשטאַנען לעבן איר און זי האָט

זיך געבויגן אין דרייען פאַר געלעכטער. מ׳האָט דייטלעך געהערט איר געקינצלטע שטימע:

— גאָט מיינער! אַן אומשולדיק מיידעלע וועט פון שטענגל אַראָפּפאַלן! נו, דערציילט נאָך עפּעס אַזאַ וויץ!...

ערשט האָט פּעטער דערקענט די גאַס, די פרוי. אננא לעבן אים האָט געציטערט. פּאַול — וואָס האָט פּאַול געוואָלט? און פּלוצלונג האָט ער אַ פרעג געטון אויף הינטן, איבער די אַקסלען:

— הערט נאָר, אפשר וועט איר דאָ אַרויסגיין זאָגן אַ גוטנאָוונט?

אָבער ער איז געפאָרן ווייטער, איצט שנעל, מיט זיין ווילדן טעמפּאָ דורך דער באַלעבטער שבתדיקער נאַכט. דער גרויסער צער פון דער פאַרנאַכטיקער שעה איז שוין אוועקגעשווומען. עס איז שוין געווען ביינאַכט. מ׳איז שוין געלאָפן אין די שענקען און באַרן, טאַנץ-זאַלן און קינאָס. גיין אַזייגער מיט פופצן מינוט — די לעצטע פאָרשטעלונג. „די הערשערין פון דער ליבע״, „אונטערוועלט״, „דאָס מיידל פון קאַסע 13״. „עס שטייט אַ לינדע...״, „די פרוי ביים אָפּגרונט״, „דעם קעניגס געליבטע״. עס האָט געלויכטן אין פייערדיקע ווערטער איבער די טויערן. אויף די פּלעצער זענען איבער די דעכער געלאָפן שטומערהייט פלאַמענדיקע רעקלאַמעס. אויף אַ וואַנט איז געפלאָסן קופערבערג אין אַ בעכער, ער האָט זיך געפּערלט און זיך פאַרלאָשן, און זיך ווידער אָנגעגאָסן. אין די ראָגעס זענען געשטאַנען פרויען, ווי ליאַלקעס פון אַ שוי-פענסטער, בלויז זייערע אויגן האָבן זיך באַוועגט.

אונטער די לינדן. ביים עק פון דער פרידריכטס-גאַס.— אַ ווירוואַר פון ליכט, לאַנגע רייעס פון אויטאָבוסן און דראָשקעס, מענטשן און קלומפּן, אַ ליאַרם, אַ קעסל-גרוב. דער מיטלפונקט פון די בירגערלעכע זינד, קאַקעטקעס, פאַרמיטלערס, שלעפּער און די פאַרהייראַטע פאָרלעך פון דער פראָווינץ. קרימינאַלן מיט שטעכעדיקע אויגן, קאַבאַרעטן, וואַריעטעס, קאַווע-הייזער, שענקען, טאַנץ-זאַלן... באַן-אויף, האָטעל, אונטערערדישע

באַן, די שפּריי. אינמיטן דער שטאָט — דער איינברוך פון דער גאַטור, וואַסער, וואָס האָט אַ ריח. בוימער, וואָס דופּטן, שטערן אין הימל, די וואַקסנדיקע לבנה — אַ זילבערנער סערפּ איבער דעם קופּאָל פון מוזיי. און ווינט. ווינט.

קיינער האָט נישט גערעדט. אַננאַ האָט געהאַלטן צוגע־מאַכט די אויגן. פּעטער האָט געקאָנט קוקן אויף איר, ווי אויף אַ זאַך, וואָס שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד. פּאָול איז גע־פאָרן. זיין פּראָפיל איז געווען שטרענג. ער איז געווען פאַר־פּומירט, ער און נישט אַננאַ. אַ ביטער־זיסער ריח פון אַן אומ־באַקאַנטן פּאַרפום. פון די האָר? עס איז אויף אַ רגע ליכטיק געוואָרן, ווען זיי זענען פאַרביי לעבן אַ לאַמטערנע. אַננאַ איז געלעגן אין אַ ווינקל, אין אַ טונקעלען מאַנטל, געפּוצט מיט העלן פוטער. פון אונטער דעם מאַנטל האָט זיך אַרויסגעזען אַ ווייס קלייד, אַ לאַנגס, ווייסע שיך. די זאָקן מיט אַ צאַרטער פאַרב, אַ העל־באַלויכטענער הויט־קאָליר, אַננאַס הויט האָט אומעטום געמוזט זיין ווי אַ בלאַסע רויז. ווי יאַשמין אין דער פאַרנאַכטיקער זון, און וואָס פאַר אַ ר י ח האָט אַננאַ געהאַט!

זיי האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגערעדט קיין וואָרט און זיי זענען אויסגעשטיגן פון אויטאָ. זיי זענען געגאַנגען שווייגנ־דיק אויף די טרעפּ. אויבן איז געגאַנגען פּאָול פאָרויס. ער האָט ליכטיק געמאַכט. ער איז געלאָפן אין קיך אריין, ווו לינאַ איז געזעסן און געצירעוועט זאָקן, און זיי האָבן געהערט זיין לוסטי־קע שטימע פון דאָרטן. לינאַ, די כמורנע, האָט געלאַכט.

— איך האָב באַשטעלט קאַווע — האָט פּאָול געזאָגט, אַריינקומענדיק אין צימער — זי איז אַ ליבער אַלטער קראָקאָדיל.

פּעטער האָט אַרויסגענומען פון בופעט — די ליקערן, פּאָרטווייִן, קעקס, פּאַפּיראָסן. אַננאַ איז שווייגנדיק אַרומגעגאַנגען, זי האָט אַראָפּגעוואָרפן איר מאַנטל אויף אַ שטול, זי איז גע־ווען איינגאַנצן אין ווייסן. ענג ביז צו די שענקלען, דאַן איז דאָס קלייד אַראָפּגעפאַלן לאַנג אין פאַלדן. ווען זי איז גע־גאַנגען, האָבן זיך די זיידענע שפּיצן אויסגעשפּרייט, צעטיילט,

און ס'האָט זיך אַרוסגעזען איר פּוס, אַ וווּנדערבאַרער פּנים, צערטלעך פּאַרקיילעכדיקט.

זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב.

— אַ קלאַוויר? איר שפּילט?

פּעטער האָט קווענקלענדיק זיך אַ מורמל געטון:

— מיין מוטערס קלאַוויר. ער שטייט שוין צוואַנציק יאָר נישט גענוצט. איך האָב קיינמאָל נישט געשפּילט אויף אים.

אָבער ער האָט געוואָלט אויפשטיין, שפּילן פאַר אַננאַן אויף די דאָזיקע הייליקע קלאַווישן. פּאַול האָט אים אָנגעקוקט. ער איז געבליבן... פּאַול האָט זיך אויפגעשטעלט —

אַננאַ איז דערווייל צוגעגאַנגען פּאַמעלעך צום קלאַוויר, פּאַמעלעך, פּעטער האָט זי פאַרכישופט נאָכגעקוקט, דעם דאָזיקן שוועבנדיקן קערפּער, די לעבעדיקע שענהייט, אָבער פּאַול האָט געשטעלט אַ טריט. און אָט איז שוין אַננאַ געשטאַנען לעבן קלאַוויר, האָט שוין אויפגעמאַכט דאָס דעקל, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און מיט ביידע הענט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויף די קלאַווישן. זי האָט זיך צעלאַכט. שלעכטע טענער. די סטרונעס האָבן געקרעכצט און געגרילצט און געקלאַפּט. און אָט איז פּאַול געווען לעבן איר. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס דעקל אויף אירע הענט. זי האָט נישט קיין געשריי געטון. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און אַריינגעלייגט די הענט אין שויס. זי איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, פאַרלוירן יעדן טראָפּן בלוט פון פּנים. אָבער זי האָט געזאָגט רויק:

— יאָ, ער איז נישט געסטראָיעט.

און זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע. לינאַ האָט דערווייל אַריינגעבראַכט די קאַווע. זי האָט אַ קוק געטון מיט פאַראַכטונג אויף דער פרעמדער דאַמע, וואָס האָט זיך דאָ צעלייגט.

— גוטן אָוונט! — האָט זי אַריינגערופן צו איר, די דאַמע האָט נישט געענטפערט, אָבער דער פרעמדער העט איז צוגעגאַנגען צו איר, אַרומגענומען זי ביי דער טאַליע און אַריינגעשריגן אין אויער אַ גלייכוווערטל.

לינאַ האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— ניין, אַזאַ זאַך! דאָס איז מעגלעך. יאָ, אַלץ די זאַקסן, אָבער איר זענט דאָך פון טירינגען, ניין?

אַלע וואָס זענען איר געפעלן געוואָרן האָבן געמוזט זיין פון טירינגען. זי איז געווען אַ טירינגער.

פאַול האָט סערווירט די קאַווע. ער האָט געזאָגט:

— ווי מיינט איר, מיר האָבן נאָך גענוג צייט, מיר וועלן אַריבערגיין אין דער פאַבריק, ווע‏סטו אונז אַביסל שפּילן, פּעטערל.

פּעטער האָט זיך פאַרנויגט צו אַננאַן.

— איך בין אַביסל מיד. איך וועל דאָ איבערבלייבן, איך פאַרשטיי זיך גאָרנישט אויף מוזיק, איך האָב נישט ליב קיין מוזיק — האָט זי געזאָגט.

פאַולס אויגן האָבן דראָענדיק אַ קוק געטון אויף איר

— און דו וועסט זינגען, אַננאַ, פּעטער וועט דיך באַגלייטן.

זי האָט געמורמלט:

— אַן אַנדערש מאָל.

— אַן אַנדערש מאָל — האָט פּעטער שנעל איבערגעחזרט.— דאָ איז נישט שיין ביי מיר, אַננאַ, נישט אמת? אַלצדינג מוז דאָ אַנדערש ווערן. פון די טאַפּעטן ביז צו די דיוואַנעס.

— אַך, גאָט, עס איז דאָך אַזוי אַלצאיינס, ווי עס זעט אויס.

פאַול האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי.

— יאָ, — האָט זי פלוצלונג אויסגערופן — אָבער דאַמאָלס דאַרפט איר אינגאַנצן אַוועק פון דאַנעט. איר דאַרפט נעמען אַ וווינונג אין — — ניין, טאַקע אין בערלין, אין דער שטאָט, אפשר ביים ליצנזע, גרויסע, גרויסע זאַלן מיט אַסאַך פענסטער און טונקעלע טרעפּ, אַלט און גאַנץ ניי מעבל אויסגעמישט צוזאַמען. דאָס פּאַסט זייער גוט. נישט אמת, פאַול, ווי שיין איז ביי — —

זי האָט פּלוצלונג איבערגעריסן. אַננאַ האָט שיער נישט צופיל אויסגעזאָגט. אַננאַ האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער פאַול האָט זיך נישט גערירט. זי האָט

ניסט באַקומען קיין שטאָכוואָרט. ער האָט געשוויגן. ער האָט אַריינגעקוקט אין זיין קאַווע און געריכערט.

— ווייטער, אננאַ, ווייטער. אין דעם גאַראַזש, אַ וואָס פאַר אַ מאַשין?

— אַ קליינע לימוזינע, מיטן רעדל אינעווייניק — פאַר דער שטאָט. אַ רייזע-אויטאָ פון פאַיסין אָדער רענאַלד. איך האָב געזען אין פאַריז אַזעלכע שיינע.

— אָ, אננאַ, איר קענט פאַריז?

— אננאַ — האָט פּאָול געזאָגט, אַריינקוקנדיק אין זיין שאָל — איז געווען זעקס חדשים אין פאַריז.

— איך וואָלט נישט געוואָלט האָבן קיין הונט — האָט זיך אננאַ אָפּגערופן — אָבער אַ סיאַם-קאַץ. אַ קאָטער מיט אַ קיילעכדיקן קאָפּ, דעם גאַנצן ווינטער-גאָרטן איינגעריכטעט אַלס "פּאָליער", מיט עקזאָטישע קליינע פויגעלעך, בונט-פאַרביקע, קאַר-דינאַלן, די פייער-רויטע. אַ פאָנטאַן דאַרף זיין אינעווייניק, בוי-מער, און אויף דער ערד — יאַשטשערקעס און סאַלעמאַנדרעס. אַזאַ שטיקל טראָפּישער וואַלד. מען זיצט דאַן ביי די שויבן... מען קען זיך דאָרטן האַלטן אַ געפּאַרד, האָב איך געהערט, דאָס איז אומגעפער אַזאַ מין ווילדע חיה, זי האָט אַ קליינעם קאָפּ און אַ לאַנגן, שמאָלן קערפער. ער זעט נאָך אויס געפערלעך. יאָ, איך וואָלט געוואָלט האָבן אַ געפּאַרד. אין אַ שיינעם טאָג, קען ער ווירקלעך ווערן ווילד. מ'גלעט אים אַזוי ווי תמיד, און מיטאַמאָל טוט אַ קלאַפּ, טוט ער אַ ביס, הויבט אָן צו ברומען און טוט אַ שפּרינג אַרויף...

— און רייזן, אננאַ, וויַט רייזן.

— רייזן... אפשר... איך ווייס נישט. ס'איז דאָך אומעטום דאָס אייגענע. וואָס איז אַנדערש? ווער איז אַנדערש? וואָס איז געהיימנישפול? איך וואָלט איינמאָל נישט געוואָלט וויסן, וואָס שפּעטער וועט זיין... איבעררעשט ווערן.

— און איך — האָט פּעטער געטראַכט — איך אַנטציק זיך מיט יעדן בליק אירן. ווי, אַך, ווי, שטאַרק מוז זי פּאָול ליב האָבן!

אָבער איצט איז אַננאַ שטיל געוואָרן. זי האָט אָפּגערוקט פון זיך די נישט אויסגעטרונקענע שאָל; זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, זי איז געווען מיד, איר קערפּער, באַקעט אין דעם זייענעם פּאַנצער פון איר קלייד, האָט טיף געאָטעמט, זי איז ווי פאַרזונקען געוואָרן אין זיך. אירע ליבלעכע קליינע ברוסטן זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך. פּעטער האָט באַמערקט די צאַרטע וואָרצלען אַרויסשפּראָצן — די שטוב האָט זיך ממש געוואַקלט אַרום אים. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט... עס איז נעלם געוואָרן.

פּאָול איז אויפגעשטאַנען, ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן, ער האָט זיי געלאָזט אַליין. פּעטער האָט זיך איינגעבויגן.

— אַננאַ, וווינונג ביי ליצנזעע, אויטאָס, ווינטערגאָרטן, אַ געפּערד, וועסטו שוין קומען, אַננאַ? וועסטו עס נעמען פון מיר?

זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אירע ליפּן האָבן זיך נישט באַוועגט. נישט אויסצוהאַלטן, אומווידערשטייַלעך איז געווען דאָסדאָזיקע מויל, און פּעטער האָט געמוזט אויסהאַלטן. אָט איז זי געלעגן און זיך איבערגעגעבן זיינע אויגן, רויק. זי האָט געוווסט, אַז זי איז אומבאַרירלעך, געזיכערט און באַשיצט ווי אַ געטש, און אָט הויבט זי אויף — ערשטע רעגונג פון רחמים און איר טויטן האַרצן — הויבט זי אויף איר האַנט צו אים, צו זיין מויל. אָבער אָט טראַכט זי שוין: ניין, ניין, ער איז מיר דערווידער, ער עקלט מיך דורך און דורך. עקל אין בלוט...

און זי איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען.

פּאָול איז צוריק אַריינגעקומען. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבער דער שטוב. ער האָט געזאָגט:

— ס'טרעפט אָפט, אַז מ'מוז אַ פרוי שלאָגן. אָבער קען מען זיך דען פאַרגינען אַזאַ זאַך, בעת זי געפינט דאָך נאָך פאַרגעניגן אין דעם?

— דו ביסט בייז, פּאָול, דו ביסט בייז אויף אַננאַן. לאָז

אויס דיין צאָרן אויף מיר. אָט דאָ בין איך. און דערנאָך — זיי גוט צו איר.

— דו וואָלסט געווען אַ נאַר, ווען דו זאָלסט נישט זיין אינדערראַמתן גאָר בלינד. דו האָסט זיך אָנגעטשעפּעט אין אַ נקבה! אָ! דו, ווייבערשע נאַטור!... האָסט עלליין נאָכאַמאָל געשיקט געלט, הע?

— איך האָב איר צוגעזאָגט, יעדן חודש — —

— האַלאָ! און דו מיינסט דאָך אַוודאי, אַז דו טוסט אַ גוטע זאַך. אַ נשמה גערעטעוועט! ניין, דו ביסט נישט קיין גביר. דו פאַרטאַכליעוועסט דיין געלט. אויף אַ קורווע. מוטער און טאָכטער! מילא, זייער שיין, אויב ס'פּאַרשאַפט דיר הומאָר, אָבער דיר וועט דאָס מער קאָסטן, ווי געלט, מענטש! דיין בלוט וועט עס דיר קאָסטן. אַזאַ ווי דו, דאַרף גאָרנישט אָנהויבן! דו געהערסט נישט אין לעבן. אין אַ בוך פון אַ פאַנטאַסט דאַרפסטו זיין! אָ, דער בחור האָט באַקומען געלט און איצט מאַכט ער חרוב אַ וועלט. דו גיסט דער הור אַ רענטע, זייער פיין. אפשר לויפט זי היינט ווייניקער אַרום, אָבער דערפאַר טרינקט זי! זי טרינקט, זי זויפט, זי טליקעט זיך אַרום אין די שענקען. גוטס ווילסטו טון, אָ, דו נאַר, דו פאַרסמסט מענטשן, פאַרסמסטו! געלט גיט ער. ווייסטו נישט, מענטש, אַז געלט מאַכט קאַליע דעם כאַראַקטער?

— זי טרינקט! — —

— אַ? ס'ווערט דיר שוין קלאָר? דיין שוויגער טרינקט. פאַר דיין געלט. זי האָט פאַרדינט מיטן שווייס פון איר קערפער, אַרבעט איז אַרבעט, צי ליגנדיק, צי שטייענדיק, אָבער דו האָסט זיך דערבאַרעמט אויף איר, דו האָסט זי געמאַכט פאַר אַ רענטירערין, וואָס דען זאָל זי טון? אַוודאי טרינקט זי!

— ש-ש-ש!

אַננאַ איז אַריינגעקומען. זי האָט זיך נאָרוואָס אָפּגעוואַשן די הענט מיט זייף. זי איז דורכגעגאַנגען דורכן צימער, אויפגעהויבן אַ בוך און אַריינגעקוקט. ניין, אַננאַ האָט נישט

געלייענט. מען האָט עס באַלד באַמערקט. אַ בוך איז געווען פאַר איר פרעמדע זאַך, אַביסל אומהיימלעך.

— זי מאַכט זיך היימיש — האָט פּאַול גאַליק אַ זאָג געטון. ער האָט ווייטער אויפגעשפּילעט זיין העמד, עס איז אים געווען הייס. ער האָט געהאַט אַזאַ ריינע, ווייסע, שטאַרקע ברוסט. און פּעטער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ... ער האָט נישט געקענט קוקן און דאָך האָט ער געקוקט... ער האָט אָנגעקוקט פּאַולן, ווען ער האָט געליטן, און ער האָט אים נישט מקנא געווען. ניין, פּאַול — אַ גרויסע צערטלעכקייט האָט פאַרגאָסן זיין האַרץ. ווייל אַננאַ האָט אים ליב געהאַט, האָט ער אים אויך געמוזט ליב האָבן.

זי איז ווידער אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן.

— צי מעג איך דיך פרעגן? צי דערלויבסטו מיר צו שטעלן דריי פראַגן? — האָט פּעטער געזאָגט.

— שיס אַרויס!

— האָסט ליב אַננאַן?

— ס'הויבט זיך נישט אָן.

— האָט דיך אַננאַ ליב?

פּאַול האָט געשמייכלט. צערטלעך און יונג און נאַכגיביק.

— האָט דיך אַננאַ ליב?

— קיין סימן נישט.

— פּאַול, הער מיך אויס, איך ווייס, אַז ס'איז פאַראַן אַ פאַרלאַנג, וואָס איז אַזוי שרעקלעך, אַז ער קען נישט געשטילט ווערן דורכן געניס, נאָר דורכן באַזיץ.

— נו, גוט, זאָלסטו שטילן דיין פאַרלאַנג, טייערער.

פּעטער איז אַרויסגעגאַנגען צו אַננאַן אויפן באַלקאָן. ער האָט איר געוויזן, ווי פונדערווייטנס אין דער נאַכטיקער טונקלקייט זענען זיי געשטאַנען, די אַכט קוימענס פון מערב-האַפן, און ווי אונטן איבער טעגעל איז נאָך אויפן הימל פאַראַן סמנים פון דעם פאַרשווונדענעם טאָג: גאָלדענע שטרייפן אין די בלויע וואָלקנס, אַ בלאַסער הינטערגרונט פאַר די סילועטן פון די

דעכער און טורעמס. זי האָט געקוקט אומבאַוועגלעך. איר קלייד האָט שטילערהייט געוויעט אויף הינטן און אירע שענקלען האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם זייד. ווי אויף אַ הויכער שיף־באָז זענען זיי געשטאַנען, צו פרעמדע לענדער צוגעווענדט. —

פּעטער האָט איר געהאַלטן דעם מאַנטל. פּאָול האָט זי אָנגעקוקט. אונטער זיין בליק האָט זי זיך אַ בויג געטון הינ־טערוויילעכץ און עטוואָס אַריינגעפאַלן אין פּעטערס אָרעמס. ס'איז געווען אַן אַנוונג פון אַ דערנענטערונג... אָט די אָרעמס האָבן אַ ציטער געטון. — גוט, האָט געזאָגט פּאָולס בליק, גוט, מיידל, כ'בין צופרידן, זיי תמיד בראַוו.

און איר בליק, איינגעטונקען אין צער, האָט געזאָגט: ווי שטאַרק דו האָסט אים ליב!... אַנגאַ — זי האָט שוין געוווּסט, וועגן וואָס די מענער האָבן נאָך אַפילו נישט געחלומט...

פּעטער האָט זיי נאָכגעקוקט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן. און אָט האָט ווידער געקנאַקט אין בוזים־קעשענע: טאָ־ניס צעטל. ווידער אַ געדיכט.

ער איז געבליבן שטיין אויף דער גאַס, געלייענט, גע־לייענט. אַ שוידער איז אים אַדורך דורך די ביינער.

„מאַרקוס גאַס, אַרבעטער־פרויען, זכינעזער.
אויבסטוועגעלעך, קרויט־וועגענער און קינדער, וואָס
רייסן זיך ביי די נעזער.
פון טויזנט אָפענע פענסטער אַ שלאָף־געשטאַנק
און שוין איצט ווידער אַ גראַמאָפאָן — אַ מענער־געזאַנג,
און די פרישע מאָרגן־זון ליגט אויף די דעכער, —
אָבער די נאַכט בלייבט אין אונזערע קעלער־לעכער.
נאָר די אַלפאָנסן און די הורן שלאָפן נאָך געשמאַק
און די שאָפערן פון די טאַקסיס, וואָס פאָרן ביינאַכט.
און די יינגען פון דער נאַכט־זמיאַנע אין דער פראַנק־
פורטער גאַס,

פון דער אונטערד־באַן, דער נייער טראַס,
די באָבע קרעכצט, די פיס זענען געליימט!

אויפֿן פּערטן שטאָק שרייען די קינדער, וואָס מ׳האָט געלאָזן צליין,
דער טאַטע האָט צו דער אַרבעט געמוזט גיין,
און די גרויסע שוועסטער איז נישט געקומען אַהיים:
פֿאַרווײַלונג: ווענעציאַנישע נאַכט —
בלומען-ערד! שרייט אַ מענטש — צען פּעניק אַן עמער!
דאָס איז דער גאָלענבליק, אָך, איך קען אים.
ער איז אין דער קאָלאָנע באָקס-קלוב נאָרד-אָסטן,
אָבער אין דער וואַל-גאַס און יעגער-גאַס ווײַלן זיי זיך אויף די פּאָסטנס.
די פֿאַרשנעלערן די טריט אויף יאָאַכים-גאַס, לעבן אַלטן היקערדיי;
גאַסן-הענדלער איז ער בלויז פֿאַר דער פּאָליציי. —
איצט איז נײַן אַזייגער, אַנטקעגן ס׳שענקל איז שוין אָפֿן,
און דעד שײַנער קורט שטייט שוין מונטער דאָרט און אויסגעשלאָפֿן.
ער פֿאַרמאָגט זײַן אייגנס מיידלעך צוויי, וואָס אין דער שטיינגאַס לויפֿן.
איז קען ער ווײַן און שבת אויך שאַמפּאַניער זויפֿן.
האָט תמיד געלט אין קעשענע און לעבט אַ גוטן טאָג
און ווען די ווײַבער טוען מורמלען — טוט ער שטאָלץ אַ זאָג:
פֿאַר מיר ביסטו גאָרנישט, כאַפּט דיך אַ קלאָג...
נײַן אַזייגער? און דער טאַפּעצירער בעדז
שנײַדט זײַן פֿרוי שוין ווידער מיט אַ גאַרדינען-שטאַנג אויפֿן געזעס.
„איצט האָסטו שוין!" זי שרייט ווי אַ שוויין,
אָבער פֿון דעם גאַנצן הויז מישט זיך קיינער נישט אַרײַן,
ווײַל ער איז דאָך שוין אַזאַ און זי איז אויך אַ שטיק נבלה גאָר,
נעמט ייִנגען זיך אַרײַן, מצג זײַן אַ ייִנגל פֿון צען יאָר.
די בומקע האָט איר צווילינג אַוועקגעשטעלט אין ראָג;

זי דאַרף הײַנט גײן אויף אַ באַזוך אין דעם שפּיטאָל
דאָרט ליגט איר מאַן שוין פיר צי פינף טאָג, —
זיי האָבן אים דעם ערשטן מאַי אַרײַנגעשאָסן אין
בויך אַ קויל.
ער איז שוין זיכער טויט, און דערבײַ איז ער קיין
רויטער נישט געווען,
ר׳איז געגאַנגען אויפן גאַס דעם אויפרוף איבערלעזן. —
די שולדיקע, זיי קומען אַלע אין דעם הימל.
אַ ליבער גאָט, פוי, צום טײַוול. אַזאַ געווימל!
אַ שטרעק אַמאָל די הענט שוין אויס, אַ שעפער, בלינדער!
מענער—מענער, ווײַבער—ווײַבער, אָבער וואָס האָסטו
צו די קינדער?...
די אומשולדיקע, אָ יאָ, זיי בלײַבן אין דעם קעלער
פרילינג, זומער, אָבער זיי ווערט קיינמאָל גאָרנישט העלער.
די אומשולדיקע — זיי זענען פון דעם לעבן ביטער
פאַרשטויסן.
די פאַרכעוואַטע קינדער און די הוסטנדיקע גרויסע.
די אומשולדיקע, זיי מוזן אין דער פינסטערניש אומקומען.
גאָט פרוווט און וועגט און משפּט זײַנע פרומע.
אויב זיי וועלן אויסהאַלטן, ווען זיי וועלן הונגערן
און פרירן
און דעם דאַך איבערן קאָפּ פאַרלירן;
און די טעכטער אויף דער גאַס גייען
און די זין אונטער פאָליציי־אויפזיכט שטייען,
און די גלאַנצנדיקע אויטאָס, וווּ די זאַטע לייט זיצן,
דאָס לעצטע קלייד מיט בלאָטע זיי פאַרשפּריצן,
און די פאָליציאַנטן אין דער דעמאָנסטראַציע שיסן:
שטוב, ברויט, פייער, מער לוין פאַר דער אַרבעט, ניין,
זיי ווילן נישט וויסן!
ווען דער טאַטע דעם לעצטן גראָשן פאַרטרינקט
און טרודע, אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר, שוין פון
דער קראַנקהייט שטינקט,

דער שלאָף-לאָקאַטאָר האָט זי אין בעט אַריין צו זיך גענומען.
שנעל, לייגט די הענט צוזאַמען, שטעלט זיך אויף די קני, איר פרומע!
איר שולדיקע! אָ! מיט אייער ווארטן נאָך און האָפן!
ווערט שוין שולדיק! דאַן שטייט פאַר אייך דער הימל אָפן!

פעטער האָט צעריסן דעם פּאַפּיר. ער האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן אָן דעם, מאַכן עס פאַר נישט געווען, נישט עקזיס-טירט, פאַר אַ וויסטן חלום. שווידערלעך, אַ קינד פון דרייצן יאָר שרייט: ווערט שולדיק, דאַן שטייט פאַר אייך דער הימל אָפן. טאָני, אַ קליינער הויקערל, חוזק און פאַרזעעניש, פונ-דעסטוועגן — אַז דער מענטש פאַרמאָגט אַ האַרץ, און איז נישט פאַרבליבן קיין פלאַנץ און קיין חיה!

איך וויל גאָרנישט וויסן. עס ברענגט מיר קיין שום נוצן נישט! שוין גענוג מיט די צרות. צי זאָל נאָך מיין האַרץ מוזן איבערטראָגן מער ווי מיינע אייגענע? בלויז איין גליק, איינ-איינציקס: פאַרגעסנקייט... און דאַן איז ער געגאַנגען אין גאָלן קאָפּ, אויף זיין אָוונט-שפּאַציר, וואָס ער פלעגט דורכמאַכן שוין יאָרן לאַנג, כמעט יעדן אָוונט, כדי ער זאָל קענען שלאָפן. ער איז געגאַנגען דורך דער ליבאַר-גאַס אָדער דורך דער פען-גאַס צום צפון-האַפן, וועלכן ער פלעגט פאַמעלעך ארומגיין, ער פלעגט אַרומוואַנדערן אויף דעם דאָזיקן גרעסערן שטח ביים שטילן וואַסער-בעקן מיט די משא-שיפלעך, שלעפּדאַמפּערס, פון וועלכע ס'האָט אָפטמאָל אַרויסגעהילכט אַ בילעריי פון אַ הונט, אַ ציה-האַרמאָנקע, אָדער שטימען, וואָס זענען אין דער טונקלקייט געוואָרן מעלאָדיש. דאָ האָט בערלין אויסגעשפּרייט אַן אָרעם און אַרומגענומען דעם האַפן מיט שטילקייט און פרידן. קליינע קראַנען זענען געשלאָפן, אין מיטן פון קוילנהייבערס איינגעשלאָפן. ציגל זענען געווען איינגעלייגט, און ווי שפּעט עס זאָל נישט זיין אין דער נאַכט, האָט זיך נאָך תמיד געשפּילט אַ קינד שטי-

לערהייט צווישן אָט די בערג און הויפנס. שטרוי איז דאָ געלעגן, איבערגעבליבן פון בייטאָג, עס האָט דאָ געשמעקט מיט פרייער נאַטור, מיט וואַסער, דאָ איז די נאַכט געווען תּמיד העל. די שטערן פינקלען דאָ אַסאַך מער. אומבאַקאַנטע שטאָט. פאַרשידנאַרטיקע שטאָט, וואָס הויבט זיך אויף דאָ הינטער די בולוואַרן, מיט טורעמס, קופּאָלן, זיילן, אויף וועלכע עס שטייען מלאָכים און אָדלערס גרייט צוועקצופליען. קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ בענזין-סטאַציע, העל באַלויכטן, און אַ גאָלד-שטראַלנדיקער זקן—דער גאָט פון דער שטאָט; ער איז געווען פאַרכמורעט, וואָרים הינטער אים שפּרייטן זיך אויס באַן-שינעס; אַ משא-וואָקזאַל ליגט דאָ מיט שאָפּעס און וואַרשטאַטן, פון דאָרט הערן זיך פאַרשטיקטע קלאַנגען, עס דערמאָנט אין אַ געבעט פון גלויביקע, וואָס שטייגט דאָ און דאָרטן צו אַן אויסגעשריי. אַ קליינע בריק, ווו דער טייך פאַרלאָזט דעם בעקן, ווענעדיק-בריק.

און די הייזער עפענען זיך, איצט נאָך, פענסטער, וואָרים פון די קנייפּעס הילכט אַרויס דער ראַדיאָ, די נאַכטיקע טאַנץ-מוזיק, ביז איינס אַזייגער, און דאַן קען מען נאָך הערן עפּעס פון אויסלאַנד, תּמיד דזשאַז, דזשאַז, רעפריין-געזאַנג, עס הילכט איבער דעם גאַנצן האַפן:

„I wonder whore my Baby was to night“.

אין די טויערן פון די הייזער — די זיבעצניעריקע מיידלעך מיט זייערע פריינט, עס איז אַזוי שווער זיך פונאַנדערצוגיין. ס'איז מאַי. עלף אַזייגער ביינאַכט. די צוואַנציק-יאָריקע שפּאַצירן נאָך, וויגנדיק זיך אויף די היפטן. קאָקעטעס לאַכן הילכיק, און די יינגען, די אַכצן-יעריקע, שטאָלץ און גלייכגילטיק, דרייען זיך אַרום, ווי זיי וואָלטן שוין געווען אויסגעקאָכטע אַלפאָנסן. מ'ווערט פאַרשווינדן אין די שענקען. גרויסע „מאָלעס“. אַ „קיראַסאָ“. דאַן שטייען זיי פאַרחלומט אויפן בולוואַר קוקן אַריין אין וואַסער, אַ קליינער ווייטיק נאָגט אין לייכטן האַרצן, אַ רגעלע חלום אין די בלוטן, דעם ווייַ פון דער וועלט שפּירן זיי קוים בחפזונדיק. און ערשט שרייבט די לבנה אירע הירעגליפן אויפן וואַסער. דאָס לעבן, דאָס לעבן...

איבער דער פען-בריק שלעפן זיך טראַמוויען, טראַמווייען שטעלן זיך אָפּ, קלינגען מיטן גלאָק — ווי פון שיפן — טאַמעווען גרילצנדיק, דער קאַנאַל בויגט זיך אָן אַ זייט. באַגלייט פון הייזער-ווענט, ביז צום נאָדדהאַפן. די אַכט ריזיקע קוימענס שטייען פונקט ווי שאָטנס אין דער נאַכט. גיגאַנטן האַלטן וואַך איבער דער שטאָט, וואָס לאָזט אַרויס איר ריח פון די טוירן און קעלערס. פון די שטיי-ביר-שענקען קוועלט אַרויס אַ געדיכן פון ביר פון הייוון אָבער אויך היי שמעקט, פון די שטעלער און מעלקערייען, און פון אייז-צוקערניעס — דער אַראָמאַט פון כעמישע עסענצן. און אויבן, אינדערהויך, אין איינעם פון די הונ-דערט פענסטער, אַצינד אין מיטן דער נאַכט, דאָס פאַרצווייפלטע שלוכצן פון אַ קינד און אינמיטן — קלעפּ...

אַזוי פלעגט פעטער באָס אַרומוואַנדערן אין דער שטאָט און דערנאָך גיין צוריק דורך די שטיל-איינגעשלאָפענע גאַסן, אין דער ריכטונג צו די קירכעס פון זיין פּלאַץ, אַרום וועלכע דער בעז פלעגט שוין בלייען. אָבער היינט האָט ער געהאַט אַן איבערגעשראָקן פאַרקלעמט האַרץ, אַן אומבאַשטימטע נאָגעניש און אַ שווערקייט אין זיין געמיט. אַ בענקענדיקער פאַרלאַנג, אַ געדאַנק אָן אַן אויסוועג. ער האָט זיי געזוכט, די צוויי אין אוי-טאָמאָביל, אננאַ און פּאָול, וואָס זענען אים נעלם געוואָרן אין דער נאַכט.

דערדאָזיקער אויטאָמאָביל איז געשטאַנען אין מערב-זייט, ווייט הינטער דער שטאָט, הינטער העלענזע, אַרויפצוצו מיט דער קעניגס-אַלעע, הינטער הונדעקעלע, ווו דער פאַרגוואַלטיק-טער וואַלד ווערט פריי, אין דער ברייטער אַלעע צו „פעטער טאָמס הייזל“, ווו די אויטאָס שטעלן זיך אָפּ אין די וואַרעמע נעכט און די געליבטע קושן זיך. דאָרט האָט זיך אויך פּאָול אָפּגעשטעלט, ווי אַסאַך אומבאַקאַנטע שיינע איז ער אויך געקומען אהער. ער האָט ליב געהאַט בוימער-סכך און שטערן איבער דעם קאָפּ, צו וועלכן ער האָט זיך אַריבערגעבויגן און ער האָט ליב געהאַט ריח פון זשיוויצע אין זיינע נאָז-לעכער,

ווען ער האָט, טיף אָפּאָטעמענדיק, אומגעקערט זיך פון דער פרוי צוריק אויף דער ערד.

— דאַנק דיר, פּאַול — האָט אננאַ געזאָגט שטיל — און איצט זעץ זיך לעבן מיר. לאָמיר אַביסל רעדן. לאָז מיך איינ־מאָל פריי רעדן, פרעגן און ענטפערן. הער מיך אויך, טראַכט אמאָל, אַז איך בין דאָך נאָך אַלעמען אויך אַ מענטש, פּאַול, אַ מענטש פאַר זיך אַליין. וואָס ווילסטו מיט מיר טון?

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו איר און זיי זענען געזעסן אונטער דעם אָפענעם פערדעק. די סאָסנעס האָבן נאָך נישט געשמעקט, אָבער די בלעטער־בוימער דאָ און דאָרטן, יונג צעגרינט, האָבן געאָטעמט מיט אַ שאַרפן ריח.

— אננאַ, ער האָט דיך ליב. איך בין דאָ גאָרנישט שול־דיק. איך האָב געוואָלט אַנדערש. איך האָב פאַלש אָנגעהויבן. אָבער דאָ איז אַלצדינג פאַלש, וואָס דו זאָלסט נישט טון. ווייל ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי שיקזאַל. אננאַ, דו מוזט — מעג ער אפילו גיין צו גרונט איבער דעם; און דו מיט אים. איר מוזט, און אויב שוין יאָ גיין צו גרונט, טאָ זאָל ער שוין בעסער מיט דיר, ווי אָן דיר.

— שיקזאַל. אָבער דו זאָגסט דאָך אים פאַרויס. וואָס ביסטו, פּאַול? דו ווילסט, ער זאָל דווקא האָבן דאָס, וואָס ער פאַרלאַנגט. דו טראַכסט נאָר וועגן אים. איך פרעג שוין נישט מער פאַרוואָס. אָבער איך? און ווו בין איך אין דער וועלט?

— דו! דיר איז דאָך אַלצאיינס. ער אָדער אַן אַנדערער, מאַך צו די אויגן.

— איך בין נאָר אַ זאַך?

— אַ פרוי. יאָ.

— אָבער דו האָסט מיך אמאָל ליב געהאַט.

— דו מיינסט?

— נאָר וואָס עס געהערט צו דיר, פאַראַכטעסט דו. דו ביסט פאַר זיך אַליין אַזוי געמיין און נידעריק, אַז דיר עקלט פון יעדערן, וואָס האָט דיך ליב. אַז דו ווילסט עפּעס האָבן קריגסטו עס — און געגנוג. טרינקסט אויס דאָס גלאָז, פּאַול, און

דו ווילסט עס אפילו נישט צעברעכן! אזוי פיל טרהה? דו לאזט עס פשוט, שטיין.

— דו קענסט מיך.

— לאך נישט אזוי געמיין. ניין, איך קען דיך נישט. האב איך דיך אמאל ליב געהאט?

— דו האסט נישט ליב, ווייל דו קענסט נישט. דו האסט נאר דעם אינסטינקט, א זונה ביסטו, אננא.

— פאול! —

— איך ווארף דיר נישט פאר. די ביסט אזוי באשאפן געווארן. אלץ וואס איז געשאפן האט זיין געזעץ.

— איך האב נישט ליב, ניין, קיינמאל נישט, ווייל איך האב דיך ליב.

— ליבע — —

— שטענדיק דיך. אלע זענען דו. גיב אים, אים פון דיין ריה, וועל איך אים ארומנעמען. אבער ער האט א פרעמדן ריח. דיין גערוך וועל איך תמיד נאכלויפן.

— ניין, נעם מיך נישט אן.

— פאול —

— דו, קורווע.

— פאול —

ער האט צוגעצויגן איר קאפ צו זיך און איר אריינגעזאגט אין אויער:

— און וואס איך האב ליב?

זי האט זיך צוגעדריקט צו אים. זי האט נישט געהערט.

— און וואס איך האב ליב? מוזטו אויך ליבן, וואס איך ליב.

ער האט זי אפגעלאזט און אפגעשטויסן פון זיך. ערשט אצינד האט זי באנומען זיינע ווערטער. זי האט געשטאמלט:

— איך ווייס — איך ווייס — איך פארשטיי שוין. איך ווייס שוין מער ווי דו...

— אויב איך —

— ניין! — האט זי אויסגעשריגן — אבער איך וויל

נישט. אַוועק, ניטע, זאָג עס נישט. וואָס דו האָסט ליב, וועל איך פון דער וועלט אומברענגען. איך וועל פיינט האָבן, וואָס דו האָסט ליב. וואָס טויג דיר דען, אים ליב צו האָבן. איך וויל נישט מאַכן קיין שום אומוועג צו דיר.

פּאָול האָט זי פּלוצלינג אָנגעכאַפּט.

— טו נאָר אַ קוק אויף אים! — האָט ער געשריגן. — צי האָסטו קיין האַרץ נישט? איז ער דען נישט געצייכנט? צי טראָגט ער דען נישט די קללה?

— די קללה?... — זי האָט אַ זיפץ געטון. זיינע פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן אין אירע אַקסלען.

— ער ווייטיקט! — האָט געשריגן פּאָול — טו אַ קוק, ווי ער ווייטיקט! און מיר, מיר ווייסן נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס: אַ ווייטיק? אפשר ווייס ער עס נאָך אויך אַליין אויך נישט צו מאָל. ער קניט ביז ער באַקומט ווונדן. ווונדן! דו... און מיטאַמאָל דערזעט ער, אַז ס׳איז גאָרנישטאָ צו וועמען צו בעטן. פּונקט ווי איינער, וואָס גלויבט, און דער הימעל איז ליידיק!... און ער זעט אַלצדינג, דאָס איז עס, ער זעט אַלצדינג. קענסטו זיך דען פאַרשטעלן, וואָס דאָס הייסט? מילא, ווי אַזוי זאָלסטו עס פאַרשטיין! דאָס איז דאָך דאָס שרעקלעכסטע, וואָס אַ מענטש קען איבערלעבן. דו, דו האָסט בלויז בלוט און פלייש און דעם אייביקן דראַנג. אָבער אַ מענטש, אַ מענטש, אַזאַ ווי ער —— און איצט וואָלסטו געקענט, דו אים —— און דאָ דווקא טאַמעוועסטו זיך. דו ווילסט נישט. דו וועסט שוין קיין אויסוווּרף נישט זיין, ווייל ביסט שוין אַן אויסוווּרף.

זי האָט זיך אָפּגערוקט הינטערווייַלעכץ פאַר זיינע פויסטן.

ער האָט שווער געאָטעמט. ער האָט ממש געפּאַרעט פון ליידנשאַפט און כעס. זי האָט תאווהדיק געטרונקען פון אים. זי איז געווען אַזוי פאַרשיכורט פון אים, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט זיינע רייד.

— ווי עס שמעקט פון דיר — האָט זי געמורמלט. זי האָט אים איינגעזאַפּט אין זיך מיט אַלע אירע קעמערלעך.

— אָבער איך בין דאָ אויף דער וועלט, דו, קוים טוסטו אים ווײ, קוים וועסטו אים נאָר אַ האָר פאַרקרימען! ער וועט גלויבן אָן דיר — כאָטש דו וועסט אים אָפּנאַרן. נאָר אים אָפּ, דו קענסט דאָך נישט אַנדערש. אָבער קוים וועט ער עס באַ-מערקן!.. איך וועל אַכטונג געבן, ער דאַרף אַבסאָלוט נישט וויסן דערפון. איך האָב אים געזאָגט, וואָס איך האָב אים געדאַרפט זאָגן. און אפשר פאַראַכטעט ער מ י ך דערפאַר, ווײל ער גלויבט אָן ד י ר. איך זאָל וועלן אויסהײלן אַזאַ קראַנק, אַ דיבוק, דורך דעם, וואָס איך זאָל אים זאָגן: דו נאַר! — וואָלט א י ך געוווּן דער נאַר. אָט דאָס איז איר מוטער — האָב איך געזאָגט, ער?— ער וויל זי „ראַטעווען״. אַנבאַ? אַ קורווע! ער: — אַ מלאך, אפשר אַ געפאַלענער מלאך, גוט, איך וועל אים ווידער אויפ-הויבן. ער איז קראַנק אויף אַ מאַניע — אָט וואָס.

אַננאַ האָט טרוקן באַמערקט:

— פּאָול האָט גענומען אויף זיך אַ מיסיע.

— יאָ, — האָט פּאָול געזאָגט, נישט הערנדיק אירע ווערטער — יאָ, קראַנק! כ׳האָב אַרײנגערעדט אין אים, אַלצדינג דערצײלט. אַז איך וועל אים ווײזן ווי דו ליגסט בײם חזרים-פּאַסטוך אין בעט, וועט ער זאָגן: — „אַ פּאַרבלענדעניש. גײ אוועק שטן!״ ער גלויבט זײנע אײגענע אויגן נישט. דאָס איז משוגעת איז דאָס, אָבער דו וועסט בלײבן זײן משוגעת.

— איך קען ווערן זעלבסטשטענדיק.

— נײן.

— איך קען טון דאָס אוממעגלעכסטע.

— נאַרישע גאַנז!

— דו מײנסט, אַז איך קען גאָרנישט טון, וואָס דו ווילסט נישט?

— אָ, אַ שאלה אַביסל.

— דו ביסט מײן באַלעבאָס?

— איך מײן עפּעס.

— אפשר ווײס איך מער פון דיר, אַסאַך מער, ווי איך האָב געדאַרפט וויסן.

— קען זיין.

— זאָלסט ציטערן פאַר מיר.

— מילא, אַז דו הייסט.

— פרויען האָבן שטאַרק ליב צו סליחהנען. דאָס איז אויך אַזאַ אינסטינקט.

— קוואַטש נישט קיין שטות. האָסט זיך היינט אָנגעגעסן מיט באָבעס! נו, מאַך אַ סוף. אָדער אפשר האָט איר נאָך עפּעס, פרייליין?

ער איז אַריבערגעשפּרונגען אין דער שאָפערקע און גע־לאָזט דעם מאָטאָר. ס׳איז געוואָרן קיל, זיי האָבן עס נישט געפילט. ער האָט אויסגעקערעוועט און אַוועקגעפאָרן. די אַלעע האָט זיך אויסגעצויגן אין דער אומענדלעכקייט, צוויי סאַרנעס האָבן דורכגעקרייצט דאָס ליכט פון די רעפלעקטאָרן.

אַננאַ האָט זיך אויסגעבויגן צו אים.

— אַלזאָ, פּאָל. איז וואָס? וואָס האָסטו באַשלאָסן צו טון? אָבער דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיך ליב. און דו קענסט גיכער אַ וועלט חרוב מאַכן איידער דאָס... פאַרוואָס?... אייביק. אָן אַ סוף?... ווער ביסטו? איך ווייס? וואָס ביסטו? ווער ווייס! אַן איינברעכער? יאָ? אַ פאַסער? יאָ? אַן האָטעל־גנב? יאָ? האָסטו שוין אויך אַ מאָרד אויף זיך? ווער ווייס? און דו, דערזועלביקער פּאָל, ביסט גוט, דו האָסט ליב צו העלפן, בסוד, איך ווייס, דו טראָגסט אַוועק אָפּגעקעצלטע קעץ אין שטוב אַריין. קענסט נישט זען ווי קינד וויינט. דו מעגסט האָבן די אייליקסטע רייזע און קוים זעסטו אַ פויגל פון נעסט אַרויסגעפאַלן — שטעלסטו זיך אָפּ, קלעטערסט אַרויף אויפן בוים און דו ראַטעוועסט די קליינע פייגעלעך. דו טראַכסט נישט וועגן דעם, אַז אונטער דיר ברעכט זיך אָפּ אַ צווייג און קענסט אַראָפּפאַלן, — און פונוואַנעט האָסטו אַזוי פיל געלט? פּאָל אַנדערעס, שאָפער, אָבער טאָמער פאָרן מיר אַריבער איבער דער גרענעץ, האָט ער שוין אַ פּאַס אויף קאָמיל דעקלאַרי, גע־באָרן אין נאַנסי, וווינאָרט אין שטראַסבורג. קומען מיר קיין האָלאַנד—ווידער אַ פּאַס: אויגן קוואַנדט יוועליר פון האַנאָווער.

אויפן אויטאָ האָסטו אין וואַלד אַרויפגעהאָנגען אַן אַנדער נומערל. ווער ביסטו? אויב דו קענסט זיך גאָר אַליין? פּאַול אַנדערעס פּאָרט מיט זיין טאַקסע היינאַכט איבער שפּיטעלמארק און אין דער סיידעל-גאַס קומט פאַר אַ גנבה פאַר פּערציק טויזנט מאַרק פּוטערוואַרג. קאַמיל דעקלאַרי שטייגט אָפּ אין מוריץ, אין פּאַריז, די ליידי געדיוואַ איז דאָ. קאַמיל שלאָפט מיט ליידי גאָדיווא, ער קען זי גאָר פון קאַנעס, פּאַלאַ-פּלאַץ, פּאַול ברענגט מיט פאַר אַננאַן אַ שנור פּערל, פופציק טויזנט אַ מציאה. הער קוואַנד האָט געשעפטן אין אַמסטערדאַם מיט רובינען, פון וואַנעט האָט ער רובינען? און אומעטום ביסטו דער אייגענער? נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ:

— קוש...

זי האָט הויך געאָטעמט. זי האָט אַרויסגענומען אַ פלעשעלע פון אַ קעשענע אין דער אויטאָמאָביל-וואַנט, און אַ שטאַרקער לאַווענדע-ריח האָט זיך אויסגעשפּרייט, זי האָט זיך איינגעריבן דערמיט איר הייס פּנים, אננאַ האָט זיך נישט געפּודערט, נישט געפאַרבט די ליפּן און נישט באַנוצט קיין שטיפט צו די ברעמען.

אָט איז שוין געווען דער קורפירשטנדאַם, דערנאָך די בלייב-טריי-גאַס, דאָס צווייטע הויזביים ראָג.

— פּאַול!

אָבער ער האָט געהערשט. דער מאָטאָר האָט גערוישט, ער האָט נישט געהערט איר אויסגעשריי, ער איז אַרויסגעשפּרונגען, אויפגעעפנט דאָס טירל — אַן אויסגעצייכנטער אָנגעטוענער שאָפער. און אין דעם זעלביקן אויגנבליק זענען אָנגעקומען אַהער מיט אַ דאַמע, האָבן זיך געווענדעט צו אַננאַן, וואָס איז אויסגעשטיגן. דער הער האָט געגריסט, די דאַמע האָט שמייכלענדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— פון טעאַטער? — האָט זי געפרעגט.

— פון דער אָפּערע — האָט אַננאַ געענטפערט, בעת דער הער האָט אויפגעשלאָסן די שווערע הויז-טיר. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט:

— פאָול, מאָרגן מיטאָג, איינס אַ זייגער. אַ גוטע נאַכט.

פאָול איז געשטאַנען ענערגיש. שאָפער מיט די בעסטע מאַניערן. אַננאַ איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב און זיך שוין נישט אומגעקוקט, ביי דער ווינדע האָט זי זיך געזעגנט, דער הער האָט זי אַ קוש געטון אין האַנט. אַננאַ האָט אָנגעקלונגען אויפן ערשטן שטאָק, אַ פריינטלעכע פרוי אין שוואַרצן מיט אַ ווייס פאַרטוך, האָט אויפגעעפנט.

— אַזוי פרי, גנעדיקע פרוי. די הערן זענען נאָך נישטאָ, אָבער אַלצדינג איז שוין פאַרטיק.

דערווייל האָט זיך שוין פאָול פאַרנומען אין דער קאַנטס גאַס. ער האָט נאָך געהאַט ווייט צו פאָרן. זיין גאַראַזש איז געווען אין דער וואַרשעווער גאַס. דאָס זענען אַמאָל געווען שטעלער, וואָס מ׳האָט ערשט איבערגעבויט אויף גאַראַזשן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין זיין אָפּטיילונג אויף דעם טרעפּל פון זיין אויטאָמאָביל, פון וועלכן עס האָט געשמעקט מיט אַ לאַוועגדע-ריח. ס׳האָט זיך געשפּירט גומע, און אַביסל אויך בענזין. סאָסנע-נאָדלען זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דערך פאָדלאָגע, ער האָט זיי צעריבן צווישן זיינע פעסטע ציין. עס איז געווען ביטער און ער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן. ס׳איז נאָכנישט געווען האַלבע נאַכט. אַ, — נאָך איין שעה דידאָזיקע זיסע מאַטערנדיקע געדאַנקען און דאָס שרעקלעך ענוגלעכע שטראָמען פונם בלוט. ערשט איינס אַזייגער וועט ער דאַרפן זיין אויף דער יעגער-גאַס, זשאַנדאַרמען-מאַרק, ער האָט צוגעזאָגט:

פעטער איז געקומען נאָך אַנגאַן אין אַ טונקל-רויטן הערלעכן פּאָיסין. זי האָט געוווינט אין דער בלייבטריי-גאַס, אין דעם קליינעם חשובן פּענסיאָן פון דער באַראָנעסע לעווענצאָן. דער שאָפער איז געווען אַ יונגער שוואַרצער ריינלענדער, שיין אָנגעטון, ווען ער האָט זיך פאַרנויגט, האָט מען זיך געפילט אויפן סאַמע שפּיץ פון דער מענטשהייט.

ביי דער ליצנזע האָט פעטער געקריגן בלויז זעקס צימערן. אָבער זייערע אַלע פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען צום פּאַרק און צום טייך און דער יוני האָט זיך צעבליט אַרום דעם שלווהדיקן וואַסער-בעקן מיט אַ טעפּיך פון בלומען; ביימער האָבן אַראָפּגעהאָנגען זייערע צווייגן טיף איבערן וואַסער, שיטנדיק ווייסע און גאָלדענע בליטן.

ס'האָט נישט געדויערט קיין דריי וואָכן, און די וווינונג איז אויסגעשטאַט געוואָרן מיט אַ פאַרשווענדערישן גלאַנץ אין יעדן פּרט, ביז די האַנטוכער אין די באָדצימערן און די באַרשטן צו די פּאָדלאָגעס. אָבער געלט פאַרוואַנדלט נויט אין כשוף. און פעטער האָט געכשופט.

אָבער אַנגאַ, טיף גלייכגילטיק צו אַלעמען, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין דעם איינקויף און אין דער אויסמעבלירונג. זי איז געווען אַ סתירה צו די אַלע ליבע, אַנגע-

זעמע קאַפּריזן פֿון דער פֿרוי. זי האָט נישט געוואָלט גיין אין די מאַגאַזינען, נישט קלײַבן קיין שטאָפֿן, צופּאַסן גאַרדינען און טעפּיכער. ווען פּעטער האָט איר געגעבן אַ שטיק אויף קליידער, מאַנטלען און וועש, האָט זי געדאַנקט. זי האָט געהאַט — זאָגט זי, אַלצדינג.

— מיר וועלן איינקויפֿן אין פּאַריז — האָט זי געזאָגט, אויסמיידנדיק צו קוקן אים אין זיין אומעטיק פּנים. ווייל זיי האָבן בדעה געהאַט צו פֿאָרן קיין פּאַריז און דורך פּאַריז צום ים. ביאַריץ אָדער סאַן סעבאַסטיאַן. זי איז געווען כמעט אונטערטעניק. זי האָט אַלצדינג נאָכגעגעבן. אָבער זי האָט אַפֿילו אָפּגעקערט אירע באַקן פֿאַר זיין בעטנדיק מויל.

דער גאַראַזש איז געווען אין קייזערדאַם. זיי זענען אַהין געפֿאָרן. ער האָט איר געוויזן דעם שטאָט-אויטאָמאָביל, אַ מערצעדעס, שאָקאָלאַד-ברוין. אויך אויסצוקלייבן אַן אויטאָמאָביל האָט זי איבערגעלאָזט פֿאַר אים, אַליין. אין די דאָזיקע וואָכן איז אַננאַ געזעסן ביים פֿענסטער מיט די הענט אויפֿן שויס. זעלטן אין דער בלייבטריי-גאַס. על-פּי-רוב ביי זיך אינדערהיים. איבן, אין דער קרויט-גאַס, ווו זי איז געווען געמאָלדן. דער פּענסיאָן פֿון דער באַראָנעסע לעווענצאַן האָט געהאַט עפּעס סודותדיקס...

אָבער ווען אַננאַ איז אַריינגעקומען אין עס-צימער, האָט זי דערזען דעם ווינטערגאָרטן פּונקט אַזוי ווי זי האָט איינמאָל, גאַנץ געדאַנקענלאָז, אין חוזק, זיך געווונטשן. עס איז געווען אַ פֿויגל-הויז, עקזאָטישע פֿויגל אויף די בוימער, צווישן די פֿאַרדרייטע געוויקסן; אַ האַלב טוץ פֿלאַמענדיקע קאַרדינאַלפֿויגעלעך אויף אַ גומע-בוים, און אויף דער ערד איז געוואַקסן אַן אַ שיער פֿאַנטאַסטישע קאַקטוסן, צווישן זיי זענען אַרומגעשפּרינגען פֿאַרשיידענע יאַשטשערקעס און סאַלאַמאַנדרעס. אין אַ ראָזן-אַרומגעוואַקסענעם באַסיין איז געלעגן אַ יונגער אַליגאַטאָר — אַ שפּיל-צייג. פּאָול האָט ליב געהאַט צו שטיין דאָ און לאַכן איבער די קאַפּריזן פֿון די רייכע, צו חוזק פֿון אַננאַס פּרימיטיוו גראַנדיעזע פֿאַרלאַנגען. אַ טראָפּישער וואַלד אין דער רויקער

זיים. ער האָט חוזק געמאַכט פון אַליגאַטאָר, פון די קאַקטוסן. ער האָט געמורמלט:

— נעמען און פאַרשפּאַרן פייגל! צוליב אַ נקבה! אַ תּפיסה איז עס, אַ תּפיסה. אַפילו חיות האָט דער מענטש ליב אַריינ-צוזעצן אין תּפיסה.

אַנגאַ אָבער האָט שוין מער גאָרנישט געוווּסט. מיין גאָט, וואָס נאָך אַזוינס האָט זי זיך דעמאָלס געוווּנטשן? וואָסערע קייטן נאָך האָט דער דאָזיקער משוגענער מענטש אַרויפגעלייגט אויף אירע פיס? צי קען זי זיך נאָך רירן? זי האָט טיף גע-אָטעמט און איר ברוסט האָט שוין וויי געטון. אַך, ווי פאַר-פּלאָנטערט זי איז געווען! לופט! לופט!

אַ באַלקאָן האָט זיך געצויגן רחבותדיק פון זאַל צו זאַל, אויך ער איז געווען שיין אַרומגעפּוצט. הענג-נעלקען אין כלערליי פאַרבן, וואָס האָבן פאַרשיכּורט מיט זייער ריח. און רויט-גע-פלאָכטן מעבל מיט ווייס-געבלומט אויסבעטעכץ איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן, און אויבן זענען געהאָנגען צוויי ברייט-אויסגע-שפּרייטע לייוונט-שירמען. עס איז געווען אויפן דריטן שטאָק. אונטן איז געלעגן דער פּאַרק מיט דער אָזערע, ווי אַ פאַרביקער מאָדעל, פול מיט חן, ווי אַ שפּילצייג. אויף דער אַנדערער זייט האָט זיך אויסגעשפּרייט די נייע שטאָט, אַ פונקען-טורם, ריזיקע האַליעס, אַ פּאַס וואַלד —

אָבער אַנגאַן האָט קיין שום זאַך נישט געקאָנט פאַרווײַלן. זי איז אַריינגעגאַנגען, אין צווייטן זאַל, ציטרין-געל און זיל-בער, אַ פּראַכטפולער ראַם פאַר איר לייב. זי האָט זיך אריינ-געזעצט אין אַ טיפן שטול, ווידער אויפגעשטאַנען, אַ קוק געטון אויף אַ בילד, אַ טונקעלער מאַדאָנע-בילד: דער קליינער יאָהאַ-נעס אויף דער ערד, אַנגעלענט אָן דער הייליקער מאַמעס שויס דערלאַנגט ער דעם קליינעם יעזוס אַ טױבע. אָן אומרו האָט זי אַרומגעטריבן אַהין און אַהער. זי האָט געפרעגט און נישט געהערט, וואָס מ׳ענטפערט איר.

אין זאַל איז געשטאַנען אַ ראָיאַל.

— דו וועסט זינגען, אַנגאַ?

זי האָט נישט געענטפערט.

פּעטער איז געשטאַנען הינטער איר.

— איך האָב אָפּגעטון אַביסל אַ סענטימענטאַלע זאַך, אַננאַ, שטעל זיך פאָר, איך האָב מיר איבערגעלאָזט די אַלטע וווינונג, ווי זי איז. אַלצדינג וועט דאָרט בלייבן, ווי געווען, אַפילו לינאַ.

— ווירקלעך?

— יאָ, איך האָב דיר נישט געקענט אָנבאָטן לינאַן אין שטוב אַריין.

— אַך, אַזוי. און כדי זי צו האַלטן, האַלסטו אויף די גאַנצע דירה? — אָבער ס'איז צופיל פאַר דיר. ווען דו וועסט דאַרפן זיין אין פאַבריק, וועסטו דאָרטן קענען האָבן ווו אַריינצוגיין. יאָ, די פאַבריק. און די פאַבריק וועסטו דאָך האָבן, ווייל דו ווילסט אים נישט אַרויסוואַרפן אויפן גאַס, דעם אַלטן מאַן, דעם געשעפט-פירער, ווי הייסט ער דאָרטן?

אָבער דאָס האָט זי אַריינגערעדט אין אַ טואַלעט-שאַנק וואָס זי האָט גראָד אויפגעעפנט, נישט וויסנדיק אַליין וואָס זי טוט. שופלאָדן, פּעכערס, נישעס מיט שפּיגל-ווענט, סלאָיקעס און פלעשעלעך.

אַן איידעלער פּאַנסיאָן, אַ טייערער מושב-זקנים. פּאַולן וועט עס זייער שטאַרק אימפּאָנירן. ער האָט דאָך מיטלייד-געפיל. פּאַול זאָגט — — פּאַול זאָגט — — גלויבסטו?

— ווי מיינסטו?

— אַך, לאָז צורו. עס לוינט נישט. מיר וועלן שוין אפשר גיין?

— אויב דו האָסט שוין אַלצדינג געזען? דיין טואַלעט-צימער, דיין באָד?

— אַן אַנדערש מאָל. אפשר קענסטו מיר איצט לאָזן דעם אויטאָ? אין אַ שעה אַרום וועל איך אים דיר אָפּשיקן צוריק. דו וועסט דאָ אונטערוואַרטן.

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט ווי אַ באַפעל.

— דאָ?

— יאָ, איך מיין, דו האָסט דאָך דעם ראָיאַל און ביכער זיי געזונט.

ביכער — די גרויסע ביבליאָטעק איז נאָך געווען כמעט אינגאַנצן ליידיק. זי וועט פאַמעלעך פול ווערן. נייע ביכער, וואָס ער האָט ליב און וועט לייענען, אליין אויסגעקליבענע איינבאַנדן, בילדער, גראַפישע אַרבעטן. און דעם ראָיאַל. א שטיינוויי, מיט א הארבן טאָן, א מענעלעכן קלאַנג, נאָך אביסל שווער צו שפּילן. און אָט איז ער איצט געשטאַנען, אַוועקגע־זעצט זיך פארן אינסטרומענט. שאָפּען, אָפּ. II, ע–מאָל... די ראָמאַנסן צ—מאָל... אָבער ער האָט פארנומען בלויז דעם סקע־לעט פון דער מוזיק, געזען די שווארצע נאָטן, די אומבאַלעבטע קאָנסטרוקציע. אננא — —

זיין הארץ איז געווען פול מיט אַנגסט. זיין בלוט האָט געפראָרן, ער האָט זיך געזעצט אין דער זון, וואָס איז גע־שטאנען איבערן הויז. די גאס האָט געשפּילט אונטער אים. אלצ־דינג איז אים געווען פרעמד. אומזיסט האָט ער געזוכט ביידע רויטע קירכעס אונטער אים, די גלייכע ווענט פון די הייזער קעגנאיבער, און אין דער לינקער זייט אין די שמאָלע שפּאַלטן פון דער שטאָט—יענע אַכט טעמפּל-זיילן פון דעם גאָט ה יי נ ט. מיט בענקשאפט, יאָ,ווירקלעך, שוין איצט, א בענקשאַפט, וואָס האָט געוואָרעמט זיין הארץ, האָט ער געטראַכט וועגן זיינע, אזוי שנעל דערגרייכבארע, שטובן דאָרט אויבן ביים וועדינג, איינגעוווינט און שווייגנדיק, צוגעפּאַסט צו אים און גרייט אים צו דינען. און דאָ — — ער האָט זיך ארומגעקוקט אין דער שטילער פּראכט, אין דער אויסגעזוכטער שיינקייט — דאָ איז ער געווען דער, וואָס האָט זיך געמוזט צופּאַסן. ער האָט זיך דאָ באַדארפט אָפּגעפינען צווישן פּארטיקע און אומפארגעבנדיקע זאַכן. און אפילו דאָס באַשיידענע לעבן פון די פויגל אין ווינ־טערגאָרטן האָט אים, דוכט זיך, צוגענומען די רו, שטילקייט און איינזאמקייט.

ער איז געזעסן און געוואָרט אויפן צוריקקער פון אויטאָ־מאָביל. אין דער פראנקפורטער אלעע איז אננא ארויסגעזעסן

און אַוועקגעשיקט צוריק די מאַשין. דער שאָפער אָבער איז נאָך געשטאַנען אַ צוויי מינוט, איידער ער האָט געריירט. ווי מאָדנע ס'איז געווען דער בליק פון זיין דאַמע! אַזוי דורכדרינגענדיק, אַז ס'האָט אים איינגאַנצן דורכגענומען. אפשר האָט ער געדאַרפט אַלס ענטפער אַ שמייכל טון. אָבער ער האָט זיך עפּעס גע-שראָקן, ער האָט נישט געוווּסט, פאַרוואָס, ער האָט זיך געפילט, ווי מ'וואָלט אים אָנגעריירט אין אַ געהיימען אָרט.

אַננאַ האָט זיך פאַרנומען אין דער וואַרשעווער-גאַס, איז אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז, אין אַ טויער — אַ ריינער גרויסער הויף, די שטאַל, היינט גאַראַזשן, איינגעבויט צווישן די מויערן. ביי דעם אָפענעם טויער-פליגל איז געשטאַנען פאַול איינגע-בויגן איבער דעם מאָטער פון זיין גרויסן אויטאָ און עפּעס גע-שרויפט. לעבן אים איז געשטאַנען אַן אויטאָ-דראָשקע, באַשיידן און פאַרשעמט אַנטקעגן דעם הישפּאַניאָ סואיציאָ מיט זיינע הונדערט פערד-קראַפט.

— גוטמאָרגן, פאַול... דו קענסט מיר ענטפערן גוטמאָרגן, פאַול. — איך קום פון אים.

— נו?

— איך האָב געטראַכט, אַז דו דאַרפסט מיר עפּעס זאָגן.

— עס איז דאָך אַלצדינג געזאָגט.

— קען מען שוין, הייסט עס, גאָר נישט אַנדערש מאַכן? פאַול האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן איבערן מאָטאָר.

— יאָ, דו האַלסט, אַז ס'איז אַפילו נישט ווערט די טרחה, מיר צו ענטפערן אַ וואָרט. די ווינגונג ביי ליצענזנע איז שוין פאַרטיק.

— טיפּ טאָפּ.

— אַך — דו קענסט זי.

— יעדעס פּיצל. אַז די מאַדאַם איז צו אינדאָלענט זיך צו זאָרגן דערפאַר, מוז עס פאַר איר טון איר הויז-פריינט.

— דער פריינט פון איר מאַן, מיין טייערער, אַזוי, ביסטו שטענדיק געווען מיט אים? — ער האָט מיר גאָרנישט דערציילט דערפון.

— יאָ, עס הויבט אָן, הייסט עס, צו ווערן געהיימניס־פול. ער וועט נאָך האָבן ביי דיר שאַנסן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך צעלאַכט. ער איז גע־ווען פּאַרריסט, אָנגעטון בלויז אין די הויזן און העמד, אַ בלוי אַרבעט־העמד און ברוינע מאַנטשעסטער־הויזן. די האָר זענען אים אַראָפּגעהאָנגען אויף די באַקן און אַננאַ האָט זיך אַריבער־געבויגן צו אים און זיי אים פאַרשאַרט צוריק.

ער האָט אָפּגעשטויסן איר האַנט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים. אירע ליפּן זענען געווען טרוקן. אַ שוידער איז דורכגעלאָפן איבער איר קערפּער. דאַן האָט זי געזאָגט שטאַמלענדיק:

— דו, ער וויל מאַכן אַ רייזע, ווייט. איך קען נישט. ווי אַזוי קען איך! מיט אים אַליין. און ער וועט — אויב דו וועסט נישט מיטפאָרן — — —

— אַ חתונה־רייזע זאַלבעדריט — איך גלויב נישט, אַז ער זאָל זיין אַזוי מאָדערן. דו ביסט משוגע.

— איך קען נישט אַזוי, מיר־נישט דיר־נישט, זיין מיט אים אַליין. איך טו אַלץ, וואָס איך קען, אָבער איבער מיינע כּוחות קען איך נישט. איך האָב געטון אַלצדינג, וואָס איר האָט געוואָלט פון מיר. דו ביסט איינפאַך פאַרבונדן מיט אים קעגן מיר. דו ברענגסט מיר אום פון דער וועלט, אָבער אים אויך. דו ווילסט באַגיין אַ מאָרד מיט ריינע הענט, פּאָול! דו האָסט קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיין בלוט. קום, גיב מיר דיין רעוואָל־ווער. איך וועל אייך אַלצדינג פאַרשפּאָרן. איך וועל אייך אַראָפּגיין פון וועג.

אומווילקלעך האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער הינטערשטער קעשענע.

— ניין, ער איז אין דיינע יענע הויזן. איך ווייס. דו האָסט אים תּמיד מיט זיך. דו ביסט נישט תּמיד פאָרזיכטיק. דו ווייסט, אַז ווען מ'זאָל אים אַמאָל געפינען ביי דיר, וואָלט די זאַך געוואָרן אַסאַך שאַרפער. גיב אים מיר.

ער האָט געלאַכט.

— לאָך נישט, פּאַול. איך וואָלט געקענט בלויז אייך
מענטש אויף דער וועלט הרגענען — דיך.
— און וועמען ווילסטו אָפּטרעטן פון וועג?
— פּאַול. פּאַול. ווייסטו דען נישט?
— אָבער רעד שוין.
— ניין, כ׳וועל עס נישט טון.
— טאָ גיי שוין.
— צו אים! יאָ? דו, ער פרעגט מיך גאָרנישט. צי ווייס ער אַלצדינג? אָדער צי ווי׳ל ער גאָרנישט וויסן? אָדער צי האָסטו אים קיין שום זאַך נישט פאַרמיטן?
— אָ, איך האָב אים נאָך דאַמאָלס נישט אַלצדינג דערציילט. פּענסיאָן לעווענצאַן, וואָלט איך אים געקענט זאָגן, איז נישט מער ווי אַ געוויינלעכער באָרדעל, פון דער ערשטער קאַטעגאָריע. טשיפּענדעלאַס-סאַלאָנס, שלאָף-צימער לואיס דעם VI. דריי פּענסיאָנערינס. שטענדיקע אַלטע קונדשאַפט. און אָט די אַננאַ, מיין הארציקער פעטערל, איז דער סאַמע פּער אין גאַנץ מעקלענבורג, באַרימט פון דיססעלדאָרף ביז עסען. פון די גרויסע דאַמף-שיפן קלאַפן די אַמעריקאַנער אין ראַדיאָ-טעלעגראַף: פּענסיאָן לעווענצאַן. בערלין 15 אָב. צענטער צימער. סטאָפּ דריי וואָכן סטאָפּ מיט ראָזאַלדע סטאָפּ ראָזאַלדע — דאָס איז דער סימן אין די באַשטעל-ליסטעס, וואָלט איך אים געקענט פאַרטריינען
אננאַ האָט געלאַכט.
— דו דאַרפסט עס אים טאַקע זאָגן.
פּאַול האָט בייז אַ קוק געטון אויף איר.
— און אַלצדינג איז איצט אויס. דו מוזט זיך אייבעראָנדערשן! פון דעם טאָג אָן, ווען דו ווערסט אַננאַ באַאַמטע מאַכן אַ סוף. און אויב דו ווערסט זיך נישט באַמיען, און אויב דו ווערסט נישט ווערן — — ווערסטו ווערן, מיידל?
זי האָט געזאָגט:
— די לעווענצאַן — — פּונקט ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס געטון. זי האָט געסטראַשעט, אים אַלצדינג צו דערציילן,

אויב איך וועל איבעררייסן און זיך אָפּזאָגן. צי איך וועל קו-
מען, ווען זי וועט קלינגען נאָך מיר, צי זי קען זין אויף דעם
פאַרלאָזן? „איך וועל דיר שיקן מיינע הערן אַהיים, צו דיר" —
האָט זי געשריגן. דאָס גאַנצע געשעפט איז אויפגעבויט אויף
דיר, און איצט chappeé elle se defait de toute elle,
אָבער, פריילן, אויב la chose! Et elle est faite pour ça
די גייסט אַוועק, האָט זי געטענהט, אויב דו אַנטלויפסט פון
דאַנעט, j'exige un entier dédommangament! דו מוזט
מיר צו שטעלן אַן אַנדערע אויף דיין אָרט. דאָס איז ערשטנס,
און צווייטנס גיי איך צו דיין מאַן.

— איר וועל איך נאָך ווען-עס-איז אַ ריטש טון אונטערן
אייער, איך וועל איר אַ כאַפּ טון ביי אירע הינערישע פּיס.
און דו?

— איך, נו, לאַך זיך אויס פון איר, איך דאַרף דאָך
נישט האָבן די לעווענצאַן.

— דו דאַרפסט שוין קיינעם נישט האָבן, און אַ סוף!

— גאָט העלף! — האָט געזאָגט אַ פרוי, וואָס איז אַדורכ-
געגאַנגען מיט אַ פולן עמער מיסט צום מיסט-קאַסטן און גע-
שמייכלט צו אים אַנטציקט. ער האָט געטון אַ שפּרונג אונטער
און אויסגעשאָטן איר דעם עמער.

— אַ פיינעם באַזוך האָט איר — האָט זי געפּליסטערט.
אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. אַן אונזעריקע קען זיך
נישט פאַרמעסטן. וואַש-זיידן-קלייד און זאָקן מיט אַשטריק-
פעלער. נו, זאָל אייך זיין מיט גליק.

— אַנאָנימע בריוו שרייבט זי זיכער, די לעוועוצאַן.

— דאָס וועט ער נישט לייענען.

— ער וועט עס קריגן פּאַרטיקצרהייט.

— אַ גלגול איז אַריין אין דיר, מיידעלע!

— מען ענדערט זיך — דיין שול.

— האַלט דעם פּיסק!

— נו, ס'וועט שוין זיין אין אָרדענונג. ווי אין די גוטע
אַלטע צייטן, מיין פאַול. איצט זאָל ער אונז הערן! פאַרוואָס

זאָלן מיר אים אַמאָל נישט מאַכן די פּיינע איבערראַשונג! ער ווייס נאָך גאָרנישט, וואָס פאַר אַ טענער מיר האָבן אַלץ! גיפּס-גאַס. ווייסטו נאָך? ראָזינטאַלער טאָר, מינץ-גאַס, די קנייפּע אין דער עלזאַסער. דיין שטובל אין דער געאָרגענקירך צוזאַמען מיט היינץ האַס.

— ער איז דאָך אין זאַנענבורג. ער איז שטענדיק געזעסן אין קיטשע.

— כ'בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, מיין גאָט, כ'האָב נישט געהאַט קיין שום אַנונג. דו פּלעגסט מיר נעמען אין קינאָ, אין ווערסטן, איך זאָל אַמאָל זען עפּעס עלעגאַנטעס. גלאָריע-פּאַלאַץ. — און דאָ טוסטו מיר אָן אַ פוטער אויף די אַקסלען. ביזאַם און ראָזאַ זיידנפוטער. דאָס איז געווען מיין ערשטער פוטער. און ווי דו האָסט אַליין געזאָגט, — נו, דו ווייסט דאָך — אַנדערע וואָלטן אפשר געווײנט, דער פוטער וואָלט זיי געבערענט אפשר, אָבער איך בין שיר נישט משוגע געוואָרן פון פרייד. איך האָב אַרומגעטאַנצט אַרום דיר, מיין העלד ביסטו געווען און איך בין געווען דיין רויבער-כּלה!

— אַ פיין מיידל! — האָט פּאַול געזאָגט, ביידע זענען געזעסן אויפן טריט-ברעטל פון אויטאָ, — שטענדיק צוזאַמען אויף לעבן און אויף טויט.

— זאָלסטו טאַקע וויסן! און ווען איר האָט מיך נישט געוואָלט אַריינעמען אין דער אָרגאַניזאַציע — ווי איך האָב געשריגן.

— דאָס איז געווען אַ מענער-ענין. נו, אָבער, וואָס דו טראַכסט איז עס נישט. דאָס אַלץ איז געוועזן. היינט איז שוין נישט נעכטן. זיי מיין ליב מיידל, הער מיך אויס, אָבער שטעל זיך נישט באַלד קידער-ווידער, איידער דו וועסט זיך מיישב זיין. אַננאַ, אַננאַ, מיר זענען דאָך פאַרפאַלענע מענטשן. ווערט עס נישט קומען היינט, וועט עס קומען מאָרגן. נו, און ווען ס'איז דאָ — אפשר — אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ סוף —

— פּאַול! פּאַול! ווער רעדט אַרויס פון דיר? צי דאָס מיינסטו ערנסט? פּאַול! מאַכן אַ סוף, זאָגסטו! ווערן אַ זאַטער

בירגער! און דו בייסט זיך נישט אָפּ די צונג, איידער דו זאָגסט דאָס, — אָרנטלעכע לייט! אַז כ'וועל נישט ברעכן! אָרנטלעך! און ער שעמט זיך נישט! דו, הער אויס, דו, טויזנט מאָל בעסער אַ הור, אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך, דאַן אַ גאַרדעראָבע-פרוי בײַ וואַלטערכען, קלאָזעט-פרוי אין עלדאָראַדאָ, בעסער דאָס! און דו? אַסאַך בעסער אין זאַנענבורג און אָפּזיצן, דאַן אַרויס און ווידער פון אָנהויב. איך וועל דיך בעסער זען גראָבן קאַרטאָפלעס, מיט אַ געשווירענעם קאָפּ, איידער אין אַ באַלעבאַטישע וווינונג מיט פינף צימערן, אַ שטוב מיידל, לאָקאַל-אַנצייגער, טעאַטער-אַבאָנאָמענט און זומער אין אַלבעק. טפו! טפו!

— רויבער-כלה! אָבער איך בין דאָך נישט קיין רויבער.

— ניין? אָבער?

— פאַרבלאָנדזשעט, פאַרקראָכן. וואָס מיינסטו, אַ פאַרלוירענער זון.

— נישט אמת!

— ווער ווייס? ווער קען מיך דען?

— איך! איך. ווייל איך האָב דיך ליב. ניין, פאַול. בעסער דער טויט, אויב נישט די אייביקע רעוואָלוציע.

— רעוואָלוציע — — איך קוק לינקס, איך קוק רעכטס, איך קוק מיינע אויגן אויס פון קאָפּ, — האָט פאַול געחוזקט.

— רעוואָלוציעס איז פאַראַן גענוג, דו. הונדערט רעוואָלוציעס, אָבער קיין רעוואָלוציאָנער איז נישטאָ. דיך האָב איך אַמאָל געהאַלטן פאַר אַזעלכן, אָבער דו ביסט אויך נישט מער ווי אַ קריכער! וואָלט איך געקענט מאַכן אַ רעוואָלוציע, אָ! אָבער מיט וועמען? פאַר וועמען? טו נאָר אַ קוק, ווי צעפּילט זיי זענען! זיי לאָזן זיך טרעטן, אָבער צי רירן זיי זיך פון אָרט? האָבן מורא צו רירן די מחילה. מ'מאַכט זיי קאַליע די קינדער, מ'פירט איבער זייערע ווייבער, מ'נעמט זיי צו די מענער — אפשר קלאָגן זיי, אָבער צי קלאָגן זיי אָן? שפּיאָנען מוזן זיי האָבן, פּראָוואָקאַטאָרן, כדי זיי אויפצורודערן. און ערשט דאַמאָלס — אַ הייזעריק געזאַנג, עטלעכע קאַליקעס מיט די

פויסטן אין דער קעשענע, רויטע פענדלעך, א פחדנישער מאַי-יום-טוב, און זיי שרייען „דעמאָנסטראַציע!" און אז מ'טוט נאָר א שאָס, הויבן זיי אָן צו לויפן. א פולע באַנדע, רויבער, זאָגן זיי, בלוט-זויגער, און זיי האַלטן אַזוי לאַנג דאָס מויל, ביז מ'צאַפּט זיי אינגאַנצן דאָס בלוט אויס. צייטשריפטן און פאַר-זאַמלונגען, און טאָמער דערזען זיי א גומענעם קאַנטשיק אויף דער גאַס, באַהאַלטן זיי זיך אַלע אין די לעכער, ווי מייז. און א פּאָליציאַנט זאָל נאָר א בליק טון, פאַרברעכט מען די הענט! אינט זענען זיי, הינט! קושן די האַנט, וואָס האַלט דעם קאַנטשיק און לעקן דעם שטיוול מיטן אייזערנעם אָפּצאַס. ווען איך וואָלט געווען א מאַנספאַרשוין — — אָבער וואָס נוצט אומזיסטע רייד! שמאַטעס! זענען פּשוט צו געמיין אויפצושטיין. זיך צו בונ-טעווען!

— ביסט א ווילדע זאַך, אננאַ.

— דו פּאָול, דו, זעסטו, דו ביסט נישט געמיין. אָבער קיים לאָזטו דיך ערשט אָפּ און דו האַקסט אָפּ און ווערסט אויך אַזאַ מין שמאַטע, און לייגסט זיך אַרונטער אונטער דער וואַ-רעמער פּערענע — ניין, דאָס וועל איך נישט דערלעבן!

— מילא, וואַרט נאָר צו א ביסל.

— איך נעם עס אַלצדינג אויף זיך. אַליין. גוט. איך וועל מאַכן א סוף. גוט, איך וועל אַלצדינג פּרובירן, און זיך האַלטן שטיל, און ער זאָל מיך — — גוט! גוט! אָבער אַז איך זאָל וויסן, אַז דו וועסט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעבן. איך וויל זיין באַדיי פאַרשפּאַרט. אָבער איך זאָל קענען טראַכטן: פּאָול, פּאָול פּליט, מיין אָדלער! ער זעצט זיך נישט אַריין אין א וואַרעם נעסטעלע. ער לעבט אין דער געפאַר. פּאָול, זאָגסטו מיר צו? טו א קוק, איך זאָג דיר צו, איך, פאַר דייַנעטוועגן: איך וויל! אויב ער איז דיין פריינט. גוט. איך קען מיך מקריב זיין, ווייל ער איז דיין פריינט! אָבער האָב אים אים נישט אַזוי שטאַרק ליב, דו פּאָול, זיסער פּאָול, מיין שיין ייִנגל, נישט

אזוי שטאַרק! לאָז אַביסעלע איבער פאַר מיר אויך, פּאַול.

— און אויסזען — האָט פּאַול געזאָגט — און אויסזען, זעט זי אויס ווי אַ מלאך. די אומשולד אַליין. דו ווילסט? מיט דיין פרייען ווילן, מיידל? דו ווילסט פּרובירן — — ?

— איך וויל. איך וועל. אָבער לאָז מיך נאָך איינמאָל לאַכן, פּאַול. איך וועל דאָך שוין דאַמאָלס אַ לאַנגע צייט נישט לאַכן.

און זי האָט געשפּירט, וואָס זי האָט געדאַרפט: אַרומנעמען אים. קושן אים. דעם געליבטן קאָפּ צווישן אירע הענט; און זיינע הענט, באַשמוצט מיט אייל, וואָס שטינקען פון מעטאַל און בענזין, און זיין ברוסט קושן, איידל געוועלבט איז זיין ברוסט, אַ ייִנגלשע ברוסט, זיידנס און בלומען, אָפּגעשיילטע ווערבע, זי האָט איינגעזאַפּט דעם דאָזיקן געליבטן מאַן. זי האָט געטרונקען זיין ליידנשאַפט, און זי איז בלאַס געוואָרן דערביי, ווייס איז זי געוואָרן. דאָס בלוט האָט זיך איר אָפּגעשטעלט אין האַרצן, וואָס איז אומדערטרעגלעך אויפגעשוואָלן.

— שוין גוט, גוט, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט און זי געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך. זי איז געווען אוממעכטיק און זי האָט געשמייכלט אין איר פאַרלאָרנקייט. זי האָט פאַרלוירן די וועלט, אָבער אים האָט זי גענומען און געראַטעוועט. און זי האָט אים אויפגעוועקט אַלס אַזעלכע, וואָס האָט נישט קיין ווילן. ער האָט נישט געוואָלט באַגערט ווערן, ער האָט געוואָלט אַליין באַגערן ווײַל תמיד זענען אים די ווייבער געקומען אַנטקעגן. דאָס האָט אים קאַליע געמאַכט דעם געשמאַק אָן זיי. אָבער איצט איז זי געווען אַן אַנונגסלאָזע און אומבאַוווסטע. דאָס איז געווען פּונקט ווי אַ פאַרגוואַלטיקונג און אַ רציחה. ער האָט זי אַריינגעטראָגן אין אויטאָ. די זון האָט דורכגעשטראַלט דורך דעם אָפענעם טויער. פון די פענסטער אין הויף האָבן אַרויסגעהילכט פאַרשידענע קולות און אין שכנותדיקן הויף האָבן געזונגען צוויי בחורים מיט מאַנדאָלינעס. אננאַ האָט געהאַט פרישע רויזן אויף די לאַצן פון איר מאַנטל. פּאַולס

ליפּן האָבן זיי צעריסן, צעביסן זיי. ווי א בלוט-קאַלווּשע זענען די רויזן-בלעטער געלעגן אונטער אַנגאַס קאָפּ. ער האָט זי איינגעזויגן אין זיך. אָ, איינדעראמתן, האָט זי נישט געשמעקט מיט בלוט? — אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד. אַנגאַס בלוט.

פאַרנאַכט. די זון פאַרגליט איבער דעם יונגפער-פאַרק. טויזנט קוימענס שווימען שווייגנדיק, גלייך אויפגעשטעלט, אויפן הימל. אַ וואַלד פון קופאָלן, אַ טעמפל-וואַלד פון זון-גאָט. אַלע פענסטער אויפגעפראַלט צום אָוונט. שענקען, קינאָס. אַלע טירן אָפן צו דער פרישער לופט. אַלע אויטאָס זענען פאַרנומען. מענטשן שטראָמען אַרויס פון די מויערן. ווייבער, ווייבער, דורך אַלע פאַרפומען שלאָגט אַרויס דאָס שווייס פון לייב.

אונטן האָט פאַול געפייפט. ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ גאַנץ שטיקל פון שומאַן, צוליב פעטערן, כדי צו פייפן צו אים. פעטער איז געשטאַנען אויפן באַלקאָן, געוואַרט, געוואַרט. מ'פייפט שוין? מ'האָט טאַקע אַלע מאָל געפייפט, כסדר, אָבער ערשט איז עס שוין ווירקלעך געווען פאַול.

— ריר זיך, מענטש איינער, מירן זיך אַביסל אַרומשלעפן. ס'איז דאָך דיין לעצטע נאַכט. מאָרגן וועט שוין זיין צו שפעט.

אַקסל ביי אַקסל האָבן זיי זיך געלאָזט דורך בערלין. מאָרגן איז שוין דאָ די פרוי. פעטער וועט שוין האָבן אַ פרוי, פעטער איז שוין אויס פעטער. היינט קען ער נאָך אַ לעב טון אַביסל. אַ ווונדערלעכער אָוונט. די נאַכט קומט אָן אַזוי פאַמעלעך. עס ווערט אַזוי פאַמעלעך טונקל. דאָס ליכט הענגט נאָך אויף אַלצדינג. דער הימל שימערט נאָך. איין שטערן, דעם ווענוס, שטייט אין דעם גרינעם האָריזאָנט, ווי אַ זילבערנער טראָפן.

שלעגעל-גאַס, באָרזיג-גאַס. די ווייבער זענען דאָ אַפילו פרישט געשמינקט, אָן היטעלעך, דאָס קלייד אָנגעטון איבער דעם נאַקעטן, שוויצנדיקן לייב, אָן זאָקן, אין שפּאַציר-שיך, פּאַנטאָפל. זיי זענען געשטאַנען לעבן די טויערן פון די הייזער און געלאָקערט. די לופט האָט געשמעקט, ווי אַ קוש, זי איז געווען זאַט מיט שטאָט, בענזין און שווייס, פּאַרפום, פלייש און פוילנדיק גרינוואַרג, פאַרדאָרבענע פרוכטן אין די רינשטאָקן, אין די מיסט-קאַסטנס פון די הויפן, קאַרטאָפל-שאָלן, פאַרשימלט קרויט, פאַרשטונקענע פיש. די דאָזיקע לופט איז פול מיט תאווה. די יינגען קענען נישט פאַרבייגיין לעבן די ווייבער — זיי קלעפּן זיך צו. פון דעם וואָקזאַל קומען אָן פויערים, סוחרים, אַגענטן פון אַנדערע שטעט, ישובים, דערפער ביז שטעטין און ראָסטאָק. מ'דאַרף נישט קיין האָטעל, אַ ווייב איז בעסער. זיי זענען ביליקער, די דאָזיקע בעטן איידער האָטעלן, און מ'שלאָפט זאַלבעצווייט. טעמפּ, טויב, פאַרמאַטערט, שטום, גייען די ווייבער פאַרויס. די ווערן פאַרשוווּנדן און זייערע חברטעס קומען זיך ווידער צו שלעפּן פון די שטינקענדיקע מיילער פון די הייזער. שנעל לויפט שפּעטער אַוועק דער גאַסט פון זיי, דאָס שלעכטע געוויסן יאָגט אים נאָך. ווי מיאוס איז דער נאָך-טעם פון דער תאווה, מ'דאַרף האָבן ביר און שנאַפּס אים צו פאַרטרייבן, די טירן פון די שענקען שטייען אָפן. ווי דער הייוון שלאָגט אַרויס פון דאָרטן! און דער זויערער קרויט צו די געגליווערטע פיס און די ביר רעשטלעך אין די גלעזער... און ראַדיאָ, טאַנץ-מוזיק פון אַ האָטעל, וואָס שפּילט ערגעץ אויף אַ זומערדיקן ליידיקן פּלאַץ. אַלע זענען אַרויסגעפאָרן, אין פּאָסטדאַם, וואַנזעע, אויף די רעסטאָראַן-און טאַנץ-שיפן, אין זייערע יאַכטן, אַלץ נאָך לעבן די ברעגעס פון האַוועל, שפּריי... ליבע אין ווינט, סאָסנע-ריחות, רייזעס אויפן וואַסער. קעלער-פענסטער שטייען אָפן. קייל-באַן. (קרענגעלניעס) אַ געשריי און אַ טומל. „באַטאַליאָן!" שרייט אויס דאָס קויל-יינגל. פינף איז ג[illegible] אַ ביר-שטימע רופט זיך אָפּ פון מיטן:

— איר מוזט מער בוליאָן געבן!

אין איין עק איז שוין געשטאַנען קאַרל מיט הייסע ווורש־לעך. אַ מיידל האָט געגעסן און איר יינגל האָט געזאָגט:

— הערסטו, נעם נאָך אַפּאָר געקאָכטע.

— נו, דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב עס ליב.

און מיט אַ דריי טריט ווייטער זענען געשטאַנען צוויי ווייבער. איינע קייגן דער אַנדערער, ווי הענער. איינע האָט געקוויטשעט:

— נו, טו שוין אַ שפּיי אַהין, ווו דו ווערסט ליגן.

און די אַנדערע, נישט פויל, האָט געענטפערט:

— וואָלט איך נאָר נישט געוווינאָין פאַריין פון צער־בעלי־חיים, וואָלט איך דיר שוין לאַנג אַ דראַפּ געגעבן איבער דער צורה.

אַ פּאָרל גייט פאַרביי, מען זשענירט זיך נישט, צוויי יונגע, האַנט און האַנט. איר קאָפּ ליגט אויף זיין אַקסל.

— אַך, מאַקס — האָט זי געזאָגט פאַרשמאַכט — איך וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט זיין נאָכאַמאָל אין לונאַ־פּאַרק און זיצן אויף דער טעראַסע, און „בעלע״ טרינקען און אַ קאַלבס־בראָטן מיט ביר...

— נו, — זאָגט דער בחור פאַרחידושט — צי האָסטו דען שוין אַמאָל?

— ניין, דאָס נאָך נישט, אָבער איך האָב שוין אַמאָל געמאַכט.

דאָרט איז הוגדעגוסטאַווס קנייפּע. דאָרטן זיצן די פעסטע יינגען.

וווהין לאָזט זיך פעטער פּירן? וואָס איז דאָ פּאָול אויסן מיט אים?

— דאָס איז אַזוי שיין — זאָגט פּאָול — צו גיין אַזוי אַ מאַן מיט אַ מאַן. אַ פרוי — דאָס איז דאָך איינגאַנצן עפּעס אַנדערש. אַ באַשעפעניש פון אַן אַנדער טייל וועלט. דאָס איז תמיד אומהיימלעך, באַמאַנונג, דו, צי פאַרטערעט עס נישט שטענדיק, עפּעס אַ מאָרד? רציחה איז אַ געשטערטע פּאַ־יונג — היי, מען דאַרף נישט פּלאַפּלען אַזוי פיל! דו, פעטער, דו שווייגסט

אַזוי שײן, פּעטער. ווי גוט איך פֿיל זיך מיט דײַן שווײַגן, ערשט שווײַג איך אויך.

מ׳האָט געשוויגן ביז אין דער מינץ־גאַס. ערשט איז נאַכט געוואָרן. די גאַסן זענען דאָ ענג. דאָס ליכט הענגט נאָך ערגעץ אין דרויסן אויסער דער שטאָט, אָבער דאָ איז שוין דושנע, הייס און פֿינסטער. דער דאַמף פֿון טאָג הילט איין די לאַמטערנעס.

— אַזוי, אַזוי, פּעטער־האַרץ. מאָרגן — אַדיע! איר פֿאָרט אַוועק פֿון דאַנעט, איך בלײַב. ווייסטו ווער איך בין? איך האָב אַזוי שטאַרק חשק, דו, עס נאָגעט מיך אַזוי צו זאָגן דיר: דאָס בין איך! ווילסטו וויסן? יינג! האָסטו מיר נאָך ליב? ווען דו וועסט וויסן? האָסט דאָך מיך ליב, וואָס, דו ביסט דאָך מײַן אַלטער. ביסט מײַן פֿרײַנט, מײַן האַרציקער־ברודער, פּעטער, דו! גו, טאַ קום זשע מיט. הער זיך אײַן. אויב דו וועסט אויסהאַלטן די פּראָבע, יינג דו, יינג, יינג, — וועסטו בלײַבן אַן אונזערי־קער אויף תמיד, אויפֿן גאַנצן לעבן.

ער גייט מיט אים, פּעטער. עס טראָגט אים. אַלצדינג קומט פֿאָר אָן שום אָנשטרענגונג.

— דו זעסט דאָרטן יענץ הויז? דו ווייסט, אַז איך קען יענע פֿענסטער אַזוי גוט? דאָס איז אַ לײַ־ און שפּאָר־לאָמבאַרד. פֿון אַדאָלף האָלדערפֿלײַס. יאָ, דער פּאַסער האָלדערפֿלײַס. אַ לאָמבאַרד, דאָס איז אַפֿילו אַ גוטער שילד. אָבער דאָס איז נאָר אַ מאַסקע אַזאַ פֿאַר דער מאַכט. און דאָ אויך אין דעם ראָג פֿון דער שײַנהײַזער־גאַס, דער קעלער „מאָנאַטסגאַרדעראָב״. דאָרטן אַהין ברענגט מען צושלעפּן די פֿוטערס מיט די מאַנטלען, די קאָנפֿעקציע פֿון דער וואָל־גאַס און קראָנען־גאַס. דאָרטן קענג־איבער איז די דראַגונער־גאַס, דו קענסט זי דאָך. דער גאָלד־שמידט עפּױבלאַט, שמואל עפּױבלאַט. ער, זעסטו, צעשמעלצט אונז דאָס גאָלד, יאָ. ער נעמט אַרויס די שטיינער, צעשנײַדט זיי, שלײַפֿט זיי אַרום. אומשולדיקע געשעפֿטלעך, די מענטשעס (פּאָליציאַנטן) שפּאַצירן זיך אַרום אויף דער גאַס און זאָגן ר׳ שמואלן גוטמאָרגן... ווײַנמײַסטער־גאַס. אָט האָסטו דאָ די וועט־

ביורא, לעבן דעם באַטאָגיקן קינאָ, דאָ איז אויך נישט גאַנץ כשר. נו, גיי נאָר ווייטער, וואָרן עס איז שפּעט און מיר האָבן אַסאַך צו זען. ראָזענטאַלן-גאַס. פול מיט פּאַסערס, וואָס ווילסטו, דו נעמסט צו די הענט? עס ווערט דיר אומהיימלעך, יונג? אָדער דו גייסט שפּילן די ראָל פון אַ צדיק? דו ביסט דאָך אַ בראַווער בירגער. שאָקל נישט מיטן קאָפּ, דו, ווי איך וואָלט עס נישט געוווּסט! זעסטו דיר! אַט האָסטו שוין! שוין! איצט איז אַלצדינג אויס! טאָ וואָס וועל איך שוין ווערן? האָסט דאָך נישט קיין שום אַנונג פון מיר. אויב דו גייסט אין מיינע וועגן, ביסטו שלעכט אויפגעכאָוועט געוואָרן... יונג, יונג!

— צי זייט איר שיכּור, אָדער וואָס, איר האַקט דאָך מיר אָפּ די פּיענטעס!

דאָס האָט אויסגעשריגן איינער אַ מאַנספּאַרשוין צו זיי ביידן. זיי האָבן זיך געוואַקלט. פּעטער האָט אָנגעכאַפּט פּאַולן ביים אָרעם.

— ביסט אַ נאַר, פּאַול! ווייטער, ווייטער!

און זיי זענען אַריין ערגעץ אין אַ גרויסער מענטשן-מאַסע. דאָס איז געווען אין דער ווייגמייסטער-גאַס, פאַר דער פּריוואַט-לאָזשע אין דער לינקער זייט. אַ פּאָליציי-אויטאָמאָביל איז דאָ געשטאַנען, און אַט האָבן די מענטשן אַרויסגעפירט די לאָזשיר-געסט, אַלץ יונגעלייט, ווייבער אויך בתוכם. אין הויז האָט געפלאַקערט אַ גאַז-פלעמל, קרומע טרעפּ, אָפּגעקראָכענע ווענט און אַ געשטאַנק האָט זיך געפילט פון אינעווייניק. ראָ-בערט אַלבערטס קעלער איז געווען אומשולדיק באַלויכטן. די אויסגעהאָפּטענע שטאָרן אויף דעם פענסטער האָבן איידל גע-שימערט. ביי די טישן זענען געזעסן בחורים און אַ יונגע שיינע שטימע האָט געזונגען: „איך קוש אייך אייער האַנט, מאַדאַם —".

מען האָט זיי פאַנאַנדערגעשיידט. פּעטער האָט אָנגענומען פּאַולן. פּאַול האָט אַריינגעלייגט זיין האַנט — די צערטלעכקייט אַליין — אין פּעטערס אָרעם.

— אַט דאָ איז די נייע שיינהייזער-גאַס. פּעטער-האַרץ,

קום - אַריין צו רהעסן. דאָרטן וועסטו זיי זעען אַלעמען, טייערע גוטע-ברידער. איך פעל זיי. איך האָב היינט נישט געוואָלט גיין מיט זיי. דו האָסט מיך אויפן געוויסן, מענטש. די קאָלאָנע איז פאַנאַנדערגעפאַלן. זיי וואַרטן און וואַרטן. זיי טראַכטן, אַז מ׳האָט מיך ערגעץ געפּאַקט, אונטער אַן אַנדער נאָמען. זיי צעברעכן זיך דעם קאָפּ און גריבלען זיך. און אַננאַ, וויפל וועלן זיך עס פרעגן אויף אַנגאַן — —

זיי האָבן זיך אַוועקגעוואַקלט. שטיינגאַס. מולאַקגאַס — ווּו זיי האָבן אַלץ באַוויזן! די גאַס איז נאָך געווען פול מיט ווייבער. די האַלבע נאַכט האָבן זיי שוין געהאַט הינטער זיך, נאָך אַ צוויי, דריי קונדן, דערנאָך וועלן זיי שוין קענען נעמען זייערע אַלפאָנסן: „אַלעקסאַנדערקוועלע״, „ריקערט-קלויזע״, ביי מינצהויף, שולטהייס און ענגעלהאַרדט אין דער שײַנהייזער —— און שלאָפן, שלאָפן — — ביז אַרום צען, עלף אויפן טאָג, ווען זיי וועלן ווידער מוזן אַרויס אין גאַס אריין: די אַלפאָנסן קומען פון זייער אַרבעט אויף דער גאָרמאַן-גאַס, ווען זיי האָבן עפּעס געפונען, מאכט מען א שמחהלע, א גרויסע „מאָללע״, גרויסע גלעזער קאָרנדיקס און אַ צען מינוט אויף דער קאנאפע.

אין דער נייער שײַנהייזער-גאַס זענען די טויערן פון דעם סעקוועסטריר-אמט געווען פארריגלט. הינטן אין די הויפן, האָבן אונטער די סעפּטעמבער - שטערן געחלומט שאַפעס און טאָמבענק, פאַרוואַנצטע קאנאַפּעס, אָפּגעקראָכענע בילדער, דראַבינע-וועגענער, קלאַווירן, שענק-פאַליצעס, קיך-מעבל, גראַמאָפאָנען. הינטן איז געווען אַן אַרויסגאַנג צו דער דירקסען-גאַס. און ס׳האָבן נאָך געדונערט די טראַמווייען און F D און L, וואַרשע — פּאַריז, בערלין — ווין — בודאַפּעסט. נאָך עטלעכע שעה און די וועגענער וועלן אָנקומען מיט אַ טראַסקעריי צו דער מאַרק-האַליע. פלייש, אויבסט און גרינוואַרג-וועגענער, אויטאָס, פערד, מענער, מענער, מענער... אַ געשריי און אַ ליאַרם, און פאַרשידענע ריחות. דאַן וועלן זיך עפענען די אַנגראָ-געוועלבער פון אויבסט, טיר לעבן טיר. פּאָמעראַנצן, זענען שוין דאָ, אויסט-

ראַלישע עפּל, באַנאַנעס, גראַפּע־פֿרוטס אין לאַנגע קאַסטנס, עס קלאַפּט און עס טראַסקעט.

ווּהין? ביסטו הונגעריק? אַ קעלער. „צום איידעלן פֿערד״. שווייגנדיק עסן דאָ אַלע מענער פֿערד־פֿלייש. צען פֿעניק אַ פּאָרציע מיט זעמל. אָבער אַלע „קוועלן״ „קלויזן״ „שענקען״ „אויטאָמאַטן״ זענען פֿול מיט אויסוואורפֿן. וואָס וואַרטן אויפֿן לעצטן חשבון מיט זייערע מיידלעך. יונגע חברהלייט, וואָס זוכן ערגעץ אַ שאַנס, צו קענען מיטהאַלטן מיט אַ קאָמפּאַניע, ווילן זיך איינקויפֿן אין דער חברה. מעג זיין, כאָטשבי צו שטיין ערגעץ אויף אַ שמירה, אויף דער אַלטער לייפּציקער גאַס אָדער זיידעל, ראָג אַלטע יאַקאָב־גאַס, אָדער צוהעלפֿן אויפֿלאַדעווען: זיידנבאַלן, ענגלישע וואָל־שטאָפֿן. שפּיצן... צי זעסטו אויך אַלץ גוטער ברודער? מענטש, צי באַמערקסטו עפּעס? אָט, קוק נאָר אַהין!

פֿון דער פֿאַרנער, דושנער קנייפּע אין דער גאָרמאַן־גאַס, פֿון דעם „וואָנטע־שענק״ האָבן זיך ארויסגעשטופּט בעל־עגלות, צעמענט־אַרבעטער, טאָקאַרעס, ריזנפֿיגורן. אַ פּאָר גראָע אַלטע מענער האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען און צוויי פֿאַרשוין האָבן זיך געקושט אין טויער פֿון דעם מיסיאָנערן־הויז. דער אַרבעט־אַמט. ווי שטיל און איידל און גוט דערנערט, ניין? ער לעבט פֿון די אַרבעטסלאָזע. צוויי פּאָליציאַנטן. זיסע, איידעלע אומשולדיקע קינדער, ניין? אָבער מיט גומענע קאַנטשיקעס ביי די רימענס. זע נאָר דאָ, זיי וואַנדלען אַדורך ווי אַ חלום — מיט רעוואָלווער שיידלעך; די רערלעך זענען נישט קיין לאַנגע, נאָר אָפּצושרעקן? ניין, זיי גייען אַריין אין בויך און אין די לונגען.

זיי האָבן זיך געוויגט ווייטער. אין דער ריכטונג צו אַביסל ריינערער לופֿט. זיי זענען געווען להוט נאָך בוימער, וואַסער. אָט איז דער לוסטגאָרטן, דער ריח פֿון בלעטער און פֿון דער שפּריי, די טונקעלע מאַסע פֿון דעם שלאָס, פֿון גריכישן טעמפּל ביים מוזיי, וווּ די זיילן זענען געוואַקסן בלייך און פֿייערלעך. אַלע אָדלער אויפֿן דאַך האָבן אַראָפּגעגלאָצט און די פֿערד־צוי־

מער האָבן אַרויסגעלאָזט אומהערבאַרע געשרייען. די בריק מיט מילך-ווייסע פיגורן, דער שטילער ברעג, אָבער אין לוסטגאָרטן שטייט אַ מענטש אויפן פּאָסטאַמענט פון דענקמאָל און שרייט. אַ הייפל שלעפּערס און „נאַכט-פייגל“ האָט זיך געשטופּט אונטער אים. זיי האָבן זיך צוגעהערט. אַ מיידל האָט געכיכעט; בו-בו! האָט געמרוקעט אַ ייִנג. נישטיק אין דער קרייז פון פּאַלאַצן. קירכעס, טעמפּלען, אָפּענע טרעפּ און בוימער, ברונעמס אין בריקן—איז דער מענטש געשטאַנען אונטער דעם מאַרמאָרענעם רייטער און געשריגן:

— איך האָב עס געזען! פינף טויזנט מענטשן האָבן זיך היינט געשטופּט צום אַזיל, מענטשן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און ווען עס איז קאַלט, עס רעגנט, ווילן צען טויזנט מענטשן אַריין אין אַזיל און מוזן בלייבן אין דרויסן. און די אָן אַ שיעור מענטשן אויף די בענק, אונטער די בריקן, אַריינגעגנבעט זיך אין די הייזער אויף די טרעפּ און אין די שפּייכלערס, אַריינגעקראָכענע אין די שטעלער, אויף די מויערשטעלן אַרויפגעדראַפּעט זיך, אין ליים-גריבער, אויף די האָלץ-פּלעצער אונטער די ברעטער-שטויסן! אָבער טעמפּלען און קירכעס, וואָס מ׳האָט אויפגעבויט צוליב איין איינציקן זונטיק, שטייען פאַרשלאָסן און פאַרריגלט און גאָט זאָגט זיי אָפּ און גיט נישט זיין שוץ פאַר די געבוירנדיקע מוטערס, וואָס קריכן אין די קוסטעס, פאַר די זקנות, וואָס מען וואַרפט אַרויס פון די שפּיטעלער אויפן גאַס. אָרעם, געטרודפט, עלנט, אומגליקלעך זענען זיי, און די קירכע האַלט אירע טירן צו פאַר יענע, וואָס דער שניי פאַלט אויף זיי, דער רעגן שמייסט און בליצן וואַרפן זיך. אָ, גאָט!! דאָ!—פאַר סטאַטועס און בילדער האָט מען טעמפּלען אויפגעבויט. מאַרמאָר, בראָנז, לייוונט שטייען אין זאַלן, וועלכע מען הייצט פאַר זיי, כדי די פאַרב זאָל נישט אָפּקריכן און דער שטיין זאָל נישט אָפּשפּרינגען. מען היט זיי אָפּ און מען נערט זיי, מ׳וואַשט זיי, מ׳גיט זיי די נויטיקע ליכטיקייט, מען בויעט זיי גאַלעריעס און פּאַנטעאָנס, שלעסער און האַלעס. און דער מענטש?? — זייד און סאַמעט אויף די ווענט. אַ גאַנצער זאַל אין רויטן

צוליב איין ווענוס אַליין,—און אָפּדאַכלאָזע אונטער טריפנדיקע בוימער, פאַרפרוירענע מענטשן אין די טויערן, הונגעריקע פאַר די פענסטער מיט די וווּרשט-הויפנס, און אַכט נפשות אין אַ קיך אויף די פּאָדלאָגע אויף זאַק-לייוונט און פּאַק-פּאַפּיר, צוויי בעטן פאַר טאַטע מאַמע מיט פיר קינדער, אויסגעבראָכענע שויבן אין די פענסטער, און קליינע מיידעלעך הוסטן און די מוטער שטאַרבט אויף די לונגען. דאָ!—אַ גאַס פון שלעסער און פּאַלאַצן, טויזנט ליידיקע צימערן, באַוווינט פון טויטע זאַכן! הונדערט זאַלן אין גאָלד און בראָקאַט, מאַרמאָר און עלפאַנט-ביין און מעבל פון באַרירונג געשיצט; בענקלעך און שטולן, געזיפּערט מיט קייטן פאַר די מידע, וואָס ווילן זיך אָפּרוען, פאַר די באַלאָדענע און צעבראָכענע. ווייכע אויפגעשוואָלענע סאָפעס, זייד און פוך זענען זאַכן צום באַקוקן, אַ מאַרק פון באַזוך,—און פרויען, וואָס זייער נאַקעט לייב שוידערט דורך שמאַטעס, קינדער וואָס שלאָפן אויף צייטונגען — און די צייטונגען אויך אויסגעבעטלט... גאָלדענע טיש-סערוויזן, זילבערנע וואַש-געפעסן, איידלשטיינער אין בעכערס, בריליאַנטן אין טאַבאַק-פּושקעס—און מענער קלויבן אויף די פּאַפּיראָסן-שטיקלעך פון די רינשטאָקן און זויגן זיי. און זייער מאָגן שרייט און זיי גיבן אים שפּייעכץ. זיי קלויבן אויף פון אַרום די מאַרק-האַליעס דעם אָפּפאַל, שפּענער פון בויפּלעצער און דאָס ברענען זיי אין צעפאַלענע קיכן, אויף וועלכע זיי קאָכן פאַרפוילטע קרויט-בלעטער און מוזן נאָך גיין אויסבעטלען זאַלץ פאַר דער זופּ פון דעם אָפּפאַל פון פעלד. בעלי-חיים שלעפן זיך אַרום, הינט וויען ביי די שפּאַלטן פון די יאַטקע-טירן, און קעץ, ציטערנדיקע פון אימה, ראַיען זיך אין מיסט, אָבער אַן אַלטער מאַן קומט צוגיין און יאָגט אַוועק און שעלט די קאָנקורענטן מיט טויטע קללות, וואָרים אין דעם הויף פון אָט דעם רייכן הויז האָט ער די פּריווילעגיע צו זוכן ברויט-רינדלעך אינם מיסט-קאַסטן."

אַזוי האָט גערעדט דער מענטש, וואָס האָט אויסגעזעסן נישטיק אויף דעם שלאָס-פּלאַץ, פאַר דעם לוסט-גאָרטן, די פּלאַנצן אַרום און זענען אָפּגעהיט, געשוירן, די בוימער

אַרומשניטן און בייטן און קלומבעס פון בעגאָניען שטייען מיט טויזנטער מאַרק געשאַצט אין דער שטאָט-ווירטשאַפט. דערפאַר רעדט דער נישטיקער ביים פוס פון דעם שלאָס-מויער אונטער דעם באַגילדעטן באַלקאָן, ווו אַ קייזער האָט אַמאָל געזאָגט: גאָלדענע צייטן ענדיקן זיך אויך. און אָט איז געקומען אַ שטיין-צייט, אייזן-צייט, אייז-צייט, ווייל זיי מוזן שטיינער עסן, אייזן לעקן און פראָסט ליידן. און ס׳פאַלן, דאַכט זיך, שלאָס, דאָם, מוזיי, גלאָקן און סטאַטועןן לייוונטן, דענקמעלער, צוליב וועלכע מ׳האָט געשמאָלצן גאַנצע מיליאָנען, זיי פאַלן איבער דעם נישטיקן אום און שניידן אים אָפּ די לופט. ער פאַרשטומט, ער שווייגט, ער איז דערשלאָגן.

די מענטשן שלעפּן זיך אַוועק. די שרעקלעכע הכנעה און די פאַרגעבלעכקייט הויכט זיי מיט אַן אייזיקן אָטעם אין בלוט; זיי פרירן, אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך.

מיט אימה האָט פּעטער אויסגעהערט דידאָזיקע רעדע. אַזוי איז עס. איז עס אַזוי? באמת? מענטשן, צווייפיסיקע, איך, דו, אויך בעלי חיים ליידן, הונגערן, קומען אום, זענען נאַקעט, דערשראָקן. און שטיין און אייל אויף לייוונט ווערן אַרומגעצוימט און אָפּגעהיט אין פּאַלאַצן. נו, גייט דאָס אונז אָן? ווען איך זאָל קראַנק ווערן, פרירן: יאָ. אָבער איצט שוועב איך האַרץ און האַרץ אויבן איבער דער וועלט. יענער איז משוגע, מענטש, אַ באַפרייטער מענטשנפריינט, אַ קאָמוניסט, הער נאָר, עדע, צי איז דאָס טאַקע אַ קאָמוניסט, וואָס מ׳קען זיך אויסטוישן מיט די ווייבער און די קינדער געהערן צו דער מלוכה און מ׳קען אָפּטרייבן וויפל מען וויל?

די לעצטע נאַכט, פּאַול, דאָס איז אינגאַנצן אַן אַנדער לעבן. דאָס אַלצדינג האָב איך נישט געוווּסט. דאָ שטעלן זיך אַוועק באַגייסטערטע מענטשן, צוויי אַזייגער ביינאַכט, אויף דענקמעלער און שרייען אויס זייער האַרץ פאַר שיפורים, פּראָסטיטוטקעס, אַלפאָנסן, סטודענטן און אָפּדאַכלאָזע! וואָס מ׳קען אַלץ פאַרשפּעטיקן, ווען מען גייט צען אַזייגער אין שטוב אַריין, מען מאַכט צו די אויגן פאַר דעם לעבן און מ׳פאַלט אַריין אין

חלומות, וואָס נאָרן אָפּ! אַה — שוואַרץ-ווייס זענען אַלע חלומות, אָן בלוט. נאָר דאָס ווירקלעכע האָט פאַרבן און אַ דופק. לעבן ווילן מיר, פּאַול, לעבן! זיי זענען ווידער אַוועקגעגאַנגען פון דעם טייך און דעם פּלאַץ צוריק אין די דושנע גאַסן. האַקעשער מאַרק. פאַרלאָזענע קינאָ-פּאָרטאַלן, טראַמווייען. באַן, דער צירק.

מיטאַמאָל איז געוואָרן נאַכט. שטיל, ליידיק, דריי אַזייגער. זשאַלוזן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ גרילץ. קעלער-פענסטער האָט מען פאַרהאָנגען, די לעצטע מענטשן האָבן זיך פאַרמאַטערט געשלעפּט אַהיים. אין איינעם אַ טויער איז געזעסן אַן אַלטע און געשלאָפן. אין אַ ווינקל פון גאַס האָט זיך געטייעט אַ קינד, דריי אַזייגער ביינאַכט, און דערשראָקן אַנטלאָפן, דערזעענדיק די צוויי אָנקומענדיקע מענער. קרימינאַל-אַגענטן? אַ קאַץ איז געלאָפן מיט אַ מייזעלע אין מויל, און ס'האָט געפּישטשעט.

— שוידערט דיר, גוטער ברודער, פאַר מיר? פאַר אַלע-מען? פאַר דער שטאָט? האָסט רחמנות, מיין ליבער? איך, אַלע, בערלין?

וווּ זענען זיי געווען? אַ פינסטערע גאַס. איינע ווי די אַנדערע, איצט, ווען עס האָט שוין באַלד אָנגעהויבן צו טאָגן איבער די הייסע דעכער. די גאַסן? עפּעס אַן אומענדלעכקייט איז פאַראַן אַרום זיי, זיי שטייען אין אומבאַגרענעצטן רוים, אַן אומדורכזיכבאַרער פליין, זיי זענען די איינציקע, די לעצטע, די איבערגעבליבענע סמנים פון לעבן. פעטער האָט זיך צוגע-טוליעט צו פּאַולן. רחמנות, ער האָט דאָך ליב געהאַט, געליבט! וואָס קענען אים אָנגיין די מענטשן! ער איז נ י ש ט קיין סאָ-ציאַלע באַשעפעניש. ער איז אַ יחיד, אַן איינזאַמער און זיין וועלט איז נאָר אין אַנדערע יחידים, איינזאַמע, פּונקט ווי ער. ליב האָבן זיך, טויטן זיך, פרירן, הונגערן — זאָלן זיי! קען עס אים עפּעס רירן? די ליבע, דאָס איז דאָס גרויסע, דאָס וויכטיקע, דאָס איינציקע; אומגליק איז נאָר דאָס וואָס א י ם טרעפט, זע-ליקייט איז נאָרדאַן, ווען ז יי ן האַרץ קלאַפּט. געמיינשאַפט, כלל?

פֿאַר די אַנטוישטע. דער גליקלעכער לעבט זאַלבעצווייט.

זיי זענען געשטאַנען שטיל, זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, בע־לאַכט איינער צום אַנדערן. צוויי גוטע־ברידער, אַרויסגעריסט זיך, פֿאַרזוכט אַביסל בערלין, נייגעריק אויף הורן, אָרעמקייט און אויפֿלויפֿן. ווייטער. אָרעם און אָרעם... און מיטאַמאָל האָט עס זיי גובר געווען: באַהערשנדיק, פֿאַרגליווערנדיק און טיף אויפֿשוי־דערנדיק איז עס געקומען, דאָס געפֿיל פֿון פֿאַרגענגלעכקייט... די לעצטע נאַכט! זי וועט זיך מער קיינמאָל נישט איבערחזרן. די דאָזיקע רגע האָט שוין אָפּגעלעבט. זי וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט צוריקקערן. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט. זיי האָבן געשטאַמלט:

— אַדיע! אַ גוטע נאַכט! צום ווידערזען? ניין, ניין. אַדיע!

דער טאָג האָט אָנגעהויבן אויפֿצובלייכן, ווי אַ בר־מנן. די נאַכט, זייער נאַכט, איז געווען פֿאַרענדיקט. אַ טויטער־שוי־דער, ביז טיף אין די ביינער. זיי לויפֿן זיך פֿאַנאַנדער. דאָ אַהין. דאָרט אַהין. שנעל, שנעל. עס ווערט קאַלט. פֿרימאָרגן־פֿרעסטל.

פּעטער, פּעטערל, פּעטערשי, אָרעמער פּעטער, הילפֿלאָזער פּעטער, נעבעך! שוין אַוועק! אָ וואָס פֿאַר אַ פּחד האָט אייך אַרומ־גענומען! אַ פּאַניק האָט אייך אָפּגעריסן אָרעם פֿון אָרעם. וואָס פֿאַר זעלכעס האָט אייך געטראָפֿן, ברידערלעך האַרציקע אין וועלט־רוים? וואָס קענט איר דען וויסן? אַ ים, — אַך, איז פֿאַראַן אַ ים? פֿאַול שטייט שטיל, אויפֿן שלאָס־פּלאַץ, ער טרינקט ווינט, פֿילט זיך די לונגען אָן. ער איז דורשטיק, ער איז פֿאַרשמאַכט. פּעטער שטייט שטיל. אָריאַנענבורגער טויער. זויגט אַריין ווינט אין זיך, לעכצט, שלינגט לופֿט.

— אַ גוט מאָרגן! — שרייט אַרויס אַ בחור אויף אַ ראָ־ווער, און שטויסט זיך אָן אָן דעם מענטש, וואָס שטייט דאָ און חלומט אינמיטן אויף דער גאַס, אונטער דער לאַמטערנע, ווי דער פּאָליציאַנט שטייט ביי טאָג, מאַכט מיט די הענט, קע־

רעוועט די אויטאָמאָבילן און קאָמאַנדעוועט מיט מענטשן. דאָ שטייט איצט פעטער, גלאָצט און גלאָצט, זיין לעבן איז שוין פאַרגאַנגענהייט.

מיטאָג-צייט האָבןביידע שוועסטער ליסי און אָללי, דער צווילינג געשווינד, אַריינגעשטעקט די קעפּ אין דער טיר.

— פרוי לידעקע, — זיי האָבן גערעדט צוזאַמען, אין איין צייט, וואָרט און וואָרט דאָס זעלביקע. נישט אומזיסט זענען זיי געווען די סענסאַציע פון גאַנץ מזרח-בערלין. מ'האָט זיי שטענדיק געקענט באַקומען נאָר זאַלבענאַנט, ביידע צוזאַמען. אַ הילדע זאַך, דער צווילינג! — פרוי לידעקע — האָבן זיי געזאָגט — זאָגט זשע מיר, האָבן זיי טאַקע היינט אינדעראמתן חתונה געהאַט?

— אַוודאַי! — האָט געענטפערט אַמאַליע. זי איז געזעסן אָנגעטון אין אַ לילאַ זיידענע קלייד ביים פרעס-טיש, אויף וועלכן ס'איז אויך, צוליב דער פייערלעכקייט פון דעם טאָג, געלעגן אויסגעשפרייט אַ געבלומטער פּאַפּיר. אויף דעם איז געשטאַנען דער וווּנדערבאַרער רויטער אַזאַליען-טאָפּ פון פּעטערן, אַ גאַנצער אַזאַליען-גאָרטן, אַ שטיק ברעג פון קאָמערזע.

און ווילי, אויך אין שוואַרצן, יום-טובדיק, אין העמד-אַרבל אָבער אין צילינדער, האָט געלייענט די צייטונג.

— נאָר אין ציוויל-אַמט, נאַטירלעך — האָט אַמאַליאַ געזאָגט — אָבער קומט אַריין אַביסל נעענטער, מיינע דאַמען.

— אָ, אוממעגלעך — האָט געזאָגט דער צווילינג. איינס

אַזייגער דאַרף קומען איינער אַ הער מיט זיין יונגערן ברודער, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט — נו, שטעלט זיך פאָר. ניין. מיר האָבן בלויז געוואָלט וויסן, האַלט עס שוין טאַקע באמת אַזוי ווייט? ס'איז איר, ווייזט אויס, געראָטן. וואָס ליסי? וואָס אָללי? אָבער ווען ס'זאָל זיין טאַקע צוויי, אָט ווי מיר, אָ, וואָלט עס געווען אַסאַך שווערער. וואָרים מיר וועלן זיך דאָך נישט פאַנאַנדערגיין. און צוויי ווייבער, אַז איין מאַנספערשוין זאָל האָבן, טאָר מען דאָך נאָך אַלץ נישט.

— יאָ, — האָט ווילי געזאָגט — און אַ פרישטיק ביי קעמפינסקין. מילא, זאַלץ און ברויט מאַכט די באַקן רויט, אָבער ברויט מיט פּוטער מאַכט די באַקן נאָך רויטער.

אָללי און ליסי האָבן אים צוגעוואָרפן אַ בליק און געשמייכלט צו אים, אומצווויידייטיק, אָבער אַמאַליע איז דאָך געווען כמעט בלינד.

— און די באָבע? — האָבן געפרעגט די דאַמען.

— די באָבע? מ'האָט דאָך איר אַוועקגעשיקט! דער הער באַס האָט דאָך זי אַוועקגעשיקט אין אַ קור-אָרט. טעפּליץ, אויב איר האָט אַמאָל געהערט. טאַני איז אויך דאָרטן מיט איר. זיי דאַרפן דאָרטן בלייבן זעקס וואָכן.

— דאָס איז שוין איינמאָל נייעס! — האָט געזאָגט אָללי צו ליסין און ליסי צו אָללין. עס וואָלט שוין געווען איבער זייער מענטשנליבע צו הערן נאָך מער אַזעלכע פריילעכע בייעסן, און זיי האָבן טומלענדיק צוגעמאַכט די טיר און אַוועקגעשלאָגנדערט זיך, רעדנדיק הויך און אויפגערעגט.

— נו, נעם אַביסל! — האָט אַמאַליע לידעקע געזאָגט האַרציק, און ווילי — גאָט ווייס, פון וואָס ער האָט איצט געטראַכט — האָט אָנגעקוקט זיין פרוי אין דער ליליאַ הלבשה און געמורמלט גוטמוטיק:

— וואָס דו ווילסט נישט, אַז מען זאָל דיר טון, דאָס זאָלסטו שטענדיק אונטערדריקן אַן אַנדערן.

אָבער די תמימותדיקע אַמאַליע האָט אים אָנגעגאָסן אַ באַרדינעט. און ווילי האָט האַרציק געזאָגט·

— מאַמעלע. ווען איך טרונק אויס אַזאַ גלעזל שנאַפּס, ווער איך אַן אַנדער מענטש, נו, זעסטו, דער אַנדערער מענטש וויל אויך מאַכן אַ שנאַפּס.

— יאָ, יאָ, — רופט זיך אָפּ אַמאַליע — די ביסט אַ געזונטער יונג...

דאָס איז געווען דער טאָג פון פּעטערס חתונה. אַננאַ איז שוין געווען אין דער נײַער דירה, אָבער איצט איז פּעטער געזעסן אין זײַן פאַבריק. דער אַלטער מענקע האָט געהאַט אורלויב. ער איז געזעסן פאַר זײַן ראַיאַל און די מוזיק איז געווען פאַרשטומט. ער האָט זיך אַראָפּגענומען אַ שטערן פון הימל, און אַט לעבט ער איצט אין הויכער שרעק: ער האָט אים באַקומען, אָבער ער קען נישט אויפהויבן די הענט. נעם! — אָבער דאָ האָט ער שוין נישט קיין כּח.

ער האָט אַרומגעוואַנדערט אין די געגנג צווישן די קלאַווירן. פון דעם הויף איז אַרויפגעשווומען צו אים דאָס לעבן פון הויז. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין „פּעלקער-באַל", און איזאָלדע פּיעטש האָט זיך אונטערגעהאַלטן אויפן קול מיט אירע קעץ. און די אַכציק קלאַווירן האָבן אָפּגעענטפערט אויפן עכאָ פון זײַנע טריט. די סטרונעס האָבן זיך צעציטערט און צעקלונגען אין אַ הויכער וויברירונג. אַפילו אין דעם גלאָז פון די פענסטער האָט ער געהערט אַ טאָן, אַלצדינג האָט מיטגעשטימט און ס'איז געווען אַ האַרמאָניע פון אַליין, נישט איינגעאָרדנט דורך קיין מייסטער און געזעצן, אַלע זאַכן האָבן געהאַט דאָס זעלביקע, איינציקע אין זיך. אָבער ער, פּעטער באָס, איז געשטאַנען איסבוועניק...

לינאַ האָט געהאַט אורלויב. זי איז אַוועקגעפאָרן צו אַ פאַמיליענציע. נאָך קיינמאָל האָט אַזוי זײַן קליינע וועלט נישט געהערט צו אים אַליין, ווי אין דער דאָזיקער שעה, און ער האָט תּופס געווען, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך: זײַן וועלט.

זײַן וועלט, זײַן מוזיק. די פרייהייט פון מיטמענטשן. אָבער צי איז דען דאָ עפּעס וואָס צו קלערן? צי האָט דען

דאָס אַלצדינג נאָך עפּעס אַ באַדייט? זיין וועלט פון חלומות, מוזיק פון אומוועזנטלעכע קלאַנגען. פרייהייט אין געדאַנק. און אַננאַ די ווירקלעכקייט, אַן אייביקע מעלאָדיע און ממשותדיקע שאַפונג. פאַרוואָס קען ער נאָר טראַכטן, און גריבלען זיך, איצט, ווען דאָס לעבן איז אים אויפגעגאַנגען? און פּעטער באָס איז געפאַלן אויף די קני דאָ אין דער שטוב פון דעם מאַגאַזין, און צוגעלייגט זיין שטערן צו דער וואַנט פון אַ קלאַוויר. און אויך דער קלאַוויר האָט געהאַט אַ נשמה. האָט ער זיך נישט אַראָפּגעבויגן צו אים?... ליבע איז געווען אויך אין האַלץ און עס האָט אים אַרומגענומען. אַלצדינג האָט אים געבענטש, פּונקט ווי ער האָט געבענטשט אַלץ. אָבער ער איז דאָך נאָר געווען אַ וואָרים. און איין פוס איז געווען מוראדיק איבער אים. פוס פון דעם אומבאַגרייפלעכן גרויסן וועזן. וועט ער אים צעטרעטן?... אַן אימה האָט דורכגענומען זיין האַרץ. וואָס האָט ער געקענט טון? דעם אָטעם כאַפּן, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס לעצטע מאָל.

און דאָ איז אַריינגעקומען פּאַול און אים אויסגעלייזט.

פּאַול — ווו איז ער געווען די לעצטע נאַכט? צווישן נעכטן און היינט איז געווען אַ תהום... זיי זעגען זיך דאָך שוין היינט פרעמד געוואָרן. אַ שלעכטער געוויסן?... פאַרוואָס! צי האָבן זיי וועמען באַשווינדלט? אַננאַ... מיין גאָט, ווו איז זי געווען, אַננאַ? אַננאַ איז געווען נישט אויף דער וועלט. די וועלט אָן אַננאַן. און ווי גליקלעך איז די נאַכט געוועזן!

פּאַול האָט אָנגעקלונגען אין פערטן שטאָק. און דערנאָך האָט ער אים געזוכט אין דער פאַבריק. פּעטער האָט זיך אָפּגעשטויבט די קני.

— דו רעפּעטירסט — האָט זיך פּאַול אָפּגערופן. — „איך טו תפילה צו דיר, דו שטיינערן בילד”... אָבער גיב איר אַביסל צייט. דער שטיין וועט צעגיין.

— ניין. מיך האָט מען נישט ליב, פּאַול, אָבער איז דען נישט גענוג ליב צו האָבן?

— איך בין נישט באַהאַוונט אין אַזעלכע „איידעלע זאַכן.

— פּאָול, איך בין, בין געזעסן און מורא געהאַט. קענסטו דיר מורא? זי ליגט דיר אויפן האַרצן, ווי אַזוי קענסטו אָטע־מען? און דאַן בין איך אַוועקגעפאַלן אויף די קני — ניין, איך בין דאָך תּמיד געווען שטום, דו האָסט מיר געגעבן אַ לשון. דו ביסט איבער מיר ווי דער לעצטער משפּט. איך שרעק מיך בלויז אַביסל. פאַר מיר אַליין אָבער.

— שווייג שוין, שווייג, פרימאַנער רעדן שטענדיק אַזוי פון זיך. מיר שטאַרקע מענער — —

— ניין, דו וואָלסט אויך נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן. שווער לעבט זיך מיט פראַגן, וואָס האָבן נישט קיין ענטפער. בעת איך האָב דאָ געקניט און געטראַכט פון איר — און איך האָב געקניט פאַר איר, פאַר אַליין אין דער גאַנצער וועלט,— האָבן זיך די אַלע זאַכן אַראָפּגעבויגן צו מיר, און זיי האָבן מיך ליב געהאַט, פּאָול. איך האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען דאָ און אַלע האָבן מיך אַריינגענומען אין זייער האַרץ. די וועלט איז אַ מאַמע, דו געדענקסט זי קיינמאָל נישט אָבער זי בענשט דיך שטענדיק. און ערשט ווייס איך: אַז איך באַגיי אַן עוולה, דאָס איז אַ טעות און אַ פאַרברעכן. איך האָב שטענדיק גע־טראַכט נאָר פון זיך אַליין.

— פּאָול! — האָט ער אויסגעשריגן — איך האָב געטראַכט בלויז פון זיך. איך האָב געוואָלט באַזיצן און זיין גליקלעך, און דאַן האָב איך אַלצדינג פאַרגעסן. און היינט ביינאַכט דערמאָן זיך, אַנדערע האָבן אַ האַרץ און מוט, אַרויסצושרייען עס פריי און אָפן: גערעכטיקייט זאָל זיין! זייט זיך מקריב! שטיצט, העלפט! דער פרירנדיקער מענטש איז דער ציל פון אייער ליבע.

— ווילסטו אפשר קאָניאַק, ברודער, אָדער אַ קאַלטן קאָמפּרעס?

— פּאָול, קוק דיך אַרום. טו נאָר אַ קוק, איך בין דאָך אַ פאַררעטער. דער מיטמענטש, פּאָול! איך? איך האָב אויס־געפּוצט צימערן מיט מעבל פון שלעסער, אויטאָס איינגעקויפט און הונדערט פויגל אין גאָרטן איינגעשפּאַרט, פאַר דער לאַנג־ווייליקייט פון אַ פרוי, און די פרוי האָב איך אויך גענומען

פאַר מיר. קענן איר ווילן. מיר! אַלצדינג מיר! איך באַצאָל
פּענטשן, אַז זיי זאָלן מיך באַדינען, קאָכן פאַר מיר, פאָרן מיט
מיר. איך, אַלצדינג איך! נו? נו? דו, נו? — דער הונגער אויף דער
וועלט? די קראַנקהייט אויף דער ערד? די שפּיטעלער און די
וואָס קומען אום אין די גריבער? מיליאָנען ליידיקע מוטער-
ברוסטן! און צי זעסטו דען נישט, דו בלינדער, די קינדערישע
הענט, וואָס בעטלען? און איך? איך גיב אויס מיין געלט בלויז
פאַר מיר אַליין!

— דו ביסט משוגע. צי האָסטו שוין היינט געטרונקען —
דו פיבערסט דאָך! יונג איינער. וואָס ווילסטו דען מיט דיינע
פאַר מאַרק! אָנפילן די מוטער-בריסטן, די קינדער-הענט? פראָ-
ביר נאָר — ביסטו שוין מאָרגן אָרעמער, ווי די אָרעמעלייט
גופא. און זיי אַליין? וועלן זיי שוין זיין געהאָלפן? מאָרגן וועט
יעדערער, וואָס איז היינט געווען זאַט, שוין ווידער זיין הונגע-
ריק! עס וועט קיינמאָל נישט קלעקן, דו נאַר, קיינמאָל נישט!
ווען דו וואָלסט אַפילו באַרויבט אַלע בענק און צעטיילט די
מלוכהשע אוצרות: די אָרעמקייט וועט וואָס אַמאָל גרעסער
ווערן. פאַרטיליק די מענטשן אויף דער וועלט, וועסטו דאַמאָלס
האָבן געלייזט דעם פּראָבלעם. אָ, דער נאַר דער! ער קען זיך
אויף אַזעלכע זאַכן אַליין נישט ענטפערן.

— אָבער טו אַ טראַכט, פּאַול, באַטראַכט זיך, ער גייט
מיר קיינמאָל פון קאָפּ נישט אַרויס, דער אומבאַקאַנטער פון
נעכטן ביינאַכט. דער היילִיקער פאַרפייניקטער בעת ער האָט גע-
פּריידיקט! ער איז דאָך געווען גערעכט! דאָ זענען באַרן און
לוקסוס-רעסטאָראַנען, אויטאָס בליצן, ווייסן יאַכט-שיפן אין מיטל-
לענדישע האַפנס, פּאַלמען-גערטנער און פרויען אין הערמעלין
און — יאָ! — אין די קעלערן פון די מיליאָנערישע האָטעלן, די
דינער-מיידלעך און די וואַש-פרויען, די געטרעטענע נעגער-
יינגלעך און קינדער, וואָס בעטלען אויס עסן פון די אָפּפאַל-
קובלעס. דאָ שוויצן די הייצער ביי די קעסלען פון די שיפן
און זעען קיינמאָל נישט די זון און די ברעגעס אויף וועלכע
זיי הוליען. אויטאָס—און די אויטאָ-וואַשער, סטודענטן, וואָס מאַ-

טערן אויס זייער סטודיום! און די קינדער, וואָס דער אויטאָ פּאָרט איבער! די הינקענדיקע, וואָס זיי באַשפּריצן מיט בלאָטע פּרודיען טאַנצן, ברילאַנטן אויף די שיך און די שטוב־מיידלעך, וואָס קריכן זיין נאָך, די נייטאָריגס, וואָס זיצן־אויף גאַנצע טעכט און נייען און נייען־אויס פון שווינדזיכט? דאָס אַלץ האָב איך, פאר לויטער גליק, פאַרגעסן. איך האָב נישט געטראַכט פון דעם. איך האָב עס געהערט און געזען און איך בין געבליבן גלייכגילטיק. וואָס גייט עס מיך אָן — האָב איך געזאָגט — איך שליס מיך אויס פון דעם כּלל.

— כּלל?... אוי, אַז איך וועל נישט פּלאַצן פון געלעכטער! ווער עס קען נאָר שטיין אויף זיינע אייגענע צוויי פיס, לויפט דאָך אַוועק פון אים, ווי פעפער וואַקסט. ווערסט אפשר זאָגן איך „קאָלעקטיוו", האַ? דאָס פעלט נאָך, וועט שוין זיין צום רימל. צו וואָס אַ מענטש קען זיך אַלץ דערטראַכטן! דאָס איז דאָך אַ שווינדל! קאָלעקטיוו — עס קלינגט אַפילו גאַנץ שיין! עס איז אַן ענין! אַפילו די שקלאַפן, די פאַרפאָלגטע, די פּאַריאַס! אַפילו זיי פאַרראַטן איין ברודער דעם אַנדערן. סאָלידאַריטעט! יאָ ביי צוויי מענטשן, ווען זיי שלאָפן צוזאַמען, און אויך נאָר אַזוי לאַנג, כּל זמן זיי שלאָפן.

— אָבער דאָס גליק, פּאָול, די באַפרידיקונג, דאָס קומט דאָך נאָר פון מיטמענטש?

— גליק? עס איז פאַראַן בלויז איין, גאַנץ געמיין, פּריוואַט גליק. דאָס איבעריקע — פו! אַן אָפּגענער שווינדל! זיין סאָציאַל: Dernie cri! אַ מאָדע־זאַך פון די קאווע־הייזער!

— ניין! — פאַרוואָס קען איך מיין בליק נישט אָפּווענדן פון די איבעריקע מענטשן. איצט, ווען מיר איז אַלצדינג מקוים געוואָרן, דווקא אין דער דאָזיקער שעה? פאַרוואָס, ווען איך, טראַכט דערפון, פאַרביטערט עס מיר דעם טאָג, שטיקט מיר אין האַלז?

פּאָול האָט אויסגעשריגן לאַכנדיק:

— צי איז היינט נישט דער טאָג פון דיין חתונה?

אָבער פּעטער האָט נאָך נישט געהאַט געענדיקט:

— דו האָסט מיר געזאָגט, פּאַול, יאָ, איצט ווייס איך: אפשר האָב איך אַמאָל דאָ, אין דעם דאָזיקן הויז, אָפּגעווישט די טרערן. נישט איבערטראַכטנדיק, אָן שום כוונה, איך האָב גאָר נישט געוואָלט זיין קיין „גוטער“. אָבער צי ווייסט מען דערפאַר ווייניקער אויף דער וועלט? עס איז דאָ נאָר איין האַרץ און עס שטייען מיליאָנען, מיליאָנען, וואָס איך האָב נישט געוווּסט פון זיי. אָבער זינגט די פאַרגאַנגענע נאַכט ווייס איך פון זיי. עס איז מוראדיק צו וויסן, פּאַול. איך בין געווען אומבאַוווּסטזיניק און פייל און צעקראָכן. און איצט, ווען איך וויל ווערן גליקלעך פאַר מיר אַליין, עפענען זיך די אויגן אויף. ווי אַזוי קען מען דען גליקלעך זיין, ווען די אויגן זענען אָפן? יאָ, אפשר ביי אַנדערע קען דאָס גליק דעם בליק פאַרשטעלן.

— יאָ, ווען ס׳גליק איז גענוג גרויס. און דו, ביסטו נישט אַזוי גליקלעך, יונג?

פּאַול האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און פּעטער, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די קלאַווירן, האָט זיך אָפּגעשטעלט, צווישן פּאַולס קניען, און פּאַול האָט אַרויפגעקוקט צו אים.

— און איצט קענסטו שוין קיינמאָל נישט שמייכלען. דיין גליק האָט שטענדיק אַ ביטערן מאָמענט? יאָ, גוטער־ברודער? אָבער איצט וויל איך דיך עפּעס פרעגן, פּעטער, האַלט זיך פעסט צו אָן מיר, ענטפער. אַננאַ — — האָסטו ליב אַננאַן?..

פּעטער האָט זיך אָפּגערוקט פון אים. ער האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— יאָ, צי האָסטו זי דען ליב?.. אויב דיר קומען אַזעלכע רעיונות אויפן קאָפּ, מענטש, איז דען דיין האַרץ פול מיט איר? דו נעמסט און פאַרגעסט זי, צוליב אומבאַקאַנטע דרשות און צוליב דעם קינד אונטערן אויטאָמאָביל און דער גאסן־פרוי אין רעגן. אַזוי איז עס דאָך.

— פאַרגעסן —

— מענטש, האָסטו זיך אויפגעכאַפּט? אויב אַזוי, איז נאָך נישט צו שפּעט, מענטש! פּעטער! בעסער, דו זאָלסט אויפ־

וואַכן פון זיך אַליין, איידער אַן אַנדערער זאָל דיך אָפּגיסן מיט קאַלטן. יונג, ביסט, הייסט עס, געקומען צו זיך?

— אָבער פּעטער איז געווען פאַרזונקען אין זיך אַליין און איז נישט געהערט. ער האָט געזאָגט:

— איך טו תּפילה צו איר. אָבער צי האָב איך זי ליב?

— מענטש!

— שאַ, שווייג, פּאַול, ווי גאָט איז דיר ליב, אויב איך וועל זי פאַרלירן, טאָ וואָס וועט ווערן מיט מיר? ווו וועל איך מיר אַהינטון? — הער נאַר, זי וואַרט דאָך. וואָס טוען מיר דאָ איצט! איך רעד און זי וואַרט. שנעל! שנעל! דער אויטאָ שטייט אונטן.

— זיי געזונט, פּעטער.

— יאָ, גייסטו נישט מיט מיט אונז, זיך געזעגענען מיט אַנגאַן?

— דאָס איז דאָך נישט נויטיק. אין אַ דריי, פיר וואָכן אַרום. אַלזאָ, דו אַלטער יונג, וואָס? זייַ גליקלעך. שרייב אַן אַמאָל אַ בריוול, און וואָס נאָך זאָגט מען?

— הער, ס'איז נאָך גענוג צייט. זי האָט מיר אַזוי שטאַרק געבעטן וועגן דעם. פאָר מיט אונז מיט, פּאַול.

— וואָלסט געוואָלט?

— ער פרעגט נאָך.

— ניין, גוטער ברודער, ניין, ספּאַסט מיר נישט. זייט זשע אַביסל אַליין מיט זיך. דו וועסט מיר אָבער שרייבן, יאָ? נאָך איידער איר וועט קומען קיין ביאַריץ. פון וועג. ביז וואַנענט האָט איר נאָך היינט בדעה צו פאָרן?

— היינט? בלויז קיין ווײַמאַר. מאָרגן קיין באַמבערג, אַנגאַ וויל נישט פאָרן קיין גרויסע שטרעקעס מיטן אויטאָ פאַראַמאָל.

— אַלזאָ, שוין! לעבעדיק, מיין פריינט, פאָר געזונט, זייַ גליקלעך.

— איך וויל דאָ פאַרשליסן, פּאַול, קום.

— ווייסט וואָס, גוטער ברודער, לאָז-זשע מיר איבער די

פליסלען. וואָס? איך וועל אַמאָל אַריינקומען אַ קוק טון. אַריינגעכאַפּט זיך אַמאָל אין דער דירה אויך, אַ קוק טון, וואָס די גנבים האָבן צוגענומען. גיב אַהער, און גיי, גיי. איך וועל נאָך אַביסל איבערבלייבן, דערנאָך וועל איך פאַרשליסן.

— יאָ, דו ווילסט?... זיי געזונט, פּאָל.

— נו, קום-זשע צו, מענטש איינער!

און פּאָל האָט אַרומגענומען פּעטערן. פּאָל האָט פּעטערן שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. ער האָט אים געטרייסלט די אַקסלען, ער האָט געלאַכט. פעסטע האַרטע אָרעמס האָט ער געהאַט, פּאָל, זיין קאַרק האָט געשמעקט, ווי ביי אַ קינד. אַדיע, אַדיע. זיי דאָך שטיל. איך לאָז שוין אָפּ. דו וועסט באַלד גיין צו איר. אַזאַ אומגעדולד. מענטשן-קינד! וועסט דאָך זי האָבן אַסאַך וואָכן, איינגאַנצן פאַר זיך אַליין. נו, גראָד נישט! — איך הער דיין האַרץ, דו, דיין האַרץ קלאַפּט. אַ מענלעך האַרץ איז אַנדערש. האַרט, קורץ. האָסטו דאָך נישט קיין שרעק, אַלטער? איז פּאָל נישטאָ דען? פּאָל וועט אַכטונג געבן. עס וועט דיר גאָרנישט געשען, קיין האָר פון קאָפּ וועט דיר נישט געקרימט ווערן.

פּעטערל, שווייגנדיק און פאַרטראַכט, שטייט דער יונגער פּעטערל אין זיין פריינטס אָרעמס. אַ שטייפער מבולבלער יונג, שטאַרק זיין, מענלעך זיין, פּעטער, אַ מאַן איז אַ מאַן, אַ מאַן יאָמערט נישט, אַ מאַן שרעקט זיך נישט!

— אַך, איך וואָלט אַמאָל נישט געוואָלט זיין קיין מאַן—

אַ משוגענער געדאַנק! און די פרוי וואַרט. אָ, ער וועט מוזן האָבן אין זיך מער מאַן, איידער ער איז עס! אַוועק, דו אַלט ווייב אין מענער-האַרץ. שלינג אַראָפּ. אַ וואָרטשעריי אין מאָגן! דאָס בלוט האָט מורא — הו! דאָס בלוט, נישט ער, פּעטער, די נשמה, דאָס בלוט גליווערט — אָ! אַ שוידערלעך געפיל, ווען דאָס הייסע בלוט גליווערט אַזוי!... אָ! אָה, לאָז מיך שוין אָפּ. עס מאַכט מיך נישט שטאַרק, פּאָל, נישט שטאַרק, ווען איך שפיר דיינע אָרעמס. איך ווער דערשטיקט, מיינע

קני! איך פֿאַל דאָך אום. וואָס מעסטער דו האַלסט מיך — — פֿאַרליר איך אַלץ מער די ערד אונטער זיך...

פּאַול האָט אים כמעט אָפּגעשטויסן פֿון זיך. ער האָט זיך אויסגעדרייט. פּעטער איז געלאָפֿן אונטן איבער דעם הויף, ער האָט נישט אַרויפֿגעקוקט, זיך נישט אומגעקוקט הינטערווײַלעכץ.

אין אויטאָמאָביל. שנעל! דער יונגער שאָפֿער האָט שטייענדיק אַ דריק געטון דעם פּעדאַל. אויף דער חתונה-רייזע. ס'איז נישטאָ קיין צו גרויסע געשווינדקייט. ווייטע שטחים. וועלדער, קאָרן, טייכן, שפּיצן, בערג, אויסגעשטערנטע נעכט, שלאָפֿנדיקע דערפֿער, רוישנדיקע שטעט.

און פּאַול האָט נאָך אַלץ נאָכגעקוקט פּעטערן. איין שעה, צוויי שעה. עס האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. איזאָלדעס קעץ האָבן זיך געדראַפּעט אויף די קראַטעס, און איינע פֿון זיי האָט גערופֿן; זי איז געווען אומרויִק, ס'האָט זי געשטויסן און געקראַמפּט. זי האָט געשריגן, דער אור-געשריי פֿון דער ליבע. ליבע? באַה, — תאווה און אינסטינקט! דראַנג און ליידנשאַפֿט!..

פּאַול האָט אים נאָך אַלץ נאָכגעקוקט. איצט, צי זענען זיי שוין אין האַלע איצט? און קעזן, די אַלטע בריק, שטייגערנע בויגנס, אונטער די שטערן איז די סאַלע אַזוי שיין, שטראָמענדע וואַסערן, שטילע ברעגעס, צעפֿאַלנדיקע פֿעסטונגען. ווי שפּעט איז שוין? דער רויטער אויטאָ גליטשט זיך שווייגנדיק איבערן ווייסן שאָסיי. וועלדער פֿאַרייניקן זיך איבער אים. און אין דער טונקלקייט ציט ער זי צו צו זיך, פּעטער אַנבאַן. און איצט גיט זי נאָך. ענדלעך, ענדלעך. אַנגאַ! דו גיסט נאָך, אַנגאַ! דו, ווייב,— — יאָ, אַנגאַ דערבאַרמט זיך, יאָ, זי גיט אים איר מויל, יאָ, דעם האַלז, יאָ! די קליינע ברוסטן! און ער דאַרף זיך אַראָפּבויגן צו איר. זי דריקט צו זיינע ליפּן צו איר האַרץ, דאָס נאַקעטע פֿלייש...

גלאָצט פּאַול מיט די אויגן; און אַ ניי בילד בלענדט-אויף. דער מאַרקפּלאַץ. ווײַמאַר, ערבפּרינץ, די פּירשן-צימערס. אַ רחבותדיק בעט מיט אַ געל-זיידענע דעק. גרויסע, הויכע גייס-

טער גייען אַרויס און אַריין, אַריין און אַרויס... ליבע, ליידנשאַפֿט, פֿאַרייניקונג, ערשט שטייט אויף דאָס טויטע תּחית המתים. קיין פֿאַרגאַנגענהייט איז שוין מער נישטאָ, די דאָזיקע שעה איז מעשה בראשית, דער אָנהויב פֿון דער וועלט. פּעטער נעמט אַרום אַננאַן. אַננאַ נעמט־אויף פּעטערן. פֿלייש! פֿלייש! און תּאווה ביז אויסגיין. אַלצדינג איז דאָס ערשטע מאָל!...

פּאַול האָט צוגעהאַקט די טיר הינטער זיך. עס איז געווען עלף אַזייגער ביינאַכט, אַ הייסע, דושנע נאַכט אין שטאָט. די קעץ האָבן אין זייער אומגעשטילטן, אומאָפּגעשוואַכטן באַגער נישט אויפֿגעהערט אַראָפּצוּוויינען אין הויף אַריין. זיין מאָגן האָט אים אַ בּרום געטון. צו אַלדע רוחות? פֿאַרמיטאָג — האַ! — חתונה־מאָלצייט — דער שנייאיקער ים־ראַק, די שוואַרצע סאַרנע, דער ווייַן. אָבער נאָך צוועלף שעה פֿאַרדייאונג האָט דער הונגער שוין ווידער געבּרומט אין בויך. פֿאַסקודנער בויך. ער שאַפֿט די געזעצן פֿון לעבן. וואָס איז פּאַול? — אַ פֿאַרמשפּטער. ער וויל זיין אונטער בוימער, באַשווערן די שטערן אין הימל, הערן דאָס וואַסער רוישן, און די גרויליקע אַלמאַכט פֿון בויך שטופּט אים נידערטרעכטיק אַריין אין אַ קנייפּע. ביר. קימל, יאָ, קימל, ווי הייס עס זאָל אים נישט זיין. און אַרבעס. אָך יאָ, פֿריילן, אַרבעס וויל איך. אויפֿגעוואַרעמט? נאָך בעסער. טאָ איז וואָס, אַז צוועלף אַזייגער? ווען מיך הונגערט צוועלף אַזייגער, הונגערט מיך. אַ שיין קינד דאָרטן. לאָז דאָרטן זיצן דיין מאַקס, דער פּאָקראַקע, זעסט נישט, ער צעקריכט דאָך דיר אין די הענט. זע נאָר, אַ פּאָר פּיס, ווי די בייגל פֿון זיינע לענדן. וואָס וועסטו דען האָבן פֿון אים? אַננאַ הייסטו?! אוי, אַ געלעכטער בנאמנות, אַננאַ הייסטו! דאָס איז אַן ענין! הער נאָר, היינט שלאָפֿסטו מיט מיר. ווייסט נישט, וואָס אַ מאַן איז, אויב דו ביסט נאָך מיט מיר נישט געשלאָפֿן! אָט האָסטו! טרינק! אַ זיסן? פֿריילן, האָט עץ קאַקאַאָ־ליקער? אָבער דאָס גאַנצע פֿלעשל. נו, אַזוי, טרינק! ממתּקים, פֿריילן? האָסט מורא? אָט האָסטו ממתּקים. מער, וויפֿל דו מיינסט, אַז ס'איז דאָ ממתּקים אויף דער וועלט. טרינק אויס, אַננאַ, טרינק. כ'האָב דיך ליב, אַ שיינער נאָמען:

אַננאַ. נעם דאָס פּלעשל אין מויל. וואָס ווילסטו, מענטש? דאָס איז דיינע? פון מיינטוועגן. ביז מאָרגן אינדערפרי, אַרום אַכט אַזייגער, איז זי אָבער מיינע! וועל איך זי דיר אָפּשיקן. וואָס? האָט דער מענטש עפּעס געזאָגט? — ווו איז ער שוין? האַ? זעט ער שוין? ער ליגט שוין! נו, מאַרש, טראָג זיך אַננאַ! מאַרש, אַננאַ! גייען מיר! דאָס איז אויך אַ „באַשיצער“, אַננאַ? לאָזט אים ליגן! דו ביסט מיינע! זאָלסטו מיר קענען!...

די ציינער האָבן געקריצט. פינגער ווי שטאָל. אַ מיידל גיט זיך איבער, זי זיפּצט שוין — אַאַה, — ווי זי טוט אַ פאַל אַריין אין אויטאָ! זי לעכצט שוין — אַאַה! — זי צעלייגט זיך שוין.

הײַ — — דאָס ווייב הייסט אַננאַ!

דאָס זענען געווען די גרויסע טעג. זיי האָבן זיך גאָרנישט געוואָלט ענדיקן.

ער איז שפּעט אויפגעשטאַנען, פּאַול, די פּאָלשע אַנגאַ איז געשלאָפן, און ער האָט זי נישט אויפגעוועקט, זי איז פאַרשלאָפן איר פּאַק-טיש, לעבנסמיטל-אָפּטיילונג ביי טיך. עס איז געווען ניין אַזייגער, זי האָט נאָך גאַנץ טיף געאָטעמט. שווייס איז איר געשטאַנען אויף די ליפּן. זי איז געווען אויפגעדעקט, אַ בלאַס מאָגער מיידל. דאָס איז געווען פּאַולס אַ וווינונג. אַ גאַס מיט ביימער, אַ שטילע אָנגענעמע גאַס, די דירה האָט געהערט צו אַ פרוי, אַן אלמנה נאָך אַן אַלטן פּאַסטער. זי האָט פאַרשטאַנען די וועלט. אין אירע צייטן אַמאָל איז געווען אַ ביסל גרינגער, אַביסל לייכטער האָבן געהאַט די יינגען, די מעטאָדן פון די פּאָליציאַנטן זענען נאָך געווען פּרימיטיווער און נישט סיסטעמאַטיש. דאַמאָלס איז כאַפּן איינעם זיי נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. זי האָט זייער שטאַרק פיינט געהאַט די „בלויע", זי וואָלט די יינגען, וואָס ביי איר, פאַרטיידיקט מיט פויסטן און רעוואָלווערן קעגן די „פּאָליפּן".

— נו, מוטער, — האָט פּאַול געזאָגט — טו זשע אַ קוק אויף דער קליינער, ווען זי וועט אויפשטיין. נאַ, גיב איר אָט דאָס. נאָכאַמאָל קומען זאָל זי נישט. איך גיי שוין אַוועק, צען

אַזייגער. טאָמער פֿרעגט עמעצער — דו ווייסט נישט. בין אַוועקגעפֿאָרן. האַנאָווער, ווו די ווילסט, איך וויל זיך נישט זען מיט קיינעם, ווייל איצט נישט אַרבעטן מיט זיי. אַדיע, מוטער. זייַ געזונט.

צען אַזייגער. צוועלף שעה נאָך ביז עס וועט ווידער פֿינסטער ווערן. די נאַכט איז ווי אַ באַהעלטעניש, וואָס מען קריכט אַריין אין איר, ווי אַ ליידנדיקע בהמה. אין ליכט איז מען אומבאַהאָלפֿן און פֿאַרראַטן, אַלע זעען: מורא האָט ער, די מורא טרייבט אים? וואָס איז מיט אים — מאָרד, גזלה?... בייטאָג שעמט מען זיך. די טאָג-געשפּענסטער זענען בייזער, ווי די אָנאויגנדיקע, בלינדע פֿון דער נאַכט. זיי קרימען זיך און מאַכן האַוואַיעס, אָבער די גייסטער פֿון דער נאַכט זענען דאָך אָנגענעם און שטום. אין אַן אָפּטיילונג פֿון גאַראַזש איז ער פֿאַרשטייבערט געזעסן אויפֿן אויטאָ-באָדן, מיטן קאָפּ אויפֿן אויסבעטעכץ— אַ — פֿאַרפּומירט זענען די ווענט! וואָס פֿאַר אַ פֿרויען האָט ער דאָ געבראַכט צוליב זיין תאווה! שיינע מיידלעך, צייַטיקע, זיס-וועלקנדיקע האָט ער פֿין דאַנעט אַוועקגעטראָגן, אויף וואַלד-וועגן, אויף פּיעניעס, בוימער זענען געשטאַנען איבער זיי אויף דער וואַך, און געשאָטן נאָדלען, בלעטער אויף זיין נאַקעטער פּלייצע. ווען ער האָט אויפֿגעאָטעמט האָט געשריגן אַ סאָווע, אַ דאַקס האָט געשאַרכט אין די בלעטער. און שטערן האָבן זיך פֿאַרטונקלט. פֿלעדערמייז האָבן שטילשווייַגדיק געשוועבט איבער אים... און ערשט שטייען זיי אַן אויגנבליק אין מיטן פֿון לבֿנה-ראַנד. די האָניק-געלע לבֿנה שטייט אין האָריזאָנט איבער די ווייצנפֿעלדער; די לבֿנה, באַזילבערט, קליין הויך אין זעניט איבער די שטילע אָזערעס, און זיי טובלען צווישן ליכט-וועזנס אין די וואַרעמע וואַסערן, קאַרפּן כאַפּן זיך אויף אין דעם שליים, דאָס מיידל טוט אַ געשריי. אַן אוראַלטער גליטשט זיך דורך די שענקלעך אין אַ שטורמישע ליידנשאַפֿט נעמט זי אַרום. אַזאַ ריח האָט געהאַט די אויסבעטעכץ פֿון אויטאָמאָביל. אָבער דורך דער שפּאַרע פֿון טיר האָט זיך אַרעט טאָג אַריינגעריסן. ס'איז שוין געווען נאָך מיטאָג. מ'דאַרף

עפּעס עסן. הון, רינדערן פֿלייש מאַכט שווער דאָס בלוט. פּרוכטן, ווייסער ווייַן. אינערלעך ווערן העל, ליכטיק. נישט אָנפּילן זיך מיט טונקעלע עסנס. אַ צאַרט יונג הינדל, נייַן, קיין האָן נישט, ווייל דער יונגסטער האָן איז שוין תאווהדיק. נייַן, אַן אומשול-דיק-געבליבן הינדעלע.

דאָס איז אַ פייַנער האָטעל, וואָס? דער זאַל איז אָפן צום גאָרטן. אַלצדינג איז בלוי פון האָרטענזיען, אַ שטילע אָנגענעמע בלויקייט, גלעטנדיקע, ווייכע בלויקייט. אַ בלויקייט פאַר בלאָנדינען מיט לאַנגע האָר. אויגעניע, דאָס איז געווען אויגעניע, העל-בלאָנד ווי ווייץ, די האָר ביז איבער דער שניי ווייסע טאַליע, תמיד אין בלויען, פון הוט און קלייד ביז צום לייבל און העמד. זיי האָבן מיך אָנגעקוקט. אַ שייַנער ברונעט. זיי האָבן געשמייכלט איבער זייערע גלאָז, הינטער זייערע באַגלייטער. צי וועט עס מיר אָפּגיילטן אָדער — — דאַנק — איך בין נישט געשטימט. ווייס פלייש. היינט איז דער טאָג פון ווייס, שטאַרק פלייש, דו, מיין טייערער, ביסט געל, ביסט נישט האַרט, ביסט נאָכגיביק אין פלייש; דיין ריח איז אַ צו שווערער, אויב דו ווילסט וואַרטן, מאָרגן אפשר. אפשר. איך קען דיר נישט צוזאָגן. זי טראָגט אַ רויטע רויז ביים מויל... אָך, דו אוצרל מיינס, און דיין פרייַנט ליבט דיך אַזוי שטאַרק. דו האָסט אים שוין?... צי איז עס נישט צום ברעכן, אַז איינער, קוים טוען זיי אַ קוק אויף אים, לויפט זיי שוין די סלינע איבערן מויל, און זיי מוזן פאַרדרייען מיט די פיס, אין אַ צווייטער — — איך וועל נעמען און מיך לאָזן אָפּגאָלן דעם קאָפּ און מיך אָפּשוואַרצן די ציין.

פיר אַזייגער ערשט. נאָכאַמאָל מאָקקאַ? דאָס וועט געבן נאָך אַ האַלבע שעה. איך וואָלט דאָך געקענט גיין ערגעץ און פאַרפירן עפּעס אַ סקאַנדאַלכל, אָנמאַכן אַ געשלעג, מעסער, שיסערייַ. אָדער אַוועקפאָרן מיטן אויטאָ. בייַנאַכט קען איך זייַן לעבן ים, באָדן זיך, שווימען, אַוועקשווימען, אַוועק, אַוועק. ווייטער, ווייטער, און קיינמאָל שוין נישט קומען צוריק, דער לייכטטורם שלאָגט ביז דענעמאַרק, און דאָ ווערט מען איינגעזונקען.

מ'זינקט. — אָדער גאָר קיין לידיאַ. מאַכן סקאַנדאַלן, שלאָגן זיך, קאָפּיען, ביי מערין אין דאָ אָפּיום-ליולקעס. אַ פּערנעט בראַנקאַ, אָבער! און פּאַפּיראָסן. אָ, מיין יינגל, ליבער יינגל, האָסטו עגיפּטישע? אָ, אָ, זאַני באָי...

בערלין שטינקט. לופט; מען דערשטיקט דאָך דאָ דאָס פּאַרקלעמטע האַרץ! פּונקט ווי פּאַר אַן עקזאַמען, ווי ביי דער ערשטער ריכטיקער פרוי — נאָך אַזויפיל קליינע מיידלעך, וואָס שפּילן זיך בלויז. די זון שטייט נאָך הויך איבער שאַרלאָטנבורג און ערשט קומען זיי שוין אַוודאי אָן אין האַמבורג. זיי זענען שוין אַריינגעקומען. זיי גייען שוין אַרויף צום דאָם. פּעטער זאָגט — — וואָס זאָגט פּעטער? יאָ, וואָס זאָגט אַ שטייגער פּעטער אין דעם אויגנבליק?... צי עקזיסטירט נאָך פּאַר אים אַ דאָם און סטאַטועס, — נאָך אָט דער נאַכט, ליבע-נאַכט, ערשטער נאַכט? און זי שפּאַרט זיך אָן אָן אים. באַצוווּנגען איז אַנגאַ. אַנגאַ האָט זיך איבערגעבן. פלייש אין פלייש...

אַלקאָהאָל אין דער שיין פון דער זון — דאָס איז גוט! פּפוי! דאָס קינסטלעכע, אומנאַטירלעכע ליכט מאַכט אים ערשט גיפטיק און באַרוישנדיק! אַזאַ מין „קאָבלער" נאָכמיטאָג-צייט, אָדער אַ „גרענאַדינע". אין טולאָן, דאָרטן האָב איך געזויפט גראַנאַדינעס אויפן בולוואַר קראָנשטאַט, און זיי האָבן געקענט אויפוועקן אַ טויטן. פאַנכאָן די מאַטראָזן-הור — פון דער רעכטער זייט איינער, פון דער לינקער זייט איינער, צוויי זיסע מאַטראָזן פון קרייצער ביים פּאָרט — און ווען איך האָב מיך צוגעטשעפּעט אַלס פערטער, איז ערשט געווען פּאַרטיק דער קאָמפּלעט, זי האָט געהאַט אַ שוועסטער, זי האָט אונז מאַסירט, זי האָט די קונץ געלערנט אין מאַראָקאָ. אָך, דאָס איז געווען אַ תענוג איבער אַלע תענוגים, אַ געסט איז בערלין, אַ הינער שטייג, יעדע זאַך איז דאָ אַ זינד, אַן עבירה. עקלהאַפטע קריסטלעכע זינד. עון דאָ אונטן איז אַלצדינג שטראָמענדיקע נאַטור, פרוכטבאַרע, בליענדיקע נאַטירלעכע נאַטור. איך ווער דאָך אומפּאָטענט. אויב עס איז נישט קיין נאַטור. דאָס, וואָס מען רופט דאָ אָן ראַפינעריע, דאָס שלאָגט מיך בלויז צום ברעכן,

עס קריכט מיר ממש אין האַלז. אָבער ווען דאָס איז די אמתע ליידנשאַפט, די נאַטור, דער איבערפלוס פון בלוט און זאַפט, וועט ער מיטמאַכן, מיין מוטערס קליינער, טייערער זינדל, פּאָולקע, פּאַולינאַ, דער קליינער ווילדער האָן, דאָס ביקל, אויף דער פּאַשע, דער צעלאָזענער יינגאַטש!

מיטאַמאָל האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט די מורא ביים נאַקן. ער האָט גאָרנישט געזען און זי האָט אים געשטויסן. ער איז געשפּרונגען און געפאַלן איבער זיך אַליין, איבער געשפּענסטער. עפּעס מוראדיקט איז געשען—אומעטום — און די כוואַליע טרעפן אים טיף אין דער נשמה. וואָס אַזעלכעס קומט דאָ פאָר — אין דרויסן — אַרום אים?... פּאָול! רופן אים שטימען פון אַלע זייטן. אַזוי פיל מענטשן קענען אים. ער לויפט זיי פאַרביי, ער מיידט זיי אויס, לאַכט זיגלאָז, ווינקט אין חלל אַריין. טייל-מאָל שטעלט ער זיך אָפּ און רעדט צו זיך אַליין. ער רעדט שנעל, לאַכנדיק און געמיין, ער הערט און ער זעט אַ רעדנדיקן מויל, גלאָצט אַריין געדאַנקענלאָז אין אַ פאַרליבטן פּנים קעגן אים — שיין מיידל! אַ פיינער יינג! — ער לאָזט זיי שטיין... זי האָט אים אַ טרייסל געטון, די קאַלטע האַנט אויפן נאַקן, אַן אייז-קאַלטע האַנט, עס שווינדערט אים ביז אין מאַרך. אָבער מיט-אַמאָל ווערט ער רויק און שטיל. די רויקייט גיסט זיך איבער אים, זאַפּט זיך איין אין אַלע זיינע קעמערלעך, די שרעק אַנט-לויפט פון אים. ער ווערט אויסגעלייזט פון דערדאָזיקער פיין, אַ רויקייט שפּרייט זיך אויס. זע נאָר, פּאַול, צוויי רויטע קירכעס, אַ גרויסע און אַ קליינע, קוקן אים אָן. עס איז דער נאַזאַרעט-קירכענפּלאַץ. עס איז די שול-גאַס. די פאַרנאַכטיקע זון פאַר-גיסט אים און דאָס הויז מיט ראָזן ליכט און אויף דער וועלט איז פּלוצלינג זומער-לעב געוואָרן.

אַכט אַזייגער. דאָס הויז איז שוין געשלאָסן. פּוכאַלקאַ דער לעטע-שוסטער אין קעלער, וואָס איז אויך אַ פּאָרטיער — ער האָט בעבלעך פאַר דעם פענצטער און זיסע אַרבעס, זיי האָבן געבליט, דער אַרבעס האָט געשמעקט זייער, זייער שטיל. פּאָול האָט זיך אַ טאַפּ געטון אין דער הינטערקעשענע. דאָ איז

געווען דער רעוואָלווער. ליגקס האָט ער געהאַט די שליסלען, פעטערס שליסלען פון הויז. און ווען ער איז שוין אויבן אויפן פערטן שטאָק, בלייבט ער שטיין אָפּצואָטעמען. משוגע ווילד איז ער אַרויפגעלאָפן אויבן, זעקס און נײַנציק טרעפּ; די מורא די מורא, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אונטן, וועלכע האָט אים נאָכגעיאָגט, נאָכגעלאָפן, ווייטער, ווייטער, אָנגעפאַלן, אָנגעכאַפּט, געוואָרגן! די דאָזיקע טיר איז ווי אַ מאַוזעליי; אינעווייניק איז אַלצדינג טויט, ליידיק, אָן אַ נשמה. אַפילו לינאַ איז אויף אור-לויב. די צימערן זענען קבֿרים-גריבער, יעדע זאַך אינעווייניק — אַ מומיע, בלויז די געשטאַלט פון לעבן איז נאָך דאָ. אָבער אונטער דער מאַסקע איז אַש, שטויב, צעפוילעניש. אָבער ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר. אָ, לייכטזיניקער פעטער, ער האָט נישט צוגעשלאָסן, נאָר בלויז צוגעהאַקט די טיר, ער האָט וועגן קיין שום זאַך נישט געטראַכט. וואָס גייט מיך דאָרט אָן, וואָס עס בלייבט דאָ איבער: אַנגאַ וואַרט דאָך... אָבער וואָס אַזוינס האָט ער געזאָגט? צי האָט ער נישט געשטאַמלט: איך טו תפילה צו איר — יאָ — אָבער צי האָב זי ליב?

ער האָט צוגעהאַקט הינטער זיך די טיר. אומעטום איז נאָך געווען פאַרנאַכטיק. די טירן זענען געשטאַנען אָפן אין דעם פינסטערן קאָרידאָר. די שאַפעס האָבן זיך געטוליעט פינסטער צו די ווענט, די שפיגל זענען געווען פאַרגליווערט ליכט. פון קיך איז נאָך אַלץ אַרויסגעדרונגען אַ ריח פון קאַווע. און ווען ער איז געשטאַנען שטיל, שווייגנדיק — האָט אים אַ שרעקלעך אומבאַקאַנט גליק אַרומגענומען דאָס האַרץ — ער האָט דער-שפירט לעבן אין דער וווינונג, פעטער איז נאָך דאָ, עס לעבט דאָ פון אים, דאָס פילט מען אין שטוב — — — און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען — האָט ער געהערט, ווי עס גראַבלט זיך אין קיך, — די מויז איז געבליבן. ער שלייכט זיך אַוועק אַהין, און צוויי קליינע פלינקע שאָטנס האָבן אַ שפרונג געטון פון דעם קיך-טיש. זע נאָר, דער נאַרישער פעטער! נאַריש קינד! ער האָט אַוועקגעלייגט דאָ שטיקלעך ברויט און ווייך-קערנער. ווו האָט ער דאָ געקראָגן יונגע ווייך-קערנער פאַר די געסט פון

זיין פֿאַרלאָזענער ווינונג — און אַ שטיק קעז, אַלצדינג אויף אַ ברעטל, מיט ליבשאַפֿט צוגעגרייט, ער האָט געטראַכט וועגן די בעלי חיים, ער, וואָס האָט פֿאַרגעסן אין די מענטשן צוליב דער פֿרוי. יאָ, ער האָט אים אויך פֿאַרגעסן, דעם ברודער פֿאָגל. ער דאַרף אים נישט מער. וואָלט נאָך אַנגאַ דאָ געווען וואָלט נאָך אפֿשר אַנדערש געווען, אָבער ער האָט שוין נישט געקענט, מען קען נאָר איינעם ליב האָבן, אַנדערש איז עס נישט די ליבע. ניין, פּעטערל, אַנגאַן האָסטו ליב, ווייבער-פֿלייש האָסטו ליב, און דעריבער — דו ביסט גאָרנישט מתפּלל צו איר, דו ווילסט זי פּשוט האָבן, דו ווילסט אַריין אין איר, זי איז דער מיטלפּונקט פֿון דיין וועלט. און דאָ ווילסטו הענגען, אָ; ווי דו הענגסט, זאָל דיר וויל באַקומען. פֿון מייַנטוועגן, גייט מיך אָן אַסך. גיי זיך דיין וועג.

ווי שיין עס זענען די דאָזיקע שטובן, דאָס אַלטע מעבל, געדרייטע זיילן, מיט פֿראַנזן ביי די אויסגעבעטע אָנלענען און באַזעצט מיט פּערלמוטער, מיט שנורן-פֿאַרנומענע פֿאָרהאַנגען, פּאָמפּאָניקעס, קוטאַסן — דאָס איז די אַלטע ליבע היים, היימיש גליק, גוטמוטיקע באַקוועמלעכקייט. אָ, דאָס אַלץ איז פֿאַראַן אינמיטן פֿון דער רווישנדיקער שטאָט! מיאוס! ס'איז קיינמאָל מיאוס נישט געווען. מען האָט געחוזקט איבער דעם, געלאַכט, און געוויצלט זיך! דו שענדלעכער פֿאָגל! צי לעבט דען נישט דאָס אַלץ? צי קען דען דאָס, וואָס עס לעבט, זיין מיאוס? ער האָט זיי געגלעט, דעם פּלעמישן בופֿעט, דאָס האָלץ פֿון דער קאַנאַפּע, און די שאַנק-שויבן פֿון דער פֿלאָרענטישער ביבליאָטעק; ער האָט צוגעלייגט דעם פּנים צו דעם רויטן פּליוש פֿון די פֿורהאַנגען, צו דעם קעלים פֿון דער עס-צימער-טיר. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם לוטער-שטול, ער האָט נישט ליכטיק געמאַכט און אין שטוב איז שוין געוואָרן גוט טונקל. אָט איז דער שרייב-טיש, אויפֿגערוימט, אָרנטלעך, אויף אים אינדערמיט ליגט אַ בוך. קען מען נאָך לייענען? פּאָעזיע — דאָ פּאָעזיע — ער האָט זיך צעלאַכט: מיין פּעטער! בנאמנות, אַ געפּרעסטע רויז פֿאַר אַ לייען-צייכן:

„געבענטשט לעבן. עבודה! מיט פאַרמאַטערטע הענט וויל איך פאַרטיליקן דאָס ערדישע אין מיר און צו פאַרענדיקן הימליש.”

מען דאַרף נישט לאַכן, ניין. פאַר אַסאַך איז עס אַ ביטערער ערנסט, אַ הייליקער ערנסט. פעטער האָט צוועלכעס אין קאָפּ און ער האָט זיך עס פאַרגעזאָגט. ערשט אפשר — ווערט שוין פינסטער אין באַמבערג, זיי שטייען ביידע פאַר דעם דאָם, אונטן לייכטן־אויף די לאַמטערנעס, און זיי זענען אומגעדולדיק. ערשט דערקענט פעטער די דאָזיקע פרוי. ער דאָט איר קערפּער אין געפיל, זיין ריח אין די נערוון, ער טראַכט וועגן גאָרנישט. פאַול איז ערגעץ ווייט פון אים, פאַרלוירן, פאַרגעסן, ער איז נישטאָ שוין. טאָ צו וואָס בין איך דאָ, פאַר וועמען? זיין פאַר מיר אַליין,׳ פאַר זיך אַליין עקזיסטירן — דאָס איז משוגעת — פאַרן מאַן אויך, נישט נאָר פאַר דער פרוי. דעם מאַנס ווערק — נו, לאַך שוין, גוטער־ברודער! — אַ ווערק! ווו איז זי, די פרוי, ווו האָב איך זי? ווען מ׳זאָל קענען אַזוי אַ קלאַפּ טון און צעטרייבערן די וועלט, אויפשטעלן האַרמאַטן — מלחמה איז דאָך אַ גרויסע זאַך, אַ זאַך פאַר מענער, אַסאַך שענער, ווי ליבע. דער גרעסטער תענוג איז, אומצוווארפן טורעמס, שיסן אין קאַטעדראַלעס, שטורמען דורך וואָלקנס און רעגענען מיט פייער. איך בין אַפּנים צו שפּעט געבוירן געוואָרן, איך וועל צו פרי פון דער וועלט גיין. נישטאָ קיין מלחמה. אַ לעבעדיקער יאָר צענדליק... שלעסער צעשמעלצן פאַנצער־פּלאַטעס אין שאַפעס אויפרייסן, שויבן אַרויסנעמען אָן אַ גערויש, שרענק אויסליידיקן — דאָס איז אַ נעבעכדיקער מענער־שפּאַס, פאַרלאַנגווייליקטע מענער טוען טאַקע עפּעס אַזוינס, אָפּגעלעגענער מוט שטעלט זיך איין אין קינדער־סכּנה. ווו איז דער ציטער און די ליידנשאַפט פון תּאווה, דער אָקסן־קאַמף, די זיסטע שרעק פאַרן טויט, דאָס לויערן מיט אַלע חושים, די גליענדיקע קאָנצענטראַציע, דאָס אַנטלויפן! ליבע?... באַה?... ליבע איז אַן עסק פאַר סעקונדאַנער. ניין, מען מוז טאַקע זיין אַן אַלפאָנס, אַן איינברעכער, און פאַרוואָס נישט זיין קיין רוצח? שויב מ׳האָט אין זיך גענוג מאַן...

אַך, דו פֿאַרלאָזענער פּאַול, קלײנער אײנזאַמער פּאַול אַט דער באַלקאָן, באָדנלאָזער אָפּגרונט. אין דעם נאַכטיקן נעפּל זענען פֿאַרזונקען די קוימענס, פּעטערס געליבטע אַכט רידיקע קוימענס בײַם מערבֿ־האַפֿן. דער באַלקאָן װיגט זיך אין דעם הײסן לײדיקן חלל, אָ, װי אײנזאַם דו ביסט מיר, פּאַול, קלײנער פּאַול, האָסט נאָך נישט געװוּסט דערפֿון, אָבער איצט — איצט קוקט עס דיך אָן, דאָס לײדיקע אויג, אָן בליק, אָן לעבן; װאָלט עס שוין געװען דער טויט, אָבער די אײנזאַמקײט מוז מען איבערלעבן. איצט איז דיר קאַלט, יאָ, קינד, ייִנגל, פֿײגעלע, קאַלט איז דיר, און קײנער איז נישטאָ, אײנער אַלײן ביסטו, דו װאָלסט געװײנט, װאָלסטו כאָטש געהערט עפּעס, זאָל זײַן כאָטש דײַן אײגענער זיפֿץ, אָבער דו קענסט נישט, נײן, ביסט שוין גרויס און שעמעװדיק און פֿאַרלעגן ביסטו. זײַ זשע מודה, אַז דו ביסט נאָך אַ קינד, אַ פֿאַרלוירן קינד אין גרויס שרעק.

ער איז צוריק אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב און זיך אַװעקגעזעצט בײַם שרײַב־טיש, ער האָט אַװעקגעלײגט דעם קאָפּ אויף אַ שרײַב־אונטערלאָגפּונלעש־פּאַש, עס איז געװען װײך און אײדל, װי סאַמעט, נײן, װי מענטשלעך לײַב. פּעטער? ר׳האָט געפֿרעגט עפּעס. נײן, מײדליש לײַב איז אַזוי. װי אַזוי איז מענער־לײַב? פּאַול האָט זיך אַלײן אַ גלעט געטון, ר׳האָט זיך גאָרנישט געקענט, אָ, שײן איז עס, װײך זענען דײַנע באַקן, פּאַול, ראַזירט, דײַנע ליפּן זענען גלאַט, אויף דײַן האַנט דאָס װײסע לײַב—צי קען דען מײדל־לײַב נאָך צאַרטער זײַן? טו אַ קוק אויף דײַן ברוסט, ייִנגל, זי הויבט זיך לאַנגזאַם, צי זענען אויגן נישט פֿאַרשיכורט געװאָרן, בעת זײ זענען געפֿאַלן אויף איר װײסקײט? װער האָט נאָך אויגן פֿאַר דעם שײנעם פּאַול? פּעטער האָט בלויז אַנגאַן אין די אויגן, ער זעט קײן שום זאַך נישט װײַטער, דער בלינדער פּעטער — —

און מיטאַמאָל האָט דער טעלעפֿאָן אָנגעהויבן צו קלינגען. ס׳האָט געהילכט לאַנג און גרילצנדיק.

— האַלאָ — האָט פּאַול געפּליסטעוועט.

אַ פרויען-שטימע האָט זאַכלעך גערעדט:

— ווייט-געשפּרעך, פון מייבינגען. וואַרט אונטער ביים אַפּאַראַט. מ׳רופט אייך אַרויס פון מייבינגען.

און דאַן האָט זיך געהערט אַ גערויש, די לופט פון בערלין ביז מייבינגען, דער וועלט-רוים צווישן מאַרק און טירינגען, דער דראָט אויף ווייטע מײַלן געשפּאַנט, אויפגעוויקלט פון פּאַולס האַרץ אָן, ביז העט, העט, אַזש צו — —

— האַלאָ! — האָט פּעטער געזאָגט פון דאָרטן... — האַלאָ, ווער איז דאָרט?

אָבער פּאַול האָט געשוויגן. אָן זיין האַרצן האָט זיך געריבן דער דראָט, אין וועלכן עס האָט געציטערט פּעטערס שטימע, ער האָט אַריינגערעדט אין זיין האַרץ, פּאַול האָט געשלונגען און געשלונגען, לסוף האָט זיין האַרץ געזאָגט:

— האַלאָ, פּעטער. דו אַלטער יונג, דאָס בין איך, פּאַול, ביים טעלעפאָן. דאָס איז דאָך קאָמיש, דו, נישט?

— ניין, גאָרנישט קאָמיש. איך — איך —

— נו, אַלזאָ, ברודער, און וואָס הערט זיך? יאָ, איך וואָלט געוואָלט אַ קוק געטון, ווי עס זעט אויס דאָרטן ביי דיר. איך קום נאָר וואָס אַרויף, און מיטאַמאָל קלינגט דער טעלעפאָן, צי איז עס נישט עפּעס אַ פאַרגעפּיל געווען, פּעטערל?... אַזוי, רעד-זשע! וואָס איז געשען, טייערער?

— גאָרנישט. איך — ס׳איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלן, כ׳האָב געשפּירט אַ באַדערפעניש דערצו, ווייסט דאָך, די אַלטע שטובן, איך האָב געטראַכט, אפשר, יאָ, אפשר איז עמעצער דאָ. אפשר איז שוין לינאַ צוריקגעקומען, אָדער פּאַול איז גראָד אַרויפגעקומען אַ קוק טון, צי ס׳איז עפּעס נישטאָ פון דער פּאָסט, און סתם אַזוי.

— יאָ, נו, האָט ער טאַקע אַ קוק געטון. ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג, אַלטער און — יאָ. זאָג נאָר — — און ווי אַזוי איז אין מייבינגען? און אַנבאַ — — ?

— יאָ, זעסטו, זי האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין סאַך.

מיר זענען סך־הכּל פאַרפאָרן ביז דאַנעט. יאָ, ערשט שלאָפט זי שוין — —

— שלאָפט שוין, ס׳איז איצט האַלב נײַן, מענטש, נאָך ליכטיקער טאָג אין דרויסן. דו, נו זאָג־זשע מיר, אַזוי פאַרמאַטערט האָסטו זי?

— — — — — —

— ביסט נאָך דאָ? פּעטער? האַלאָ!

— יאָ? פּאָול?

— נאָך אַמאָל, ביטע, איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

— האַלאָ! פּעטער! ווו ביסטו ערגעץ? און מאָרגן?

— מאָרגן, יאָ, וועלן מיר פאָרן ווייטער.

— און וואָס מאַכסטו עפּעס, גוטער־ברודער?

— איך זיץ איצט אין דרויסן, פאַרן האָטעל, אין גאָרטן. בײַ אַנגאַן איז נאָך ליכטיק, און מיטאַמאָל איז מיר אײַנגעפאַלן, איך זאָל רעדן מיט בערלין. אין פינף מינוט איז שוין געווען די פאַרבינדונג. איך זיץ ערשט אין דער ביורא, איינער אַליין. אין האָטעל איז גאָר ליידיק, אָט זע איך דורך דער גלעזענער טיר, דער שאָפער קומט פון גאַראַזש. ער גייט אַרויף. מסתּמא דאַרף אַנגאַ עפּעס באַזאָרגן מיט אים.

— פּעטער!

— יאָ? פּאָול?

— און דו? — ווען גייסטו שלאָפן? דו?

— אָ, איך שטער זי נישט. מיר האָבן באַזונדערע צימערן.

— הער נאָר! פּעטער! דו, הער נאָר, ביסט דו דען — — איז דען אַנגאַ נישט — —

— איר רעדט נאָך? — האָט זיך אַרײַנגעמישט דאָס פרײַלן זאָפֿיעך, הערשנדיק איבער דעם ערדישן, מען זעט זי במעט, מיט אַפּאָר צוגעפּעסטיקטע טרייבלעך, בלייך איז זי, אָנגעברוגזט, מיט צעריסענע נערוון, אויסגעדאַרט, מיט שפּינען־פינגער, האַלאָ!

נאָך אַמאָל:

— איר רעדט נאָך!

— יאָ, פרייל, ביטע, פריילן, נאָך אַמאָל דריי מינוט, ביטע זייער!

אַזוי העפלעך איז געווען פּעטערל. פּאָול האָט געגלאָצט צו דער באַלקאָן־טיר. הימל ביז מיינינגען, דער אָוונט־שטערן, וואָס שטייט דאָ איבער טעגעלס קוימענס, שטייט אויך איבערן שלאָס פון מייננינגען. ער וויל עס זאָגן:

— דו, פּעטער, זעסט אויך דעם אָוונט־שטערן?

ניין, ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט דערפון. דער נאַיווער פּאָול, האָט עס געוואָלט זאָגן, אָבער די מאַלפּישע חרפּה, ס'איז פּשוט אַ געלעכטער.

— אָ, דו לאַכסט, פּאָול, אַלטער פּאָול. איך בעט דיך, זייַ נאָך אַביסל בייַ מיר שטובן, יאָ? ווו זיצסטו, ביים שרייַבּטיש? איך האָב פאַרגעסן דאָס בוך, וואָס ליגט דאָרטן. ניין, שיק עס מיר נישט. איך האָב שוין נישט קיין געדולד צו לייענען.

— פאַרוואָס האָסטו נישט קיין געדולד, מענטש? צוליב איר אפשר, האַ? ציַ ביסטו, דו ביסט — — נו, זאָג־זשע מיר פאָרט, וואָס איז מיט דיר? מענטשנקינד!

— ציַ ביסטו גליקלעך, דו אַלטער?...

דער שטח האָט געזונגען אין דראָט. ביידע האָבן געהערט דעם ציטערנדיקן גערויש פון דער אומענדלעכקייט, הארץ און האַרץ זענען געווען די פּאָלן, די עקן, די וועלט־אַקס איז דורכגעגאַנגען דורך זיי, פּעטער און פּאָול, אַרום זיי האָט זיך איצט געדרייט די גאַנצע וועלט, אָבער זיי ביידע קענען זיך נישט דערגרייכן.

— פּעטער?

— יאָ? — פּאָול?

— נו, מענטש, נו, זייַ־זשע דאָך מוטיק. לאָז־זשע נישט אַראָפּ דעם קאָפּ. וואָס האָסטו דען?

— יאָ, פּאָול, שוין, אַ גוטע נאַכט.

— וואָס טוסטו אַצינד?

— עס איז דאָך נאָך פרי. כ'וועל נאָך אביסל אַרויסגיין און זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק אין גאָרטן. אַן אַלטער זיצט דאָרטן לעבן מיר. ער דערציילט מיר פון זיינע דריי זין, וואָס זענען אומגעקומען אין דער מלחמה. ביי אים איז עס נאָך, ווי עס וואָלט נעכטן געשען. וואָס איז דען צען יאָר, פּאָול? איין טאָג קען זיין לענגער, אַ נאַכט אייביק — —

— האַלאָ! פּאָול! ביסטו נאָך דאָ? פּאָול?

די אויסגעדאַרטע בלייבע פריילן:

— איר רעדט נאָך?

— אָך־יאָ, פריילן, נו, זאָל אייך נישט דאַרן דעם קאָפּ פאַר אונז. האַלאָ, פּעטער, אָבער אַצינד, ברודער, זאָג נאָר, ווו, למשל, קען איך דיר טרעפן מאָרגן? ווי ווייט ווילט איר פאָרן מאָרגן? אייערנעכטן בייגאַכט, יאָ, ס'איז געווען פיין, דאָס איז דאָך געווען אַ שטיקל עסק. נעכטן, געהאַט אַ מיידל אין בעט, יאָ, ווייסטו, און זי האָט געהייסן — קאָמיש. נו, ס'איז אַ נאַרישקייט. ניין! מוזט אין גיכן קומען צוריק, הערסט, דו יונג, מיין אַלטער. וועלן מיר ווידער אַוועקפאָרן ערגעץ. ס'אַרט דיר דאָך גאָרנישט. וועסט'אָך נישט לאָזן פּאָולן פאַלן, אַפילו ווען ער — — וואָס ברודערקע? ביסט אַ פיינער חברה־מאַן, האַלאָ, ביסט נאָך דאָ? מענטש? וואָס, ביסט שוין אַוועק? איך וואָלט דאָך געקענט מיטנעמען אַ מיידל? אויב דו אַליין — — וואָס, איז ביי דיר דען נישט גלייך, דו — — —

ס'האָט געקנאַקט, גערוישט אין דרויסן; ווייט, אין מיינינגען האָט זיך איבערגעריסן.

— האַלאָ! פּעטערל! אָבער זאָג מיר נאָך בלויז איין זאַך — ביסטו דען — — ווו ביסטו — — —

— דער צווייטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל — האָט געמאָלדן דאָס פריילן פון דער טעלעפאָן־סטאַציע און זיי פאַנאַנדערגעשיידט. מייניגגען איז פאַרזונקען געוואָרן אין רוים. איינזאַם איז פּאָול געבליבן אויף דער זייט. פּאָלאַר־איינזאַמקייט און קעלט. אין דרויסן האָט געפינקלט דער אָוונט שטערן —

איבער דעם מיינינגער שלאָס...

און אָט האָט ער אים געזען, ווי לעבעדיק, דעם גרויסן יינגל, ווי ער איז געזעסן אויף דער באַנק אין גאָרטן, און דער אַלטער נעבן אים איז שוין אַוועק. דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפט שוין. קעגנאיבער דעם האָטעל איז שטיל, פּעטער גלאָצט און גלאָצט מיט די אויגן. צוויי ליכטיקע פענסטער אויפן ערשטן שטאָק, אַננאַ... די פאָרהאַנגען וויען אַרויף און אַראָפּ, שוואַך, פּאַמעלעך. זיי וויען לופט אַריין. לופט פון לינדן-בוימער-בליעכץ, רויזן-לופט. און אַננאַ איז דאָ, ניין, זי שלאָפט נישט, אָבער זי וויל אים נישט האָבן, פּעטערן, ניין, נישט אין איר צימער, ער מוז שלאָפן ווייט, אין אַן אַנדער צימער, זי קען נישט הערן זיין אָטעם. ליבע?... זי דרייט זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע: וואַרט אונטער, שפּעטער, אפשר, וואַרט אונטער, אפשר...

און ער זיצט אונטער איר פענסטער, נעכטן, היינט, אין אַלע אייביקייטן... צי איז זי אַליין?... ווער איז ביי אַננאַן?... אַ קעלנער איז שוין מסתמא געווען ביי איר, ער האָט איר אַריינגעטראָגן דעם וויין, און זי האָט געקוקט אויף זיין האַנט, אַ האַרטע, ווייסע באַהאָריקטע האַנט, אַ פעסטע שטאַרקע האַנט פון אַ שוואַרצן מאַן. און אָט צאַפּלט אויף ביי איר דאָס פלייש, דאָס לייב שווידערט אויף: גלעט מיך, דו האַנט! האָט זי אים אַריינגעצויגן אין בעט אַריין. זי האָט געקלונגען נאָך אייז-וואַסער און ער קומט אַרויף. ער שמייכלט שוין, ער איז שוין צען יאָר קעלנער, פון נעאַפּל ביז קאָפּענהאַגן, ער קען זי שוין, ער ווייסט שוין. דאָס איז שוין אַזוי ווי אַלע מאָל. מ'באַצאָלט אים, אַנדערע מער, אַנדערע ווייניקער. אַ פרוי וועט זיך קיינמאָל נישט קווענקלען...

אונטער דעם פענסטער זיצט פּעטער. לינדן און רויזן, האַלונדער שמעקט, ווי מיט מענטש, ליידנשאַפטלעכער מענטש. האַלונדער שפּרייט זיך אויס אין די ביימער. זיינע פליטערלעך גליען ווייס אין דער טונקלקייט פון בוים. טריט הערן זיך פון דער ווייט. ביים וואָקזאַל קוילערן זיך טויב די רעדער פון אַ צוג, און אַ פייף שניידט זיך אין דער לופט פון אַ לאָקאָמאָטיוו,

וואָס שלעפּט זיך מיט אַ פּאָרע אַרויף אויף די בערג. לאַמטערנעס הענגען צווישן די בלעטער, אַ מאָטאָציקל רוישט פאַרביי, און ס׳איז שוין ווידער שטיל. צען אַזייגער, עלף אַזייגער. דער פּאַר־טיער גייט אַרויס פאַרן טיר און קוקט זיך אַרום. ווו איז ער, דער הער באָס? זיי זענען דאָך חתונה־רייזנדע, באַזונדערע צימערן, נישט געקוקט אויף דעם, דער גאַנצער קאָרידאָר ליגט צווישן זיי. קאָמישע חתונות מאַכט מען היינט. צי זוכט ער נישט אַמאָל עפּעס אַ שאַנס אין שטאָט, ניכיי וואָלט ער מיך געפרעגט, דער אויסגעשלאָסענער מאַן... און דער שאָפער. ער האָט אים געזען אַרויפגיין, צי איז ער שוין אַראָפּגעקומען! זי וועט דאָך פּאָרט נישט!... אָ, דאָס וואָלט געווען אַ חוזק!

פּעטער קורטשעט זיך איין אויף דער באַנק. איצט ווערט אַביסל קילער. צוועלף אַזייגער. אָ, איינזאַמקייט. פּאַולס שטימע איז פאַרקלונגען... צי ביסטו — צי ביסטו גליקלעך?... ער, ער האָט זיך גענומען אַ מיידל, ער האָט זיך געפרייט אין דער נאַכט פון מיין חתונה... וואָס איז דען אין מיר אַזוינס, אַננאַ הערסטו, איך בין דאָך נישט קרעציק, אַננאַ, איך בין קיינמאָל נישט קראַנק געוועזן, דו שטויסט מיך אָפּ פון זיך... נישט געזען, אַננאַ, נישט געהערט. אָבער דאָך, מיין שטאַמלען האָסטו דאָך געהערט — אַך, איך שוואַכער מענטש, וואָס איך בין! און דו זעסט מיך אַזוי עלנט, דערווידער בין איך דיר, אָ, אָבער וואָס אַזוינס האָב איך דיך געטון! אָבער ווען די מוטער זאָל זיך נישט מיאוסן, וואָלכטו?...

ער שאָקלט זיך. עס טוט אים וויי, ער בענקט, פאַר־מיאוסט זיין, אויסגעשלאָסן זיין —... פּאַול זעט אים אַזוי־אָ, ווי ער דרייט זיך, דער אומגליקלעכער נעבעך. נו, מאַרש ייִנגל, כאַפּט עס דער טייוול, שטעל אַ טריט, לאָז זי ליגן, קום צו מיר! איך וועל זי — —

פּאַול האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש. ער איז צו צום טעלעפאָן, אַראָפּגענומען ס׳טרייבל, און געשריגן:

— לאָז זי פאַרשטונקען ווערן, זאָל זי, די קורווע! דו האָסט געמיינט, אַז זי וועט ווערן אַן אַנדערע! שוטה איינער.

קום בעסער צו מיר — האַלאָ, יאָ, פריילן, הינטערשטאָטישע סטאַציע, וואָס, ניין, כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט, נישט געזידלט אייך. ר׳האָט דאָרטן מסתמא אַ פויגל ערגעץ, פריילן, איר האָט אים געהערט פּישטשען... הינטער — אָך, יאָ, טייערסטע, הינטערשטאָטישע. אַלזאָ, ביטע, מייבינגען — — וואָס? וואָס? פון וואַנעט זאָל איך עס וויסן? נומער? אַ באַנק אין גאָרטן. אַן איינזאַמער טרוימער אין מייבינגען. נו, זייט נישט אַזוי בייז, ליבלינג, ווען איר ווייסט, וואָס פאַר אַ שיינער מאַנספערשוין דאָ שטייט ביים אַפּאַראַט — אַ קושעלע דיר, האַרצעניו... מילא, איז נישט געפידלט!

מ׳קען נישט דערגרייכן, פעטערל, ס׳איז צו ווייט פון דאַנעט. אָט זיצסטו, מיין קליינער... אָ, ליבער האַרציקער גאָט, ווהין ביסטו פאַרקראָכן! און איך האָב דיך נאָך הינטערגעפירט, אַנשטאָט דעם, וואָס כ׳האָב געדאַרפט אָט דער שטיק נבלה אַ קאָפּ טון אין הינטן אַריין, און אַוועקשיקן זי צו אַלדי רוחות, האָלסטו זי דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פטור געוואָרן. אָבער ניין, איך האָב זי נאָך געטריבן צו דיר. איך האָב געזאָגט: ווי גאָט איז דיר ליב, און ציוויל-אַמט און אַ מאָלצייט און פאַול אומעטום שטענדיק אינמיטן, פּראָזיט, מזל טוב, צום ווייל דאָס יונגע פּאָר, גרייט זיך צו דער רייזע, חתונה-רייזע. אוי, מ׳קען פּלאַצן פון געלעכטער. פאַרוואָס ביסטו נישט מיטגעפאָרן, פאַול, מיט דייך מאַשין. איך וואָלט אים אין אַ שפּאַלט אַריינגעיאָגט. דאָס איז אַלץ איין חזירייַ. און אָט זיצט ער ערשט אין דער בלאָטע, דאָס אָפּגעבאַרטע קינד. אַזאַ צרה! זיצט אַליין. קלינגט אָן, בערלין, די וווינונג. כ׳האָב אַזוי געבענקט, פאַול, ס׳איז מיר באַנג, פאַול, צי ביסטו דאָ, פאַול...

יאָ, ר׳איז דאָ, פאַול! ר׳איז דאָ, אַלטעטשקער! שנעל, די מענטש! שנעלער זאָג איך דיר! וואָס זוכסטו נאָך דאָ? און דיר ווערט עס אַנטקעגן קומען, אַננאַ, זאָלסט וויסן, ווער איך בין, איך וועל דיך אָנלערנען! שיקסט אים אַוועק פון דיר. און ווען דו לייגסט זיך אין בעט אַריין... האָב איך עס דען נישט באַלד געוווּסט? אויף וואָס האָב איך זיך גערעכט? האָב איך עס דען

ניִשט — — האַלאָ! פּאַול! הײַ! צי האָסטו געוואָלט אַזוי?

ער האָט געטון אַ האַק צו די טיר, ער האָט אויך ניִשט פֿאַרשלאָסן. ער איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די טרעפּ. אויף דעם צווייטן שטאָק איז ער געבליבן שטיין.

— האָסטו עס אפשר, פּאַול, געוואָלט אַזוי? אַז ער אַל... הײליקער בימבאָם, איך וועל דאָך פֿון זינען אַראָפּ.

די גאַס. אַ טאַקסי. שנעלער, שנעלער, אויף אַכציק, קאָלעגע! פֿאָר, פֿאָר! מיט אַכציק. ס׳איז דאָך ניִשטאָ קיין מענטש אויפֿן גאַס. וואַרשעווער גאַס. קיין פּאָליציאַנט אין ערגעץ ניִשט. פֿאַרע, פֿאַרע! שנעלער! כ׳אײַל זיך זייער, קאָלעגע. סאַנטבערענס. מאַך צו. פֿינף און אַכציק. פֿײַן. קיין לעבעדיקן הונט זעט מען דאָך ניִשט אין דער ברונעם-גאַס. אָט איז די לאַטרינגער, דאָ פֿאָר איך מיט הונדערט. פֿרידריכס-וואַלד. הו, דאָס איז געווען אַמאָל, די זיסע חיה, דאָ האָב איך איר געזאָגט... אַננאַ, האָב איך געזאָגט — — צום טײַוול, איך האָב עס איר אַרײַנגעבראָכט, אָבער שאַדט ניִשט, איצט וועל איך אים אַרויסשלעפּן.

פּאַול האָט געלאַכט. פּאַול האָט געזונגען. ער האָט אָנגעפֿילט, און גוט באַקוקט דעם מאָטאָר. אין הויף האָט ער אויסגעפּיפּקעט אַ פּאַפּיראָס אין עטלעכע ציִ. ער האָט געטון אַ וואָרף אַרײַן זײַן טשעמאָדאַן אין וואָגן, אין גאָלן קאָפּ זיך געזעצט בײַם רעדל און—הײדאַ! פּאַמעלעך און ווייך איז ער אַרויסגעפֿאָרן פֿון גאַראַזש—און פֿאַרגעסן אים צו פֿאַרשליסן, דורך דעם הויף, דעם אַרײַנפֿאָר — אַלע טירן האָט ער געלאָזט אָפֿן. די וואַרשעווער איז געווען ליידיק. כמעט האַלבע נאַכט. וויפֿל שעה איז ער דאָ איצט געזעסן, אין פּעטערס שטול און טרוימענדיק זיך געוואָרפֿן און געטרייסט! פֿאָרלעך האָבן זיך נאָך לאַנג געוואַקלט פֿאַר די טויערן. ראַדיאָ, טאַנץ-מוזיק פֿון לאָנדאָן. ער איז געפֿאָרן אַהין, אַהין, אָט ער איז שוין אין ליכטערפֿעלד, גערטנער, גאַהילץ, אַ קאָרנפֿעלד און ליכטיקער שטערן. די לבנה איבער דעלהאַם... ער איז געפֿאָרן און זיך צוגעפֿייפֿט. אַכציק: דאָס איז גענוג. מײַנינגען, אַ קאַצן-שפּרונג. שלאָף, זונגעלע

מיינס, שלאָף, שלאָף. קענסט היינט רויק שלאָפן, כ׳וועל באַלד זיין ביי דיר, דיין פאָול, ס׳איז דאָך דיין פאַול, האָסט אים נישט פארזעצט, נישט פארגעסן, האָסט גע׳רופן: פאָול! און אָט קומט ער, דיין פאָול, ווארט אַ ווייל נקע, אַן אויגנבליק. אָט איז ער שוין, ד יי ן פאַול...

לבנה און וועלדער, טייכן, ווידער טייכן, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט: ער האָט זיי געוואָלט הערן, ווי זיי שעפּטשען אין דער נאַכט, רוישן אין דער טונקלקייט. ער האָט געוואָלט הערן דעם ווינט, ווי ער שווימט איבערן קאָרן און די בלעטער־קרוינען אינדערהויך. דער רוים האָט געאָטעמט, פּאַול האָט אים איינגעזויגן אין זיך. זיין האַרץ האָט אויפגעבליט אין אים. ווען ער איז אַרויף אויף אַ בערגל האָט ער געזען אַ געוויטער איבער דעם פּליין. עס איז איר נאָכגעלאָפן אַ רעגן, האָט אים דעריאָגט, און אים אַוועקגעטריבן פון דאַנעט. דער טאָג איז אויפגעגאַנגען. די ערד האָט פאַרשטומט, זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. די זון האָט דורכגעהאַקט דורך די וואָלקנס און דער טוי איז צערינען געוואָרן. פייגל, פייגל און אַזאַ ריח! דערפער קינדעריש אויסגעלייגט. שטעט ווי חלומות. בריקן פון מעשה־לעך. בערג, וואָס אַ ייִנגל שטעלט זיך פאָר, מיט וועלדער, אין וועלכע עס באַהאַלטן זיך ריטער און אין דעם שלאָס פון טירינגען זיצן די פּרינצעסינס ביים פענסטער און וואַרטן, ווי פרויען האָבן אַמאָל ליב געהאַט צו וואַרטן. געבוירן פון אַ וואַנזיניקער פאַנטאַזיע איז געווען דער דאָזיקער בלויער וואָגן אָן פערד, וואָס איז געפלויגן דורך אָט דעם מיטלאַלטער, דורך דער לאַנדשאַפט פון פאַרצייטנס, צווישן די ריטער, קאַרליקעס גזלנים און מכשפות, פאַרבלאָנדזשעטע קינדער און גוטע רוחות.

פּאַול האָט זיך צוגעפּייפט אַ ניגון. דריי אַזייגער איז טאָג געוואָרן. איצט איז ער שוין געווען די פינפטע שעה אונטערוועגנס. אין וויימאַר האָט ער געטרונקען קאַווע און אַרומגעצומען אַ מיידל, וואָס האָט געטראָגן מילך. אינדערפרי, פאַרמיטאָג איז ער אָנגעקומען אין מייַנינגען. אין צווייטן האָטעל, ווו ער האָט זיך געפרעגט, האָבן פּעטער באָס און זיין פרוי גענעכטיקט. נעכטן נאָכמיטאָג זענען זיי אַוועקגעפאָרן, אַרויף צו צו. אין דער ריכטונג פון אויבערהויף. מ׳האָט גערעדט פון באַמבערג. אַלזאָ — מאַרש!

פּאַול האָט געפרעגט אין יעדן דאָרף, ביי יעדער בענזין־שטעל. יאָ, ער איז געווען אויף זייער שפּור, פּעטערס טונקל־רויט פּאָיסין, ער האָט זיך דערנענטערט צו אים, דערנענטערט — ער האָט פאַרווישט די פיר און צוואַנציק שעה ווייטקייט צווישן זיי, און פּלוצלונג — האָט קיינער נישט געוווּסט פון זיי. אין ערגעץ נישט. אין איינעם אַ דאָרף האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. די דאַמע האָט געטרינקען לימאָנאַדע, נעכטן קעגן פאַרנאַכט איז עס געווען, דער שאָפער האָט געטרונקען מילך, דער הער איז געגאַנגען אין גאָרטן, די ציג האָט גראָד אַרויסגעטראָגן אירע הינטעלעך אויף דער זון. ער איז צו־היימיש געוואָרן מיט זיי און זיי צוגעזען. אַ שטילער הער, האָט געזאָגט די ווירטין, זי האָט גאָרנישט פאַרגעסן. די דאַמע איז געבליבן אין וואַגאָן, אַ שיינע דאַמע, אַן אויסלענדישע, ניין? ווו האָבן זיי גענעכטיקט ווו? פּאַול! די קריכערישער פּאַול! ער איז נישט געפאָרן דעם זעלביקן אָוונט, אין וועלכן פּעטער האָט גערעדט מיט אים דורכן טעלעפאָן: פּאַול ביסטו דאָ, פּאַול?

ער איז געפאָרן העט־העט איבער די בערג. דורך די פאַרכּשופטע וועלדער, זומער־וווינונגען פול מיט מענטשן, טעניס־פּלעצער, האָטעלן. אַ טונקל־רויטער פּאָיסין? יאָ, היינט אינדערפרי. וווּהין? ווער ווייס? נאָר איין דאַמע אַליין מיט אַ שאָפער, קיין שום הער נישט, אַ קעלנער ווייס עס געוויס, ער האָט סערווירט אויף דער טעראַסע דעם פרישטיק. דעם דאָזיקן פרי-

מאָרגן, יאָ, גאַנץ זיכער. פעטער — גאָט מיינער, ווו איז,
פעטער ?...

אָט איז אַ גרויסע שטאָט. שוויינפורט, ווי ? אַזוי פיל האָ-
טעלן... אַזוי פיל אויטאָמאָבילן זענען שוין היינט דורכגעפאָרן,
ווער קען דען עפעס וויסן. דאָך, אפשר, פאָרט, אַ גרויסער,
טונקל-רויטער רייזע-אויטאָמאָביל — — יאָ, אפשר. ניין, געווים,
טונקל-רויט, אַ פראַנצויזישער אויטאָ, אַ דאַמע אַליין — —

וואָס איז מיט פעטערן ?

פּאַול איז אַרומגעפאָרן איבער דער געגנט, ער איז גע-
פאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס איז שוין געווען
נאָכמיטאָג. ער האָט אָפּגעשטעלט פעלד-זשאַנדאַרן, ער האָט זיך
געפרעגט ביי פויערים אין פעלד, פּאָסט-באַאַמטע אויף די ראָ-
ווערן ; ער האָט אָפּגעהאַלטן אויטאָמאָבילן, ער האָט טעלעפאָנירט
קיין באַמבערג אין צוויי האָטעלן, און לסוף איז ער אַרויפגע-
פאָרן צו אַ קלויסטער. דער קלויסטער פון „פערצן הייליקע"
האָט געהאַט ווייסע מויערן, ער איז געשטאַנען אין אַ פאַרצוי-
בערטן וואַלד, אָ, אַן אויסזיכט אונטן אין טאָל ! וואָס זעט זיך
דאָרטן אַרויס ? באַמבערג ! ניין, דאָרט זענען זיי נישט. ער האָט זיך
אויסגעדרייט און אַראָפּגעפאָרן צוריק, נישט איינהאַלטנדיק דעם
טאָרמאַז, אָבער באַלד דערנאָך איז ער ווידער אַרויפגעפאָרן, עס
איז געווען אַ קלויסטער מיט אַ קירכע... אָ, זאָגט מיר, כ'בעט
אייך, אַ טונקל-רויטער — — דער אַלטער גלח האָט זיך דער-
שראָקן : אַ ווילדער יינג האָט אים אַרומגענומען, אַ ווילדער
יינג האָט אים געקושט... יאָ, ער האָט זיי געזען, זיי זענען
געווען טאַקע אין דער קירכע, דעם נאָכמיטאָג, דער הער האָט
געזאָגט אַננאַ, זיי זענען זאַלבעדריט געשטאַנען פאַר אַן אַננאַ,
אַן איטאַליענישן בילד, אַ בלאַסער הער, ער איז קראַנק, נישט
אמת ? זיינע אויגן זענען געווען אויגן פון אַ בעל יסורים. צי
קען מען בעטן פאַר זיי ? — האָט געפרעגט דער נישט איינגע-
האַלטענער יינג, בעטן פאַר אים, נישט אמת ? ער האָט נישט
געלאַכט דער אומגלויביקער, אַ פרומקייט איז אים באַפאַלן, ווי
אַ מיידל, און ער האָט מנדב געווען געלט. זיי וועלן תפילה

טון פאַר אים... איר זענט אַ גוטער מענטש, ערווירדיקער פּאָטער; אויב איר בענטשט עמעצן און איר גיט אים אַ ברכה, איז ער געוויס געהאָלפן, אָבער נישט דעם הימל דאַרף מען אויסבעטן פאַר אים, פּאָטערל, ניין, נאָר די ערד, די שיינע, בליענדיקע, ליבע ערד. זיי זענען געפאָרן אַהין, ניין, נישט אין שטאָט אַריין, ניין, אויף דעם וועג, דורך דאַנעט, קומט מען אין ביירוט. צו וואָס זענען זיי געפאָרן אין ביירוט? די פעסט-שפּילן? צי איז פעטער משוגע געוואָרן? אָדער האָט אַננאַ געוואָלט קיין ביירוט?... גאָט מיינער, דאָס איז דאָך נישט קיין וועג צו שטראַסבורג, פּאַריז, אַנטלאַנטיק. וווהין זענען זיי געפאָרן, ווער זיצט דאָרטן ביים רעדל? וואָס פאַר אַ קאַפּריז פירט אָן מיט זיי?

פּאַול — ניין, ער האָט נישט געלאַכט פון זיך, וואָס ער האָט געבעטן מען זאָל תפילה טון פאַר זיי, אָך, ער איז געווען משוגע. ער האָט אַ דריק געטון דעם טאָרמאַז, די רייפן האָבן געראַשט, ער איז ממש פון זינען אַראָפּ. היינט אָוונט — ווען ער געפינט זיי! ער וואָלט זיך נאָך היינט אָנגעשיכורט. אָט פאָרט ער זיי נאָך, ס'איז דאָך משוגעת, ס'איז דאָך זינלאָז! וואָס טוט זיך מיט אים! ס'איז דאָך אַלץ אין אָרדענונג, זענען געזונט, פאָרן זיך אַרום, באַקוקן זיך קירכעס, ווי חתונה-רייזנדע! פאָרן זיך גוטמוטיק אַרום איבערן לאַנד, יאָ, איצט וועט ער זיך פּשוט אומקערן צוריק, ער וועט דאָך נישט נעמען און מאַכן פון זיך אַ חוזק, משוגענער, וואָס האָט ער דאָ מורא געהאַט? ס'פעלט אים עפּעס אַ קלעפּקע אין קאָפּ! פּאַול, ביסט אַ אידיאָט! אַ לונגנלעבער ביים נאָז, נו, כאַפּ זיך אויף, פּאַול! דו יאָגסט זיי און יאָגסט זיי, אַ שלאַק זאָל דיר טרעפן!

די טונקלקייט שטראָמט פון די וועלדער, דער מאָטער רוישט יעדעס מאָל באַרג-אַרויף, ווו עס לייכט זיך דורך דורך די ביימער. יאָ, דער ערשטער שטערן איז אויפגעגאַנגען. די גרויסע רעפלעקטאָרן, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, האָבן געשראָקן די נאַכט, ווו דער וואַלד האָט זיך געשלאָסן, געדיכט געוואָרן. אַ שווערער פויגל איז אַראָפּגעפאַלן פון דערהויך און צוויי סאַרנעס האָבן איבערגעקרייצט דעם וועג. און אָט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ

פליין אינדערהויך, בערגלעך זענען געשטאַנען שוואַרץ הינטער פּאַסן גאָלד אויפן האָריזאָנט, און צווישן די פעלדער איז מיט־אַמאָל שווייגנדיק אויסגעוואַקסן אַ קליין שטעטעלע, מיט לאַמ־טערנעס און ליכטיקע פענסטער, אָפענע טירן און גערטנער, ווינקלדיקע גאַסן, דעכער־שפּיצן, אַ קירך־פּלאַץ, אַ מאַרק, אַ ברו־נעם, וואָס האָט געפּלוסקעט, אַ באַלויכטענע אַפּטייק, אַ האָטעל, פאַרן האָטעל אַ גאָרטן. אין הויז איז פינסטער. נאָר אונטן איז ליכטיק, און דעם אויפנעם־זאַל, און אויפן ערשטן שטאָק זענען צוויי פענסטער מיט ווייסע פאָרהאַנגען געווען ליכטיק...

אין דעם גאָרטן איז געזעסן פּעטער...

פּאַול האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פּלויט און אים אָנגע־קוקט. פּעטער איז געזעסן אויף אַ באַנק לעבן אַ טיש פאַר אַ פלאַש מיט וויין, צוויי גלעזער. דער שאָפער האָט פאַרגעסן זיין היטל, ער האָט געמוזט טרינקען מיט אָט דעם נאַרישן יינג, קען נישט זיין אַליין! פּעטער! פּעטערל! דו עלנטער נעבעך ס׳איז דיר באַנגלעך געוואָרן, האָסט מורא געהאַט, האָסטו מסתמא ווי־דער געקלונגען, קיין בערלין, וועדינג, שולגאַס, און דו האָסט זיך צוגעהאָרכט, עס האָט געקלונגען, יאָ, האָסט געהערט, עס האָט געקלונגען, ניין, קיינער נישט, ניין, ווו איז פּאַול? „אַרויסגערופענער מעלדעט זיך נישט” — זאָגט דאָס פריילן פון דער טעלעפאָן־סטאַציע. און פּעטער בלייבט שטיין, מיטן טרייבל ביים אויער, ער קען נישט אַוועקגיין. עס איז נישט מעגלעך, פּאַול! פּאַול! איך רוף דאָך דיך, ווו ביסטו ערגעץ? אָט בין איך דאָ און דאַרף דיך האָבן — —

אַ לאַמטערנע איז געשטאַנען אין גאָרטן און באַלויכטן דעם טיש און דעם מענטשן. ער האָט כסדר געגלאָצט אויף די ביידע באַלויכטענע פענסטער אין ערשטן שטאָק, ער האָט אינ־גאַנצן נישט געהערט, ווי ס׳איז צוגעפאָרן דער אויטאָ לעבן פּלויט און זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס ווי פאַרטראַגן הויבט ער אויף דאָס גלאָז, וואָס איז געווען ליידיק, אַוועקגעשטעלט עס צוריק, נישט נעמענדיק עס צום מויל. ער האָט גאָרנישט גע־ווּסט, ער האָט געזען בלויז די צוויי באַלויכטענע פענסטער,

אזוי זיצט ער שוין די דריטע נאַכט. חתונה-נאַכט, האָניק-נאַכט, אַרויסגעוואָרפן אונטער די באַלויכטענע פענסטער, שווידערלעך איינזאַם, פאַרשטויסן, פאַרזונקען.

און איצט האָט ער אָנגעקוקט פאַולן, דעם פאַול, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיין טיש, צי חלומט זיך אים? ער שאָקלט מיטן קאָפּ, ער טוט זאָגאַר אַ שמייכל, דאָס שמייכעלע—אָ, מיין פאַול, זע נאָר דאָס שמייכעלע, צערטלעכער פאַול, דו קענסט עס זען און דו שטייסט דאָ און דו טוסט גאָרנישט:

— פעטער!

ער טרייסלט אים, ער בויגט זיך אַראָפּ צו אים, ער לאַכט, יאָ, ער לאַכט און זאָגט:

— יינג! אָט פאַל איך דירעקט אַראָפּ פון דער לבנה. האָסט נישט קיין ווערטער? ניין, דו, מענטשנקינד, אַ משוגעת האָב איך אין קאָפּ, וואָס? און אַ קונץ אַזאַ האָב איך אייך אויסצוזוכן. אָבער, נו, זאָג נאָר, ער זיצט זיך אַזוי. חלומט אין דער נאַכט אַריין, געטרונקען, אָ, יאַהאַניסבערגער, אָבער אַנטשולדיק, און די מאַדאַם? ווו איז די מאַדאַם?

דראָענדיק:

— פאַרוואָס איז דער הער איצט נישט ביי דער מאַדאַם!

פעטער איז שטום. ער האַלט פאַולן פעסט, ער ציטערט. ער האַלט אים צו שטאַרק, אויפן אַנדערן טאָג האָט פאַול געהאַט בלויע צייכנס אויפן אָרעם—פעטערס פינגער, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אָן אים, ווי ער וואָלט זיך געטרונקען. עס האָט אים אויסגעפעלט לויפט צום אָטעמען, ער האָט נישט געקענט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— פאַול!

פאַול האָט ער געקענט זאָגן, און אַלטער יינג האָט ער געזאָגט און ער האָט געלאַכט. דאָס איז נישט צו הערן, פאַול, ניין, דאָס קען מען שוין נישט הערן, פעטער לאַכט, פאַול הערט פעטערן דאָס ערשטע מאָל לאַכן, און ער זאָגט:

— זי האָט דיך משוגע געמאַכט. זי האָט דאָך דיר משוגע געמאַכט, מענטש, — שרייט פאַול.

— ששש! שטילער! — האָט געפּליסטערט פּעטער — זי איז דאָ־אָ אינדערהויך.

— קום מיט — האָט פּאַול געזאָגט. — קום מיט מיט מיר. מאַרש.

— אָ, — האָט פּעטער געענטפערט — אָ, אַוועקגיין פון איר! ברודער, קענסט זיך פאָרשטעלן. אננאַ —

— זי איז דאָ אויבן אינדערהויך? נו, הער אויס, איך גיי אַרויף רעדן מיט איר.

פּעטער האָט אים צוגעהאַלטן. ער איז אויפגעשפּרונגען, ער האָט אים צוגעצויגן צו זיך. האָט זיך צוגעטוליעט צו אים. האָט צוגעלייגט זיין פּנים צו פּאַולס פּנים. אָ ליבער, גרויסער איינציקער גאָט אין הימל, צו אַלדע שוואַרץ יאָר; אָ פאַרפוילטע באַנדע! אָ פאַרשאָלטענע שטיק נקבה!... פּעטערס פּנים איז נאַס, ער וויינט, יאָ, אָ, דו הינטישע פּגירה, פּאַסקודנע לייזיקע נקבה! דו קורווע דו, דו שטיק דרעק מיט מיסט! טרערן — טרערן! פּעטערס טרערן רינען אַראָפּ פּאַולן אין האַלז, ער וויינט שטילערהייט, מיין ייִנג, ער קלאַמערט זיך אָן פּאַולן, ער שעפּטשעט, ווי אַ וואַנזיניקער:

— ניין, ניין, גיי נישט, הער זיך איין, גיי נישט צו איר, איך ווייס — — — זי האָט אַ מאַן ביי זיך — — — — —

— — — — — — — — — — — —

ער האָט אַ קרעכץ געטון. פּאַול האָט אים אַ שטויס געטון אין דער ברוסט. ער איז אומגעפאַלן אויף דער באַנק.

— דו בלייב דאָ — האָט פּאַול געזאָגט — דאָ בלייבסטו. וואַרט אונטער אַ ווייַלע. ס'וועט לאַנג נישט דויערן...

די צוויי פּענסטער אויפן ערשטן שטאָק זענען געווען ליכטיק, פרידלעך ליכטיק, אָ, נישט מעגלעך, אַז הינטער זיי זאָל שטיין אַ בעט, אַ נאַקעט ווייב, אַ מאַן, אַ פרעמדער מאַן, און דער אייגענער מאַן זאָל שטיין פאַרן פּענסטער. אייפערזוכט, אייפערזיכטיקער, אָן אָפּגענאַרטער! פּעטער האָט געזען, ווי פּאַול איז אַריינגעגאַנגען אין האָטעל. און ערשט איז אָנגעקומען דער שאָפער, ער איז געווען דערשטוינט און זיך געגרוסט.

פּאָול האָט אים נישט געזען. דער שאָפער איז געקומען צונעמען דאָס פּאַרגעסענע היטל, ער זאָגט נאָכאַמאָל אַ גוטע נאַכט. ער איז אַביסל אומדרייסט, ער האָט שוין מיט אַנדערע הערן גע-טרונקען, האָט שוין מיט אַנדערע הערן געמוזט אַמאָל מיטגיין צו מיידלעך. פאַראַן אַזעלכע באַלעבאַטים, וואָס זיי מאַכט עס שפּאַס, זיי ווילן זיך, ווען זיי נעמען מיט דעם שאָפער מיט זיך... אין אָט די הייזער, יאָ, אָבער דאָ ווייס ער נישט, צי זאָל ער דעם דאָזיקן יונגן הער זיינעם, וואָס האָט די יונגע פרוי — — אַ גוטער נאַכט. ער לויפט אַוועק, אין זיין צימער. היינט האָט דאָך די יונגע דאַמע געפּאַקט עפּעס אַן אַנדערן, און אין דער ערשטער נאַכט, אייערנעכטן, מיין גאָט — — ער לויפט און וואָס-זשע וויל ערשט דער הער פּאָול ביי איר, יאָ, אָט די חשובע לייט — —

— אַ גוטע נאַכט — האָט פּעטער געענטפערט. אָבער דער שאָפער איז שוין נישט געווען. די צוויי באַלויכטענע פענסטער, די שטילע פאַרהאַנגען. און פּלוצלונג האָט זיך אַ טיר געטון אַ האַק צו אויפן שלאָס! די פאַרהאַנגען האָבן אַ ציטער געטון. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך דערשראָקן, עס איז זיכער געווען אַ טיר אָט דער קלאַפּ. זיכער נישט קיין שאָס. אַ טיר! פּאָול האָט צוגעהאַקט הינטער זיך די טיר. און איצט, וואָס זאָגט ער איר? זי איז דאָך נישט אַליין, ער מוז אים נאָך—פאַרשטעל דיך פּעטער, קוק נישט אַריין, זע נישט דאָרטן! ער וויל נישט וויסן, ער טראַכט גאָרנישט. וויפיל דער זייגער קען איצט זיין, צוויי מינוט זעגען אַוועק, דריי מינוט אָבער די גאַנצע נאַכט? פּאָול רירט אים אָן...

פּאָול האָט געזאָגט שטילערהייט:

— קום, מיין טייערער, מיר וועלן אָפּפאָרן. קענסט לאָזן דאָ דיין קופער, וועסט זיך באַגיין אָן אים.

זייער זאַנפט און צערטלעך, מיין פּאָול. ער האָט אַ גלעט געטון פּעטערס קאָפּ. האָט אים אויפגעהויבן...

די פענסטער זענען געווען ליכטיק. די פוירהאַנגגען האָבן זיך נישט באַוועגט, אַזוי פרידלעך, אַזוי רויק.

ער איז מיטגעגאַנגען מיט פּאָולן.

עס איז וווּנדערבאַר, ער גייט ביי אַ גרויסע פעסטע האַנט און זי שטופּט אים אַריין אין דעם בלויען אויטאָ־מאָביל.

פּאָול פאָרט שוין, יאָ, ער פאָרט און דאָס הויז מיט די צוויי העלע פענסטער זענען שוין פאַרשווּנדן פון אויג. דער האָלונדער אין גאָרטן שמעקט נאָך, ניין, דאָס איז שוין האָלוב־דער ביים שאָסיי, אין דרויסן, הינטער דער אומבאַקאַנטער נאָ־מענלאָזער שטאָט.

די שטאָט איז שוין פאַרשווּנדן געוואָרן, ס'איז שוין גאָר נישטאָ מער פאַר די אויגן.

פאַרשווּנדן.

ער האָט זי קיינמאָל נישט געקושט, קיינמאָל האָט ער אַנגאַן נישט געקושט.

איז דאָ אַן אַננאַ? וואָרט־צו. שפּעטער. וואָס זאָגט זי? יאָ: וואָרט אונטער, שפּעטער.

זי קערט זיך אָפּ. דיינע באַקן, אַננאַ. אַ גוטע נאַכט. ביי דער טיר (אָ, פּעטער, דיין האַרץ!) איינהאָרכן זיך. איר אָטעם!

זי אָטעמט אַזוי שטיל, אָבער אין דער ליבע, אָ, אין דער ליבע, סאָפּעט זי הויך?...

וואָס ווייסט ער דען פון אַננאַן? ער האָט עס קיינמאָל נישט געבראַכט פאַרן מויל: איך האָב דיך ליב — — קיינמאָל נישט: אַ קוש, אַננאַ — — ער האָט זי קיינמאָל נישט גע־קושט — —

ער האָט אַ פאַל געטון אויף פאָרנט, פּאָול האָט האַסטיק אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ.

פּאָול האָט זיך אויסגעדרייט צו אים. ער האָט גע־שריגן:

— הער נאַר, דו, די טיר האָט זי צומאָל נישט פאַר־שלאָסן!...

און באַלד ווייטער געפאָרן... עס איז געווען אַ פאַר־וואָלקנטע נאַכט, אָן שטערן, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בענזין־סטאַציע.

די סירענע האָט שרייענדיק אויפגעוועקט דעם וועכטער. זיי האָבן אָנגעטרינקען די מאַשין.

יאָ, פון בערלין, האָט פּאַול געזאָגט. אַ שיינער הישפּאַנ־יאָ סוּיִציאָ, אמת?

ווי ווייט האָבן מיר נאָך קיין ווירצבורג? יאָ, אַלטיטש־קער, יאָ, שפּעטער, היידעלבערג, פאַרדריסט מיר זייער, זענט נעבעך גוט געשלאָפן, מיר דאַרפן אַריבער קיין פראַנקרייך, מיר איילן זיך שטאַרק. יאָ, דער זייגער איז איצט עלף, האַ?

אַ סאָווע האָט געשריגן הינטערן דאָרף.

— ביסט נישט הונגעריק? — האָט פּאַול געזאָגט. ער איז געווען אַזוי צערטלעך, דער פּאַול, אַזוי באמנותדיק: — ביסט אפשר מיד? טאָ שלאָף איין. מעגסט זיין רויק. ביסט אין זיכע־רע הענט. מאַך צו די אויגן. ס׳איז אַלצדינג אין אָרדענונג. דאַרפסט שוין מער קיין מורא נישט האָבן, זי וועט דיך שוין מער נישט קרענקען. ביסט שוין מער נישט אומגליקלעך. ביסט ביי מיר.

ער האָט אים אַ שטויס געטון און געזאָגט הייזעריק:

— און אפשר ווילסטו אַוועק? יאָ, סטאָפּ! זיץ אַרויס, זיץ אַרויס, לויף צוריק. האָסט דאָך גאָרנישט געטון. דער בחור, וואָס איך האָב איר אַרויסגעוואָרפן פון בעט, — זי איז געווען באַקעט און זי האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין די קליידער, זי האָט זיך, ווייזט אויס, זייער געאיילט — דער בחור האָט מיך דאָך געזען. ווילסטו פּעטער? ווילסטו?

פּעטער האָט אויסגעצויגן דעם פוס. ער האָט געזוכט דעם גאַז־טרעטער.

— ווייטער, פּאַול, ווייטער!

— שווידערט דיך נישט, ברודער? דו קענסט מיך לאָזן

אַליין. וואָס ווילסטו דען בײַ מיר? ווילסטו דען בלײַבן מיט מיר? ווילסטו דען זײַן מיט מיר, דו, באמת, אָ, גוטער ברודער, האַרציקער, מיט מיר? זײַ זיך גוט מיישב, עס איז נאָך צײַט.

— ווײַטער, פּאַול.

— פאַרוואָס פרעגסטו נישט? — שרײַט פּאַול — מענטש, ווייסטו דען? האָסטו דען געזען? ווילסטו נישט וויסן, מענטש!

— ווײַטער, פּאַול!

פופציק, זיבעציק, נײַנציק קילאָמעטער, וואַלד, וואַלד, אַ ליכטיקייט.

אַ הײַזל פון אַ באַן-וועכטער, שינעס. פּאַול דריקט די סי-רענע. אַ מאַן קומט אַרויס פון הײַזל. פּאַול האָט אים עפּעס געפרעגט און איז געפאָרן פאַמעלעך ווײַטער.

— ער זאָל גוט באַמערקן דעם נומער — האָט ער געזאָגט.

פיר אַזייגער האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. זיי האָבן אָנגע-טראָפן אַ פויער מיט אַ קו, דאָס דאָרף הינטער אים איז נאָך געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. פּאַול האָט ווידער געפרעגט:

— ווײַטער.

עס איז קיל געוואָרן. דער ריח פון די בערג איז געווען רייצנדיק, ווי אַ געטראַנק.

דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרציען מיט כמאַרעס, די ערשטע באַגינען-ראָזיקייט, זייער בלאַס, האָט אַדורכגעשײַנט פון הינטער אַ וואָלקן.

אַ קרייץ-וועג.

— אַזוי, ערשט האָט מען אונז געזען.

ער האָט זיך פאַרנומען צו צפון-מערב. ווען מ'איז אַרײַן אין וואַלד, האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

ער האָט גערעדט. ער האָט אויפגעעפנט דאָס קעסטל פון מכשירים, און פעטער האָט געזען, ווי פּאַול האָט איבערגע-טוישט דאָס בלעכל מיטן נומער.

ער האָט אַרויסגענומען אַן אַנדערס פון דעם קעסטל און

דאָס פריערדיקע מיט אַ גרויסן בויגן פאַרוואָרפן אין דער וואַלד-געדיכטעניש.

ער איז געגאַנגען זען, צי ס'בלעכל איז נישט געבליבן הענגען ערגעץ אויף די צווייגן...

פאַרמיטאָג זענען זיי שוין געווען אין געטינגען. מיטאָג האָבן זיי געגעסן אין האַנאָווער.

אָבער דאַן איז שוין פאַול ממש געפאַלן פון די פיס. ער איז שוין דריי נעכט נישט געשלאָפן, ער איז געווען ווי באַטויבט פון זיין מדיקייט און ער איז געפאָרן פונקט ווי אין קאָשמאר, אין אַ נעפּל.

ער האָט זיך שוין אָנגעשטויסן אין הייזער-ווינקלען, בוימער און מיילן-שטיינער.

אַ הונט איז מיט אַ קוויטש געבליבן הינטער אים. עופות, אַ קאַץ...

איצט איז ער געווען פאַרטיק. ער איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט פון האָטעל, אין דעם ערשטן בעסטן האָטעל, וואָס זיי האָבן געטראָפן.

ער איז געשלאָפן מיט אַן אָנגעשטרענגטן פנים. נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַסט אין שלאָף, נישט באַפרייט פון דער ווירקלעכקייט, נישט אויסגעלייזט פון זיך אַליין, ער איז געווען נאָר באַטויבט, אָנמעכטיק, אַנידערגעוואָרפן.

און פעטער איז געזעסן אויף זיין בעט און אים אָנגעקוקט, דעם וואָס האָט דאָס אַלץ געטון פאַר אים.

צי האָט נאָך פעטער נישט געוווסט? אָבער ער האָט נישט געקענט שלאָפן.

ער האָט געקוקט אויף פאַולס האַנט; די רעכטע האַנט איינגעדריקט אין אַ פויסט, איז געלעגן אויף דער קאָלדרע.

און פעטער האָט אויסגעטון דעם שלאָפנדיקן, זאַכט, שטיל פאַמעלעך, ווי אַ צערטלעכע מאַמע האָט ער אים אויפגעבונדן די שיך מיטן קראַוואַט און באַפרייט אים די ברוסט.

ער האָט אים פאַמעלעך אויפגעעפנט די האַנט, האָט זי געגלעט, אַ ווייסע, שטאַרקע מענער-האַנט, אַ האַנט פאַר מיידל-

שע טאַליעס און ביר גלעזער, פּאָר באָקסער־הענטשקעס און טע־ניס־שפּיל, אַ ליבנדיקע און שלאַנגדיקע האַנט, פּאָולס האַנט. און אָט האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן, פּעטער — זי איז נישט געווען אָפּגעוואַשן, אייל, בענזין, אָבער אַ גאָרטן האָט אים אַן אָטעם געטון — און ער האָט אַ קוש געטון די האַנט, וואָס האָט דערהרגעט אַננאַן...

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן איז פּאָול געשלאָפן. איצט געשלאָפן אויף אַן אמת.

באַפרייט, כּמעט שמייכלענדיק, איז געלעגן אַ גרויסער, שיינער ייִנג אין בעט, און פּעטער האָט צוגעמאַכט דער פענסטער, כּדי די טומלענדיקע גאַס זאָל אים נישט צעשטערן זיינע חלומות.

ער האָט פאַרצויגן די גאַרדינען... רויטער בליענדיקער בין־השמשות... בלוט — און אַזוי איז ער געזעסן און געוואַכט איבער פּאָולס שלאָף, געוואַכט, אויף־געווען די גאַנצע נאַכט. און ווען זיין קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן דרימלענדיק, האָט ער זיך דערשראָקן אַ כאַפּ געטון פון אַ טויבן קלאַפּ.

פּאָולס שאָס.

ער האָט געגלאָצט אין דער טונקלקייט, ער האָט זיך איינ־געגעסן מיטן בליק אין פּוסטן חלל.

אַננאַ! אַננאַ! ער האָט זי שוין מער נישט געזען. אַננאַ איז קיינמאָל נישט געווען.

און — אָ, ליבע! זי האָט געהערט צו אַלעמען צו אַלע־מען. און ער, דער איינציקער, וואָס האָט זי ליב געהאַט, ער האָט זי קיינמאָל נישט אָנגערירט!...

שוין, אַך אַלעמען.

ערשט דעם צווייטן אָוונט זענען זיי אָנגעקומען קיין האַמבורג, דורך סאַן-געאָרג.

פּאָול איז, ווייזט אויס, דאָ געווען, ווי בײַ זיך אינדערהיים. דאָס איז געווען זײַן געדאַנק. און ערשט האָבן זיי בדעה געהאַט אַריבערצוגיין די האָלענדישע גרענעץ.

— אָבער ערשט מוזסטו האָבן אַן אַנדער פּאַס, פּעטער.

פּאָול איז אַרײַנגעפֿאָרן אין איינער פֿון די גאַסן צווישן די קאַנאַלן, וואָס פֿירן צום אויבערהאַפֿן.

עס האָט גערעגנט, און די דאָזיקע טונקעלע גאַסן מיט די שיטערע לאַמטערנעס זענען געלעגן, ווי אויפֿן גרונט פֿון ים. עס איז דאָרט געווען אַ קנײַפּע בײַ אַן עק, בײַם בריק לעבן ליבעקער קאַנאַל, די פֿענסטער זענען געווען פֿאַרהאָנגען.

— אַ פֿאַרײַן-לאָקאַל — האָט געזאָגט פּעטער — זיי זענען אַלע אין פֿאַרײַן. דאָס זענען ייִנגען, זאָג איך דיר, געטרײַ ווי גאָלד, וואַרט נאָר.

און ער איז אַרײַן אינעווייניק.

אין דער קנײַפּע איז געווען גאַנץ שטיל. אין פֿינף מינוט אַרום איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער פֿאַרשוין אין דער טיר, ער איז געווען בלאָנד, ער האָט געטראָגן אַ שיפֿער-היטל, האָט אַ קוק געטון אויפֿן וואָגן און אַ ווונק געטון.

פאול איז אַרויסגעלאָפן און געלאַכט. דער גרויסער איז אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אין דער שאָפער-קע און קאָמאַנדעוועט.

פריינטלעך מיט אַ צוטרוילעכער שטימע האָט ער געזאָגט „גוטן אָוונט" און אַ פּאָר ווערטער וועגן וועטער. זיי זענען געפאָרן — וואַסער, וואַסער, שמאָלע און ברייטע קאַנאַלן, דער-נאָך אַ באַסיין, אומהיימלעך-ווייט אויסגעשפּרייט, און מאַסטבוי-מער האָבן זיך געשאָקלט —— זיי זענען אַריבער קיין האַמער-ברוק און דאָרט האָט פּאול אַריינגעשטעלט דעם וואָגן. עס איז געווען אַ שפּאָגל ניי הויז מיט אַ גרויסן הויף און גרויסע, שיי-נע גאַראַזשן.

— נעם צו מיין בייטל — האָט פּאול געזאָגט — דו גיסט מיר דאָך דעם שליסל, מאַרטין? און הער נאָר: העל-גרוי, מיט אַ רויטן שלאַק. נעמט זיך צייט, ער מוז אויסגעצייכנט זיין אָפּגעפאַרבט, ווי פון פאַבריק אַרויס. דער נומער איז אין אָרדע-נונג. V. O. דאָס איז אויבערהעכן. דעם אויטאָ וועט קיינער נישט דערקענען. ס'וואָלט געווען אַ שטאַרקער שאָד אַזאַ כּלי. און נאַטירלעך, הער נאָר, הישפּאַניאַ סואיציאָ מוז אַוועק. מאַכט אים פּאָר אַ רענאָלד; מען קען זיי דאָ גאַנץ ווייניק, אָדער אַן עקלאַנד נו, אָדער וואָס איר ווילט דאָרטן, נישט אמת? און חוץ דעם, מאַרטין, אַלץ נאָך די זעלביקע אַדרעסן? איך דאַרף האָבן דעם קאַפּיטאַן, ווייגט ער נאָך אַלץ דאָרטן אינדערהויך איבער דער ראַדאָ-בודע?

מאַרטין האָט געלאַכט.

— געריבענער ייִנג! נישטאָ קיין נאַכט, אַז די מענטשן זאָלן נישט זיין אונטן. וואָלט זיך עמעצער געקענט גלויבן, אַז איינער, וואָס זיי זוכן אים אַרום, וועט קומען אַהער און זיך באַזעצן פונקט זיי אונטער דער נאָז? ער וועט נאָך אַרויסקוקן דורכן פענסטער — ניין? — און פרעגן זיי עפּעס און מאַכן אַן המצאה.

— יאָ, און אַצינד אין די עלעקטרישע — האָט געזאָגט פּאַול.

מאַרטין האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט זיי און ברייט וויגנדיק זיך איז ער אַוועקגעגאַנגען אין רעגן. ער האָט אַ דריק געטון פּעטערן די האַנט און געזאָגט לאַכנדיק:

— מוט, מיין קליינער, פּאַול, דאָס איז ווי גאָטס האַנט.

זיי זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין. אין אַ קליינעם, אָרנט־לעכן האָטעל לעבן וואָקזאַל.

און פּאַול האָט געלאָזט איינמעלדן: היינריך און ווילהעלם שווערטפעגער — צוויי ברידער פון דאָרטמונד. נישט פאַרטראַכט זיך אויף קיין רגע, האָט ער אויסגעפילט די פאָרמולאַרן, גע־בורטס־טאָג און אָרט. פאַך: סוחר און צאָן־דאָקטאָר און אַזוי ווייטער.

ער האָט אַריינגעפירט פּעטערן אין אַ גרויסן טאָפּל־צימער.

— און איצט מוז איך ווידער אַוועקגיין. ס'קען דויערן אַ צוויי שעה. זיי דאָ, יאָ? באַהערש זיך און טראַכט נישט, וואָס די קאַטשקעס גייען באָרוועס. מאָרגן וועלן מיר גיין אַ הוליע טון. איך וועל מיטברענגען צייטונגען.

— ניין, אדרבה. זאָלן מיר אָפּמאַכן: עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען? היינט הויבט זיך אָן אַלצדינג. נעכטן איז גאָרנישט געווען.

— אויך גוט.

— זום זיך נישט לאַנג דאָרטן, פּאַול, וועסט דאָך קומען צוריק, פּאַול?

— אַ פראַגע! איך וועל דיר באַלד עפּעס אַרויפשיקן. ווײַן, טיי מיט אַביסל גוטן רום. עכטן יאַמייקאַ. — מענטש, די האָסט דאָך נישט קיין מורא? מיינסטו טאַקע, אַז פּאַול וועט זיך לאָזן אַזוי געשווינד כאַפּן? צי מיינסטו, אַז די פּאָליצייַ וועט דערווישן עמעצן, וואָס לויפט איר נישט גלייך אין די אָרעמס אַריין? צי האָסטו אַן אַנונג וויפל מאָל זיי געפינען נישט? לייג זיך אין בעט אַריין און שלאָף. אַ גוטע נאַכט, ברודער.

פּאָול איז געשלאָפן אין האַנאָווער, פערצן שעה מיט איין קלאַפּ.

פּאָול איז ווידער געווען פּאָול, און אָט דעם שלאָף האָט ער עס געפּטרט.

ער איז אַרויס דערפון אומבאַפלעקט, ער האָט זיך צומאָל נישט דערמאָנט אָן דעם. רעם קליינעם רעוואָלווער האָט ער געריייניקט און געפּוצט, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט — —

פּעטער אָבער האָט צום ערשט געמוזט גלויבן אָן דעם. ערשט איז עס אים באַפאַלן. און איידער פּאָול האָט באַוויזן צו־צושליסן די טיר, האָט עס אים אַ נעם געטון און ס׳איז געווען אוממעגלעך צו באַקעמפן.

שוין אין שלאָף האָט ער אַראָפּגעריסן פון זיך דעם קראַוואַט. נאָך בעת ער האָט זיך אָפּגעשפּיליעט דעם קאָלנער האָט עס אים אַ שלאָג געטון.

און אָט איז ער געלעגן, צעשמעטערט פון שלאָף, ווי פון אַ מערדער, אַריינגעשליידערט אין אַ דושנער שטיקנדיקער טיפקייט.

ער האָט געכראָפּעט. אויף זיין לייב זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּנס שווייס.

ער איז געקומען צו זיך ערשט דאַן, ווען אַ פּאָר הענט האָבן אים צערטלעך אויפגעזעצט. מ׳האָט אים אַראָפּגעצויגן דאָס רעקל, אויסגעטון אים.

— ווי שפּעט איז שוין, פּאָול? ווו זענען מיר?

— כ׳האָב מיך אַביסל פאַרשפּעטיקט. ס׳איז שוין באַלד טאָג. אָבער דערפאַר האָב איך שוין אַלצדינג באַזאָרגט.

פּעטער האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן די דאָזיקע ברידערלעכע הענט און ערשט האָט ער אויך געוווסט, ווו ער איז געווען.

עס איז געווען זיין נאַכט פּאַר קאַמבריי, און אַ שטיק פון אַ גראַנאַט האָט אים אָנגערירט דעם קאָפּ און פאַרטויבט.

ער איז געווען אַזוי מיד; און ווען דאָס פויקן־פייער האָט זיך איינגעשטילט האָט אים באַהערשט די גרויסע גלייכגילטיקייט.

צוויי טאָג מאַרשירן און אָקאָפּעס אָפּשיטן און איין טאָג פייער.

דריי טעג און דריי נעכט קיין אויג נישט צוגעטון. איצט ווען די ערד האָט דעם גהנום אויסגעשפּיגן, קען אים, אים אַליין, איז אַוועק פון אים דידאָזיקע אומבאַשרייבלעכע מידקייט. קיין שום סימן נישט פון מורא אָדער שרעק.. און אַז אַ פּלאַם איז אים אַדורך איבערן קאָפּ, אַזאַ בראַנד דורך דעם מאַרך און די פּיס — אַן איינאיינציקער אויגנבליק — און ווען ער איז שוין אַריינגעפאַלן אין דעם תהום פון פינסטערניש, ליידיקייט, שטילקייט, — דאַמאָלס איז עס געשען, און ער איז אַריין אין דער זעליקייט... און דאַן איז ער געקומען צו זיך, אונטער הענט. זיין קאָפּ איז געווען פאַרבונדן און מ׳האָט אים געלייגט אין אַ בעט.

אַ בעט!! אונטער אים האָט זיך געוויגט און געשאָקלט. מ׳האָט די קישן הויך אַרויפגערוקט הינטער זיין רוקן. אַ צערטלעכע האַנט האָט אים געהאָלפן אַוועקלייגן דעם קאָפּ. אַ ליילעך האָט אים קיל אַרומגעוויקלט, און דורך דעם נעפל פון אַ מין שכרות האָט ער געזען אַן ערלעך, ערנסט מענער-פּנים, האַלבנאַקעטע פעטע הענט, אַ ווייסן קיטל מיט גרויסע בלוט-פלעקן, און צופוסנס — אַ מיידל, וואָס האָט איינגעהילט זיינע פיס, אַ שמייכל געטון צו אים, עפּעס געזאָגט. אויך דער מאַן האָט עפּעס געזאָגט.

נאָר ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס איז געווען באַקאַנטע מוזיק.

— פאַרוווּנדעט, שוועסטער? — האָט ער געפליסטערט איצט אין האַמבורג, אין האָטעל „דריי טורעמס" — הינטערן פראָנט?

— הינטערן פראָנט — האָט געענטפערט פאַול. שוין, אויס מלחמה.

פאַול? אַ קורץ-אָפּגעשוירענער יונגער בחור, מיט שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן-ברעמען. אָבער די אויגן, דאָס מויל?

פעטער האָט אויפגעריסן די אויגן און געגלאָצט אויף אים:

— פּאַול?

— פּאַול, וואָס דען? אָבער דו ביסט דאָך פאַרמאַטערט צום טויט, אַלטער ייִנג. נו, שלאָף. מאָרגן איז אויך אַ טאָג.

די קאָלדרע האָט אים צוגעדעקט. אַ האַנט אויף זיין שטערן. זי האָט זיין קאָפּ אויסגעדרייט איידל צו דער וואַנט. זיפצנדיק איז ער ווידער איינגעשלאָפן, און ערשט איז פּאַול דאָ געזעסן ביים ראַנד פון דעם בעט, און געקוקט אויפן שלאָפנדיקן, און זיין שיין פּנים איז ווידער געווען מונטער און פריי. יאָ, ער האָט טיף געאָטעמט, ער האָט האַסטיק אַוועקגעמאַכט עפּעס מיט דער האַנט.

דער טאָג האָט שוין אָנגעהויבן ליכטיק צו מאַכן די שמאָ־לע ענגע גאַס, און אויפן וואָקזאַל האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו־ריק דער רעש פון וואָכנדיקן לעבן.

זייערע בעטן זענען געשטאַנען איינס לעבן דעם אַנדערן. און ווען פעטער איז ווידער אויפגעקומען פון דעם תהום אין זיין פאַרלוירן־זיין צו דער שיין פון טאָג, די אויגן אויפגעעפנט די וועלט באַגריפן, זיך און זיין עלנט, דאָס אומבאַגרייפלעכע און דאָס נישט צוריקקערנדיקע — איז שוין פּאַול געווען אונטן, האָט שוין צייטונגען געבראַכט, געלאָזט דעקן דעם טיש מיט אַ פיינעם פרישטיק, מיט פיש און פלייש, פּרוכטן און טיי, אָבער דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַרייַנגעלייגט אין בעט אַריין צו פעטערן. אַזוי איז געווען לייכטער.

איבער נאַכט איז פּאַול געוואָרן שוואַרץ. וואָרים ווי לאַנג האָט עס דען געדאַרפט דויערן? מען האָט זיך דאָך באַלד דער־ווּסט, אַז דאָס איז ער געוועזן. זיין אויטאָ, און דאָס עדות זאָגן פון פעטערס שאָפער.

יעדע שעה קענען דאָ אָנקומען שטעק־בריוו וועגן אים, אין צייטונגען און קינאָס, אויף די רעקלאַם־סלופּעס און מויערן. בכן — וועט נישט שאַטן אַביסעלע פאָרזיכטיקייט, נישט אמת? אין זעקס וואָכן אַרום ווערט ער ווידער בלאָנד, אָבער דאַמאָלס

וועט ער שוין זיין אויף יענער זייט, אין אַמעריקע. יעדן טאָג גייען שיפן.

פעסער? מ׳טוט שוין וועגן דעם. ער, פּאָול האָט זיינעם: קאַמיל דעקלאַרי פון נאַנסי. אַסאַך מאָל באַשטעטיקט. כּשר ווי גאָלד.

פעטערס פּאַס וועט היינט אָוונט זיין פאַרטיק. בלויז נאָך אַ פּאַס־פאָטאָגראַפיע.

ער וועט הייסן האַננאַ ברייטבאַך, דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ גוטער חבר, פאַרשאָטן געוואָרן, געהרגעט. אין אַ פאַרצווייפלטן מאָמענט האָט ער פאַרהאַלטן זיין אויטאָ, טראַך! טראַך — צוויי מתים.

צוליב עלף הונדערט מאַרק, וואָס ער האָט געוואָלט באַקומען!

אָבער איצט, פעטער, האַלט זיך פעסט! די ביסט טויט. פעטער באָס איז געשטאָרבן, באַגראָבן ערגעץ, אין וואַסער אַריינגעוואָרפן.

אָט שטייט עס אין די צייטונגען. אַ גרויסע סענסאַציע, פּאַול אַנדערס, אַ טאָפּל־מערדער. די ידיעות האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערע.

די צייטונגס־שפּאַלטן זענען געווען פול. פעטער באָס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווהין? פּאָול אַנדרעס האָט אים געמוזט אומברענגען.

איינער אַ באַן־וועכטער, און נאָך איינער אַ פויער, האָבן נאָך געזען זיי צוזאַמען. ווייטער איז אַלץ געווען גאָרנישט. שווייגן.

נישטאָ שוין מער קיין אויטאָ... אין וועלכן אָרט איז פּאָול אַנדערס איבערגעגאַנגען די גרענעץ? און פעטער באָס — ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער זיך דאָך געמאָלדן. ער איז אומשולדיק... דאָס עדות זאָגן פון שאָפער. דאָס עדות זאָגן פון קעלנער, וואָס איז געלעגן מיט דער דאַמע אין בעט. פּאָול אַנדערס איז געקומען — איז ווייטער געשטאַנען אין דער שיל־

דערונג — און אים אַרויסגעוואָרפן. די דאַמע האָט אים אַריינגעשלעפּט, דעם קעלנער —

זי איז געלעגן נאַקעטערהייט אויפן בעט, ער איז אַנטלאָפן. אַ גיפּטיקע, כיטרע שלאַנג, אָ, אָבער ער איז געווען אַ טאַטנס אַ קינד.

די אומשולדיקייט פון אַ קינדעלע! אַן אומבאַרירט ייִנגל אין אַ קעלנער-פראַק! אָבער זי האָט געלויערט. האָט אויסגעשפּרייט די גלידער, און דאָ איז ער אַריינגעקומען, ער האָט געזען, ער האָט געאָטעמט מיט איר, אָ, גאָט איינציקער! זי הערשט שוין איבער אים, ער ווייס נאָך גאָרנישט, זי האָט אים גענומען — און פּלוצלינג איז אַריינגעקומען הער אַנדערס און די פּאַנאַנדערגעריסן, אַרויסגעוואָרפן אים פון צימער. ער איז געבליבן שטיין הינטער דער טיר און זיך איינגעהאָרכט — קיין וואָרט נישט, קיין קלאַנג, אַ טויטע שטילקייט, אַזוי עטלעכע רגעס, און דאַן אַ שוואַכער קלאַפּ. דאַן איז דער קעלנער, הענגריך מאָדער האָט ער געהייסן, אַנטלאָפן. ער האָט זיך באַהאַלטן אין זיין בעט. ביז אויפן אַנדערן מאָרגן גאָרנישט געזאָגט, ביז צו דער אַנטדעקונג.

דער שאָפער איז אַריינגעקומען אין זיין הערס צימער און געפונען עס ליידיק.

ער האָט אָנגעקלאַפּט ביי דער דאַמע און קיינער האָט אים נישט געענטפערט, אָבער די טיר איז געווען נישט פאַרשלאָסן.

ער איז אַריינגעגאַנגען, — שוידערלעך, אַ נאַקעטע פרוי אויפן בעט. די פיס אין דרויסן, קווער איבערגעוואָרפן איינער איבערן אַנדערן, דאָס מויל אויפגעריסן, בלוט. אַ קויל אין קאָפּ. דער פּראָטאָקאָל.

פעטער האָט זיך נישט גערירט. פּאַול האָט פאָרגעלייענט, האָט געלייגט אויף אים זיין האַנט, געלאַכט. פּאַול האָט, הייסט עס, פעטערן אויך באַזייטיקט. מיין גאָט, וואָס די קרימינאַליסטן וועלן עס אַלץ נישט אויסנאָרטעווען, זיין פאַרגאַנגענהייט, אַנבאַס פאַרגאַנגענהייט

נו, ביי אַנגאַן וועלן זיי געפינען, וואָס דו ווילסט, אָבער פון אים? — די דראָשקע אין דער וואַרשעווער גאַס, אפשר נאָך די עטלעכע מיידלעך, וואָס זענען געלאָפן פאַר אים מיט זייער אייגענעם ווילן, מער גאָרנישט.

אין די דריי וווינונגען, וואָס ער האָט געהאַט דאָ און דאָרטן אין בערלין — וועלן זיי גאָרנישט געפינען, קיין צעטל, קיין צירונג. אפשר אויף אַ קאַלענדאַר עטלעכע היראָגליפן, צייכנס וועגן געוויסע דאַטעס.

הייליקער בימבאָם! אויפן עלפטן יולי האָט ער צוגעזאָגט פרענסקין אַ קאָלעקציע פוקסן פון לייפציק, אַלצדינג איז שוין געוועז אַרומגערעדט. ווען וועט די חברה געפינען איצט אָנ-שטאָט אים? מילא, ער וועט זיי אַריבערשיקן איינעם אַ חברה-מאַן פון האַמבורג. אָדער, צום טייוול, פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט אַליין —

ניין, אָט שווימען זיי שוין גאָר אויפן ים. אין משך פון דריי טעג קענען זיי אַוועק פון דאַנעט. גאָר גוט וואָלט געווען, ווען ער קען מיטנעמען זיין אויטאָמאָביל. ער האָט אים די גאַנ-צע צייט טריי געדינט.

אַזאַ פיינע כּלי, ווי דאָס איז, וועסטו נישט געפינען אין גאַנץ בערלין, אַזוי עלעגאַנט אַזוי פירשטלעך. די בלויע (פאָליציאַנטן) פלעגן דאָך סאַלוטירן. ווען ער פלעגט אַדורכפאָרן דריי אַזייגער ביינאַכט מיט דער סחורה... ער, קאַמיל, וועט פאָרן מיט דער צווייטער קלאַס אויף דער שיף. און פעטער? פעטערל וועט פאָרן אויף דער ערשטער. ער וועט אַלזאָ זיין דער, וואָס פאָרט מיטן אויטאָ.

ביז איבערמאָרגן וועלן די פּאַפּירן פאַרטיק ווערן. אָדער זאָל אפשר קאַמיל מיטפאָרן אַלס פעטערס שאָפער און דינער? אָ, דאָס וואָלט געווען אַ שפּאַס, וואָס, פעטערל? מעות איז דאָך דאָ גענוג.

ביידע בריוו-טאַשן זייערע זענען געווען פול אָנגעפּאַקט. און אויף דער צווייטער זייט ים — פעטערס קאָנטע. אָבער ווער רעדט דאָרטן פון געלט! פּאָול דאַרף נישט האָבן קיין

געלט. ער הויבט דאָך תמיד אָן פונסניי, ער קלאַפּט אַרויס עס מיט די פיס פון דער פּאָדלאָגע, און דאָרטן, אויף יענער זייט, זענען נישטאָ, ברודער־לעב, די דרעקיקע מאַרקן, נאָר אמתע דאָלאַרן, פיר מאַרק פופציק.

ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין רייזע אויפן ים. און פּעטער? פאַרשטייט זיך, פּעטער, פּעטערל פון אַ גוטע חיים, ער איז דאָך פון גענוא, ער איז געפאָרן דורך שפּאַניען, ביסקיי און אַריינגעקומען קיין ברעמען דורכן ערמל־קאַנאַל. יאָ איצט פאָרט ער אויפן אַנטלאַנטישן ים, שיין איז דאָס לעבן. דער מאַן איז פריי.

מיך ווועלן זיי נישט פּאַקן... און אויב זיי כאַפּן אונז חלילה פאָרט? אָרעמער פּעטער, דאַמאָלס? דערפאַר וואָס ער איז אַנטלאָפן איז ער דאָך פאַרדעכטיק אין אָנטייל פון פאַר־ברעכן — — און דאַמאָלס האָט פּעטער אויפגעהויבן זיין רעכ־טע האַנט און געשווירן: איך האָב עס געטון.

פּאָול האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבער דער האַנט. ער האָט אים צוגעצויגן צו זיך און געזאָגט כמעט אין אויער־אַריין:

— דו האָסט זי געליבט?

— זי איז געווען אַזוי שיין.

— דו האָסט זי געליבט?

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אויג און אויג. פּעטערן איז גע־וואָרן הייס. ס'איז אים געוואָרן מוראדיק.

— אַזוי שטאַרק — האָט ער געענטפערט — אַזוי שטאַרק, אַז איצט האָב איך דיך ליב. דו ביסט דאָס לעצטע, וואָס איז פון איר איבערגעבליבן. די האָסט איר לעצטער בליק, איר לעצ־טע וואַרעמקייט, און וואָס פון איר איז נאָך דאָ, ביסטו עס. דו ביסט איר מערדער. יאָ, און אויב זי איז אַוועק, צי מוז איך לפּחות נישט ליב האָבן איר מערדער?...

פּאָול האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטערוויילעכץ. דאָס איז דאָך געווען אומהיימלעך.

דער גאַנצער האָטעל־צימער האָט זיך צוזאַמענגעצויגן, צוזאַמענגעשרומפּן.

דער סופיט האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוזינקען. לופט! לופט! ער איז צוגעשפּרונגען צום פענסטער, ס'איז געווען אַ גרויער רעגנדיקער טאָג, טריב און חושך אָבער פאָרט טאָג, ווירקלעכקייט!

און פעטער איז געזעסן אין בעט איז אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט שטאַרע וואַנזיניקע בליקן.

— דו ביסט אַנגאַס איבערבלײַבעניש, אַזש ס'איז איבערגעבליבן פון איר אויף דער ערד — דאָס איז איר מערדער. און אַז איך נעם דיך אָן: דו קומסט פון איר. איך וויל קושן דײַן האַנט, ווייל זי איז געווען איבער איר. קום אַהער, אַנגאַ, אַנגאַ, דו ביסט עס.

פּאַול איז ווידער צוגעגאַנגען צו אים און אים אָנגענומען. ער האָט אים געטרייסלט. פעטער האָט געשמייכלט, און זיפצנדיק האָט ער געפּליסטערט:

— ווי שטאַרק זי האָט דיך ליב געהאַט. דו שמעקסט מיט איר ריח. זי האָט דיך געליבט. דערפאַר טאַקע האָט זי געליטן. זי איז געווען אַזוי פאַרלאָזן. צי זענען אַלע פאַרלאָזן, וואָס האָבן דיך ליב? איך האָב דיך ליב.

— שטיי אויף מענטש. דו פּלאַפּלסט גלאַט אין דער וועלט אַריין. איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן. דו ווייסט דען נישט? אָבער רעד נישט פון וועג, ווי אַ היץ־קראַנקער, איך קען דאָס נישט הערן. ביסט דאָך נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. מיר זענען דאָך פרייַנט. און כדי דו זאָלסט נישט זיין אַזוי עלענט, מענטש, האָב איך זי דערהרגעט. איך האָב אָנגעקוקט דיין פּנים, איז מיר שוין איבערגעגאַנגען די ברוגעס.

— דאָס איז נישט אמת, דו האָסט זי דערהרגעט, ווייל — —

— נו, שיס אַרויס. אָבער שריי נישט אַזוי! דאָ איז אַ טיר און דאָ אַ טיר. מען הערט יעדעס וואָרט. מיר זענען אומגליקלעך.

— דו האָסט זי געהרגעט, ווייל דו האָסט זי ליב געהאַט— האָט פּעטער געפּליסטערט.

— גאָט מיינער, וואָס טוט זיך מיט דיר!

— אייפּערזוכט. געמיינע אייפּערזוכט. אפשר — האָסטו זיך געוואָלט באַפרייען, האָסט נישט געוואָלט ליב האָבן, נישט געליבט ווערן. דו האָסט צו שטאַרק געהערט צו איר, אפשר. אָבער זי איז דאָך גאָר נישט געווען שולדיק. זי האָט געלעבט, אַזוי ווי זי האָט געמוזט. גיב מיר דיין האַנט. ניין, גיב מיר די רעכטע. זעסטו, איצט קוש איך דיין האַנט. איך האָב דיך ליב. איך קען עס איצט זאָגן, איך האָב קיינמאָל נישט געקענט זאָגן „ליבע", אָבער איצט בין איך שוין אַלצדינג פאַרביי. און דערפאַר, וואָס איך ליב דיך, די דאָזיקע האַנט, ווערט אָט די האַנט — — ? אפשר קוש איך איצט אויך מיין מערדער — —

— נו, שטיי אויף — האָט פּאָול געזאָגט. אַ רעכטער אָנבייסן, קאַווע, טאַבאַק — ווערסטו, גלויב איך, קומען צוריק צום פאַרשטאַנד. ווי מיינסטו קענסטו עס נאָכאַמאָל קריגן, יונג מייבער? טאָמער ווייזט עמעצער אַרויס סמנים פון משוגעת, מוז מען קודם-כל באַוואָרענען דעם קאָפּ. שנעל, אונטער דער וואַסער-לייטונג מיט מיר! איך וועל אים דיר אָפּוואַשן ווי ניי. נו, הייב זיך אויף, אַלטער!

אויף די עטלעכע טעג, וואָס זיי האָבן נאָך גערעכנט צו פאַרבלייבן אין האַמבורג ביז צום אָפּפאָר פון דער שיף, האָבן זיי זיך געדונגען באַזונדערע צימערן. ערשט שוין נישט אין די טונקעלע גאַסן פון סאַנקט פּאַולים לעבן האַפן, נאָר דאָרט, ווו עס זענען נישטאָ קיין קנייפּעס, מלינעס און אָבלאַוועס — אין ראָטערבוים. צווישן אָרנטלעכע באַלעבאַטישע הייזער, האַרט לעבן דער אויסגאַלסטער.

פּעטער באָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער ווייטער שטילער וואַסער-פלאַך, ביינאַכט האָבן זיך געשאָקלט די לאַמפּיאָנען פון די באַרקעס, די לאַמטערנעס פון די שיפלעך, די העלע קאָנטורן פון די פּאַסאַזשיר-שיפן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער, קעגנאיבער איז געשטאַנען די שטאָט, ווי אַ צעריסענע בערג-קאַם, איבער וועלכן ס'האָבן זיך אויפגעהייבן טונקעלע טורמס.

אוהלענאָרסט איז געשוווּמען, ווי אַ פייערדיקע אינזל, די שיף-סטאַציע האָט געשימערט ווי אַ טעמפּל, און ווען דער ווינט האָט געבלאָזן פון יענער ריכטונג, איז געקומען די מוזיק פון דער טעראַסע איבערן וואַסער, אַזוי פאַרקלערט, ווי פון די ווייטע ספערן.

פּאָול איז געווען זייער פאַרנומען. ער האָט געבראַכט צו טראָגן דעם פּאַס: האַנגאַ ברייטבאַך האָט שוין דורכגעמאַכט פאַרשידענע רייזעס.

עס זענען געווען אין אים וויזעס פון בעלגיען, פראַנקרייך און שפּאַניען. אויך פּוילן און דאַנציג האָבן נישט געפעלט.

אויף אים איז אויך געווען איבערגעשריבן דער אויטאָ. ער איז געווען באַזאָרגט מיט אַ פּירער-שיין און טריפּטיק פּאָול, וואָס מ׳האָט אים געקענט דערקענען בלויז דורך זיינע אויגן און מויל, האָט שוין איצט גאָרנישט באַהאַלטן. ער האָט געטראָגן אַ העלן ענגלישן אָנצוג מיט לעדער און אויף די קורץ אָפּגעשוירענע שוואַרצע האָר — אַ קראַטענע שיפּער-היטל. דאָס איז געווען די הלבשה פון אַ האַמבורגער ווילן-יונג פון בעסערן סאָרט ביי דער הענג-באַן. אָבער עטוואָס האָט ער פאָרט אויסגעזען ווי איבערגעקליידט.

די פּאַס-פאַבריק — אויבן איבער דעם פיש-מאַרק — איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַ שפּיאָנאַזש-ביוראָ. ווירטשאַפטס-שפּיאָנאַזש, פאַבריק-שפּיאָנאַזש. פון דאַנעט פלעגן די מענער און פרויען אַרויסגיין אויף אַרבעט, זיי פלעגן שליסן פריינטשאַפט און ליבע מיט בערג-אינזשינירן, זיי פלעגן רייזן אין רור-געביט, קיין מערב- און דרום-דייטשלאַנד.

רייצנדיקע, וווּנדערשיינע מיידלעך פלעגט מען דאָרט טרעפן אויבן — אַ פּערספּעקטיוו איבער די האַפנס, דאָקן, ביז עט עט אין פלאַכן לאַנד.

זיי פלעגן ברענגען ידיעות פון בערלין-שפּאַנדוי, האַנאָווער, מאַנהיים, קעלן.

רירעוודיקע ייִנגלעך טיפּ-טאָפּ, פלעגן אַרויסקומען פון די אויסגעבעטע טירן. אונטן איז געשטאַנען: „אינטערנאַציאָנאַלער ווירטשאַפט-אַרכיוו” און „אַגענטור צפון-מערב” און „עקאָנאָמישע הילפט-אַגענטור (באָרדאָ)”. אויבן אויפן צוויי שטאָקן איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג.

אָבער בלויז די גאָר גאָענטע האָבן געוווּסט, אַז דאָ איז

געווען אַן אונטערערדישער גאַנג צו אַ הויז אויף דער לאַגער-גאַס, וואָס אין זיין אויבערשטן שטאָק איז נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי גרויסע לאַגער-צימערן.

מען האָט געזען דורך די פענסטער קאַסטנס און הינטער זיי איז געווען דער רעכטער מיטלפּונקט פון דידאָזיקע גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס די רעגירונג פון אַ וועלט-מלוכה האָט אונטערגעהאַלטן.

דאָרט זענען געזעסן פּאַולס פריינט. דער רודער-קלוב „אַהאָי" און דער ספּאָרט-פאַריין „פּינקצנווערדער" זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט דידאָזיקע אַגענטורן און דעם אַרכיוו. פּאַול, אַ מיטגליד פון בערלינער „ראָלאַנד", איז אָן שום מניעות געוואָרן מיט זיי גוטער ברודער.

מאַרטין האָט אים אַריינגעפירט. דאַן האָט ער געמאַכט מיט אים אַן עקסקורסיע דורך די בלאַטע הייזלעך אין דעם קוואַרטל לעבן האַפן.

פון דער לאַנדונגס-בריק ביז העט אַרויף אין דער ראָזן-גאַס און אין דער קילער-גאַס האָבן געוווינט די פרויען, וואָס מ'האָט געמוזט האָבן צו דער האַנט, אויב מ'האָט זיך געוואָלט איינלעבן אין דער אונטערוועלט.

ביי זיי האָט מען תמיד געקענט געפינען אַ באַהעלטעניש און אַ נאָרע צו פאַרשטעקן זאַכן, און אַמאָל, די שעה זאָל נישט זיין, אַביסל מזומן.

פאַר יעדן איינעם קען אַמאָל קומען אַ שלעכטע צייט, גישטאָ קיין ממתקים, אָבער די מיידלעך האָבן שטענדיק זייערע יאָלדן — שיפן שפּייען אויס זייערע מאַטראָזן, פון דער גאַנצער וועלט קומען צו פאָרן די הערן: הענג-באַן, גרויסע פרייהייט, קוגלסאָרט, דער גאָרטן אַרום ביסמאַרק-דענקמאָל, די טויזנטער קניפּעס, קעלערן און באַרן, און יונגפערנפּאַרק, דער פּאַווילאָן.

האָט מען וואָס אָנצוטון, שפּאַצירט מען פאַר טייך און שטראַנט, פון אַלסטערדאַם ביזן גענז-מאַרק, און מ'פּאַקט זיך עפּעס אַ פּייגעם הער. מען פאָרט אַרויס אויף אַ וואָך צייט מיט אַן

האַלענדער, אַמעריקאַנער, מיט אַ יוועליר פון קאַפּשטאַט, אַ שעפּסן־פאַרמער פון סידניי אין אַנטלאַנטיק אין די סעזאָנען, און מען קומט צוריק מיט פולע קופערס פוטער און זיידנס און דער האַנט־בייטל איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט. און אָט די מיידלעך — צי איז דען דאָ אַפילו איינע, וואָס נעמט עס פאַר זיך? צי וואַרטן זיי נישט אַלע, ביז ס'קומט דער ווילער־יונג, דער חתן! נאָ, באַהאַלט אַ הונדערטער! און זי פּאַלט אים אַרויף אויפן האַלז, אַך דו זיסער, דו ביסט מיין איינציקער, דו האָסט מיך נאָך אויך ליב? זאָג מיר, זיסער, האָסטו מיך נאָך ליב?

אויף חתנים איז דאָ אַ שטאַרקע נאָכפראַגע. אין פאַריין האָט יעדער איינציקער נישט ווייניקער, ווי צוויי כלות אויף דער שטאָט.

אָבער אין האַמבורג איז געלט אַ נאַרישקייט. די אַלטע און די אויסגעבוצטע אין דער נייער און דער אַלטער שטאָט און אין די לעצטע חושכדיקע געסלעך צווישן דעם פּאָרט און די האַנדלס־גאַסן, אין דידאַזיקע קרומע, שטינקענדיקע הייזער־ריני־שטאָקן צווישן טורם־הייזער, בולדונגס, מאַגאַזינען, אַכסניות — אַפילו די זקנות, וואָס וואַלטן אין אַנדערע שטעט שוין לאַנג געווען קלאָזעט־פרויען, שפּיטאָל־ווייבער, שנאָרערינס אויף די בית־עלמינס — פאַרדינען נאָך אין האַמבורג אויף זייער אויס־קומעניש.

אַרבעטער, אַלט־געוואָרענע פּראַקטיקאַנטן, משא־טרעגער, פישער, שול־יינגלעך, צייטונגס־טרעגער אין דער מיטאָגס־פויזע אָדער אין אָוונט, כאַפּן זיך אַריין אויף אַ ווייַלע אין אַזאַ הייזל, אַ שטוב לעבן אַ שטוב, אַ נקבה — פופציק פעניק. און זיי קענען זיך נאָך אויך עפּעס פאַרגינען פאַר זייער האָרץ, פאַר זייער געלט, מען קען נאָך אויך קריגן אַזוי אַ קליינעם, ווייס־הויטיקן גאַסן־יינגל פון קאַרשטאַט, אַ קוים זעלבשטענדיקן טענ־ציאַנער אָדער אַ בלאָנדן קאַסטן־טרעגער מיט אַן אָקסישן קאַרג פון דער פרוכט־האַליע, אָדער אַ בלוי־אויגיקער דאָם־אַרבעטער פון דעם צאָל־האַפן, אַ באַרקע־פירער.

דאָרט אַהין, אָוונט צייט האָט פּאָול אַרייַנגעפירט דעם אומ-רויסנדיקן פּעטער.

פּאָול האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. אָדער צי האָט ער זיך אַזוי גוט פאַרשטעלט, צי האָט ער געגלויבט, אַז פאַר פּעטערן וועט זיין בעסער, ווען ער וועט אינגאַנצן נישט דערמאָנען וועגן דעם, וואָס איז פּאָרגעקומען צווישן זיי די לעצטע טעג, אינגאַנצן נישט וויסנדיק מאַכן זיך? האַנט און האַנט זענען זיי אַרויס פון האָטעל. די דריי טאָג זענען שוין געווען פאַרביי.

אָבער דער אויטאָ איז נאָך נישט פאַרטיק געווען. דער לאַקיר איז נאָך נישט געווען טרוקן.

ער איז געווען זילבער-גרוי.

די גאַנצע פאָרם האָט זיך, דאַכט זיך, פאַרענדערט. דאָס אויסבעטעכץ אינעווייניק האָט אויפסניי געמוזט איבערגעצויגן ווערן, פּאָול האָט אויסגעקליבן אַן איידעלען רויט. זיי זענען געווען בלויז איין וואָך אין האַמבורג—און פּעטער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן מחמת אומגעדולד, מורא און הילפלאָזיקייט. ער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין צייטונג אין האַנט אַריין. ער איז ממש געווען טויט, שוין באַוויינט פון קאָטין, אַסטרידן, אַדע-לען — אָ, ווי הייסן זיי נאָך דאָרטן, יענע שאָטנס פון דעם פאַרשוווּנדענעם לעבן?

עס איז געווען הייס און נאַס, ביינאַכט איז קאַלט געווען, אינטיק.

ער איז גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אין זיין צימער, געלייענט, וואָס ער האָט נאָר צונויפגעשלעפּט אין די קיאָסקן, און וואָס פּאָול האָט געבראַכט.

פּאָול האָט געבראַכט פּאָעזיע, ביכער. וואָס פאַר האָט ביי פּעטערן (דאָרט — ווו? שול-גאַס? — איז דען גאָר געווען אַ שול-גאַס ערגעץ?) וואָס ער האָט דאָרט געזען.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פוילן פּעטער, אַרויפ-געלייגט די האַנט אויף זיין ברוסט.

— אָבער קום איצט, ס'איז דאָך שוין פינסטער. ביים האַפן איז אויסערגעוויינלעך שיין, און אין די גאַסן איז דושנע ווי אין פאָרט סאַיד אָדער ראַזאַריאָ. אַמאָל, הער נאָר, וועלן מיר ביידע פאָרן ווען עס איז אין ראַזאַריאָ.

דערדאָזיקער נאָמען האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרן קלאַנג און אַ ריח.

פאַול האָט געזאָגט:

— הער נאָר, איך האָב דאָ אַ נקבה. פיין, זי האָט אַ וואוינונג ביים פיין-טייך. איינער אַן אַמסטערדאַמער האָט זי איינגעאָרדנט, ער קומט נאָר דריי מאָל אין יאָר. ביי איר איז פאַראַן אַ כלי, אַ בעכשטיין, אַ קאָנצערט-ראָיאַל, אַ ריזיק באַשעפעניש — וועסט שפילן אַביסל? קום אַהין. מיר וועלן זי אַוועקשיקן פון שטוב, זי וועט אירע פריינדינס אויך אַוועקנעמען פון דאָרטן און דו וועסט שפילן.

— שפילן — האָט פעטער געמורמלט מיט פאַראַכטונג, ער האָט אָנגעקוקט זיינע הענט — וואָס וועט זיין דאָרטן מיטן וויז? — האָט ער געטראַכט אויפן קול — די ביידע דירות? דער מאַגאַזין? וואָס וועט זיין מיט ליבען און מיטן אַלטן מענקע? מיטן דירה-געלט וועט שוין גאָר זיין אומברחמנותדיק. עס זענען דאָ פעטערס אין דרעזדען און ליגניץ. זיי וועלן דאָך קומען ירשענען. ווי אַזוי וועט עס זיין מיט דער פאַרוואַלטונג? צי וועט מען מיר דערקלערן פאַר טויט? איך מוז מיטנעמען מיין אַלטן פאַס. אויסווייזן אים אין טשיקאַגאָ, אין דער באַנק. מיר האָבן דאָך נישט קיין געלט. איך האָב ביי מיר בלויז פינף טויזנט.

— געלט — האָט געזאָגט פאַול און געשפריצט מיט פאַראַכטונג — געלט! איך קען דיר מיטנעמען וויפל דו וועסט נאָר וועלן, קאַמיל דעקלאַרי האָט שוין פון לאַנג אַ קאָנטאָ אין לאָנדאָן און זיד וועסטערס, פענטשערטש-סטריט, דאָס איז נישט ווייניק. די היגע נקבות — וויפל דיין האַרץ גלוסט, מענטש, געלט איז די קלענסטע מניעה. אָך, דו ביסט אַ באַלעבעטל, די

קאָנסט נישט אַרויס פון דיין ציטערנדיקער, באַלעבאַטישער האַנט.

זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן, ווי די דעכער האָבן זיך איבערגעבויגן איינער צום אַנדערן. אין אַלע טירן זענען געשטאַנען פרויען. אין די פענסטער. אָט קען מען אַריינקוקן אין אַ גרעטכען-שטיבעלע. אַ ווייס פאַרשפּרייטע בעט מיט ליאַלקעס, מאַלפּעס, פּאַיאַצן, אַ טיש מיט אַ געשטריקטן טישטוך און אַ בלומענטאָפּ מיט אַלפּן-רויזן, און ביים פענסטער אַ גרעטכען.

אָט קען מען אַריינקוקן אין אַ צווייטער, טונקעלער שטוב, אַ נאַפט-לעמפּל, דאָס בעט שוין אויפגעבעט, און די פרוי לעבן פענסטער האָט אַרויסגעלאָזט אירע ברוסטן פון איר העמד, און זי פליסטערט עפּעס מוראדיקע שבועות. אין ראָג זענען זיי געשטאַנען צוזאַמען, יינגע, לאַכנדיקע מיידלעך, זיי האָבן געקענט פּאַוולן, זיי האָבן אים אַרומגערינגלט.

— און דיין פריינט? טוען אים נאָך אַלץ ווי די ציין, געבעך?

אַ קנייפּע. אַ דאַמע שטופּט זיך אַריין אַהין אין אַ לאַנג גלאַנצנדיק אָוונט-קלייד.

אַ דושנע, ענגע, קנייפּע, אַ קנייפּע מיט פרויען. איבער דעם אַריינגאַנג שטייט אַ לייכטנדיקער דרייצן און אָט איז די יינגען-קנייפּע.

אַן אויטאָ שטייט לעבן דעם שכנותדיקן הויז. הערן קו-מען, עס איז אַ זומער-נאַכט-באַל אונטן אין קעלער-זאַל. נישעס מיט פּאַפּירענע רויזן-בוקעטן, פּאַרפום, יונגע פנימער פאַרשמינק-טע, איינער ווייזט זיין שניי-ווייסע, נישט באַהאָרטע ברוסט, דער קעלנער וויגט זיך און דרייט זיך אויף די אָפּצאַסן און איינער אַן אַלטער הער פון קאָפּענהאַגען, ספּעציעל געקומען אויף דעם באַל, פונדעוועט קאָניאַק פאַר באָקסער, הייצער, האַפן-אַר-בעטער אין ביר-פירער, וואָס רינגלען אים אַרום. און ווידער מיידלעך, זיבעצן-יאָריקע און ווייבער פופציק-יאָריקע. מאַמעס

אין די קיך-פּאַרטוכער כאַפּן זיך שנעל אַרויס אויף דער גאַס, פאַרדינצן אויף אַ פרישטיק אויף מאָרגן. דריי קינדער שלאָפן אויבן. דער מאַן? שוין לאַנג אַוועק ערגעץ. מ׳ווייסט נישט ווי. בעסער אַזוי. איין עסער ווייניקער.

געמישט בלוט באַט זיך אָן, מיט בליצנדיקע אויגן, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ. און לעבן איר, ווי בכיוון, כדי צו זען דעם אונטערשייד — אַ העל-בלאָנדע האָלשטשיינערין. האָלשטייניש ער דיאַלעקט פון אַ קינד:

— הער, וואָס דו זאָלסט נישט ברויכן, איך וועל דיר צופרידנשטעלן.

און הינטער זייערע פּלייצעס:

— זע נאָר, אַזאַ ריר-מיך-נישט-אָן. טויג אפשר נישט פאַר דעם חשבון הער? אַזאַ פראַנט, אָ, אַן אַלטער הינער-פרעסער!

דאַן האָט פאַמעלעך אויפגעשיינט פאַר זיי דער מילערנטייער.

מוזיק, ליכט, אַ שטופעריי, אַן ענגשאַפט. פון דעם „דאָם" האָבן געדונערט די קאַרוזעלעס און די בודע-אָרגלען, די אויסרופער און די קוויטשנדיקע שטימען אויף די סקריפנדיקע הוידאַוועס.

האַגענבעק האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ צירק, פאַר דעם הויכן געצעלט האָט ער אָנגעצויגן ליכט-שנורן. אויף דעם פּלאַץ פאַר די שפּיל-בודעס, זענען געשטאַנען די פרעמדע, די גאַסן-פרויען און נאַכט-שלעפער.

טעאַטער איז שוין נישט געווען, וואַריעטעס נישט. קינאָס אויך נישט.

שבת ביינאַכט. פון הונדערטער שיפן האָט זיך געשטופּט די מאַנשאַפט אין דער הענג-באַן און פון דער שטאָט זענען אַהער אָנגעקומען די יונגעלייט.

אַרבעטסלאָזע האָבן זיך געמאַכט באַקוועם, די אַלפאָנסן, די איבערגעזעטיקטע נאָך דעם אַוונט-ברויט אין די מוסטער-קע-

לערס ביי פּאָרטע און הערלין, אין דער שיף־סטאַציע, אין דער אַלסטערלוסט.

עס האָט שוין מער נישט גערעגנט. די לופט איז געווען פייכט און נעפּלדיק. אַרום די בויגן־לאָמפּן איז געהאָנגען אַ שימער, די ליכטיקייט איז געווען נאַס, צעשוווּמען און די גאַס האָט זיך געשפּיגלט, אַז מ׳האָט מורא געהאַט אַ פוס צו שטעלן. אָ, דער ריח פון פיש־קיכן, קרעטשמעס און שענקען! אָבער אויך אַ דופט פון קאָנדיטערייען, אין די פענסטער האָבן זיך גע־שמאָלצן טאָרטן.

היפּאָדראָם, פּאַנאָפּטיקום, פּאַנאָראַמע און אַבנאָרמיטעטן־מוזיי, — אַלץ איז נאָך אָפן געווען. מ׳האָט זיך געשטופּט אַריין און אַרויס.

די סחורות אונטער די אַראָפּגעלאָזטע לאָדנס זענען געווען גרעל באַלויכטן.

יונגע מענער אין די ראָגעס קוקן זייטיק, מאַכן מיט די הענט און ווינקען מיט די אויגן... אַלפאָנס האָט הונדערט נייע פּאָטאָסן. אַפריקע, די נאַקעטע אַפריקע, ליבנדיקע אַפריקע, גאָר נייע, נאָכנישט געוועזענע זאַכן. אָבער יאָאַכים זיין פריינט, דער מאַט פון דער „הונדוראַס", האָט כינעזישע שפּילערייען און יאַ־פּאַנישע דערפינדונגען. האָלץ, עלפאַנט־ביין, בראָנז און מעש. אַנטציקנדיקע קלייניקייטן, אומגעווייניגלעך ענלעך, שרעקלעך־אמתע קאָפּיעס.

אין די קנייפּעס, אין די נישעס לעבן דער ציגיינער־מו־זיק — דאָס זענען געווען אָדער טיראָלער מיט נאַקעטע פיס אָדער די דאַמען־קאַפּעליעס וואַלצערטרוים, אָדער נעגערבאַנד אָדער די נאָרוועגישע מאַטראָזן־קאַפּעלע אָדער דאָס ערשט קלאַ־סיקע וואַריעטע־אַנסאַמבל „עקזאָטישע שטערן".— אין די נישעס האַנדלט מען מיט קאָקאַין, ליבעס־פּילן, פּאָטאָסן.

זונהלעך זיצן, פונקט ווי פויגל אויף דער שטאַנג, און זייערע פריינט גייען אַריין און אַרויס, קאָסירן איין, באַשווינדלען איינעם און ווידער אַרויס, הענגבאַן, ביז דער ראַדיאָ־גאַס אָדער

גרויסע פרייהייט, ווו די פּאָרטערס לויערן אין די קעלערס. אין די פענסטער שטייען בילדער פון האַלב-נאַקעטע מיידלעך, שלאַנקע-דאַמען, אַ שמאַכטנדיקער פידלער-קאָפּ.

די ציגיינער-פידלען, זיי נעמען אַדורך און אַדורך. זיי פידלען גלייך אויף די נערוון פון די הולטייעס, אַ פרוי קוויטשעט, אַזוי שטאַרק קיצלט עס זי.

אויף די טרעפּ אין דעם קעלער, ווו די טואַלעטן זענען—אָ, וואָס פאַר אַ ריה שטייגט אַרויף פון דאָרטן! — אויף די צוועלף טרעפּלעך גייט מען אָן אַן אויפהער אַהין און צוריק. באַוועגונג, באַוועגונג!

די טואַלעטן-פרוי מאַכט געשעפט. פּודער, שמינק-שטיפטן, וואַטע און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן. דער טואַלעטנמאַן פאַרקויפט גומע-אַרטיקלען, פּאָסט-קאַרטלען, אַ וואַנט פול מיט פּאָסטאַרטלעך.

מיידלעך, אוי, שאַרפע בילדער, און קינדער, נאַקעטע, צען יאָר אַלט, מ׳כאַפּט זיי ווי הייסע זעמל. פאַר די באַרן אַ ייט פון מענער. פון פופצן יאָריקע ביז זיבעציקער, זיי טרינקען יז די לעצטע צען פעניק. דערפאַר אָבער גייען זיי אַריין אין ער ראַדיאָ-שטוב.

די אָרקעסטרעס מישן זיך צווישן זיי. אַ לאַגע. ס׳געהערט בורנאָן.

זיין לאָלאַ האָט שוין ביז איצט געהאַט פינף, אַלץ נאָבעע קונדן. צאָלנדיקע אַמאַטאָרן, רייכע פרייערס. זיינע הויזןעשענעס זענען פול, און לאָלאַ אַרבעט שוין ווידער.

פּאַול איז אומעטום אַן אייגענער מענטש. אין דריי גענט איז ער שוין מיט אָט דער גאַנצער וועלט אויסגעבונדן. ער שלעפּט ארום פעטערן פאַר אַן אָרעם און פעטער זאָגט נישט קיין וואָרט.

— נאָר היינט נאָך, ברודער, בלויז נאָך היינט אַליין. מאָרגן פרי וועלן מיר שוין באַשטעלן פּלעצער. מירן פאָרן אויף דער „קאַרלסרוהע״, מיר וועלן גלייך אַריבערפאָרן קיין ברעמען, גלייך צום ברעג. אוועק פון דער שמוציקער ערד. פרישע לופט,

קלאָר-ריין וואַסער, דיין מויל זאָגט ניין, אָבער דיינע אויגן זאָגן יאָ, איך ווייס זיכער, איך וועל דיך נאָך היינט אַ קוש טון. דיין מויל זאָגט ניין — —

פּאַול איז געווען שיכּור. פּאַול האָט געלאַכט און גע־קושט די מיידלעך.

איינע האָט געוויינט: „ווי ליבלעך איז מיין כּלה, ווען זי קלאָגט, ווען דער ליבסטער אירער אין די אויגן שלאָגט". און ער האָט צוגעקוועטשט אַ צענער אויף איר אויג, וואָס איר חתן האָט איר נאָרוואָס איבדרוויטן אונטערגעשלאָגן.

ער איז אַדורכגעגאַנגען איבער דעם דאַם צום פּאָליציאַנט און האָט געפרעגט, ווו מ'גייט צו דער הענג-באַן, ווי אַ צע־לאָזענער חברה-מאַן פון בערלין האָט ער זיך אַמוזירט. פּעטער האָט אים קוים אַוועקגעפירט פון דאָרטן.

זיי האָבן זיך געוואַקלט אין די טונקעלע שטילע גאַסן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו דער לאַנדונגס-בריק, צום צאָל-אַמט, צום פיש-מאַרק.

קנייפּעס, קנייפּעס, אינדישע און שוועדישע באַרן, נעגער־קעלערן און כינעזישע שענקען, יאַפּאַנישע בודקעס און יאַפּאַ־נישע טיי-הייזלעך.

טיר לעבן טיר, פענסטער לעבן פענסטער. איינער קלע־טערט אַרויף די טרעפּ און אַ צווייטער גייט אַראָפּ. צוויי פּאָ־ליציאַנטן וואַנדלען שווייגנדיק אויף זייער גאַנג. זעלטן ווו מען זעט אַ מיידל.

אויסגעשטאָפּטע ים-חיות. שיפן שאָקלען זיך אין די פענ־סטער. ראָזאַ ליכט. גאָלדענע ליכט, בליענדיקע פאָרהאַנגען, שניי-ווייסע גאַרדינען, אַ קלאַוויר, אַ גראַמאָפאָן. קעץ זענען געזעסן אויף די שוועלן, עגיפּטישע געטשן, אומבאַוווסט און אומבאַרירט.

און אַ ריזיקער הונט, אַ געמיש פון אַ דאָג און אַ בערנאַ־דינער האָט צוגעשפּרייזט צו אַ לאַמטערנע-לאָמפּ און געבערענגט פאַרן ליכט אינדערהויך זיין קרבן.

אויף די ברייטע טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ פון דער בער־

נאַרד-גאַס צום האַפן, זענען געזעסן אַ צענדליק יונגען, האַנט בײַ האַנט, האָבן זיך געשאָקלט און געזונגען אַ מעלאַנכאָליש ליד אין אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך. פּאָרטיגעזיש? אַראַביש? אַ פרוי שטעלט זיך אָפּ, הערט זיך צו און נעמט אַרויס פון איר האַנט-בײַטעלע אַ טיכעלע, זײַער פאַמעלעך, ווישט זי זיך פאַמעלעך, פאַמעלעך, די אויגן.

אונטן האָט זיך געכוואַליעט, ס'האָט געציטערט און געפינקלט דער האַפן.

איבער דעם וואַסער מיט באַוועגנדיקע פײַערן — אַ נאַקעטער אומבאַצווייגטער אומבאַבלעטערטער וואַלד. מאַסטן און קראַנען, קראַנען, מאַסטן, הויב-מאַשינען, די רישטונקעס פון די דאָקן, רישטונקעס, רישטונקעס, אַן אומגעהויערע נעץ פון שטאָל, אָן אַ סוף, פאַרלירנדיק זיך אין דער פײַכטער נעבלדיקער נאַכט.

אין שטראָם שטייט אַ שיף, באַלויכטן, וואַרטנדיק אויפן ציופלוס. זי פאַטשט שוין אין וואַסער. די פּאַראָמען וויגן זיך נאָך איבערן האַפן.

אָסוואַלד-דאָק, באַנקענהעפט און קייזער-סקווער און עלער-האָלצשלוזע. פײַערן האָבן זיך געשאָקלט איבער דעם אויפגערודערטן וואַסער, פײַערן האָבן געפינקלט אויבן אינדערהויך אויף די מאַסט-בוימער און קראַנען. ס'האָט זיך געפילט פיש, ס'האָט זיך געפילט וואַסער.

מעוועס, געשפּענסטעריש ווײַס, אַ געווימל פון מעוועס איז פלוצלונג אַרויסגעפלויגן פון דעם גאַרנישט. דער דאַמפער האָט געוווּעט, ווײַסער רויך איז אַרויפגעשטיגן און צעשוווּמען אין דער פײַכטער לופט.

פון די בײדע קוימענס האָבן געוויעעט טונקעלע וואָלקן. סיגנאַלן, דערשטיקטע ווי מיט טיכער, האָבן קוים אָפּגעהילכט. די לופט איז געווען שטיקנדיק און געדיכט. פיש-ריח, זי מאַכט זאַט און איבל.

ברעג-מוזיק, בלעך, אײַזן, די שלעפּ-דאַמפערס ציען אָן די קייטן, פאַמעלעך רוקט זיך דער איבערזע-דאַמפער פאַרבײַ.

לעבן די בולווארן, אין דער גאַנצער לענג, ווידער קני־
פּעס מיט עקזאָטישע נעמען, אַזש ביז אַרויף, צום פרייהאַפן
צו, לאָזשעס, לאָזשעס, מאַטראָזן־לאָזשעס, אַכסניות, טאַבאַק־
בודקעס, וואָס זענען נאָך געשטאַנען אָפן, שיפער־שענקען, באַרן,
וו די באַרקע־פירער באַאַרבעטן עמעצן, ווו פרויען וואַרטן אויף
זייערע מענער, מיידלעך, אָנשטענדיקע, וואַרטן אויף זייערע יונ־
גען פון באַד־דאַמפער, פון מאָטאָר־שיפלעך. מען איז געגאַנגען
פון בלאַנקענזע, פון די באַד־פלעצער, פון קראַנץ, און דאַן איז
מען ווידער געגאַנגען שנעל אין האַמבורג.

שבת־צונאַכטס ווערט קיינמאָל נישט נאַכט, די נאַכט פון
שבת־צונאַכטס פאַרברענגט מען מיט טענץ, מיט זיצן אין קניי־
פּעס, מיט הורן; שבת־צונאַכטס איז קיין נקבה נישט צו פיל
אין דער שטאָט, זי גייט פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל.
די שנאַפּס־גלעזער ווערן נישט געוואַשן, מען פילט זיי גאָרנישט
אָן. די פאַרביקע פלעשער ליידיקן זיך אויס איינס צוויי דריי. די
שיק־יינגלעך שוויצן.

דער שווייס זעצט דורך און פאַרבט־אָפּ די ווייסע אַקס־
לען. דער רויטער טריקאָט, דאָס בלויע העמד. פודער, מיידלעך,
אייער־ווייסער גלאַנץ איז טאָקע נישט אַזוי באַחנט. און שווייס־
טראָפּנס אויפן קאָרק, מילא, עס זענען פאַראַן אַמאַטאָרן, וואָס
זיי האָבן דווקא הנאה דערפון. אָבער די יונגען, וואָס איר האָט
צום ליבסטן, זיי זענען נאָך נישט אַזוי איבערגעפירט. זיי האָבן
נאָך נישט קיין אָפּגעשטאָרבענע נאָז, זיי דאַרפן נאָך נישט דאָס
שאַרפע געצייג פון די אַלטע בעל־תּאוותס, די עקלהאַפטע שפּייז
פון די פאַרדאָרבענע אַפּעטיטן.

קעלנער־וואַסער אונטער די אָרעמס, מיידלעך, לאַווענדע
צווישן די ברוסטן און פאַרפומירטער ליפּן־שטיפט, פאַרפומיר־
טער פודער.

די צוואַנציק יעריקע מיידלעך שמעקן מיט גוטע ריחות
און עקזאָטישע עסענצן. דאָס מאַכט זיי פּאָעטיש. נאָך אַלץ,
קינדער, נאָך אַלץ, נישט געקוקט אויף טאָן־פילם און באַלינגס־הויז,
בופּציק טויזנט־טאָניקע דאַמפערס און ראַדיאָ־פאָטאָגראַפיע, נאָך

אַלץ שלייכט מען זיך אוועק אַהין צו דער ראָמאַנטיק, מען שמעלצט זיך פאַרשעמט ביי זיסער פּאָעזיע, מ'טרוימט פון ליבע, ליבע, אַמאָר פּאַנסיאָן.. !Ilov yon, ah t'adoro, t'adoro! ah

ס'איז שוין לאַנג. ווי פון האַמבורג, פון אַלטאָנאַ האָט אויסגעשלאָגן האַלבע נאַכט. ס'האָט שוין געקלונגען איינס. די צווייטע שעה פון דער נאַכט אָטעמט ווידער אַרויס לוסט, תאווה, שיכּרות.

אויך טרערן פון ליידנדיקע פרויען און חרטה ביי קליינע דעפּרווידאַנטן פון פּאָרט-קאַסעס און פון מוטערס פּאָרטעמאָנעס און דעם טאַטנס הויזן-קעשענעס. ווען דער אַלטער שלאָפט, אַרום עלף אַזייגער, קען מען זיך אַריינגנבענען אין זיין שטוב, אַ כאַפּ טון און אַרויס, נישט קיין סאַך, דריי מאַרק, פיר, אָבער ווען ער וועט זיך דערוויסן! ציטערן און שרעקן זיך די זיצערס אין דעם אינדיאַ-באַר.

אַ מעסטיצע (געמישטע) האָט אים פאַרטרונקען דאָס ביסל קליין-געלט, ערשט וועט ער נישט האָבן צו באַצאָלן פאַר איר בעט.

נו, דעם קומענדיקן שבת! נאָך אַכט טאָג אַדורכצושטופּן נאָך אַ וואָך צניעות. פאַרשאָלטן מיידל דו. מען לויפט זי נאָך צו וואָס? און מ'האָט נאָך קאָסטן פּטור צו ווערן פון איר... סיידן אַזוי, צווישן זיך, די איבעריקע וואַלאָנטערן ביים שיפּמעקלער העניגסען, אָדער אַליין איבער די מאַגאַזין-בילדער. צי האָט ער געלוינט? זאָל עס גיין צו אַלדי-טייוולאָנים. אויף אַ גרינע גראָז-גרינעם ווערמוט האָט עס נאָך געקלעקט. נו, דערלאַנגט! ביטער איז ער, ווי דאָס לעבן אַליין, ווי די דערקענטעניש פון דעם, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון לעבן. די געלע שיינהייט זיצט זיך ווייטער ביים טיש, שמוציקער סינגאַלעזער! אָבער די פאָר גראָשן האָט ער! שווער איז דאָס לעבן. און וואָס גיט עס? קאָניאַק אויף אייז! און פערנאַנדאָ, איר זיסער הולטיי, פון אַ ענגלישן הייצער, פינף יאָר, מאַכט אַ טייל פון די הויזן.

— שיין — האָט געזונגען פּאָול — שיין איז דאָס לעבן! אָ, דאָנע קלאָרע, איך האָב דיך געזען טאַנצן, און דיין שיינ-

הייט האָט מיך געמאַכט משוגע. איך האָב דיך געזען אינגאַנצן דאַן אין די חלומות, דאָס האָט שוין אינגאַנצן פויל געמאַכט די מאָס פון דער ליבע, ביי יעדן שריט און טריט האָט זיך דיין קערפּער געבויגן פּונקט אינדערמיטן — — פּאַרוואָס זאָלן מיר אַריבער? מירן בלייבן דאָ. נאָך אַ וואָך בלויז. טו נאָר אַ קוק, ווי מיר לעבן. פּונקט ווי אונטער פאַרכּישופטע, אומזיכטבאַרע-היטלען. זאָג נאָר, אַלטער, צי איז עס נישט פּרעכטיק, אַן אַנדערער, אַ נייער, אַ יונגער צו זיין? אָ, דו בירגערלעכע נשמה. אָ, דו אַלטער בירגערלעכער ביין. טו נאָר אַ קוק אויף מיר, האָסט מיך דאָך ליב, כ׳בין דאָך דיינער, האָסט דאָך עס אַליין געזאָגט, און אַזוי ווייטער אויף שטענדיק און אייביק. —

און ער איז אַראָפּגעקראָכן, זעקס טרעפּ צום קאָלאָמבאָבאַר, אַן אינקאַ-מיידל איז געווען דאָרטן אונטן, אין אַ הינטערשטוב. ווי דזשונגל האָט זי געשמעקט, הייס איז זי געווען ווי אַן עקוואַטער-מיטאָג, יאָ, אַביסל טוכלע, פוילק, פאַרדאָרבן האָט געשמעקט איר לייב, פון איר שויס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ריח ווי פון אַ בליענדיקן זומפּ.

און דאַן האָט זיך פּעטער פּלוצלונג אַרויסגעריסן אויף דער פריי. אַרויס.

גאַסן, טרעפּ, ר׳איז געווען פאַרצווייפלט, פאַרלאָרן. יאָ, פּאַול האָט זיך אומגעביטן, פאַרוואַנדלט זיך, אים אונטער די אויגן, אונטער די ליפּן, בעת ער האָט געקושט זיין האַנט. נעכטן נאָך, נעכטן האָט ער פאַר אים געהרגעט, פּאַולס מאָרד, כּדי פּעטער זאָל נישט בעטן פאַר אַ באַשמוצטן אַלטאַר און קניען פאַר אַ שוואַרצער מעסע.

פּאַול איז געווען אַזוי גרויס. אַזוי פול מיט ליבע, אַזוי הערלעך געווען אַ פריינט.

היינט — הורן און זויפעריי, דאָס געמיינע אויסגעלאַסענע לעבן האָט אים אויפגעפרעסן שטיקערווייז, ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט עס געהאַט, אָבער אינדעראמתן האָט עס אים גענומען, פאַרשלונגען אים. פּאַול, ווו ביסטו פּאַול!

ער איז ווידער געשטאַנען אויף דער לאַנדונגס-בריק. איצט

איז די שטאַרק-באַלויכטענע שיף אַרויסגעשווומען מיט מוזיק אויף דעם ים, זי האָט לויז געמאַכט די אַנקערס ביים באָרד. די באַוועגטע כוואַליעס האָבן זיך געשלאָגן אָן דער שטעג-בריק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן מיטן וואַסער.

עס האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט געקאָכט, אייזיק-געקאָכט,— שוואַרץ דורכגעוואָרפן מיט גאָלד, עס איז געווען אַזוי לעבעדיק, אַזוי אומהיימלעך לעבעדיק, עס איז צוגעפאַלן צו די דוקדאַלבן, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי געקעפטע ריזיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט דעם האַלז פון די כוואַליעס. אויבן ביים טורם-שפּיץ פון סאַנקט-מיכאַעל איז געשטאַנען פאַראַנקערט די לבנה-שיף, אַזוי הויך אומדערגרייכבאַר. בענקשאַפט, אָ, הימלישע בענקשאַפט...

די שיף-קאַפּעליע האָט שוין געשפּילט פון דער ווייטן. די טראָמפּייטן האָבן געקלונגען, ווי פּלייטן פון אַ ווייטן אינזל. און די מעוועס זענען נאָכגעפלויגן פון הינטן אין קרייזן. פּעטער איז געשטאַנען אויף דער שטעג-בריק, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך געוויגט.

אָ, קינד, פלאַפלענדיק קינד, די מאַמע וויגט דאָס וויגל. דער מוטערלעכער ים הויבט דיך אויף און לאָזט דיך אַראָפּ. ווייטער, ווייטער, דער שלאָף קומט. אַ ליד...

פּעטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ סלופּ, אַ קייט האָט צערטלעך שטיל אַ קלונג געטון. אַרום און אַרום האָט מען קיין מענטש נישט געזען.

קראַנען און רישטונקעס און מאַסט-בוימער און גאַנצע וועלדער פון בלאָקן, קוימענס, שיפלעך און באַרקעס, וואָס רייבן זיך איינער אָן דעם אַנדערן, בענקענדיקע לייבער פון שיפלעך, גיריקע שיף-קערפּערס, וואָס שטויסן זיך איינער אויפן אַנדערן, אומרויקע, נישט איינגעשטעלטע טשוּלנעס.

די לבנה האָט זיך באַפרייט פון טורם און איז געשווומען איבערן האַפן, אָבער זי האָט נישט געלויכטן. די וואָלקנס האָבן זי פאַרשלונגען, זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, ס'האָט געטריפט פון זיי.

פינסטערע, איינגעגעסענע רויך-וואָלקנס און ווייסע כמאַ־רעס און די קלאָגנדיקע סירענעס, אָט די ברומענדיקע און קרעכצנדיקע, וויינענדיקע און גרילצענדיקע קולות פון די שיף־מאַשינען, אַ בהלה פון קלאָגנדיקע ליידנדיקע באַשעפענישן.

אָט וויגט זיך דער גאַנצער קאָסמאָס און ער מיט אַ נעבעכדיק שלאָגנדיק האַרץ אין דער אומענדלעכקייט. אַ בענק־שאַפט נאָך שטימען, נאָך רייד, אַן אויסגעשריי. דערלייזונג און דערקענטעניש.

ער האָט געטראַכט וועגן ביכער. צערטלעכער פּאַול, פּיל־פּנימדיקער פּאַול, ער האָט זיי אים געבראַכט, די געליבטע שירים און פּערערטע פּראָזע. מען מוז אים ראַטעווען, פּאַולן. אַוועקנעמען אים פון די באַר-טירן און קנייפּע-טרעפּ, פון באַר־דעל-פענסטער און וואיל-יונגערישע שענקען, פון צוזאַמענקום־הייזלעך און מאַטראָזן-קרעטשמעס.

מוטערלעכער ים, פּאַטערלעכער אָקעאַן. אַרויס, אַרויס מיט פּאַולן צו דעם ריינעם עלעמענט. וועלטן איבערטוישן. איך האָב דיך ליב פּאַול, לאָז דיך אויסלייזן. אויפן ים, אַריבערשווימען אין אַן אַנדערער וועלט. האָרך זיך צו צו די דאָזיקע שוימענדיקע כוואַליעס: דער עכאָ פון דעם ים-שטורעם...

— ווי פאַרחלומט איך בין; אָט ווי איך שטיי אַזוי און שטיי, הויב איך מיר אָן צו פילן, און איך ווייס, אַז איך דריי מיך. און בעת איך דריי מיך מיט אַנדערע שווים איך אַוועק. און איך ווייס נאָר איינס: עס איז נישטאָ קיין שום זין אין דעם איך בין. דער איך בין איז אַרום מיר. איך בין איינגעשלאָסן, אומאַנטרינבאַרע איז דער צווייטער נאָמען פון דער וועלט! אויב איך צעברעך מיך, ווער איך נישט אויס־געשלאָסן, נאָר אויפסניי אַריינגעשטעלט אין דעם וויסטן טאַנץ! ווייל די אַלוועלט איז אין אַלצדינג, נישטאָ קיין לאָך אין דער צייט, קיין חלל אונטער דער אומענדלעכקייט.

אַזוי האָט גערעדט פּעטער צו זיך אַליין אויפן קול.

ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער אין דער

ליידיקער לופט, פאַר דער נאַכט. וואַסער, וואַסער, פייערן וואָלקן.

ער האָט געלייענט אויפן קול פון די פאַרמאַכטע בילער אויף זיין פאַרלאָזענעם טיש, אין בערלין, צוואַנציק מעטער אי־בער דער גאַס. טיפע אומגעהויערע מעלאַנכאָליע.

ער האָט געלייענט ווייטער:

— „קיינמאָל נישט „מיין״ שטענדיקער נאָר „זיין״! אויב איך וויל עפּעס האַלטן אין מיינע הענט, לייזט עס זיך אויף און צעברעכט זיך. פון די געשטאַלטן קען איך גאָר נישט האַלטן, אַפילו דעם גאָרנישט.״

און איצט איז עס געשען. איצט, דאָס וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט אַרויסרעדן, אָ, באַפרייטע ברוסט, אויסגע־לייזטע טרערן אויפּאָטעמענדיק האַרץ!

— „דאָס אַנטלויפן איז מיר נישט געגעבן, וווהין איך זאָל מיך נישט ווענדן איז דאָ דאָס לעבן! אַזוי וועל איך מיר אַריינוועבן אין דעם אייביקן און אין דער אַלייניקייט, אויף אָט דער ערד זיצן און זיין און שרייען!!״

אַזוי איז עס געבליבן. טאָג, נאַכט, טעג און נעכט. פּאַול האָט באַזאָרגט שיפסקאַרטן, און זיי זענען אויסגעגאַנגען. אַ וואָך איז אַריבער.

דאַן נאָך אַן אָוונט: פּאַול איז נישטאָ. טאָג נאַכט, אָוונט! נישטאָ קיין פּאַול...

און פּעטער האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. און ער איז געגאַנגען. ער איז געוואָר געוואָרן אין אַלע גאַסן און קנייפּעס. ער איז געשטאַנען אונטער די פענסטער, אונטער די טירן, געווען ביי די מיידלעך, ביי די ווייבער.

— ווו איז קאַמיל?

ער איז געווען אין די שענקען, היפּאָדראָמען, געפרעגט ביי די פּאָרטיערן, מולאַטן, רייטנדיקע הורן, ציגיינער, נאַכשטו־פּער אין דער „גרויסער פרייהייט״, די יונגען פון די ראַדיאָ־בודקעס״ — קאַמיל? די דאַמען פון „טריכטער״ און אַלקאַזאַר״, אַוועקגערופן זיי מיט אַ ווונק פון די רייכע קונדן, אין יונגפער־

גאָרטן, די פרייל̈נס אין זומער־פוטערס, וואָס האָבן זייערע חתנים אין סמאָקינג געהאַלטן אונטערן אָרעם: קאַמיל? וואָס האָבן זיי געמיינט, איז ער, פּעטער? האָבן זיי אים נישט געקענט? צי האָט ער זיך נישט יעדע נאַכט אַרומגעשלעפּט מיט אים, צי איז ער דען נישט האַננאָ ברייטבאַך, קאַמילס בעסטער פריינט, קען מאַרטינען דעם ווירט פון דער קנייפּע? ער איז דאָך נישט קיין שפּיאָן, קיין קרימינאַליסט. כ׳בעט אייך, קאַמיל! איך דאַרף האָבן קאַמילן. איך קען נישט ווייטער אָן קאַמילן...

ער איז אויסגעוועזן אַלע שאַנד־הייזלעך, אַרייַנגעריסן זיך אין קאַבאַרעטן, געזוכט אין בופעטן, אָפּגעקלאַפּט אַלע טירן פון מילערנטויער ביז אַלטאָנאַ.

אויף אַלע גאַסן, דעם גאַנצן האַפן אויסגעזוכט, אויבן, פון האָפּענפּלעט אָן, אַרום דער קאַטאַרינע־קירכע, שטיינהעפט, אַרום און אַרום דעם זע־אַמט, אַרום דער באַשטע, געפרעגט זיך אין די מאַטראָזן־לאָזשעס, דורכגענישטערט אַלע פּלעצער פון טריכטער ביז צום האַפן־טויער, אַזש אַראָפּ ביז צום פישער־פּאָרט אַלטאָנאַ.

קליין איז האַמבורג, אָבער פאַרוויקלט, געבויט אין דער טיף מיט טונעלן און דורכגאַנגען, מיט נאָרעס, זי איז טונקל. אַ לאַבאַרינט, מען קען דאָרטן קיין טאָלק נישט דערגיין, מויז־לעכער און פוקס־דורכגראָבונגען, ביבער־היילן און אומצוגענגלעכע דאַך־נעסטער.

און אָט רופט זיך אָפּ אַ יונג אין ציילאָן־באַר, ווי אַ פּעטער קוכער האָט אים געלאָזט טרינקען:

— קאַמיל? אָ, ער איז דאָך מיט מאַרקוויטאַ.

מאַרקוויטאַ! מאַרקוויטאַ! ווונדערשיינע מאַרקוויטאַ, אַזאַ מיידל איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. זי איז זיס און ברוין ווי שאָקאָלאַד און זי שטאַמט, פון בילבאַאָ.

די ציילאָנער האָט געזונגען, דער יונג איז אַרויפגעקראָכן אויפן טיש:

— צען מאַרק, צום ערשטן מאָל.

איינע אַ פּרוי לעבן אַ שיכּורן שאָפער האָט אָנגעבאָטן צוועלף.

— פופצן — האָט איבערגעשטיגן דער שטייער-מאַן.

אַן איינזאַמער הער אין דער זייט:

— מיט פופציק!

— צוואַנציק — האָט זיך געקרעקט דער שטייער-מאַן, איבערגעשטיגן און באַקומען דעם צושלאָג.

— מאַרקוויטאַ, מאַרקוויטאַ — און זי קומט אַרויס פון בילבאַאָ. זיס און ברוין ווי שאָקאָלאַד.

ווער האָט נישט געקענט מאַרקוויטאַן? די פיינע פּאַרט-יערס, די אָפּגעריסענע פּאָרטיערס, די אין די לאַנגע מאַנטלען מיט גאָלדענע קנעפּ, אָבער אונטער זיי — גאָרנישט. די הויזן אויפן נאַקעטן לייב, ווייל ס׳איז הייס, ס׳איז הייס אין האַמבורג, און נאַס.

אַ טראָפּישע לופט, סוף יולי, שוין באַלד אויגוסט. מאַרק-וויטאַ — ס׳איז דאָ אַזעלכע. אָבער ווו? די ציגיינער, די טיראָ-לער, די נאָרוועגישע מאַטראָזן, די נעגערס: — יאָ פאַרשטייט זיך, מאַרקוויטע? און זי קומט אַרויס, שטאַמט פון בילבאַאָ. ווו איז זי? א י ז ערגעץ! אַ גאַסן-יינג אין אַ זומער-מאַנטל, העל-געל, ספּאָרט, מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל: — מאַרקוויטאַ, מאַרקוויטאַ, זיס און ברוין — — אוודאי, וואָס דען! כ׳לעבן צום לאַכן! וואָס דען האָט איר געמיינט! נו, קלאָר, קלאָר ווי דער טאָג, צום קלאָרסטן אין שפּירטוס. איר טראַכט נאָך? יאָ, יענע וואָך איז זי נאָך געווען ביי זילבערזאַקן. נומער? ניין און זעכציק. וואָס טראַכט איר נאָך, הער? אָבער היינט? טויט אַ זוך, מיין הער, טויט אַ זוך. שיינע נשמות געפינט מען אויפן וואַסער און אויף דער יבשה.

נאָך אַ טאָג, נאָך אַן אָוונט... און מיטאַמאָל איז ער גע-קומען, דרייסט, חוצפּהדיק. אַ שיפּער-היטל, העלע הויזן, אַ בלוזע, דאָס ספּאָרט-העמד איז געווען אָפן איבער דער ברוסט, וואָס איז פון דער זון באַהויכט געווען מיט ברוינקייט און שוין מישט ווייס, ווי אָפּגעשיילטע ווערבע.

— אָ! פּאָול!

— נו, אַלטער, זע נאָר, ווי דו זעסט אויס, בלאַס, מאָ־גער. וואָס הערט זיך, גוטער־ברודער? הער נאָר, קום, מיר מוזן רעדן.

ערנסט איז געווען פּאָול, פייערלעך איז געווען פּאָול. ניין, ער קען נישט פאָרן. ער בלייבט דאָ אין האַמבורג. פאָר אַליין, אַלזאָ, דו מענטש, אויב דו מוזט פאָרן. אָדער — ווייסטו וואָס! שווים ווידער אַרויף אויף דער אויבערפלאַך, ווער צוריק לע־בעדיק. קער זיך אום צוריק: צוויי דירות, אַ פאַבריק, צוויי אויטאָמ־לינאַ, אַ ווינטער־גאָרטן פול מיט פייגל — קער זיך אום אַהיים צו דער באַלעבאַטישקייט.

— דו האָסט זיך דאָך אמת פאַרדרייט, מענטש, האָסט זיך פאַרבלאָנדזשעט. ס'איז נישט פאַר דיר. לאָז מיך, כ'בין אַ לומפּ, אַ מנוול, אַ פאַרברעכער, אַ שווערער יונג. האַלט צו די טיר פאַר מיר, און ווען די קרימינאַלן וועלן פרעגן, זאָג זיי, אַז דו ביסט געווען פאַרבלענדעט און אַרומגעבלאָנדזשעט. אַננאַן האָסטו געפונען דאַמאָלס אין האָטעל — און זי האָט דיך פאַר־שאַפט צרות. אַנטלאָפן, זינלאָז. נו, ביסטו ווידער ביי די גע־דאַנקען. מ'עט עס דיר גלויבן, ניין? און וואָס מיינסטו, ס'איז מיר שווער דיך אַוועקצולאָזן, אָבער דו ביסט דאָ איבעריק, סאיז נישט דיין וועלט, לאָז מיר. רוק זיך אָפּ. גאָט איז מיט דיר.

ניין, ער האָט באמת נישט געקענט אַוועק פון האַמבורג. ערשטנס האָבן דאָרטן די חברה־לייט געהאַט עפּעס אַן עסק. מעצקענבערג, כעמיקאַליען־עקספּאָרט, אָפּיום, קאָקאַין. אין דעם שטעקן הונדערט טויזנטער. אָפּנעמער זענען שוין דאָ, באַשטעלטע זאַכן.

שבת־צונאַכטס דאַרף מען „איינפעדעמען", אַלצדינג פּיקס און פּאַרטיק. וואָס מען דאַרף, מכשירים און אַזוי — שוין אַריינגעשמוגלט.

ס'איז אַ גרויסע אַרבעט. פיר פּאַרשוין, דער עסק לוינט זיך, ס'וועט זיין אַן אָרנטלעכער חלק. ביי אַזאַ זאַך קען מען נישט נעמען און זיך אָפּזאָגן, מ'קריכט ממש אַרויס פון דער

הויט, עס ציטערן די הענט.

ער וויל, ער מוז זיך באטייליקן אין דעם. זיין ליבער, אלטער געטרייער וואגן וועט מיטהאלטן. דאס איז דער בעסטער מיטארבעטער. ער וועט שטיין לעבן דער פעטריק-קירכע.

— וועסטו מיר סליחהנען, דו, פעטערל? זעסטו ווי איך היט מיך נישט פאר דיר מיט קיין ווארט? אן אפענע שפיל, אן אפן הארץ. אזוי בין איך שוין. נו, אלזא לאז מיך פארן. שווים־אפ. פארלאכט מיך. אבער אזוי בין איך שוין באשאפן געווארן. מיין טבע. דו האסט דיינע. בין איך דיך דען ווערט? קוק, וואס טויג איך דען? פאר דיר געוויס נישט, מענטש איינער.

דאס איז געווען ערשטנס. און צווייטנס: מארקוויטא. גע־מישט בלוט. שטעל זיך פאר, ווי טאבאק פון קאפ ביז די פיס. האסט שוין אמאל געפילט דער ריח פון קאשטאנען-בליעכץ? דאס איז איר גערוך. ס'הויבט אן צו שווינדלען אין קאפ. אן אוצר פון תענוג. זי מוז מען אויסטרינקען, דאס קען דויערן וואכן, חדשים, מ'קען גארנישט טון — סיידן אוועק פון איר, אוועק פון דאנעט. מארקוויטא!

היינט אוונט האט זי געמוזט אוועק.

זי טאנצט אויף א גארטן-פארוויילונג אין בלאנקענזע. איינ־געארדנט לכבוד איינעם א בראזיליאנער, א גרויסע פריצישע הולאנקע; האמבורגס שענסטע ווייבלעכקייטן ארויסגעפאדערט. אלע אדם-נאקעט אין דעם פארק, טייך און פאנטאנען, קישנס אויפן גראז, אין די בוימער לאמפיאנען. די נקבות האבן דא אין זינען, פארשטייט זיך, די פאר גראשן. זי וועט אנציען דעם בראזיליאנער... קאווע... אים וועט עס גאר נישט שאדן. דארטן איז קיין שום ליבע נישט. ס'איז געשעפט, ברודער, די ליבע האב איך.

אזוי זענען זיי געגאנגען.

— אבער רעד ארויס א ווארט, אלטער! ביסט דאך צו־פרידן, פטור צו ווערן דערפון. קוק מיר נאר אן. צי פארדין איך דיך?

פעטער האָט אָנגעקוקט פּאַולן. און ער האָט געזען פּאַולן!...

— פאַרגעס מיר, טייערער, טראַכט. אַז ס'איז גאָרנישט געווען. זי — זי איז אויך קיינמאָל נישט געווען... אַ נקבה, פעלט נישט דער מין. איך האָב נישט געקענט אַנדערש. נו, טאָ לאָז זשע מיך נישט אַזוי פיל פּלוידערן. שטעק מיר אַריין אַ פינפטל. זאָג אַ גוטן טאָג.

— ווּהין איך זאָל מיך נישט ווענדן — איז לעבן

— היינט בין איך נישט שכור, אַלטער יונג. איך טרינק שוין נישט. אַ קלאָרן קאָפּ. דאָס געשעפט פאָדערט. ווי אַלטער צירק־פערד, ווען ער הערט מוזיק...

זיי זענען געשטאַנען אין דער הויך. „געגעזונג". דער האָטעל איז געווען ליכטיק.

די טעראַסן, באַלויכטן, זענען שוין געווען ליידיק. אונטן — דער ווינגדיקער האַפן.

שיפן זענען אָנגעקומען, גרויסע פּראַכט־דאַמפּערס זענען אָפּגעשוווּמען.

דער ים... וואַסער, פייערן, וואַסער, פייערן און אַ קי־לער ווינט האָט געבלאָזן. אויף דעם באַרג בלאָזט דער ווינט, זיצט מאַריאַ מיט איר קינד — —

אָ, זיצן אויבן אויף דער ערד און שרייען!!

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען מיט דעם שמאָלן טראָטואַר, ווי ביטער עס האָבן געשמעקט די קוסטעס. זיי האָבן געאָטעמט מיט תּאווה, מיט ליבע האָבן זיי געפייערט, מיט מאַן און ווייב. די וועלט איז געלעגן אין פאָרן זיך.

אויף די לאַנדונגס־בריקן האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך אַראָפּגעלאָזט. פאַרמאַטערטער ריטם פון דער ליבע.

און אָט זענען זיי געשטאַנען זאַלבעצווייט אויף דער שטעג־בריק, איבער דעם כוואַליענדיקן וואַסער. פּאַולס האָר האָבן שוין ווידער אָנגעהויבן צו ווערן לאַנג און העל. די בלאָנדקייט האָט זיך דורכגעשלאָגן, דאָס היטל האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם.

ער האָט געקוקט. וואַסער, ליכט, וואַסער, וואַסער. שטייגנדיקע מעווע׳ס, שניי-ווייסע פייגל.

דער צופּלוס איז געווען אין דער הויך, ער האָט געלעקט די שטעג-בריק, געשפּריצט אויף די פּלאַנקען, האָט געפּאַטשט אויף די דוקהאַלבן.

די באַרקעס האָבן געקוילערט איינע דער אַנדערער, גע-רוקט, געריבן זיך. אַ ליידנשאַפטלעכער אומאויסגעלייזטער פאַרלאַנג.

אַ קאַלטער ווינט, קאַלט, קאַלט, און די וועלט האָט זיך געפּאַרט, די עלעמענטן, — אויסגעלאַסנקייט אין קאָסמאָס.

און אָט — אָט זאָגט פּאַול טרויעריק:

— און מיטאַמאָל, ווידער, מיטאַמאָל איז אַלצדינג אויס. מאַרקוויטש, „איינפּעדעמען״, מאַכן פּיס, פאַרשאַרפן, ליבע און גזלה, אַלצדינג אויס. און פּאַול שטייט אונטער די בוימער און איז ליריש, ער וויל האָבן אַ פריינט, מענער, מענער. און נישט קיין תאווהדיק פרויען-פלייש. אַ האַנט-דרוק. און ער ווייס אַזוי פיל. דו הערסט, נאָך פון דער שול ווייס ער דאָס פופצן יאָר אַלט, מיין גאָט—ער זאָגט: „מיט מידע גאַסן-בוימער האָב איך מיך אַוועקגע-שליכן, פון אַזוי פיל טרוימען אָפּגעשניטן, און דאָך ס׳איז גלייך: מיר האָבן זיך אין וויינען אויסגעמיטן, און אַז מיר זענען אָרעם אָן אַ גלייכן, קענען קיינמאָל זיך זיך נישט גרייכן, אָ, שיידן זיך. ברינגען פון אַלע ווערטער״.

און פּעטער האָט אָנגעקוקט פּאַולן, און ער האָט ווידער געזען פּאַולן. און ער האָט געזען זיך אַליין.

אין פּאַול האָט אים אַרומגענומען. ער האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

זיי האָבן זיך געוואַקלט ביים ראַנד פון דער שטעגבריק; דאָס וואַסער האָט געשלאָגן צו זיי, געלויערט אויף זיי. שיין איז געווען פּאַול, רייצנד איז געווען פּאַול.

זיי זענען געווען אַליין אויף דער וועלט. די גרויסע איינ-זאַמקייט, דער מענטש איז געווען אויסגעשטאָרבן, די בעלי חיים אויסגעראָטן

נאָר זיי אַליין אין דעם אומענדלעכן. די איינציקע. ווי ווי וווּנדערבאַר, די איינציקע!

אָבער פּאַול האָט געזאָגט טרויעריק:

— אַדיע. אַז מען מוז ליב האָבן, יונג איינער! איצט גיי איך אַוועק פון דיר, פּעטער. דו ליבסט מיך, יאָ? נאָך אַלץ? נאָך תּמיד? צי זאָל איך דיר אויסזאָגן עפּעס? דו ליבסט מיך! אָבער צי ווייסטו אויך, ווי אַזוי? און איך? — הער נאָר — דיך? ווילסטו? איך וויל, פּעטער! הייניטיקע נאַכט. אָ, דאָס נעמט מיך, הער נאָר, אַה, דו באַגערסט מיך...

און פּאַול מוילס האָט זיך אויסגעשטרעקט, צוגעדריקט זיך, אַ שוידערלעכער תּאווה, די זיסטע אויפרעגונג. שוין נישט מער אננאַ אַצינד, קיין שום וועלט נישט, גאָרנישט, גאָרנישט, אַלצ-דינג פּאַול...

אָבער מיטאַמאָל האָט פּעטער אויסגעשטרעקטביידע הענט און אים אַ שטויס געטון פון זיך. ער האָט אָפּגעשטויסן פּאַולן פון הארצן.

פּאַול האָט אַ קוק געטון אויף פּעטער, פּעטער אויף פּאַולן, צום ערשטן מאָל. ווייל פּאַול איז אומגעקומען, פּאַול איז געפאַלן הינטערווייַלעכץ, אין ים אַריין.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט... האַלט זיך! ביים בריק! אַן פלאַנקען! ניין ער האָט אויפגעהויבן די אָרעמס, ער איז אַראָפּ אונטערן וואַסער.

ער האָט געשמייכלט?... פּאַול!... און ער האָט זיך אויפ-געהויבן, די שוימיקע כוואַליעס האָבן אים אויפגעהויבן, שוין אַ פרעמדן. פּאַול? אַן אָפן מויל, אָפן, שוואַרץ. די אויגן זענען געוועזן אויפגעריסן. די האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שטערן. ער האָט נישט געשריגן. ער האָט זיך געלאָזט דערטרינקען...
עס האָט אים אַוועקגעשלעפּט... כוואַליעס, כוואַליעס. פּאַול?...

פּעטער איז געשטאַנען אַליין. די שטעג-בריק האָט אים געוויגט. שוין, קיינמאָל נישט זאַלבערצווייט. ביז אין אַלע איי-ביקייטן אַריין וועט ער אַן איינזאַמער זיין, ער אַליין. דער מאַטערלעכער ים האָט געשאָקלט דאָס פאַרלאָזענע קינד. ליידיק

אָן אַ מענטש איז געווען די וועלט. ער אַליין מיט זיין נעבעכדיק האַרץ אין דעם אומענדלעכן קאָסמאָס.

דער גרויסער פּאָטער האָט אים געבאָטן: שיק עס צוריק, דאָס פאַרלוירענע קינד, אין מיין שויס אַריין. איך וועל אים איבערשאַפן אויפסניי. דאַנק דיר. קוק אָן דיינע הענט. האָסטו געהרגעט? זיי זענען שוין אָפּגעקומען. גוט האָבן זיי געטון. גוט!

אָבער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם נאַסן פּלאַנקן. כוואַליעס האָבן געלעקט זיינע הענט. אָפּוואַשן זיי. אָפּוואַשן זיי. פון זיין האַרצן האָט פּעטער אָפּגעשטויסן פּאָולן, פון זיין האַרצן אָפּגעשטויסן די ליבע, די זינד. זינד...

ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם פליסיקן קבר. ווו? ווו? פּאָול! און ער האָט אַ שמייכל געטון.

ער האָט אָפּגעריסן די הענט זיינע פון אָנשפּאַר. ער האָט געוואָלט. ער האָט געוואָלט —

שיידונג. ברוגעם פון אַלע ווערטער... פאַרשטומט, פאַרשטומט. שווייגעניש איז איבער דיר, פּעטער! — ווער שרייט? — קין! קין?

דערביי איז געלעגן אַ היטל. אַ שיפער-היטל, אַ האָר האָט אוועקגעוויעט פון איר.

פּאָולס לעצטער סימן פון דער ערד. אַוועק. וואַסער, וואַסער, ווינט. דאָס איז געווען דער סוף.

פּעטער איז אַרומגעגאַנגען איבער האַמבורג. מ׳האָט אים אָפּגעשטעלט: קאַמיל? אייער פריינט קאַמיל? און ער האָט בעזאָגט אַ ליגן:

— איך זוך אים נאָך אַליין.

מאַרטין האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן.

— מיר דאַרפן אים האָבן. — האָט ער געזאָגט — ווו קען ער ערגעץ זיין, דער יונג?

אָט דער דאָזיקער בלאָנדער דיקער מענטש איז געווען שטאַרק אין כּעס, ער איז געווען אויסער זיך, דראָענדיק. און פּעטער:

— מען זאָגט, אַז מאַרקוויטאַ —

— זי לויפט דאָך אויך אַרום און זוכט אים.

איינע האָט זיי ביידן געזען אין יענער נאַכט. אַ מיידל, די פּוילישע אַנקאַ האָט זיי געזען, בעת זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען לעבן איר טיר.

— יאָ — האָט געענטפערט פּעטער — אָבער דאַן איז ער ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן, איך ווייס נישט ווו. ער האָט געהאַט עפּעס אַן עסק.

דער פאַריין האָט פאָרזיכטיק געפאָרשט ביי די וואַכן, ביי דער פּאָליציי.

די בלאָנדע אונגאַרישע אילאָנקע האָט געהאַט אַ פריינט, איז ער געווען סעקרעטאַר אין פרעזידיום, און ער פלעגט איר איבערגעבן ידיעות.

אָבער ער איז קיין שום זאַך נישט געוואָר געוואָרן. מ׳האָט נישט אַרעסטירט נישט קיין קאַמיל דעקלאַרי, נישט קיין פאַול אַנדערס.

זיי זענען געלאָפן אין פראָזעקטאָריום, ניין, קיין טויטער איז דאָרט נישט געווען, וואָס זאָל זיין ענלעך צו פאַולן. איינ-מאָל נאָכמיטאָג, פּעטער איז אַראָפּ פון דער הענג-באַן און איז געשטאַנען ביי אַ פיש-גאָרקיך — זאָל ער עסן? צי לוינט זיך צו עסן? וואָס פאַר אַ שווערע זאַך דאָס איז: אַריינגיין, באַ-שטעלן, עסן, אויסזויגן, אַלצדינג איז אים געווען דערווידער... אַן עפל, יאָ, אַ באַנאַנע, אַ באַרנע, און אָט, ווי ער שטייט אַזוי און קווענקלט זיך און ווייס נישט, וואָס ער האָט געוואָלט, טוט אים אַ מיידל אַ שטויס.

זי האָט אויסגעזען ווי העלער צימרינג. זי איז געגאַנגען אינגאַנצן אין רויטן. אָבער אירע פיס אין ברוינלעכע זאָקן האָבן אויסגעזען ווי נאַקעט.

אירע אויגן זענען געווען שוואַרץ, ווי קוילן אין מילך, ·עוואַסערטע מילך. בלוילעך איז זי געווען. איר מויל געראניען-·ויט. שרעקלעך רויט, מורא אָנוואַרפנדיק, אָפּשטויסנדיק און ·ייצנדיק, ווי אַ געהיימנישפולע וווּנד. דאָס דאָזיקע מויל איז ·צוועגן אַ מין געשלעכטס-אָרגאַן, אויסגעלאָסן-נאַקעט, שוידערלעך-·עמיין.

אַזוי האָט אויסגעזען מאַרקוויטאַ.

זי האָט גערעדט שטרענג און לאַנגזאַם.

— זיי האָבן מיר אָנגעוויזן אויף אייך, אַז איר זענט זיין ·יינט. איר וועט מיר זאָגן וווּ ער איז. שוין זעקס טאָג אַרי-·בר. מיט דער שיף? מיט דער באַן? דעם אמת, מאַרקוויטאַ. ·יך וויל נאָר וויסן. ער קען טון, וואָס ער וויל, אָבער איך מוז ·ויסן. —

מאַרקוויטאַ, מאַרקוויטאַ... מאַרקוויטאַ איז געווען ווונ־דערבאַר.

— איך ווייס גאָרנישט. איך גלויב נאָר. געזאָגט האָט ער גאָרנישט: ער איז אַוועק איבערן וואַסער. אפשר האָט ער געמוזט.

— לעבט ער. גוט. איך זאָג קיינעם גאָרנישט. נאָר וויסן מוז איך. יעצט ווייַנען גרינגער. קום מיט מיר. דו, דו זייַן פרייַנט. איך דיך וויל קושן.

זיי זענען אַרויפגעפאַלן איינער אויפן אַנדערן, אַזוי ווי זיי זענען געווען, מיט די היט אויפן קאָפּ. אַ פאַרצווייפלטע תאווה האָט זיי אַרומגענומען.

— דו ווידער דאָ, דו ווידער דאָ, — האָט געשריגן מאַרקוויטאַ, און געזויגן פּאָלס קושן פון פּעטערס מויל. האָט אַרייַנגעקרעכצט פּאָלס נשמה אין זייַן איינגעווייד. האָט אים געליבט ווי פּאָלן, האָט אים פאַרוואַנדלט אין פּאָלן. פּעטער איז געוואָרן פּאָל. פּעטער איז באַפרייַט געוואָרן. ער האָט געדאַרפט זייַן, ווי ער איז געווען. פּאָל האָט ער געדאַרפט זייַן, נישט געצוימט, לעבעדיקער. אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם צוואַנג פון דער מאַסקע. די דאָזיקע פרוי פון דעם אומבאַגרע־נעצטן עלעמענט. אַריין, ווייטער. נישט טראַכטנדיק. גאָרנישט, אַחוץ ער אין איר.

ער איז געבליבן... טעג אין בעט, נעכט אין בעט. זי האָט געבראַכט ברויט, פיש, פלייש.

די פענסטער זענען געווען צוגעמאַכט. די טיר איז געווען צוגעשלאָסן.

אויף דער גאַס האָט מען געשריגן. אַ שמאָלע ענגע גאַס איז עס געווען. האַנטווערקער, מאַטראָזן, פישער, און אינמיטן אַ שטוב מיט נקבות.

אונטן האָט געוווינט אַ שוסטער, אויבן האָבן געקלאַפּט נייַ־מאַשינען, אין שכנות אַ שיכור מיט צוויי טעכטער, וואָס האָבן געמוזט זייַן ווילד.

שעלטנדיק מיט טויטע קללות איז ער געקומען אַהיים,

האָט זיי גענומען, זיי האָבן געקוויטשעט, געלאַכט, געיאָמערט, געזיפּצט און ווידער געלאַכט מיט אַ בהמישער תאווה. אינמיטן פון דעם אַלעמען, אַ קאַמער אין דעם גיהנום — מאַרקוויטשאַס שטוב, איר בעט.

אַלצדינג וואָס איז נאָך דאָ פון פּאַולן, איז ער, דער דאָזיקער פרעמדער מאַן. אַלץ וואָס איז נאָך דאָ פון פּאַולן איז זי, די דאָזיקע אומבאַקאַנטע פרוי.

אַזוי קעמפן געשפּענסטער איינער מיטן אַנדערן, קיינמאָל נישט אויסגעלייזט, אומפּרוכטבאַר, אומזיסט. זיי האָבן געבלוטיקט, זיי האָבן זיך געזויגן דאָס בלוט. דער תענוג איז נאָר דאָס, וואָס זייער קערפּער טיילט אָפּ פון זיך. קיינמאָל, קיינמאָל געפינען זיי זיך נישט. עס איז אומזיסט. זיי וואָלטן זיך געמוזט דערהרגענען.

אין מיטן איז אָנגעקומען אַ בריוו. מאַרקוויטשאַ איז באַשטעלט געוואָרן אויף אַן אָרגיע, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אויף אַ יאַכט.

דריי טעג וועט מען אַרומפאָרן אויפן ים. דאָס געלט האָט זי נעלאָקט און זי האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. זי איז געפאַלן אויף די קני און אַרומגענומען אים: בלייב דאָ, וואַרט אויף מיר.

זי האָט אָנגעטראָגן אויבס און ברויט, אייער, פלייש, פלעשער מיט זאַפטן, וויין, ליקערן. מאַגאַזינען האָט זי געבראַכט אין שטוב אַריין, אילוסטרירטע זשורנאַלן, ביכער מיט נאַקעטע פרויען, מערדער, פאַרביקע בילדער אויף דער הילע. זי איז אַרויסגעגאַנגען און פאַרשלאָסן פון אויסנווייניק די טיר צו די טרעפּ. שמאָלע שוואַרצע שטיגן, הינער-שטיגן, גראָד אַרויף, משופּע, האַלב-פאַרפוילט, פאַרשמוצט פון קעצישער צואה. אונטן, אונטער די טרעפּ, אין דער טיר צו דער גאַס, האָבן זיך תמיד אין אַ קלומפּ געשפּילט דעם שוסטערס פיר קינדער.

פּעטער איז געווען אַליין... אַן אויסטערלישער פחד האָט אים אַרומגעכאַפּט... און באַלד דעם ערשטן אָוונט האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער טיר.

ער האָט אומגעוואָרפן דעם טיש מיט די שיסלען און טע־לער און פלעשער.

אויף דער ערד האָט זיך דערנאָך אַרומגעוואַלגערט דאָס פלייש, ברויט, פוטער און שנאַפּס.

אין מיטן דער נאַכט האָט ער אויפגעבראָכן דעם שלאָס, און ווי באַלד ער איז אַרויס אויפן גאַס, האָט ער מאַרקוויטאַן פאַרגעסן, הינטער אים איז געבליבן אַ קבר. וואָס האָט געהויכט מיט אומקום. ער איז געלאָפן...

ער איז נישט אַוועק צוריק אין זיין ריין צימער מיט די בוימער אויף דער גאַס, מיט אַן אויסזיכט אויף די אַלטער, זיך וויגנדיקע זעגלען און די שימערן פון דעם שיף־הויז, פייערן און ווילייעס; ווו דאָס וואַסער האָט אויסגעזען אַזוי שטיל, קיינ־מאָל נישט באַוועגט, נישט מערדעריש; עס האָט געלאַכט פון דעם אמתן וואַסער, דעם צופליסנדיקן, אָפּקומענדיקן, פאַרשלינ־גענדיקן וואַסער.

ער האָט עס שוין נישט געקענט פאַרטראָגן. ער איז צו־געגאַנגען צום הויז לעבן דעם אָפּגעהיטענעם ברעג. ער האָט געזען דעם וואַסער־בעקן אין בלומען געפּאַסט, חוזק איבערן וואַסער.

און ער האָט זיך געדונגען אַ צימער אין אַ מאַטראָזן־לאָזשע, הינטערן גרויסן טויער.

אונטן איז געווען אַ באַר, אין קעלער האָט מען ביינאַכט פאַרקויפט שטילערהייט שטאַרקע געטראַנקען. אויבן זענען גע־ווען קאַמערן, שמאָלע, דושנע, מען איז געגאַנגען אַרויס און אַריין, מ׳האָט פאַרדונגען צימערן אויך אויף שעהן. דאָ און דאָרט האָט זיך געפונען אַ וואַנץ, די באַלעבאָסטע האָט אַריינ־געשטעלט די פיס פון דעם בעט אין וואַסער־שיסלען, אָבער וואַנצן זענען פאָרט געווען. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן פון סופיט. די באַלעבאָסטע, אַ זויבערע, אַ דיקע זקנה פון זיבעציק יאָר, איז געווען אַן אמתע מאַמע פאַר אַלעמען, אַפילו אַ בעל חי, וואָס האָט נאָר אַריבערגעטרעטן איר שוועל. זי האָט אים ליב געהאַט.

איינמאָל האָט געדאַרפט פאָרקומען אַן אָבלאַווע — דאָס האָט איר פריער אין אָוונט איבערגעגעבן אַ בלויער; ער האָט געלעבט מיט איר אייניקל, וואָס האָט געהאַט אַ טאַבאַק געוועלב ביי דער באַשטע — און די אַלטע איז געקומען און אַרויסגעיאָגט פעטערן אויף דער גאַס.

זי האָט געטראַכט, אַז מסתמא האָט ער אָפגעטון אַ וואַזשנע שטיקל אַרבעט; זי האָט אים געטון אַ הילכיקן קוש און געזאָגט אין איר האַמבורגער-דיאַלעקט:

— קענד, קענד, זיי נאָר פאָרזיכטיק, נישט? קום נישט פאַר צוועלף, איינס.

אַזוי האָט ער געלעבט ווי אַן אומגעזעענער און אומבאַקאַנטער אין אַ צווייטער וועלט, און איז פאַרוואַקסן געוואָרן אין דער אַנדער זייט פון לעבן.

ער האָט זיך אַרומגעשלעפט ביים וואַסער. דער אויגוסט איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל, קיינער האָט אים איצט שוין נישט געפרעגט: דיין פריינט?... פּאַול איז געווען. נישטאָ. מאַרקוויטאַ — זי איז נישט אַראָפּגעקומען אונטן צום האַפן, ווו ער פלעגט שטיין, וואַנדערן, זיצן און לעבן. מאַרקוויטאַ — איז פאַרזונקען געוואָרן.

אַלץ, אַלץ האָט דאָס שטראָמענדיקע וואַסער מיטגענומען מיט זיך.

ער פלעגט שלאָפן אויפן טאָג, דאַן זענען אויך געשלאָפן די וואַנצן.

די באַלעבאָסטע פלעגט אים צו ברענגען צום בעט אַלפּיש-זופּ און קאַווע:

— עס מיין קינד, טרינק — און זי פלעגט אים אויפהייבן דעם קאָפּ.

אָ, די נעכט, דער האַפן! און די אַלע שיכּורע שיפן. אויבן פון די גערטנער און סקווערן האָבן שוין אַראָפּגעוויעט די ערשטע פאַרוויאַנעטע בלעטער, געפלעקט מיט טויט. קלאָןבלעטער, ווי פוילנדיקע הענט, און אַ טוכלער ריח האָט אים אָנגעריירט — די אָפּגייענדיקע שיפן האָבן געוויעט — געכאַפּט

אָטעם — און ווידער מוראדיק הויך געקרעכצט, געזיפצט און גע־שריגן אין דער נאַכט אַריין.

און שיפן זענען אויפגעקומען אין דער פינסטערניש, לאַנג־זאַם געשלעפט זיך, אין אינדיאַ־האַפן און אין דאָקן; פּאַרוווּנ־דעטע שיפן, ליידיקע שיפן, וואַלפיש־כאַפּער, קאַבל־לייגער, אייל־שיפן, פּראַכט־דאַמפּערס.

וווהין ער האָט נאָר אַ קוק געטון, איבער דעם גאַנצן כאַאָס פון האַפן מיט די טרוימענדיקע שיפן פון דער גאַנצער וועלט — אומעטום אייזן, שטאָלענע נעצן, קראַטעס. אין דער קנעכטשאַפט פון טעכניק שמאַכט דער מענטש. דער מענטש — — און ווען די וועלט זאָל זיך אַפילו פאַרוואַנדלען אין אַ גן־עדן, וועט מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם גרויסן ווייטיק, וואָס זי איז געווען אַמאָל.

אַלע רעוואָלוציעס — האָט פעטער געטראַכט, שטייענדיק אַ פאַרגליווערטער אויף דער שטעג־בריקל איבער די שוימענדיקע כוואַליעס — אַלע סאָציאַלע איבערקערענישן וועלן נישט קענען פאַרענטפערן די יסורים, וואָס דער מענטש האָט איבערגעטראָגן ביז היינט.

די דערינערונג וועט שטענדיק אויפסניי פאַרסמען די צו־קונפט...

צי קען דען נאָך דער מענטש ווערן גליקלעך? צי האָט ער דען נאָך כּוח אויף דעם? אַלע גאָלדענע תּקופות זענען שוין לאַנג איבערגעלעבט געוואָרן... גאָט? — ער האָט זיך אי־בערגעלעבט.

פּאַר אַ בר־מנן האָבן מורא די איבערגעשראָקענע. זיי האָפן, אָבער דער הימל איז שוין נישט מער ווי אַ מאַוזאָליי...

אָ, ים — פעטער בוקט זיך, ער געניסט דעם ים. אַ כּישוף־געטראַנק?...

דו, וואָס דו ביסט איינגעהאַלטן אַפילו אין דיין צאָרן, נישט פאַראַנדערלעך אַפילו אין דיין אויפריר, שענק מיר אַביסל פון דיין רו.

ים, וואָס דו ביסט עלטער, ווי דאָס לעבן, אור־פאָטער,

אומדערשיטערלעך שלווהדיקער עלעמענט — בלויז א טראָפּן אין מיין האַרצן!

די קליינע וועלכלעך האָבן געפּלעסקעט, אַ באַרקלינגענ-דיקער ווידערקול פון ים, פון כוואַליעס און שטורם-וואַלן און ווייסע ברעכערס. ים...

— איך חלום דאָך! זינט אַנאַס טויט איז אַלצדינג חלום!..

און אפשר איז איר טויט שוין אויך געווען אַ חלום!... אַ חלום איז געווען אַלצדינג פון דער רגע אָן, ווען איך האָב זיך פאַרבלאָנדזשעט און וואַקלענדיק זיך געשלעפּט אַהיים דורך די אומבאַקאַנטע גאַסן פון בערלין, און אַ האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין אַקסל, — פּאָול — אַ חלום-געשפּענסט איז ער געווען — פּאָול!

...ניין, ער איז, דאַכט זיך, וואַך.

דער סעפּטעמבער איז געקומען אַ הייסער. ער איז געווען פייכט.

נאַסע נעכט און פאַרנע, שטיקנדיקע טעג. דער האַפן האָט געאָטעמט מיט פיש, אויבסט, דזיעגעטש, קרויט, קריימעכ-צער און פלייש.

און פּעטער איז נאָך אַלץ נישט אוועק פון וואַסער. ער פלעגט אָפּשטיין גאַנצע שעהן ווי אַ פאַרגליווערטער, אַרומוואַנ-דערן אויף שטעג-בריק, אויף דער לעצטער לאַנדונגס-בריק, ביי די פּאַראָמען, וואָס זענען געשוווּמען צו די דעקן און ראַמפּעס, צו די שלוּזן; ער האָט אַריינגעגלאָצט אין דעם וואַסער, וואָס האָט געשטראָמט, וואָס האָט אַלצדינג אויפגענומען, אַלצדינג מיטגע-נומען, גאָרנישט באַהאַלטן, איבער אַלצדינג אוועק, הערלעך גלייכ-גילטיק, גרויזאַם געלאַסן.

דאָס איז געווען אַ דויערנדיקע אייביקע נאַכט. דער טאָג איז געווען אין מיטן דעם שווערן שלאָף אַ באַוווסטלאָזע—דער-פילונג פון דעם לעבנס-ווילן.

אַ ווונדערבאַרע נאַכט. שטערן, ווינט, טריפנדיקער רעגן, שטראָמענדער אויסגוס, פאַרענדיקע שעהן. ווי אויף אַ האַלך-פליטע איז פּעטער געלעגן.

ער האָט געטריבן, געטריבן און זיך נישט באַוועגט. וואַ-סער, וואַסער.

אונטער אים — צי איז עס אומקענטיק, אָדער שוין אַרויס-געשווומען אין ים? ער, דער אַנדערער, זיין בייזער איך, דער דעמאָן פּאַול — —

ער האָט עס נישט געטון. עס איז געווען אוממעגלעך! ער האָט עס נישט געטון! ער האָט אים געהאַלטן צוגעדריקט צו זיין ליבנדיקער ברוסט. אָבער ער, פּאַול, האָט אים אָפּגע-לאָזט.

ער האָט זיך אַליין אַ שטויס געטון, ער איז אַליין אַראָפּגעפאַלן...

ער האָט זיך טיף איינגעבויגן איבערן וואַסער. עס האָט געשוימט.

עס האָט נישט געוואָלט אויפנעמען זיין געזיכט, ער האָט זיך נישט געזען. אַ שטראָמענדיקער, קאָכנדיקער שוימענדיקער, גאָר-גלאַנציקער — אַ פורכטבאַרער עלעמענט. ניין, דאָס איז עס געווען! פּעטער — ער האָט אַריינגעקוקט דעם אמת אין די אויגן אַריין און אים נישט געקענט פאַרטראָגן. דו ליבסט מיך, אַה, דו האָסט מיך ליב, ווי דו באַגערסט מיך!... און שטאָט ער זאָל זיך אַליין אומברענגען, אים, פּעטער באָסן, שטאָט איבער-צוטראָגן דעם אמת, האָט ער דעם אמת אומגעבראַכט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אויף זיין ברוסט איז געהאָנ-גען פּאַול.

ווידעראַמאָל, נאָך אַלץ, דאָ אויף דער וויגנדיקער שטעג-בריק ביי דעם כוואַליענדיקן וואַסער — און ער האָט געזען פּאַולן, און געזען זיך גופא, דעם רשע, ער האָט זיך געזען, יאָ! ער האָט אַריינגעקוקט אין זיין אייגענעם פּנים, וואָס איז געווען תאוות-דיק, גיריק, צביעותדיק און פול מיט פּחדנות. אַזאַ פּחדנות! זיך אַליין האָט ער דאָן אַוועקגעשטויסן פון זיך, זיין אייגענעם איך, דעם אַנדערן שמוציקן איך, דעם צולהכעיסדיקן טאָפּלגייער, דעם בייזן גייסט, דעם דעמאָן.

אין יענע נאַכט האָט ער זיך געטויט!... און איצט וואַנדלט

אַרום דער נײַ-געבוירענער. די קללה, דעם טעות, דעם וואָנזין— פון זײַן האָרץ אויסגעריסן — ווײַ! — און דערטרונקען. מערדער?... אָ, ער האָט אָפּעשטערט זײַן גיהונם, דאָס מענטשלעכע אין אים געריײניקט, די פלעקן פון זײַן בלוט און מאַרך אָפּגעוואַשן, זיך געלײַטערט, גלות אָפּגעקומען. איך בין שוין אָפּגעקומען?

אַ האַנט-האַרמאָניע און אַ שיכּורער געזאַנג. פרויען האָבן געלאַכט און אויטאָ-סירענעס האָבן געררופן. פון אַן אָפּגרונט, פאַרלוירן, האָט זיך געהערט די מוזיק פון דער וועלט. שיפן האָבן זיך געוויגט, מאַסט-בוימער האָבן זיך געשאָקלט. די לאַנג-דונגס-בריקן האָבן זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

טו אַ קוק, אַלצדינג איז שיכּור. פון ים... עס האָט זיך געקוילערט אַ שטראָם און זיך צוריקגעוואָרפן, האָט אַרײַנגעזופּט דאָס זיסע וואַסער און זײַן זאַלץ אויסגעשפּיגן אין די כוואַליעס. ים, אָך ים... דער באָד-דאַמפּער האָט זיך פאַראַנקערט, ער איז אָנגעקומען פון דערווײַטנס, באַשפּריצט מיט זאַלץ, אינזלען זע-נען געשווומען אין זײַן שפּור. די מענטשן האָבן אַראָפּגעשטראָמט פון זײַנע בריקן. אַ מחנה מעוועס האָבן זיך געראָיעט לעבן די קיך-פענסטער.

פעטער האָט אײַנגעפּאַקט זײַן רענצל — די באַלעבאָסטע האָט געוויינט — און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בערלין.

ער איז אָנגעקומען אַהין בײַנאַכט. גאַנצע יובלות איז ער, דאַכט זיך, שוין געווען אַוועק פון דאָרטן.

האָרך זיך נאָר צו, שווײַגנדיק האָבן זיי זיך אָפּגערוקט פון אים, די הײַזער און די מענטשן. פלעצער האָבן זיך אומהיימלע-כער אויסגעשפּרייט און ווײַטער געוואָרן, ווען ער איז געגאַנגען אויף זיי.

ברעג-באַריערעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעלענט אָן זיי, האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך. אין חרם אַרײַנגעלייגט! אַ גע-שפּענסט אין דער ווירקלעכקייט.

קיין שטיין וויל אים נישט אָנרירן. צי קען ער זיך נאָך אומקערן? נאָך איינמאָל? אָנהויבן צו לעבן?...

דער קאַנאַל, דער צפון-האַפן. פון דער ווייטער אומענד-לעכער פאַנגאַנגענהייט האָבן זיך אומגעקערט נעכט. זיסע-ביטע-רע נעכט לעבן וואַסער-בעקן. די שווייגנדיקע וועגן דורך דער שטאָט.

טויטער עבר. אָ, די אינוואַלידן-גאַס, עס איז נישט קיין חלום, נאָר אַן אמתע לעבעדיקע גאַס. האָטעלן, הייזער און פענטשן-שטראָמען.

און ווי די שאָסיי-גאַס נעמט אויף דעם שטראָם פון דער שטאָט.

דאָ איז נאָך אַ רעש און אַ ליאַרם און עס איז נאָך ליכטיק.

מען האָט זיך געשטויסן פון די קינאָס. ס'זענען געפאָרן די דראָשקעס פון שטעטינער וואָקזאַל, אויטאָבוסן האָבן זיך גע-וואַקלט, זיי האָבן זיך שוין אומגעקערט פון טעגעל צו דער רעמיזע.

די נאַכט איז פרישער געוואָרן, און נאָך דעם הייסן טאָג האָבן זיך אויפגעעפנט די פענסטער. מ'איז אַרויס פון די הייזער. לעבן די פּאָרלעך—די מידע פרוי, וואָס קומט צו זיך נאָך דעם גאַנצן טאָג וואַשן, און אָטעמט אַריין די שטערן-לופט.

ער האָט זיך געלאָזט גיין. שלאָס-פּלאַץ. ווען איז דאָס געווען? צי איז עס בכלל געווען? פאַולן ביי דער זייט...

אָט שטייט ער שוין ווידער דאָרטן, אומבאַדייטנדיק אין קרייז פון פּאַלאַצן און טעמפּלען און קירכעס; בלייכע בריקן מיט פיגורן, ווי פאַרגליווערטע מילך אין דער פאַרנער פייכטער נאַכט, פירן אַריבער פון איין זייט אויף דער אַנדערער. שלע-סער, ווידער שלעסער, ווידער מוזייען. און דאָ האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן דעם מענטש, וואָס ער האָט דאָן גערופן אין געשריגן, ער האָט געגלויבט, אַז ער שרייט צו אַ וועלט, אָבער די וועלט איז טויב.

איצט האָט פעטער געוווּסט אַלצדינג, אַלצדינג איז אוי-

פערגעלעבט, ער האָט עס געוווסט, ווייל ער איז געקומען פון די נעכט, פון די גאַסן, פון דער אָרעמקייט, וואָס פאַרקויפט זיך, וואָס גייט גנבענען, שווינדלען, הרגענען; ער האָט עס געוווסט, טיילנדיק זיך מיט אַלע פאַרברעכנס אויף דער וועלט. אָט דער אומשולדיקער מערדער, וואָס האָט אויסגעשפּיגן די פלעקן פון זיין בלוט, וואָס איז געקומען פון דעם גיהנום פון די האָפן-לאָזשעס. וואַנצן אין דער נאַכט, פּאָליציי אין באַר, אַ שכור פּאָרל פון דער רעכטער זייט און אַן אומנאַטירלעך פּאָרל פון דער לינקער, נעגער איבער זיך, כינעזער אונטער זיך. אין די גאַסן — דער מענטש אָן חסד, דער פאַרשטויסענער מענטש, גאָט-פאַרגעסענער מענטש, דער איינזאַמער מענטש, ברודער אין דער אייביקער אַרבעט; ער ווייס עס, ער איז איינער פון זיי, ער זעט פאַר זיך די אָנגעזאַמלטע מענטשלעכע יסורים אויסגעשפּרייט דאָ אין דעם לוסט-גאָרטן, אויף דעם שלאָס-פּלאַץ, פון דער בערזע ביז צום אַרסענאַל, פון דאָם ביז צום אוניווערסיטעט. פון דער מאַרק-האַלע ביזן טעאַטער...

פעטער האָט אָנגעהויבן צו לויפן — וווהין? אין דער פאַרגאַנגענהייט... קעניג-גאַס.

דער אַלעקסאַנדער-פּלאַץ איז נאָך אַלץ געווען אויפגעגראָבן זעכציק מעטער טיף ביז אין זיין אינגעווייד.

גאַז-רערן און קאַבלען, אָפּפלוס-קאַנאַלן און טעלעפאָן-דראָטן, וואַסער-רערן,

און וואָס אַמאָל איז אַרום אים געוואָרן היימישער און היימישער.

עס איז געווען די האַלב-נאַכטיקע פּויזע אין בערלינס מוזיק.

אַ קורץ שווייגן פון אָרקעסטער, דער ווידערקול הענגט נאָך אין דער לופט.

אויסגעלאָשענע קינאָ-פּאָרטאַלן און צוקערניעס, פינסטער-געוואָרענע שוי-פענסטער און טונקעלע הייזער. אָבער פון דער גרויסער צאָל בית-עלמינס ברענגט דער ווינט צוטראָגן כוואַליעס פון האַרבסט-גערוך דורך די ליידיקע גאַסן, פּוילנדיקער

אָטעם גלעט און בלאָזט עקלדיק-זיס. האַרבסט-ריח — האָט ער געזאָגט — ניין...

מאַרקוס-גאַס. ער האָט שוין ווייטער נישט געקאָנט. ווידער אַמאָל, נאָך אַלץ, אַלע מאָל פונסביי — דאָס פאַרבלאָנדזשעטע ייִנגל, דאָס אומבאַוווסטע ייִנגל. אַ געוועלב — דער וואַש און פרעס-אַנשטאַלט פון אַמאַליע לידעקע... אין פענסטער זענען געלעגן שטויסן מיט אויבערהעמדער, ווייסע און בלויע, ראָזע און גרינע, העמד אויף העמד און פון אויבן — קעלנער.

די לאַמטערנע פון דרויסן האָט באַלויכטן די אויסגעפרעסטע וועש, אָבער אין געוועלב איז געווען פינסטער. נאָר אינעווייניק אין הינטערגרונט — אַ באַלויכטענע טיר, צו דער שטוב מיט די בעטן, קאַנאַפּע און שפּיגל. און ביים טיש, האָט ער געזען, איז ער געזעסן אַ פרוי איינגעבויגן. דאָס איז געווען אַמאַליע, נעבעך, זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן דעם פלושענעם טישטוך. זי האָט זיך פאַרטראַכט. ווי פאַר אַן אָפּגרונט איז זי געזעסן, אויפן ראַנד פון דער וועלט.

וואָס איז מיט אַמאַליען? אַליין איז זי. ווו איז איר ווילי, איר שיינער ווילי, איר געליבטער מאַן? איז ווילי אַוועק פון איר, האָט עס זי אויך געטראָפן, ער לויפט נאָך די ווייבער, לאָזט זיי נישט אַדורך איבערן וועג, שלאָפט ביי יעדן מיידל אין בעט? נישטאָ קיין הור, וואָס זאָל פאַר אים צו שמוציק זיין, קיין פרוי, וואָס זאָל זיין פאַר אים צו אַלט, פאַרלאָזן איז אַמאַליע, זי אויך, ווייל זי ליבט, ווער איז דען נישט פאַרלאָזן, אויב ער ליבט?...

ער האָט געזען דעם פאָר-שטול, דער באָבעס שיינער קראַנקען-שטול, ער איז געשטאַנען ליידיק, פאַריתומט האָט ער אויסגעזען. ווו איז ערגעץ די באָבע? צי איז זי אַרויסגעפאָרן שטאָלץ מיט איר שטול, אַוועקגעפאָרן מיט אים ווייט לענגאויס דעם טראָטואַר, אַריינגעפלאָנטערט זיך צווישן וועגענער און אויטאָס, און אַן אויטאָבוס, דער גרויסער איינאונצוואַנציק, אויף דריי אַקסן, האָט זי איבערגעפאָרן? און די באָבע, די קלוגע

אַלטיטשקע איז צעקוועטש געוואָרן אין דער פראַנקפורטער אַלעע? איז די באָבע טויט?...

און דאָס קינד טאָני, מיט זיינע שירים—ווי ביסטו, טאָני? צי שלאָפט ער און ס'חלומט זיך אים, אז מ'לאַכט אָפּ פון אים, מען חוזקט פון אים, מ'דריקט אים צו דער וואַנט און מ'שרייבט אים אויף דער וואַנט: טאָני איז משוגע! טאָני מיטן גערבל! צי וויינט ער אין שלאָף, זיפצט? וואָס וועט טאָני טון, ווערן אַ שוסטער? אַ דיכטער? אַ לערנייִנגל ביי אַ בעקער? צייטונגס-ייִנגל ביים אַלעקס?

פעטער! ער האָט צוגעדריקט זיין פנים צום פענסטער. אַננאַ — — ער האָט זי באַשווירן, אָבער זי איז נישט געקומען. זי איז שוין נישטאָ דאָ, זי איז דאָ קיינמאָל נישט געוועזן, דאָס איז געווען אין עפּעס אַן אַנדער לעבן, ס'איז שוין אַ מעשה פון טויזנטער יאָרן.

די צייט לויפט נישט צוריק. ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען צו איר.

און פאול? שוין קיינמאָל נישט צו פאולן. נאָר אַלץ טיפער אַריין אין דער איילנדיקער נאַכט. מאָרגן, מאָרגן! וואָס וויל ער דאָ, אין בערלין? אַך, ניין, ער קען דאָ מער נישט זיין.

פעטער באָס — ער קען שוין פעטער באָס נישט זיין. דאָס איז געווען אַן אַנדערער, אינמיטן דעם האָט זיך די וועלט איבערגעדרייט. עס איז אויס מיט דיר, פעטער באָס, דו קענסט נישט ווידער אָנהויבן, ווי הייסטו דען בכלל, אפילו דיין נאָמען איז דאָך נישט איבערגעבליבן. קיין וועג צוריק איז נישטאָ.

ער האָט גענומען זיין רענצל און ווייטער געגאַנגען, און ער האָט גאָר אַליין נישט באַמערקט, איז ער געשטאַנען אויף אויף דעם אויפגעגראָבענעם אַלעקסאַנדער-פּלאַץ, אַ פּאָרום, וואָס אַ שפּעטע גענעראַציע האָט אויסגעגראָבן. חורבות, זיגלאָזע, איינזאַמע סלופּעס, טיפע גריבער, ברוקירנדיקע דאַמף-קאַפּערס, שאַכטן.

מ'האָט געאַרבעט. עס האָט געקלונגען דאָס אייזן. יונגע

מענטשן, אַרבעטסלאָזע, זענען געשטאַנען ביי די אָפענע היילן פון דער אונטערערד־באַן און זיך צוגעקוקט צו דער נאַכטיקער אַרבעט.

אויטאָבוסן האָבן געמאַכט ווייטע קרייזן אַרום דעם כאַאָס פון צעמענט, שטאָל, הילצענע בעלקעס, שאַבּיר. אין ראָג לעבן טיצן איז געשטאַנען אַ הייפל בלייכע און געלאַסענע בחורים מיט אַן אַלטן צווישן זיי —

שוין נישט צומאָל קיין אַלפאָנסן, נישט צומאָל קיין פאַר־ברעכער, נאָר אויסגעשלאָסענע פון דער לעצטער קאַסטע אין דער געזעלשאַפט, גרייט צו טון אַלצדינג, וואָס ס'וועט זיך מאַכן: שטיין אויף דער שמירה, גיין מיט אַן אַלטע פרוי אין בעט אַריין, אַריינשטייגן צו אַ הער אין אויטאָ און פאָרן מיט אים אין דער ליידיקער אַלעע הינטער ווייסנזעע, פּראָוואָצירן אַ גע־שלעג אין אַ שענק, באַטייליקן זיך אין אַ דעמאָנסטראַציע, אַלציינס אונטער וועלכן צייכן, די וועכטער פון טיק באַדינען פאַר אַ פּאַפּיראָס.

אָ, פּאַול — און אויב — פּאַול! און אויב דאָס אַלצדינג איז געווען ביי דיר ליגנט? אויב זי איז געווען אַ גאַנץ ריינע, אַ קוים באַרירטע? און דו האָסט געהאַט פאַרגעניגן מיך אָפּ־צונאַרן און זי צו באַשמוצן — — אָך, וואָס קען איך דען וויסן! דו האָסט זי דערהרגעט — אויך צוליב תאווה? אין דער תאווה? כדי איך זאָל זי נישט האָבן? האָסט זי ליב געהאַט?... אָך, איך וועל עס שוין קיינמאָל נישט וויסן! האָסטו מיך אפשר געהאַסט? גאָט מיינער, פּאַול! קום, שטיי אויף! מיר מוזן רעדן, נאָך איינמאָל! דו מוזט מיר ענטפערן. זאָג מיר, צי האָב איך דיך דען — געטויט?... זיי נישט אין כעס! דו — ביסט גאָרנישט געווען, ס'איז אַלצדינג געווען מיין חלום...

מ אָ ר ד — וואָס פאַר אַ ווערן מען מאַכט עס צורעכט מיטן מאָרד! געריכטן און געזעץ־ביכער, אַדוואָקאַטן און פּרעסע, תפיסות, אויסבעסערונגס־הייזער, תּלינים, אַזוי פיל טומל צוליב אַ מערדער. וואָס איז עס דען? אַ מאָרד, אַ קלייניקייט, אַן אויגנבליק, אַ טפל־זאַך, אַ צופעליקייט, מען פאַרגעסט עס באַלד,

עס מאַכט קיינעם נישט קיין שלעכטן געוויסן, שטערט קיינעם דעם שלאָף נישט... אויב ס'איז אַלצדינג באַשטימט, יעדער מענטש איז אויסגעשטעלט צום טויט אויף טאָג און מינוט, צי איז דאַן דער מערדער עפּעס אַנדערש, איידער דער שלאָג אין אַן אָנגעצויגענעם זייגער? דאָס מעסער, די קויל די שטריק, וואָס הרגענען, זענען אומשולדיק—און די האַנט, וואָס ווערט געפירט פון שיקזאַל?...

איצט איז ער אַרויסגעקומען אויף דער ליניען-גאַס.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ געוועלב, וואָס איז געווען שוואַך באַלויכטן: „פרעמד-היים פאַר מענער", איז געשטאַנען מיט שוואַרצע בוכשטאַבן אויפן הויז. און אין פענסטער איז געווען אַ טאָוול: אַ בעט פאַר איין מאַרק. ער איז אַרייַנגעגאַנגען אינעווייניק.

איינער, אַן אַלטער, איז געזעסן אַליין ביים טיש אין אַ ליידיקן טונקעלן צימער און געלייענט „די רויטע פאָן". ער האָט צוגענומען ס'געלט.

פּעטער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן. ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין זאַל.

אינעווייניק איז נישט געווען קיין ליכט, נאָר פאַר די שמוציק פאַרהאָנגענע פענסטער איז געשטאַנען די גאַסנלאַמטערנע און באַלויכטן אפשר אַ צוואַנציק בעטן, דאָ און דאָרט איז איינע געשטאַנען ליידיק. פאַרביקע קישן, טונקעלע קאָלדרעס. איינער אַ פאָרזיכטיקער האָט די בעט-פיס אַרייַנגעשטעלט אין זיינע שטיוול.

שלאָפנדיקע, טונקלע, הייזעריקע, קרעכצנדיקע, שנאָרכענדיקע. שווערע לופט, טאַבאַק, שנאַפּס, נאַסע מלבושים, שווייס, געשמירטע שטיוול און די שטרוי פון די שעניקעס. אָבער פּעטער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ בעט, דערשלאָגן פון לעבן, פון דער שטאָט, פון נעכטן און היינט. דער מאָרגן האָט אים שוין מער נישט געקאָנט וויי טון, ער האָט שוין אַלצדינג איבערגעווייטיקט.

און אָט איז ער איינגעשלאָפן, רויק און טיף, ווי איינער

וואָס האָט אַ באַרג געברענגט צו שלעפן, און אַלצדינג, וואָס קאָן קומען נאָכדעם, איז ממש אַ שפּילכל...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אין די שלאָפצימערן געלעגן בלויז נאָך איין בחור, אַ בלייבער, אָפּגעקומענער, וואָס האָט נאָך געדאַרפט איבערשלאָפן די בייזע שלעכט שעהן. פּעטער האָט איבערגעלאָזט זיין רענצל.

ער איז געגאַנגען און נישט געוווסט גאָרנישט. ער איז געגאַנגען לאַנג, עס איז שוין געווען מיטאָג. דאַן איז ער דורכגעגאַנגען דורך אַן ענג, שמוציק געסל, און בעת ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביי די הייזער דורכצוגיין, געקראָכן לעבן מויערן און סלופּעס, האָט זיך אויסגעצויגן צו אים אַ האַנט.

— נו, ליבלינג — האָט געזאָגט אַ הייזעריק שכורע שטימע, אָבער עס איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און ס׳האָט זיך געפילט פון איר בראָנפן; אַ זונה אין טויער פון איר הויז, אין אַ שמוציק, ווייס קלייד, די געפאַרבטע האָר זענען איר ווידער גרוי געוואָרן, אין איר שפּורן צושטאַנד גראָטעסק געשמינקט, די רויטע פאַרב האָט איר מויל שרעקלעך מיאוס געמאַכט.

— ליבנקער, קליינער, שיינער יינגל, קום אַריין אַביסל.

די האַנט האָט אים פעסט צוגעהאַלטן, און פּעטער האָט זי דערקענט, די פרוי.

אַנגאַס מוטער.

אַנגאַס מוטער האָט אים געוואָלט אַריינציען אין קעלער, זי איז געווען אָנגעטרינקען. זי האָט אים לחלוטין נישט דערקענט, אַנגאַס מוטער.

ער איז געבליבן שטיין. ער האָט געהאַט באַפּולמעכטיקט זיין באַנק, צו צאָלן איר לעבנסלענגלעכע רענטע. און אָט וואָס פאַר אַ צרות זיין געלט האָט אָנגעמאַכט: זי האָט געטרונקען, און ער האָט איר נאָך צוגעהאָלפן צו דער לעצטער ירידה. ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען איר האַנט פון זיין ראָק, און דאַן האָט זי אים באַשאָטן מיט קללות און זידלערייען, אָרדינער, חזיריש.

און ווען זי האָט שוין קיין אַנדער שמוץ נישט געהאַט באַכצוּוואַרפן אים, האָט זי געקוויטשעט:

— אַ ייד איז עס! איציק, משהל, דערהרגעט אים, דעם יידן, אויף טויט. ער הרגעט קריסטלעכע קינדער, ער טרינקט דאָך קריסטלעך בלוט. איציק, משהל! — וואָס אַמאָל העכער און העכער. די גאַס איז פול געוואָרן. קינדער האָבן געשריגן, ווייבער האָבן זיך געהאַלטן ביים בויך, אַלע האָבן אים נאָכגעקרימט און געמאַכט האַוואַיעס. דאָס איז געווען ווי אַ בייזער, ווידער חלום...

אין משך פון דעם גאַנג האָט ער עטלעכע מאָל געפּרוּווט צוגיין צו זיין הויז, געוואָר ווערן צו דער פאַבריק, און יעדעס מאָל, איידער ער איז צוגעקומען צו דער גאַס, האָבן זיך אים די פיס אָפּגעזאָגט, זיין האַרץ האָט זיך איינגעקאָרטשעט און ס׳האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

און צי איז עס אינדעראמתן נישט געווען גלייכגילטיק? איידער ער איז אַריינגעגאַנגען מיט אַננאַן אין ציוויל־אַמט האָט ער געמאַכט זיין צוואה, ער האָט יעדן איינציקן אין זינען געהאַט.

און נאָך אַננאַס טויט, אויב ס׳וועלן נישט זיין קיין קינדער, וועט זיין געלט גיין אויף אַ וווילטעטיקן צוועק. נו, וועט מען אים סוף כל סוף דערקלערן פאַר טויט און אַלצדינג וועט זיין אין אָרדענונג.

דאָס געלט אין אַמעריקע — — ער האָט זיך נאָך געקענט אָפּזאָגן דערפון — — אָ, ווי אַלצדינג איז געווען גלייכגילטיק.

אויב מען געפינט אָבער אַ טרייסט אין לעבן, אַ זין, דאַן: וואָס? וואָס? קעמפן — צוליב וואָס? ראַנגלען זיך, פאַר וועמען? אַרבעט לשם דער אַרבעט גופא?... דער צווייטער מענטש, דיין ברודער מענטש — ער האָט געלאַכט. פאַרמעגן?... ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אָן די ליטקעס?... נו, רעד נישט קיין נאַרישקייטן, יינגל, נו, שטעל אַ פּונקט, דו מענטשן־קינד!

— אָ, דו מיין פּאָול — — אַזאַ אומהיילבאַרער בירגער!

ער איז אַנטלאָפן, אַנטלאָפן פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט, ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס עשירות, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיך אַליין.

אָבער — אָ, — אומענדלעך איז דאָס לעבן. עס דויערט אין די אייביקייטן, און דער ווייטיק — אָבער וואָס איז ווייטיק?

אַזוי האָט ער געלעבט כמעט הינטער דער שטאָט. פאַר־נאַכט־צייט איז ער געווען אויפן לעהרטער וואָקזאַל. גרויסע וואָלקנס, רויטע, ווי פון אַ בלוט־באָד, זענען געלעגן איבער דער שטאָט.

ס'איז דאָרט געווען די שפּריי, דער קאַנאַל, האַפן־באַסיין, וואָקזאַל און די באַן־בריק איבערן וואַסער, און אין ווייטן קרייז האָט זיך אויסגעשפּרייט דער אַמפיטעאַטער פון די הייזער. דער הימל האָט אָנגעצונדן זיינע פאַרבן אין דעם שמוציקלעכן וואַסער.

די אַרבעט האָט געשוויגן. קיין שום קראַן האָט איצט נישט געסקריפּעט, קיין שום טרעגער האָט איצט נישט געשלעפּט קיין ציגל. אויף די שיפלעך זענען די שיפער געווען שטום, אפילו זייערע הינט האָבן געשוויגן, און בערלינס אָטעם איז געווען, ווי אַ פאַרשטיקטער טאָן פון אַן אָרגל. די פאַרלעך און אָפּדאַכלאָזע האָבן שוין אַרומגעוואַנדערט און געוואַרט אויף דער פינסטערניש.

אונטער די בריקן האָט מען געקענט ליבן און שלאָפן, רויבן און אָפּרעדן זיך אַ פּלאַן.

פּראָסטיטוטקעס האָבן געוואַרט, ייִנגען האָבן שוין גע־לויערט.

צווישן הויפנס ציגל, ליידיקע קאַסטנס און פעסער האָבן זיך אַרומגעשלייכט טונקעלע שאָטנס, און וואָס ליכטיקער ס'איז געוואָרן אויפן ווייטן האָריזאָנט פון דעם דאָזיקן פּלאַץ, אַלץ פינסטערער איז געוואָרן אונטן אויף די בולווארן. עס האָט אָנגעהויבן צו טריפן אַ רעגן, די וואָלקן האָבן אַראָפּגעזינקען, שוואַרץ געוואָרן, ס'איז געווען אַ וואַרעמער רעגן, די ביימער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ ריח.

פון די קלומבעס האָבן די בלומען אויסגעהויכט זייערע זיסע ריחות.

ס'האָט זיך געהערט דאָס פּליעסקען פון וואַסער... ווי שטאַרק ס'האָט אים געצויגן. וווהין?...

ער האָט געהאַלטן זיין רענצל אין זיין מידער האַנט. אַנטקעגנאיבער אים האָבן געגלאַנצט די פענסטער פון וואָקזאַל, די פּאָרטאַלן, אַ לוסט-שלאָס. עס האָט אים געלאָקט: אַ צוג מיט גליקלעכע מענטשן איז געפאָרן אין אַ לעגענדאַריש לאַנד... ער איז מיטגעפאָרן... שפּעט ביינאַכט איז ער אויסגעשטיגן אין האַמבורג...

וואַסער, וואַסער, ווינט — — אַ מעווע האָט געשריגן. ווייסע פויגל האָבן געשוועבט שווייגנדיק. און די פייכטע לופט, דער ריח פון האַפן, דאָס רייבן זיך פון די שיפלעך. די פייערן, וואָס האָבן געפינקלט אין דעם אומענדלעכן. די געשטעלן פון די דאָקן, די תּליות פון די קראַנען, ווייסע קוימענס פון דער כוואַליענדיקער פינסטערניש. דזשעגעטש, קוילן, פיש, רויך-וואָלקנס.

פּאָמעראַנצן-שיפן פון שפּאַניען, פּראַכט-דאַמפּער פון אַמע-ריקע. שטראָם-אַרויף, שטראָם-אַראָפּ.

און לאַנדונגס-בריקן, די שטעג-בריק אין דער אייביקייט אַריין.

דו ליבסט מיך... דו ליבסט מיך... איך וויל. דו ווילסט?...

ליבע. דער מענטש, ער איז אויך ווי דאָס וואַסער, וואָס נעמט צו אַלץ. בוים און בריקן, שטאָט און קירכעס שפּיגלט עס אָפּ.

עס נעמט אַרום די באָרנדיקע, עס טראָגט קערפּערס, וואָס זעגן שיין, ווי געטער, אָבער עס פליסט המיד ווייטער, אַפילו קיין געשטאַלט נעמט עס נישט מיט זיך. עס האָט לחלוטין נישט קיין זכרון, דאָס גרויזאַמע וואַסער, ווייס וואַסער, שטראָמענדיק וואַסער, שטראָמען, שטראָמען. אומשולדיק ביסטו אַ וואַסער, און פונ-דעסטוועגן וואַרפסטו שטענדיק אַוועק, נישט וואַנדלענדיק ביסטו און

דאָך האַלטסטו זיך תמיד אין איין פאַרוואַנדלען. וואַסער, וואַסער, אַ מענטש, דו מענטש...

אין די פאַבריקן האָט מען געקאָכט קליי, פיש-קליי, און ווען דער ווינט האָט זיך אויסגעדרייט, איז געוואָרן אַ געשטאַנק אויפן האַפן.

ס'איז ווידער געווען דער צפון-מערב-ווינט. שטאַרקייט — צען. אַ שטורם אויפן צפון-ים. באַרקעס און לודקעס, די שפּעטע פּאַראָמען, די לעדער-דאַמפּער, די פעל-שיפן און פיש-דאַמפּער, צווישן די בריקן, קוילנהייבערס, אייל-שיפן. אַלע האָבן זיך געריבן איינע אָן דער אַנדערער. ס'האָט געוויעט, געוויעט, עס האָט שטאַרק געקרעכצט. די פאַרע האָט געיאָמערט און געברילט פון די שיף-קוימענס, זיי האָבן אומגעהויער סיגנאַליזירט.

די נאַכט געווען אויפגערעגט, ווילד-דערשראָקן האָט זי זיך אויפגעריסן פון שלאָף.

אין איר טיפן שלאָף האָבן זיך אויפגעהויבן די שוואַרצע שאָטנדיקע ריזן פון דער שטאָט, טראָפּענאינסטיטוט, שטערנוואַרטע, נאַוויגאַציאָנס-שול, זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין חורבות פון אַלטע ריטער-שלעסער. און די קופּאָלן פון די לאַנדונגס-בריקן, פון דעם עלב-טונעל האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין מאַוזאָלייען. דאָס שטייגנדיקע וואַסער האָט געפּלעסקעט. די וועלט האָט זיך געוויגט אין דעם אומגעהויערן רוים. די טורעמס פון סאַנקט ניקאָליי, קאַטאַרינאַ, מיכאַעל, דאָס ליכט אין די הייזער, אַלץ האָט זיך רוישנדיק געוואַקלט.

ערשט איז געקומען דער ווינט און אָנגעגריפן פעטערן, אַן אומזיכטבאַרער גיגאַנט, אייז-קאַלט איז ער געווען, ער האָט אים אַרומגעוויקלט און דורכגענומען דורך און דורך. ער האָט אים געטרייסלט.

מיט שטאָלענע פויסטן, אומווידערשטייליכע אָרעמס, זיסע געוואַלט, מען האָט נישט געקענט בלייבן קיין מאַן, אַזוי גיט זיך אונטער אַ פרוי, וואָס מען וואַרפט אום אין תאווה. אָ, אָבער איצט האָט דאָס וואַסער אויפגעעפנט זיין מויל, פעטער, איין האַלבער שריט — ווייסט דאָך, ווי עס ציט אַריין, זויגט אַריין,

ס'איז אַזוי שיין, מען וויל נישט געראַטעוועט ווערן, דער אונטערגאַנג איז אַזאַ אַן אומענדלעכער תענוג. בויג זיך איין, לאָז דיך אַראָפּ, עס שוימט, דאָס וואַסער, עס כאָרכלעט, עס קאָכט, עס וואַרפט אַרויס אַ ווייסן שוים, ווי עס פּלאַסקעט און פּאַטשט, זויגט און זיפּט און כליפּעט און ווי עס שמעקט מיט אַן אָפּגעקילטער ליבע, אָפּגעשטאָרבענער ליבע, פאַרגייענדיקער תאווה. אַ פּעטער, דאָס איז דאָך נישט בייצושטיין — אָבער דער שטורעם האָט אים אַ כאַפּ געטון, פּעטער האָט געוואָלט אומפאַלן, אָבער ס'זענען דאָ אָרעמס, די הערלעכע געוואַלט, דער אומגעהויערער אומזיכטבאַרער קערפּער שטעלט זיך אַוועק קעגן אים, האַלט אים אויף, שטופּט אים צוריק. דער ווינט. און דאָס וואַסער פּלייצט, פּלייצט אָן אויפהער...

וואַסער. וואַסער. ווינט. איצט שמעקט דער צפון-מערב-ווינט מיט ים, ים-גראָז און זאַלץ, דזשעגעטש, קליי, פיש, אַלצדינג זויגט ער איין אין זיך.

ער זויגט זיך אָן מיט אַלע שלעכטע ריחות און באַלעקט די שטאָט מיט אָקעאַן-לופט, די צונג שמעקט זי. זאַלציקע ים-חיות, אָ, ים! ים! קוילערנדיקער ים! דער גאַנצער האַפן איז פול מיט שוים און שלאַם, אַלצדינג איז שיכור פון ים.

אַלע שיפלעך זענען אָנגעזאַפּט מיטן ריח, אַלע פּלאַנקנס אָנגעזויגן פון ים, אַלע ברעגעס זענען באַשפּריצט מיט זאַלץ, הויב-בלאָקן, וואָס זענען טרוקן פון דער טראָפּישער זון, מיט אָפּגעשפּרונגענעם לאַק פון עקוואַטאָר-היץ. אויף די באָרדן — שויפן פון שפּרינגענדיקע פיש. ים, ים, ווו דו טוסט נאָר אַ וואָרף מיטן אויג.

שיפן, קראַנען, אַלע דעקן וואַקלען זיך, די רויטע ווענט פון די דעקן, צווישן וועלכע אַ ווייסע שיף שוועבט, שניי-ווייס אין דער שוואַרצער נאַכט. פון דאָרטן הערן זיך נאָך איצט קלעפּ, קולות און קלאַנגען פון אַ זעג, דאָס אַרבעט מען איצט ביינאַכט, די נאַכט אַרבעט, יעדע נאַכט אַזוי, דער אומרויִקער מענטש, אייביקער מענטש, שלאָפלאָזער קולי, שטראָמענדיקער שווייס — וויפל אָקעאַנען האָט שוין דער אַרבעטנדיקער מענטש

אויסגעשוויצט, דאָס זאַלץ אין אַלע וואַסערן פון דער וועלט איז מענטשן־שווייס.

איצט האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען. די האַפן־פּאָליציי האָט באַפרייט די באַאַמטע פון דער הענג־באַן, די צאָל־באַאַמטע זענען אַוועק אַהיים. פון די קוימענס האָבן די רויך־קלומבעס פאַרוויעט.

שלאָף, שלאָף, און חלומות, די זיסע און די שרעקלעכע חלומות.

איצט שטייען די פרויען אין די גאַסן, די ערשטע קונדן האָבן זיי שוין אָפּגעפּטרט. די ערשטע חתנים קומען שוין נעמען געלט אין די קנייפּעס אַריין.

די ווייבער, אָט האַלטן זיי שוין זייערע שווערע בריסטן פאַר די מאַטראָזן, די לער־ייִנגלעך, די שיף־ייִנגלעך, וואָס ווילן איך אַמאָל פּרובירן.

זיי האָבן מורא געהאַט אָנצוהויבן אין פּאָרט־סאַיד, אָדער האָנאָלולו. די קראַנקהייט, אַה, די קראַנקהייט... דאָ, אינדער־היים, דאָ איז מען זיכער.

שטייען זיי, די ווייבער, דאָ, ווי מוטערס, גוטע צערטלעכע מוטערס, פעטע, פלאַפלעדיקע, טייל פון זיי אין פאַרטוכער, אַנדערע אין זיידענע קליידלעך, זונטיק־קליידלעך, ווי זייערע שוועסטער אין די נאָענטע דערפער... אַזוי צוטרויליך איז דאָס אַלץ, אַזוי היימיש.

דאָ האָט מען נישט קיין מורא, מען גייט אין בעט אַריין, ווי ביי זיך אינדערהיים, נו, ליבענקער, נו, מאַך שוין אַ סוף, שוין צוועלף אַזייגער, כ׳האָב נאָך אַסאַך פאַר מיר. די ענגע, היימישע גאַסן. אָט שטייט דאָ איינע, זייער אַ דיקע, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק.

זי האַלט אַ רימען, ווי פאַר הינט, און טוט זיך אַלע מאָל אַ קלאַפּ אויף די פעטע ליטקעס. דו ווילסט? זאָל איך? איך האָב שפּאָרן אויך, דו קליינער, ליבער רייטער, האָסט אפשר נישט קיין געלט, וואָלסט געוואָלט פּרובירן? נו, ליבלינג, ליבע צוליב ליבע? ניין, דאָס גייט נישט. נו, גייט מען אַהיים.

יאָ, פּעטער, דאָס אַלץ איז שוין הינטער דיר. אַזוי ווייט שוין. און דאָס אַלצדינג איז דיר געוועזן נאָענט. דו ביסט געווען אינמיטן דעם, דו האָסט עס אָנגערירט, געלאַכט, געקרעכצט, דאָס לעבן — דאָס לעבן? — ווו איז עס דען, וואָס זיי רופן אָן לעבן, וואָס זיי פירן עס? אָ, פּעטער! יאָ, איצט איז מוזיק אין דער העננ-באַן — מוזיק! פּעטער! פּעטער! קענסט זי שוין נישט? מוזיק איז דאָ אויף דער וועלט, פּעטערל מיינער! וואָס מוזיק? דאָס איז דאָך אַ געלעכטער! אַה, מוזיק, וויסטע מוזיק, שטי-מונגס-מוזיק.

פּראַטער - ווייבלעך און רויטע ציגיינער און ביירישע ציטרעס און נעגערשער דזשאַז און רוסישער טרויער אין ווייסע בלוזעס. דאָ איז עס פאַראַן, דאָ הינטן, דאָ איז עס פאַראַן?... פּעטער, עס ליגט אַזוי טיף איינגעזונקען אונטער דיר.

אָבער פאַר דיר ליגט די גאַנצע וועלט, דאָס אומצייטיקע לעבן. וואָס ווינטשסטו זיך, מיין ייִנגל? ייִנגל מיינער, הארצי-קער, נו, ווינטש זיך עפּעס באַזונדערס... ווֶעמען האָט ער איינ-מאָל אַזוי געפרעגט?... גאָרנישט, האָט געזאָגט אַננאַ, ניין, גאָר-נישט, איך וואָלט געוואָלט איבערראַשט ווערן, נישט וויסן תמיד אַלצדינג פאָרויס, איך וואָלט געוואָלט אַמאָל דערשראָקן ווערן, וואונדערן זיך, אַפילו מורא האָבן, פון מיינעטוועגן. דאָס אומגע-ריכטע! אַ ווילדע חיה האָט אַננאַ געוואָלט האָבן, אַ צוגע-ווינטע, אָבער אין איינעם אַ טאָג זאָל זי זיך דורכברעכן, די ווילדע נאַטור, דאָס קיינמאָל נישט באַצווונגענע, דאָס מענטש-לעך-בייזע אין דער חיה, זאָל קומען ווידער צו זיך אַליין, אַרויס-לאָזן אַ געשריי, די אייביקע חיה, זי פאַלט אָן, דאָס הייסט, זי גראָבט זיך איין מיט די לאַפּעס, מיט די נעגל אין ווייסן, ווייכן, זיסן פלייש, זי שטיקט, טרינקט, נאָגט — — — איז טאַקע דער טויט אַזוי געקומען איבער אַננאַן? ענדלעך האָט זי געהאַט די איבערראַשונג, דאָס אומגעריכטע, אַ שרעקלעכע זיסע לוסט, אַ תענוג איבער אַלע גרענעצן, אומדערטרעגלעך טיף, ענדלעך. ענדלעך דאָס נייע, נישט פאָרגעשטעלט זיך, דער טויט אין די געהירן...

אַלצדינג, אַלצדינג איז געווען זיין אַרבעט, פּעטערס אַרבעט. אַלצדינג, וואָס פּאַול האָט נאָר געטון, איז געווען זיין אַרבעט.

אָבער אַט איז שוין פּאַול אויך טויט, און אַ נײַ־געבוירענער שטייט פּעטער אויפן ראַנד פון דעם אומבאַטרעטענעם לעבן.

וואַסער, וואַסער. מעשה־בראשית. דער ווינט פליט איבערן פּאַס. ער נעמט פּעטערן און שטעלט אים אַריין אין דער באַשאַפונג.

מיט מילדע הענט; עס איז שוין איצט נישט קיין שטורם. מיט צערטלעכע אָרעמס נעמט ערשט דער ווינט אַרום פּעטערן, ער שטויסט אים שוין איצט נישט, ער פירט אים פּאַמעלעך, צוגעטוליעט צו זיך, ער האַלובעט אים ערשט, דער ווינט. ער רוקט די וואָלקן פונאַנדער — שטערן, זע נאָר, שטערן, מיין ייִנגל! מענטש אייִנער, נו, הויב שוין אויף דעם קאָפּ, די לבנה וואַרט דאָך בלויז, אַז דו זאָלסט זי זוכן, זי שפּילט זיך מיט דיר, נו, שפּיל זיך שוין מיט, דו ייִנגל! די אַלוועלט איז פּשוט און גוט. שטערן, שטערן אויף די טורם־שפּיצן, שטערן אויף די קראַן־אייזנס, שטערן אויף די מאַסט־בוימער, אויף די מאַשין־טורעמס, אויף די בליק־אָפּלייטערס — און שטערן אין וואַסער... איין שיף קומט אָן, אַ ריזן־שיף, זי שווימט פּאַמעלעך, אַ וויזיע אין דעם נעפּל.

וואַסער, וואַסער. אַלצדינג איז דערטרונקען, פון די וואַסערן שטייגט אויף די נייע וועלט. זאַלץ אין דער לופט. טרערן? זריעה? ווייטיק? די אייביקע תאווה? אָ, רויש פון ווינט און כוואַליעס, נאַכט און שטערן, שיף און שטאָט, שווייגן און געזאַנג.

האַלט זיך, פּעטער, האַלט זיך פעסט. ביים ווינט. נאָך וואָס שטרעקסטו אויס דיינע הענט? אָך, נאָך אַלץ, נאָך תמיד גלויבסטו, אַז מ׳קען זיך האַלטן? ווער האָט דען נאָך עפּעס אויסער זיך גופא! ווּהין דו זאָלסט זיך נישט ווענדן, איז שטראָמענדיקער ווינט, פליסנדיקער חלל. עס וועט דיר צערונען ווערן אין די הענט.

נאָר דו! נאָר דו אַליין, גאַנץ אַליין! נישט קיין שום דו אין דער גאַנצער וועלט.

פּעטערל? האָסטו מורא? האָב נישט קיין מורא, מיין ליב יינגל, ביסט דאָך שוין באַלד אינדערהיים, ביסט באַהאַלטן, צי באַמערקסטו עס נישט — אין גאָטס האַנט ליגסטו דאָך. די ליבשאַפט איז איבער דיר, דיין אייגענע ליבשאַפט באַשירמט דיך, פּעטערל!...

דרויסן אין שטראָם איז געשטאַנען אַ שיף, וואַרטנדיק אויף דער הויכקייט פון צופלוס, כדי אָפּצושווימען, העל באַלויכטן, די „סענט לואיס". אַ מאָטאָר-שיף קיין ניו-יאָרק. צוויי פישער זענען אָנגעקומען אויף דער שטעג-בריק, זיי האָבן גערעדט, זיי האָבן גערעדט פון אים.

יאָ, איצט זענען ווידער געוועזן אויספאַרקויפט די קאַיוטעס און דער קלאַס פאַר טוריסטן; אין דריטן קלאַס זענען נאָך געווען פרייע ערטער. דאָס איז אַ געשעפט! און אין צען טעג אַרום ביסטו אויף יענער זייט. ניין, האַננעס איז בעסער דאָ איבערגעבליבן — און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויף אַן אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך.

— מינש-קיניק — האָט אויסגעשריגן דער אַנדערער — דיי ניק אַזאַ דאַמליק! איז מען דען אַלענט אַזוי גויט. —

און זיי זענען אַוועק געגאַנגען מיט די רויכערנדיקע ליולקעס.

האַמבורג הינטער פּעטערן. זי איז געוועזן איצט אַזוי שטיל, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

ער איז געוועזן אַליין. דאָס וואַסער האָט זיך שוין גענומען אויפהויבן, אָבער עס האָט קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן די שטעג-בריק און זי פאַרשלונגען.

זי האָט זיך אויפגעהויבן מיטן צופלוס, וויגנדיק זיך שטילערהייט. און אַלע זעגלבוימער האָבן זיך געוויגט, אַלע שיפלעך לעבן דעם וואַל האָבן זיך געשאָקלט. די וועלט איז ווידער געוועזן שיכור פון ים. די מעוועס אין דער לופט זענען געווען שיכור פון ווינט.

אַלצדינג און אַלע האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך. ער איז געווען איינגאַנצן אַליין.

אָבער אָט געהערט דאָס גאַנצע לעבן צו אים. שוין נישט בלויז אַ טיילכל פון אים, בלויז אַן איינצעלנער מענטש, — די גאַנצע וועלט האָט זיך אים איבערגעגעבן...

און ווידער האָט פעטער אַוועקגעלייגט די הענט אויפן האַרץ, ווי אַמאָל שוין אין יענעם, געוועזענעם לעבן. און ווי ער האָט זיך אַזוי געהאַלטן בײַם האַרץ, האָט ער דערפילט דאָס שווערע שלאָגן פון זיין צער... אייביק... ווען איין קלאַפּ איז פאַרשוויגן געוואָרן, האָט שוין אָנגעהויבן דער צווייטער. נישטאָ קיין אָפּרו בײַם צער, אָן אַ סוף איז דער ווייטיק, און ווידער האָט ער געפילט זיין אומשטערבלעכקייט...

אייביקע באַוועגונג אין רוים, אייביקער אָטעם פון אָקעאַן. ווינט און וואָלקן פון אייביקייט צו אייביקייט, דורך דעם גאַנצן לעבן און דורך אַלע וועלטן, דורך דעם אומשטערבלעכן צער, אין יעדערן און אין יעדער זאַך ביטער באַנייט. ער האָט געהאַלטן זיין האַרץ, זיין אומשטערבלעך האַרץ...

דאַן האָט ער גענומען זיין רענצל און איז אַרויפגעגאַנגען צום וואַל.

דאָ איז געלעגן, ווידער אַמאָל, די שטאָט, דאָס לאַנד הינטער איר, שטעט, שטעט, מענטשן, מענטשן... און מיט צוגעמאַכטע אויגן צו אַלצדינג. וואָס איז געלעגן הינטער אים, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט:

— זייט געזונט, זייט געבענטשט...

און דאַן, שוין מיט אָפענע אויגן, איז ער געלאָפן אַרויפצו צום האַפן-טויער, איבער די קליינע הענג-בריקן, זאַמד-הויפנס, שיפן, שיפן, ער האָט געזוכט אַ שיפער.

און אָט איז איינער צוגעקומען:

— צו סעגט לויס, מיין הער? אין אַשעה אַרום פאָרט זי אָפּ.

דער מענטש האָט אים אַרויסגענומען דאָס רענצל פון דער האַנט.

דאָס שיפל האָט זיך געוויגט. ס'האָט אַרייַנגעשפּריצט וואַסער אין דעם. דער ים, דער ים... ער האָט זיך אויפגעהויבן.

און אומגעהויער גרויס איז אויסגעוואַקסן די שיף פאַר ווייַנע אויגן.